STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07992

DOS YIDISHE VORT

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז. יעפרויקין
ח. בעז

דאָס
ייִדישע וואָרט

אַרויסגעגעבן פון

בילדונגס-קאָמיטעט פון אַרבעטער-רינג

דאָס יִידישע וואָרט

לייענבוך פאַר דער יִידישער שול

DOS YIDDISHE VORT

By

S. YEFROIKIN AND H. BASS

Copyright 1947

By the

Educational Department of the Workmen's Circle

New York, N. Y.

Printed in the United States of America

Reprinted 1980

מאָריס ראָזענפֿעלד

אונדזער שיף

ווייפֿל שיפֿן גייען אונטער
און דערגרייכן ניט דעם ברעג!
אונדזער שיף גייט שטאָלץ און זיכער,
כאָטש געפֿערלעך איז דער וועג.
זי לאַכט אוים די גרעסטע שטורעמס
אין די ימים ווילד און טיף,
אונדזער שיף איז פֿעסט און אייביק,
אונדזער שיף, די שטאַרקע שיף!

אָ, עס האָט אויף אַלע ימים
אונדזער שיף זיך שוין געגליטשט;
אויף דעם רויטן, אויף דעם טויטן,
אויף דעם שוואַרצן פֿאָרט זי איצט.
יעדע כוואַליע האָט געפּאַטשט זי
און געטאָן מיט איר אַ שטיף;
דאָך זי גייט בשלום ווייַטער,
אונדזער שיף, די אַלטע שיף!

ניט קיין קריגשיף איז זי, ברידער,
ניט קיין פּאַנצערשיף, אָ, ניין!
דאָך אַנטקעגן גרעסטן פֿייַער
קען זי פֿרייַ און זיכער גיין.
פֿרעגט ניט ווי — עס איז אוממעגלעך
זיך צו מאַכן אַ באַגריף:
אונדזער שיף איז איין און איינציק,
אונדזער שיף, די שטילע שיף!



אין אַ ווינטערנאַכט — מאַרק שאַגאַל

מאַני לייב

דער פּרעמדער

קאַלט און פֿינצטער איז די נאַכט,
טיר און טויער צוגעמאַכט;
פֿענצטער בלינדע, אָן אַ שײַן,
שטאַרן אין דער נאַכט אַרײַן.
קאַלט און פֿינצטער, קאַלט און שפּעט,
שלאָפֿט זיך יעדער אין זײַן בעט.
שלאָפֿן, שלאָפֿט נאָר ניט דער ווינט,
און די בילנדיקע הינט.

און דער פֿרעמדער שלאָפֿט נאָך ניט, —
און מיט וואַקלענדיקע טריט,
און אין שמאַטעס שטיק אויף שטיק,
און פֿאַרגאַרטלט מיט אַ שטריק,
מיט אַ טאָרבע אויף די הענט,
שאַרט ער האַרט זיך בײַ די ווענט.

זעט ער ווײַט אַ פּאַלאַץ שטיין,
לאָזט ער זיך צום פּאַלאַץ גיין.
ביז עס קרייט דער ערשטער האָן,
קלאַפּט ער אין דעם פּאַלאַץ אָן:
סטוק, סטוק, סטוק! — ווער קלאַפּט אין טיר?
— גוטע מענטשן, עפֿנט מיר!
איך בין עלנט אויף דער וועלט,
מיד פֿון הונגער און פֿון קעלט...
סטוק, סטוק... — פֿרעמדער, גיי אַוועק,
אונדזער קליינעם קינד ניט וועק!
זאַט און וואַרעם אין ליו־ליו,
שלאָפֿט זיך אונדזער קינד אין רו...
בייגט דער פֿרעמדער אײַן דעם קאָפּ,
קערט זיך פֿון דעם פּאַלאַץ אָפּ.

זעט ער ווײַט אַ שטיבל שטיין,
לאָזט ער זיך צום שטיבל גיין.
ביז עס קרייט דער ערשטער האָן,
קלאַפּט ער אין דעם שטיבל אָן:
סטוק, סטוק, סטוק! — ווער קלאַפּט אין טיר?
— גוטע מענטשן, עפֿנט מיר!
איך בין עלנט אויף דער וועלט,
מיד פֿון הונגער און פֿון קעלט...
און דער פֿרעמדער וואַרט ניט פֿיל,
עמעץ שאַרט זיך אין דער שטיל
ביי דער טיר און בײַ דעם שלאָס,
קומט אַרויס דער באַלעבאָס:
— פֿרעמדער, פֿרעמדער, קום אַרײַן,
וועסט מײַן גוטער אורח זײַן.

און דער פֿרעמדער בייגט זיך אײַן,
קריכט אין שטיבל קוים אַרײַן.
קומט אַרײַן און אָטעמט שווער.
קוקט אַהין און קוקט אַהער,
און ער זאָגט אַרויסעט גלײַך:

— נו, אַ פֿינצטערניש בײַ אײַך!
ענטפֿערט אים דער באַלעבאָס:
— קויפֿן נאַפֿט ניטאָ פֿאַר וואָס.
— וו־וו־וואו, און איז בײַ אײַך דאָ קאַלט,
ממש ווי אין מיטן וואַלד.
ענטפֿערט אים דער באַלעבאָס:
— קויפֿן האָלץ, ניטאָ פֿאַר וואָס.
— הייסט עס, ס'איז ניט פֿריילעך דאָ,
און קיין ברויט איז אויך ניטאָ?
ענטפֿערט אים דער באַלעבאָס:
— קויפֿן ברויט, ניטאָ פֿאַר וואָס.
אָך און ווײ צו מײַנע זינד,
אַז מײַן הונגעריק קינד
האָט געוויינט פֿאַרשמאַכטערהייט:
„טאַטע, גיב אַ שטיקל ברויט!"
און אַן כּוחות ליגט עס שטיל,
איצטער אויפֿן הארטן דיל...

קראַצט דער פֿרעמדער זיך דעם קאָפּ,
לאָזט זיך אויפֿן דיל אַראָפּ,
שפּרייט זײַן אַלטע טאָרבע אויס,
און ער זאָגט אַזוי אַרויס:
— אַז ס'איז פֿינצטער דאָ און קאַלט,
ממש ווי אין מיטן וואַלד,
אַז קיין ברויט איז אויך ניטאָ,
לייג איך מיך זיך אַט־אָ־דאָ...
איך ווי נאָר ער זאָגט אַזוי,
טוט דער ערשטער האָן אַ קריי.
ווי עס קרייט אַזוי דער האָן,
צינדט דער לאָמפּ אַליין זיך אָן,
און דער אויוון, גוט און פֿײַן,
הייצט מיט האָלץ אַליין זיך אײַן,
און עס ווערט אַליין דער טיש
פֿול מיט טעלער פֿלייש און פֿיש,
און מיט חלות און מיט ברויט,

ווי אויף יום-טובֿ צוגעגרייט.
און דער פֿרעמדער — אַט געוועזן,
אַט געוועזן און אַט געזעזן —
פּלוצלונג טוט אַ זאָג און לאַכט:
— באַלעבאָס, אַ גוטע נאַכט!
און ער פֿליט, ווי ער איז גרויס,
דורך אַ שפּאַלט פֿון טיר אַרויס.
— אַ, אַ, ניסים, אָדער וואָס?
טראַכט בײַ זיך דער באַלעבאָס.
נאָר ער זעט: דער אויוון ברענט,
און דער לאָמפּ באַלײַכט די ווענט,
און דער טיש אַ פֿולער שטייט,
מיט מאכלים צוגעגרייט.
טראַכט דער באַלעבאָס ניט פֿיל,
הייבט ער אויף דאָס קינד פֿון דיל,
וואַשן זיי זיך, עסן פֿרום,
זעצן זיך בײַם טיש אַרום,
עסן זיי און לויבן גאָט,
פֿאַר זײַן חסד און גענאָד.

און אין דרויסן פֿײַפֿט דער ווינט,
און אין פּאַלאַץ וויינט דאָס קינד.
לויפֿט מען איבער פּאַלאַץ אום,
און מע זוכט אַ לאָמפּ אַרום.

זוכט מען דאָרט און זוכט מען דאָ,
און קיין לאָמפּ איז אַלץ ניטאָ.
און אַלץ שטאַרקער וויינט דאָס קינד.
און אין דרויסן פֿײַפֿט דער ווינט,
און עס בילן בייז די הינט.
נאָר דעם פֿרעמדן אַרט עס ניט,
און מיט וואַקלענדיקע טריט,
מיט דער טאָרבע אויף די הענט,
שאַרט ער זיך אַזוי אַוועק —
אין דער נאַכט, אין ווײַטן וועג.

קינדער

מאַקס באַנד　　　　אַ יִינגעלע

י. ל. פּרץ

אין ערגעץ־לאַנד

א.

הינטער דער שטאָט, אויף אַ בערגל אַ ליימיקן, שטייען גלײַך ווי צונויפֿגעוואַקסענע צוויי קליינע הײַזלעך. אין איין הײַזל האָט געוואוינט אַ האָלצהעקער, וואָס פֿלעגט אַ גאַנצן זומערטאָג — און די מעשה איז געווען זומער — שפּאַלטן האָלץ אין די הויפֿן, — מיט אַ ווײַב אַ לעקעך־בעקערין, וואָס פֿלעגט אַרומגיין אין די רײַכע הײַזער און באַקן לעקעך.

דאָס צווייטע פּאָרפֿאָלק איז אויך געווען פֿאַרנומען אין שטאָט: ער איז געווען אַ טרעגער, וואָס איז געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג אין

מארק, און אָפּגעוואַרט, מע זאָל אים צורופן פֿון אַ געוועלב און הייסן ערגעץ אָפּטראָגן סחורה, און זי — זי איז, ניט פֿאַר אײַך, קינדערלעך, געדאַכט, אַ קראַנקע געווען און דעמאָלט געלעגן אין שפּיטאָל...

איין מאָל אין דער פֿרי, אַ שיינער זומערטאָג געווען, די על־טערע פֿון די הײַזלעך זײַנען שוין לאַנג אין שטאָט, קומט אַרויס פֿון איין הײַזל איציקל, קוקט זיך אום אין אַלע זײַטן, צי איז שוין שיינדעלע ניט אַרויסגעקומען, און זעענדיק, אַז ניט, גייט ער צו איר פֿענצטערל צו און קוקט אַרײַן; זעט ער, אַז שיינדעלע שטייט בײַם שיסל וואַסער, זי דאַרף זיך וואַשן, האָט שוין אײַנגעבויגן דאָס קעפּל און האַלט זיך אָפּ, מן־הסתם קיל וואַסער געווען.

פּויקט ער, איציקל, אין שײַבל פֿון פֿענצטערל אַרײַן:

— שיינדעלע!

— וואָס, איציקל?...

— וואַש זיך אָפּ געשווינד, טו זיך אָן און קום אַרויס, מיר וועלן עפּעס טאָן...

— וואָס?

— וועסט שוין זען. עס איז מיר עפּעס אײַנגעפֿאַלן... נאָר גע־שווינד, שיינדעלע...

— ווי דו הייסט, — ענטפֿערט שיינדעלע און הייבט זיך אָן פּליעס־קען אין וואַסער.

אַז שיינדעלע איז אַרויסגעקומען פֿאַר דער טיר, איז שוין אַ גרוי־סע זון געווען. פֿאַרלייגט זי דאָס פֿלאַכע הענטל איבער די אויגן און הייבט דאָס קעפּל אויף און דערזעט: איציקל איז אויפֿן שפּיץ פֿון ליימיקן בערגל. פֿײַל פֿון בויגן איז זי צו אים צוגעלאָפֿן:

— אוי, איציקל, זאָלסט זען, ווי דײַנע שוואַרצע האָר שעמערירן אויף דער זון, גלאַנצן שלאָגן פֿון זיי!

הייבט צו איר איציקל, וואָס איז אויפֿן ליים געלעגן, די אויגן אויף:

— און פֿון דײַנע — זאָגט ער — פֿליִען פֿונקען...

— ווײַל מײַנע — זאָגט שיינדעלע — זײַנען רויט...

— פֿלאַמענדיקע...

— אָבער וואָס טוסטו, איציקל?

זי באַמערקט ערשט, אַז איציקל גראָבט אינעם ליים.

— דאָס, — ענטפֿערט איציקל, דאָס גראָבן ניט איבעררײַסנדיק, — איז דאָך די אַרבעט, פֿון וועלכער איך האָב דיר געזאָגט...

— וואָס האָסטו געזאָגט? וואָס איז דיר אײַנגעפֿאַלן?

— יאָ, שיינדעלע, פֿאַר ליים צאָלט מען אין שטאָט געלט; פֿאַר א מולטער ליים גיט מען א צווייער, א דרײַער. איז מיר אײַנגעפֿאַלן, אַז מיר זאָלן גראָבן ליים.

— איך אויך?

— דו אויך, שיינדעלע!... דאָס ליים וועלן מיר פֿאַרקויפֿן אין שטאָט, און פֿאַרן געלט עפּעס קויפֿן פֿאַר דיין מאַמעס וועגן, אין שפּי־טאָל אַרײַן.

— אוי, א גוטער דו ביסט, איציקל! — שרײַט אויס שיינדעלע און וואַרפֿט זיך צו איציקלען קושן, — אוי, ווי ליב האָב איך דיך!

— שפּעטער, שפּעטער, — ווערט זיך איציקל, — פֿריִער אַרבעטן, געלט פֿאַרדינען, עפּעס קויפֿן, דער מאַמען דײַנער אַרײַנטראָגן און פֿריִער זי קושן...

— אמת, אמת! — זאָגט שיינדעלע און לאָזט די פֿינגערלעך אין ליים אַרײַן...

ב.

איציקל, קיין בייז אויג, גראָבט ווי א דערוואַקסענער. שיינדעלע קוועלט פֿון זײַן שטאַרקייט און זאַמלט דאָס ליים... קוקט אויף איציקלס הענט און זאַמלט און שרײַט נאָך א צײַט אויס:

— איציקל, פֿול!...

כאַפּט איציקל דאָס מולטערל אויף די אַקסל.

— האַלט אונטער, שיינדעלע!

שיינדעלע האַלט אונטער, און זיי לאָזן זיך ביידע פֿון ליימיקן בערגל אַראָפּ. באַלד אונטערן בערגל, זעען זיי, זיצט עמעץ, שטעלן זיי זיך אָפּ, באַטראַכטן. עפּעס א יונגער מענטש אין א פּעלערינע, אין א גרויסן קאַפּעליוש מיט ברייטע, ברייטע ראַנדן, וואָס פֿאַר־שטעלן אים דאָס פּנים. די קינדער זעען דאָ אַזאַ פֿיגור צום ערשטן מאָל.

— כ'האָב מורא! — שטעלט זיך שיינדעלע אָפּ.

— ע, וואָס איז דאָ מורא צו האָבן? איך וועל צו אים צוגיין.

— אַז דו וועסט צוגיין, גיי איך אויך... כ'וועל דיך אַליין ניט לאָזן... לייגט איציקל אָפּ די לאַסט פֿון די אַקסל און גייט צו צום יונגנמאַן און דערלאַנגט אים א ברייטן שלום־עליכם.

דער יונגערמאַן וועקט זיך אויף ווי פֿון א דרימל...

— א, שלום־עליכם!... אַי — צוויי קינדערלעך...

— זייט מוחל, כ'האָב אײַך געוועקט?

— עס! אַ ביסל געדרימלט, מיד פֿון וועג...
— פֿון ווײַט? — פֿרעגט איציקל.
ווערט שוין שיינדעלע האַפֿערדיק:
— איר דאַרפֿט אין שטאָט אַרײַן, וועלן מיר אײַך ווײַזן...
— מיר טראָגן — זאָגט איציקל שטאָלץ — ליים אין שטאָט אַרײַן.
— צו וואָס?
— געלט פֿאַרדינען. — זאָגט איציקל.
— פֿאַר מײַן מאַמען אין שפּיטאָל אַרײַן עפּעס צו קויפֿן... — פֿירט אויס שיינדעלע און גיט צו, אַרויפֿלייגנדיק אַ האַנט אויף איציקלס אַקסל:
— ער איז אַ שטאַרקער!... גראָבט מיט די הענט ליים! און באַלד וועט איר זען, ווי ער גיט אַ הייב אויף די מולטער און טראָגט דאָס ליים...
זאָגט דער פֿרעמדער: נאַרישקייטן!
— איך גיי, — זאָגט ער, — דעריבער ניט אין אײַער שטאָט אַרײַן, ווייל מען אַרבעט דאָרט...
איציקל מאַכט אַ ניט-גלייביקע גרימאַסע; שיינדעלעס אייגעלעך אָבער פֿלאַמען נײַגעריק אויף:
— וואוהין דען? וואו מען אַרבעט ניט? אַפֿילו עלטערע? וואו קיינער אַרבעט ניט?
— קיינער! — שנײַדט אָפּ דער פֿרעמדער.
איציקל שמייכלט ניט גלייביק.
— איר ווילט זען? קומט מיט מיר! — זאָגט דער פֿרעמדער.
— וואוהין?
— קײַן „ערגעץ”...
— אַזאַ שטאָט?
— אַזאַ לאַנד —
— ווי הייסט?
— דאָס גאַנצע לאַנד, — דערציילט דער פֿרעמדער, — דאָס גאַנצע לאַנד, וואוהין איך גיי און קען אײַך מיטנעמען, איז איין גאָרטן. אַ גאָרטן אָן אַ גרענעץ, אָן אַ ברעג... און דאָרטן וואַקסן גרייט אַלערליי פֿרוכטן...
— רײַסט מען?
— ניין... רײַסן איז אויך אָן אַרבעט. מע גייט נאָר צו: „בוים,

בוים, גיב אַ פּרוכט!" — בייגט דער בוים צו אַ צווײַג צום מויל, מיט אַן עפּל, מיט אַ באַרנע, מיט אַ מאַראַנץ, מיט וואָס איר ווילט...

— בײַסט מען אָפּ?

— ניין... בײַסן איז אויך אַן אַרבעט. מע גיט אַ שלונג, און די פּרוכטן זײַנען דאָרט אַזוינע, אַז זיי צעגייען זיך אַליין אין מויל...

— נאָר פּרוכטן? — פֿרעגט איציקל, אין דער זאַך שוין אַ ביסל אַרײַנגעצויגן.

— ברויט אויך, זעמל אויך; אויף נידעריקע ביימלעך וואַקסן זיי, שוין געבאַקענע און זיסע... און בלומען אויך..

— שטענדיק, — פֿרעגט שיינדעלע, — סײַ זומער, סײַ ווינטער? דער פֿרעמדער שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— סײַדן אין ספּעקטן? — מיינט איציקל.

— ניין! — זאָגט דער פֿרעמדער. — דאָרט איז קיין ווינטער גאָרניט פֿאַראַן... קיין שניי און קיין רעגן ניט. שטענדיק אַ לויטערער הימל איבערן קאָפּ און שטענדיק פֿרישע בלומען... און ס'איז בײַ זיי קיין גערטנער ניטאָ, מע דאַרף זיי ניט באַגיסן, מע דאַרף זיי ניט האָדעווען; זיי וואַקסן אויף און צעגיסן זייער ריח איבערן גאַנצן לאַנד...

— און מענטשן וואָס טוען? — פֿרעגט איציקל.

— גאָרניט. ליגן אין שאָטן פֿון ביימער, פֿון כּלערליי ביימער, אויף געלעגערס פֿון אַלערליי פֿאַרביקע און שמעקנדיקע בלומען, און האָבן פֿאַרגעניגן. און ווערט מען הונגעריק, זאָגט מען: בוים, בוים... ווי איך האָב אײַך דערציילט...

איציקל פֿאַרטראַכט זיך עפּעס;

— עפּעס אַ כּישוף, — מאַכט שיינדעלע, — אַ צויבערלאַנד...

— ערגעץ־לאַנד. — זאָגט דער פֿרעמדער. — קומט, קינדערלעך, אין ערגעץ־לאַנד..

און ער הייבט זיך אויף צו גיין.

— ס'איז ווײַט? — פֿרעגט שיינדעלע.

— איך גיי ניט! — שרײַט פּלוצלונג אויס איציקל, און מורא האָבנדיק, טאָמער טראָגן אים די פֿיס אַליין אַוועק, גיט ער זיך האַס־טיק אַ זעץ אַנידער און כאַפּט אָן מיט אַ האַנט אַ צווײַג פֿון פֿאַרטריקנטן ביימל, אונטער וועלכן דער פֿרעמדער איז געזעסן...

— פֿאַר וואָס? — פֿרעגט דער פֿרעמדער.

— וואָס וועל איך דאָרטן טאָן? — פֿרעגט איציקל צוריק.

— פֿאַרגעניגן האָבן! — זאָגט דער פֿרעמדער. — ליגן זיך אויף בלומען... עסן... טרינקען...

— און שפּעטער?

— ווײַטער ליגן...

— נאַריש!

— אָבער ניט אַרבעטן...

— ניין! — ענטפֿערט פּעסט איציקל. — איך וואָלט משוגע גע־וואָרן פֿונעם ליידיק גיין... ווי קאָן מען עס ליגן?...

— גייט מען שפּאַצירן...

— אויך מיר אַ גאַנג... ניין! — און דעם קליינעם איציקלס שטים ווערט עפּעס ווי אַ שטאָלענע שטאַרק. — איך גיי ניט!

און די שטים ברעכט זיך באַלד איבער און ווערט אומרואיק־ציטערדיק:

— און דו, שיינדעלע?

שיינדעלע טראַכט ניט לאַנג, זעצט זיך צו צו איציקלען, ציט זיך אוים און לייגט איר גאָלדן קעפּל אויף זײַנע קני און קוקט אים מיט אירע געטרײַע אייגעלעך אין פּנים אַרײַן:

— אַז דו — ניט, איך — אויך ניט...

***

דער פֿרעמדער ציט מיט די אַקסל און גייט זײַן וועג. לאַנג־לאַנג האָט אים איציקל נאָכגעקוקט, ביז יענער איז פֿאַרשוואונדן געוואָרן. און דעמאָלט האָט ער זיך איבערגעבויגן איבער שיינדעלען:

— ווייסט, שיינדעלע, — פֿרעגט ער, — ווער דאָס איז געווען?

און ענטפֿערט אַליין:

— דער יצר־הרע פֿון ליידיק גיין...

שיינדעלע, וואָס האָט שוין געהאַט געדרימלט, האָט דערהערט און די אויגן געעפֿנט:

— אמת! און מיך, איציקל, אַן דיר וואָלט ער פֿאַרפֿירט, און איך דאַנק דיר דערפֿאַר...

— און קום, — שפּרינגט זי אויף, — לאָמיר גיין מיטן מולטערל ליים...

און זיי האָבן אַזוי געטאָן...

ווי מיינט איר, קינדער, זיי האָבן גלײַך געטאָן?

יהואָש

פרילינג־טרוים

אַ טרעל אין דער לופֿטן, אַ קנאָספּ אויף אַ צווײַג,
אַ וואַרעמער הויך אויפֿן שטערן —
און ס'האָט זיך אין האַרצן געעפֿנט אַ נעסט,
און לויז געלאָזט אַלע באַגערן...

דערזע איך, עס שוועבט אויפֿן הימל אַרום
אַ ווײַסינקער וואָלקן פֿון ווײַטן —
אַ הייב און אַ שפּרונג, און שוין זיץ איך אויף אים,
און לאָז זיך אַוועק אויף אים רײַטן...
איך פֿלי איבער טאָלן און שוועב איבער בערג,
און שטיפֿנדיק יאָגט מיך אַ ווינטל...
שוין גרייך איך אַרויף צו דער ליכטיקער זון,
און פֿליק מיר פֿון שטראַלן אַ בינטל...

און פֿלעכט איך פֿון זיי אויפֿן קאָפּ זיך אַ קראַנץ,
און בלײַבן מיר איבעריק שטראַלן —
צעוואַרף איך זיי רעכטס און צעוואַרף איך זיי לינקס,
אויף לאָנקעס און וועלדער און קוואַלן.

און דאַכט זיך, דער פֿרילינג בין איך גאָר אַליין;
און איך בין דער קיניג פֿון לעבן;
און וואו נאָר אַ שימער און וואו נאָר אַ קוויט —
האָב איך פֿון מײַן אוצר געגעבן...

אַ פֿאַרמהויז — גלעדיס ראָקמאָר

אַבֿרהם רייזען

דעם זיידנס זייגער

א.

גיין צום זיידן איז בײַ לייבעלען געווען אַ יום־טובֿ. ערשטנס, דער גאַנג אַליין: ס׳איז ווײַט, אַזש אין עק שטאָט, און עס ציט אים, צו אַלץ וואָס איז ווײַט. צווייטנס, בײַם זיידן אין שטוב אַליין. אמת, דער זיידע זײַנער, דער מאַמעס טאַטע, איז ניט רײַכער פֿון זײַן טאַטן, און דעם זיידנס שטוב איז נאָך אַפֿילו אַן עלטערע. ווען זײַן טאַטנס שטוב איז געבויט געוואָרן געדענקען נאָך מענטשן, ער הערט ווי מען שאַצט אירע יאָרן — און דעם זיידנס שטוב איז נאָך אַ ירושה פֿון דעם זיידנס אַ זיידן און מען ווייס ניט אירע ריכטיקע יאָרן.

אָבער דער עיקר איז טאַקע אינעווייניק. אין דעם זיידנס שטוב זײַנען דאָ אַ סך „זאַכן” וואָס בײַ זיי איז ניטאָ. די גרעסטע צוציִאונג פֿאַר לייבעלען איז דער זייגער וואָס הענגט אויף דער וואַנט.

אַ זייגער איז אַפֿילו בײַ לייבעלען ניט קיין נײַס. די לעצטע פּאָר יאָר געפֿינט זיך שוין אַ זייגער אויך בײַ זײַן טאַטן אין שטוב. אָבער אַ נײַער, אַן קונצן און אַ ביליקער. דעם זיידנס זייגער איז גאָר אַן אַנדערער, אַ פּאַרצײַטיקער. ער געדענקט ווען ער, לייבל, איז געווען גאָר אַ קליינינקער און דער זייגער איז נאָך געגאַנגען.

די לעצטע פּאָר יאָר גייט ער שוין ניט, ניט נאָר קלינגט ער ניט אויס יעדע שעה, נאָר אַפֿילו דער אומרו זײַנער איז שטיל און באַוועגט זיך ניט. לייבל אָבער האָט אמונה. ער גלייבט אַז דער זייגער וועט נאָך אַ מאָל אָנהייבן גיין און אַפֿילו קלינגען.

ס׳מאַכט גאָרניט אויס וואָס דער זיידע אַליין האָט שוין דעם זייגער אָפּגעזאָגט דאָס לעבן. און אַפֿילו אַ שכן, אַ יונגערמאַן, אַן איידעם אויף קעסט, וואָס האָט ניט וואָס צו טאָן, איז שוין פֿיל מאָל געווען אין קאַמער און געפּרוּווט זײַן גרויסע געניטקייט. דער אומרו, נאָך אַ פּאָר מינוט באַוועגן זיך, איז ווידער געבליבן שטיין.

בײַ יעדן מאָל קומען צום זיידן האָט לייבעלע בגנבֿה זיך געדרייט אַרום דעם זייגער, געפֿירט מיט דער האַנט דעם אומרו, אַהער און אַהין, מיינענדיק אַז ווען ער וועט די האַנט אַוועקנעמען פֿון אומרו,

וועט ער זיך שוין באַוועגן אַליין. און אַט יאָ... דער אומרו באַוועגט זיך איין מאָל אַהין, איין מאָל צוריק — אַליין... לייבעלען קלאַפּט דאָס האַרץ שטאַרקער... אפשר וועט ער זיך שוין אַזוי באַוועגן אַליין. נאָר נאָך אַ דריטן מאָל אַהין, איז דער אומרו שטיין געבליבן, ווי גאָר קיין מאָל ניט געגאַנגען.

לייבל וואָלט ניט אַזוי גיך אויפֿגעגעבן זײַן אַרבעט אַרום דעם זייגער. אָבער מען האָט אים גערופֿן צוריק:

— „זײַ ניט קיין נאַר... אַ נײַער מײַסטער! גרעסערע און קליגערע פֿאַר דיר האָבן ניט געקענט העלפֿן.‟

און וואַרפֿנדיק אַן אומעטיקן בליק אויפֿן זייגער, פֿלעגט לייבל אַרײַן אין שטוב.

ב.

איין מאָל איז לייבעלע געקומען צום זיידן. ס'איז געווען סוף זו־מער. אין חדר האָט מען שוין ניט געלערנט. צײַט האָט ער געהאַט גענוג.

אין שטוב האָט ער קיינעם ניט געטראָפֿן. דער זיידע איז צוליב געשעפֿטן געווען אין מאַרק, די באָבע מיט די דרײַ טעכטער האָבן זיך געפֿונען אין גאָרטן הינטער דער שטוב און האָבן דאָרטן אַרויסגענומען דאָס צײַטיקע גרינוואַרג.

לייבל איז אויף גיך אַרײַן אין קאַמער, צוגעגאַנגען צום פֿאַרצײַ־טיקן זייגער ווי צו אַן אַלטן פֿרײַנד, אָדער גאָר ווי צו אַ מין עלטער־עלטער־זיידן, געקוקט אויף אים אי מיט רחמים, אי מיט פֿאַרוואונדערונג. ווידער געפּרוווט אַ שאָקל טאָן דעם אומרו, אפשר וועט פּאַסירן אַ נס.

און אַז קיין נס האָט ניט פּאַסירט, האָט ער זיך וועקגעשטעלט אויפֿן איבערשטן װענטל פֿון בעט, זיך אָנגעהאַלטן מיט איין האַנט אין וואַנט און מיט דער צווייטער געעפֿנט דאָס טירעלע, וואָס האָט געפֿירט צום אינגעווייד פֿון זייגער, וואו עס האָבן זיך געפֿונען די אַלערליי מעשענע רעדעלעך און דראָטענע ספּרוזשינקעלעך.

דערזעענדיק דאָס דאָזיקע בילד, וואָס ער האָט ביז אַהער, זינט ער לעבט, נאָך ניט געזען, איז ער געבליבן שטאַרק פֿאַרוואונדערט.

אַז די ערשטע איבעררראַשונג איז אַוועק, האָט ער שוין די אַלע וואונ־דערלעכע רעדעלעך און ספּרוזשינקעלעך רואיקער באַטראַכט.

לייבעלע האָט געגעבן אַ דריי אַ רעדעלע און דער זייגער האָט מיט אַ מאָל אָנגעהויבן גיין. ער איז געגאַנגען אַזוי אַ לענגערע ווײַלע ביז ער האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט. לייבעלען איז באַפֿאַלן אַן או־

זיידע און אייניקל

ל. קרעסטין

מעט, ווי ער וואָלט געשטאַנען בײַ דער בעט פֿון אַ נאָענטן מענטש, אַ געפֿערלעך קראַנקן.

אָבער אַ האָפֿענונג איז נאָך דאָ. ער האָט זיך דערמאָנט אַז אַ זייגער דאַרף זײַן אינעווייניק שטאַרק ריין. איין שטייבעלע און די רעדעלעך דרייען זיך ניט, און דאָ זעט ער אַרום די וועגטלעך פֿון זייגער אינעווייניק און אַפֿילו אויף די רעדעלעך און ספּרוזשינקעלעך ליגט אַ דיקלעכער שטויב. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון זײַן הייך, געפֿונען אין שטוב אַ פֿעדער. ער איז ווידער אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿן אויבן פֿון בעט, אַרײַנגעקוקט אין זייגער אינעווייניק און זייער פֿאָרזיכטיק געבלאָזן מיטן מויל און געווישט מיט דער פֿעדער דעם שטויב און אַלע ווינקע-לעך פֿון וואונדערלעכן אינגעווייד.

און באַלד ווידער אַ דריי געטאָן דאָס רעדעלע און שטאַרקער אַ צוּוויט רעדעלע. עס האָט אָנגעהויבן אינעווייניק רוישן. דעם אומרו אָנ-געריִרט בלויז מיט אַ פֿינגער און דער אומרו איז אַוועק שוין פֿון זיך אַליין... טיק-טאַק... טאַק-טאַק... מיט גרויס פֿרייד. און שוין מיט דעם גלויבן און מיט דער זיכערקייט פֿון אַ מײַסטער האָט לייבל גענומען זיך צו די ווײַזערס. ווײַבאַלד אַז גיין גייט ער שוין, וויל ער הערן ווי אַזוי ער שלאָגט.

האָט ער דעם גרויסן ווײַזער מיטן קלײנעם צוגערוקט ביז דעם ציפֿער 12. דער זייגער האָט אָנגעהויבן שלאָגן.

ער וויל שוין לויפֿן אין גאַרטן אָנזאָגן, אָבער ער וועט נאָך וואַרטן.

ג.

אָבער דערווײַל, האָט ער דערהערט, איז אַרײַנגעקומען אין שטוב די באָבע און באַלד איז זי אַרײַן אין קאַמער.

דערזעענדיק לייבלען, וואָס איז שוין געשטאַנען אויף דער ערד קעגן דעם זייגער, האָט זי אַפֿילו ניט דערהערט און ניט געזען ווי דער זייגער גייט.

זי האָט גענומען גוטמוטיק זיך בייזערן:

— „ווידער בײַם זייגער. דו נאַרישער יִינגל, דער זייגער וועט שוין מערניט גיין. ער איז זייער אַן אַלטער...״

— „ער גייט יאָ״. — האָט לייבל אויסגערופֿן.

— „מײַנע שונאים!״ — האָט די באָבע דערזעענדיק און דער-הערנדיק ווי דער זייגער גייט טאַקע, אויסגעשריִען ווי אַן איבערגע-שראָקענע.

באלד אבער איז זי געקומען צו זיך, א שמייכל געטאָן, אפּגעווישט מיטן פֿאַרטעך דאָס פּנים, א ריַיב געטאָן מיטן האַנט די אויגן און גע־זאָגט:

— „ער וועט זיך מסתמא באַלד אפּשטעלן."

און איז פֿון דעסטוועגן אויף טשיקאַווּעס געבליבן וואַרטן נאָך א וויַילע, כאָטש זי איז שטאַרק פֿאַרנומען געווען.

לייבל — ער האָט אַליין ניט געוואוסט פֿאַר וואָס — איז געווען זיכער, אַז דער זייגער וועט שוין גיין און גיין.

ער האָט מיט אומגעדולד געוואַרט, אַז דער זיידע זאָל קומען פֿון מאַרק און אויך זען דעם וואונדער, וואָס ער, לייבל, האָט באַוויזן.

דער זיידע האָט געהאַט גרעסערע זאָרג ווי די זאָרג וועגן דעם זייגער. ער אַליין איז שוין אויך א צייַט ניט מיט אַלעמען. פֿון דעסט־וועגן אַז ער איז געקומען פֿון מאַרק און דערהערט די נייַעס, אַז דער זייגער גייט, איז ער צוגעגאַנגען צום זייגער, א נייַעם מין שמייכל געטאָן, וואָס שוין לאַנג אַז לייבל האָט אים אַזוי שמייכלען ניט געזען און ער, דער זיידע, האָט זיך אָפּגערופֿן:

— „טאַקע חידושים..."

— „איך האָב גענוג געאַרבעט איבער אים, אַלע רעדעלעך גע־דרייט, אויסגערייניקט דעם שטויב און א סך וואָג אַראָפּגענומען", — האָט זיך לייבל באַרימט.

— „זאָל זייַן אַזוי" — האָט דער זיידע שוין געמוזט נאָכגעבן און געוואָלט לייבעלען א גלעט טאָן איבערן קאָפּ, אָבער ווייבאַלד אַזאַ מייַסטער, איז ער בלויז אָפּגעקומען מיט רימען לייבעלען מיט די ווערטער:

— „איך ווייס, אַז דו האָסט א גוט קעפּל."

לייבעלע איז געוואָרן דער העלד ניט נאָר פֿון יענעם טאָג און ניט נאָר בייַם זיידן אין שטוב, נאָר א לאַנגע צייַט האָט מען גערעדט, שוין טאַקע ניט וועגן די חידושים, נאָר וועגן לייבעלעס קאָפּ.

און דער פֿאַרצייַטיקער זייגער אין זיידנס שטוב איז נאָך געגאַנגען און געגאַנגען, ווייַל לייבל האָט אין אים אַרייַנגעזעצט א נייַ לעבן.

און דאָס האָט שוין געמוטיקט לייבעלעס זיידן אַליין. און הערנ־דיק שפּעט אין דער נאַכט קלינגען דעם זייגער, פֿלעגט ער זיך מיט ליבשאַפֿט דערמאָנען אין לייבעלען, אין זייַנע אַלע קינדער און אין גאַר זייַן לעבן, און געהאָפֿט נאָך לאַנג צו גיין אויף דער ערד.

דער יינגל מיטן פויק — מאַקס באַנד

אפרים אויערבאַך

ראַבי איז געפלויגן

א.

אָנהייב פרילינג. דער טאָג איז וואַרעם און זוניק. ראַבי איז אַרומגעגאַנגען אין דרויסן און עס האָט זיך אים געדאַכט אַז נאָר פאַר אים האָט זיך צעשפּילט די זון. ער האָט געוואוינט נים ווײַט פון אַ פּליפעלד און אַלע מאָל האָבן זיך געדרייט איבער זײַן קאָפּ עראָפּלאַנען. אַך, ראַבי האָט אַזוי ליב געהאַט צו פאַרריַיסן זײַן בלאָנד קעפּל און קוקן אַרויף צו די שטאָלענע פייגל.

זע נאָר ווי זיי הייבן זיך אַרויף אַלץ העכער און העכער, באַלד וועלן זיי פאַרפאַלן ווערן אין די הימלען! נאָך מער האָט ראַבי ליב צו קוקן ווי די עראָפּלאַנען קומען אָן. אים דאַכט זיך, אַז זיי קומען פון אַן ערגעץ וואָס איז גאָר נישטאָ אויף דער וועלט, פון הימל פאַלן זיי אַרונטער, גיבן זיך אַ גליטש און זיי שטייען שוין אויף דער ערד.

הײַנט האָט ראַבין נאָך מער געצויגן צו די עראָפּלאַנען. ער איז געשטאַנען נים ווײַט פון זײַן אָרעם שטיבל און די אויגן נים אַרונטער-

גענומען פֿון דער הייך. אַן עראָפּלאַן האָט זיך געדרייט אין דער דורכ־זיכטיקער, בלויער לופֿט, געריסן זיך אַרויף און איז, דאַכט זיך, געבליבן הענגען. נאָר באַלד איז ער פֿאַרשוואונדן און ראַבי האָט אים שוין מער ניט געזען.

ראַבי איז געבוירן געוואָרן לעבן דעם פֿליפֿעלד און עראָפּלאַנען האָט ער געזען באַלד ווי זײַן מאַמע האָט אים, אַן אײַנגעוויקלטן אין וואַרעמע קליידער, אַרויסגענומען אין דרויסן. אָבער געפֿלויגן איז ער ניט. ווי קומט ער צו פֿליִען, אַז דער טאַטע זײַנער איז אַ שווערער אַרבעטער און פֿאַרדינט ווייניק?

„אָך", — האָט ער געטראַכט, — „ווען איך זאָל זיך קענען פֿאַר־גנבֿענען צו אַן עראָפּלאַן און אַוועקפֿליִען..."

האָט ער שוין עטלעכע מאָל געפּרוּווט זיך פֿאַרגנבֿענען, אָבער אַלע מאָל האָט אים דער היטער אַוועקגעטריבן מיט אַ געשריי: „וואָס שלעפּט ער זיך דאָ אַרום? טראָג זיך אָפּ פֿון דאַנעט..." האָט ראַבי זיך אָפּגעטראָגן און געטראַכט: „וואַרט, איך וועל אויסוואַקסן, וועל זײַן אַ פֿליִער און דיך וועל איך ניט צולאָזן צו מײַן עראָפּלאַן..."

ב.

הײַנט, ווען דער טאָג איז געווען אַזוי זוניק און ראַבים האַרץ האָט אַזוי געזונגען, האָט ראַבי ניט געטראַכט קיין סך און איז געגאַנגען צום פֿליפֿעלד. עטלעכע מינוט האָט ער געדאַרפֿט גיין, ביז ער איז צוגעקומען צום פּלויט וואו דאָס פֿליפֿעלד האָט זיך אָנגעהויבן. ראַבי איז געבליבן שטיין און האָט זיך אַרומגעקוקט. דאָ דאַרף מען זיך היטן, ווײַל עמעצער קען דיך גאָר דערזען און אַוועקטרײַבן. קיינער איז ניט געווען, און די וואָס זײַנען יאָ געווען האָבן אויף ראַבין זיך ניט אומגעקוקט.

מיט איין שפּרונג איז ראַבי געווען אויף דער אַנדערער זײַט פּלויט און ער האָט זיך אַפֿילו ניט אָפּגעשטעלט, נאָר ווײַטער געגאַנגען. דאָס פֿליפֿעלד איז גרויס, די עראָפּלאַנען שטייען צעשטעלט אין שטאָלענע שטאַלן. ראַבי איז צוגעקומען צו אַ שטאָל, געזען ווי דער עראָפּלאַן שטייט צעשפּרייט מיט זײַנע פֿליגל ווי אַ פֿויגל, וואָס איז מיד געוואָרן פֿון פֿליִען. וואָס טוט מען איצט? ראַבי האָט געוואוסט אַז עפּעס דאַרף מען טאָן, אָבער וואָס — דאָס האָט ער ניט געוואוסט.

נאָר פֿריִער פֿאַר אַלץ דאַרף מען באַטראַכטן דעם עראָפּלאַן. ראַבי איז צוגעגאַנגען צום פּראָפּעלער, אָנגעטאַפּט די שאַרפֿע ווינקלען זײַנע

און האָט זיך פֿאַרגעשטעלט ווי זיי דרייען זיך אין דער הייך און שנײַדן די לופֿט. דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף איינעם פֿון די פֿליגלען און ס'האָט זיך אים געדאַכט אַז באַלד הייבט ער זיך אויף אין דער הייך. ער איז אַרײַנגעקראָכן אינעם שטיבעלע, וואו דער פּילאָט זיצט, האָט מיט פֿאַרוואונדערטע אויגן געקוקט אויף די הענטלעך, רעדלעך, זייגער־לעך און טרעטערס.

ניין, דאָ אין שטיבעלע טאָר ער ניט בלײַבן, ווײַל דער פּילאָט וועט אים באַלד דערזען און אַרויסוואַרפֿן. אָ, ער ווייס שוין וואו ער קען זיך באַהאַלטן: אין דער קאַמער, וואו די פּאַסאַזשירן זיצן, זײַנען דאָ שטולן, וועט ער זיך אַרונטעררוקן אונטער אַ שטול, צונויפֿקאָרטשען זיך, ער איז דאָך אַזוי קליין, וועט אים קיינער ניט געפֿינען.

ג.

ראַבי איז אַרונטערגעקראָכן אונטער אַ שטול, האָט זיך צונויפֿ־געדרייט און איז געלעגן מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם. ווי לאַנג ער איז אַזוי געלעגן, האָט ער ניט געוואוסט. אים האָט זיך געדאַכט אַז ער איז גאָר אַנטשלאָפֿן געוואָרן. ער האָט דערהערט ווי עפּעס וויגט זיך אונטער אים, מיט איין אויג האָט ער געכאַפּט אַ קוק און געזען אַז ער איז שוין ניט אין דער שטאָלענער שטאַל. דערנאָך האָט שוין ראַבי ניט געוואוסט וואו ער איז, ער האָט נאָר געפֿילט ווי ער וויגט זיך און וויגט זיך...

פּלוצעם האָט אים עפּעס פֿאַרשטיקט אין האַלדז, די קישקעס, האָט זיך אים געדאַכט, קערן זיך אים איבער. אָבער ס'האָט אים ניט געאַרט, ער האָט נאָר געוואָלט כאַפּן אַ קוק דורך די קליינע עראָפּלאַן־פֿענצטער־לעך און זען ווי די וועלט זעט אויס אונטן. אַך, ווען ער וואָלט געקענט זען ווי זײַן שטיבעלע זעט אויס פֿון דער הייך, אפֿשר וואָלט ער נאָך געזען זײַן מאַמען, און דאָס קליינע שוועסטערל, ער וואָלט אַרונטער־געשריִען צו זיי: „זעט, איך פֿלי!"

פּלוצעם האָט זיך דער עראָפּלאַן געגעבן אַ בייג אויף דער זײַט און ראַבי האָט זיך אַרויסגעקײַקלט פֿון אונטערן שטול, ווי אַ פּעסעלע האָט ער זיך אַרויסגעקײַקלט. די פּאַסאַזשירן האָבן אַרויסגעלאָזט אַ געשריי: אָ, זעט נאָר, עפּעס קײַקלט זיך..."

ראַבי איז אויפֿגעשפּרונגען און צוגעלאָפֿן צום פֿענצטערל: אַז מען זעט אים שוין, מעג ער דאָך אַרונטערקוקן אויף דער ערד. נאָר איידער ער האָט נאָך גוט אַרונטערגעקוקט, האָט אים אַ מיידל אָנגעכאַפּט און דערשראָקן גערעדט צו אים:

— „וואָס טוסטו, יינגעלע? ווער ביסטו? ווי קומסטו אַהער?"
ראַבי איז געווען אין כּעס אויפֿן מיידל: פֿאַר וואָס לאָזט זי אים ניט קוקן? און וואָס דאַרף זי וויסן וואָס ער טוט דאָ? עס איז דען איר עראָפּלאַן?

צווישן די פּאַסאַזשירן איז געוואָרן אַ גערודער. אַלע האָבן גערעדט, אַלע האָבן געשלעפּט דאָס יינגעלע צו זיך, אַלע האָבן אים עפּעס געפֿרעגט, נאָר ראַבי האָט ניט געוואָלט ענטפֿערן. ער האָט נאָר געזאָגט:

— „איך פֿלי..."

ד.

דער פּילאָט האָט דערהערט אַז אין עראָפּלאַן איז אַ גערודער, האָט ער זיך אומגעקוקט. ווען ער האָט געזען ראַבין, האָט ער עפּעס אָנגעהויבן אַרײַנצושרײַען אינעם טרײַבל. זײַן קול האָט געקלונגען ווי עס וואָלט געקומען פֿון ווײַטנס. אָבער ראַבי האָט אים גוט געהערט. „ווער איז דאָס יינגעלע?" — האָט ער געפֿרעגט. — „איך האָב ניט מיטגענומען קיין יינגעלע אויפֿן עראָפּלאַן..." האָבן שוין אַלע פֿאַרשטאַנען אַז ראַבי האָט זיך דאָ פֿאַרגנבֿעט און קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט אים.

— „קערט זיך אום", — האָט אַן עלטערע פֿרוי געשריִען צום פּילאָט. — „מיר זײַנען נאָך ניט ווײַט פֿאַרפֿלויגן... ברענגט אים אַהיים..."

דערווײַל האָט דער פּילאָט אָנגעשטעלט זײַן ראַדיאָ און האָט געלאָזט וויסן די מענטשן אויפֿן פֿליפֿעלד אַז ער האָט בײַ זיך אַ יינגעלע, וואָס איז אַליין אַרײַנגעקראָכן אין עראָפּלאַן. פֿונעם פֿליפֿעלד האָט מען אים צוריק געענטפֿערט אַז אַ פֿרוי זוכט טאַקע אַ קינד, ווײַזט אויס אַז ער איז עס. הייסט ער נישט ראַבי?

— „ראַבי!" — האָט פּלוצעם אויסגעשריִען דער פּילאָט.

פֿון וואַנעט וויים דער פּילאָט אַז איך הייס ראַבי?

ראַבי האָט עס ניט פֿאַרשטאַנען. נאָר לאַנג טראַכטן האָט ער ניט געקענט, ווײַל ער האָט באַלד דערפֿילט ווי דער עראָפּלאַן האָט זיך אַ קערעווע געטאָן און דערנאָך זיך ווײַטער געוויגט. נאָר אַנדערש איז איצטער געווען דאָס וויגן, עפּעס אַזוי שטיל, אַזוי ציטערדיק. אין עטלעכע מינוט אַרום איז שוין דער עראָפּלאַן געווען אויף דער ערד, דער פּילאָט איז אַרויסגעשפּרונגען און האָט ראַבין געכאַפּט אויף די הענט: „קום!"

אין דרויסן איז געשטאַנען די מאַמע, און אַז דער פּילאָט האָט איר

דערלאַנגט דאָס קינד אירס, האָט זי אים אַרומגעכאַפּט און שטאַרק געוויינט. ראַבי איז געלעגן אײַנגעטוליעט אין איר און האָט ניט פֿאַרשטאַנען וואָס זי וויינט: וואָסי, אַז אַ קינד פֿליט, דאַרף די מאַמע וויינען?

נאָר דער פּילאָט האָט געלאַכט מיט אַ הויך געלעכטער און די פּאַסאַזשירן האָבן אויך געלאַכט.

— „זאָרגט זיך ניט, מאַמע", — האָט דער פּילאָט געשריִען צו איר, — „אײַער ראַבי וועט שוין פֿליִען, אָ, וועט ער שוין פֿליִען..."

יהואָש

יהואש

דער צויבערמאַן

קומט דער גוטער צויבערמאַן
אויף אַ גילדערנעם געשפּאַן:
האָט ער אויגן מילד און שוואַרץ
און אַ דימענטענעם האַרץ...
שטעלט ער זיך אין מיטן מאַרק,
הייבט ער אָן צו רופֿן שטאַרק:
„כ'האָב מתנות אַלערליי,
קומט און קלײַבט זיך אויס פֿון זיי"...

ווערט אַ טומל און געלאַף,
זעלטן מאַכט זיך אַזאַ טראַף;
אײַלט זיך יעדער צום גליק,
בלײַבט אַ קינד ניט אין דעם וויג.
זאָגט דער צויבערמאַן און לאַכט:
„כ׳האָב פֿון אַלצדינג מיטגעבראַכט.
זאָגט מיר יעדער זײַן באַגער,
איין באַגער נאָר און ניט מער.
האָט איר צײַט אַ פֿערטל שעה,
און דערנאָך בין איך ניטאָ!״

איין באַגער נאָר און ניט מער?
אויסצוקלײַבן — זייער שווער!
קלער אַהער און קלער אַהין,
פֿאָלג אַ גאַנג מיך און געפֿין,
וואָס איז בעסער — דאָס צי יענס;
שרײַען אַלע ווי די גענדז.
פֿון די אַלע מענטשן פֿיל
וויים ניט איינער, וואָס ער וויל.

זײַנען אַלע אין אַ קלעם.
פֿרעגט מען יענעם, פֿרעגט מען דעם:
וואָס נעמט ער? און וואָס נעמסטו?
און אין מיטן — טרו — טרו — טרו!
בלאָזט אַ זילבערנער טראָמפּייט,
און פֿאַרשוואונדן שטילערהייט
איז דער גוטער צויבערמאַן
מיט דעם גילדערנעם געשפּאַן...

פון אַלטן קוואַל

אַבֿרהם — שאול ראַסקין

נחום יוד

חומש

אין אומעטיקע טעג, וואָס גאָט האָט אונדז געבאָטן,
פֿאַרטיף איך זיך אין בוך פֿון יענער אַלטער צײַט:
ווי יצחקס פֿעלד געווען איז הונדערטפֿאַך געראָטן,
ווי גאָט געבענטשט האָט אים, אַ גר בײַ פֿרעמדע לײַט.

און אָט איז רחל מיט די שעפּסן אָנגעקומען,
און יעקבֿ נעמט פֿון קוואַל דעם שווערן שטיין אַוועק;
און ווי אין ליבשאַפֿט זײַנען זיך פֿאַר אים צעשוואומען
די לאַנגע שווערע יאָרן, ווי געציילטע טעג.

דערנאָך, ווי ער האָט זיך מיט עמעצן געראַנגלט,
ביז אויפֿגעגאַנגען איז דער מאָרגנשטערן ווײַס;
און קעמלען שווימען דורך מיט בשמים און מיט מאַנדלען:
מען נידערט אין מצרים נאָך אַ ביסל שפּײַז...

די שיינקייט פֿון דער וועלט איז אין דעם בוך באַהאַלטן,
אַ גרויסע איינפֿאַכקייט, אַ לויטערע ווי טוי...
און נאָענט בלײַבן אונדז די אייביקע געשטאַלטן,
און עפּעס גלייבט זיך אונדז — ס'איז אַלץ געווען אַזוי.

נ פ ת ל י ג ר אָ ס

דער אָרעמער ברודער און שלמה המלכס קלוגע רייד

א.

אין די צײַטן פֿון שלמה המלך, ווען יעדער ייִד איז זיך געזעסן אונטער זײַן פֿײַגנבוים און אונטער זײַן ווײַנשטאָק, האָבן געלעבט צוויי ברידער. איינער איז געווען אָרעם, און דער צווייטער — רײַך.

דער אָרעמער ברודער איז אונטער קיין ווײַנשטאָק ניט געזעסן. ער איז געווען אַזוי אָרעם, אַז ער האָט ניט געהאַט קיין איינציקע זאַך אויף וואָס ער זאָל קענען זאָגן דאָס איז זײַנס.

אַרבעטן האָט ער געאַרבעט. עס איז גאָרניט געווען קיין שווערע אַרבעט, אַז זי זאָל זײַן פֿאַר אים צו שווער. נאָר אַז ער האָט געזען, אַז זײַן גאַנצע מי און אַרבעט איז אומזיסט און אַז ער קאָן זיך ניט דערשלאָגן צו קיין זאַך אין לעבן, האָט ער ביסלעכווײַז אָנגעוואוירן דעם חשק צו אַרבעטן.

ער האָט אָנגעהויבן גיין איבער די הײַזער און האָט געבעטלט. בײַ איינעם האָט ער געגעסן, בײַ אַ צווייטן — געטרונקען, און בײַ אַ דריטן — געשלאָפֿן. דאָס רובֿ איז ער אָבער געגאַנגען צו זײַן רײַכן ברודער. ער איז דאָך אַ ברודער.

נאָר דאָס האָט דעם רײַכן ברודער דווקא פֿאַרדראָסן. וואָס איז, וואָס קומט ער עפּעס כּסדר נאָר צו אים בעטלען? און פֿאַר וואָס זאָל ער אים שענקען? אים שענקט מען עס עפּעס אומזיסט?

האָט ער אַלע מאָל, ווען זײַן ברודער איז געקומען, געשריִען און זיך געבייזערט. נאָר וואַרט, ער וועט שוין וואָס ער וועט טאָן!

איין מאָל ווען דער אָרעמער ברודער איז געקומען צו דעם רײַכן — פֿרעגט אים דער דינער:

— „וואָס ווילסטו?"

— „עסן."

— „ברויט און וויַין ווילסטו?" — פֿרעגט דער דינער.
— „ברויט און וויַין."
— „עפֿן דאָס מויל, וועסטו קריגן ברויט און וויַין."
דער אָרעמער ברודער ווייס נעבעך ניט וואָס עס טוט זיך מיט אים און ער עפֿנט ווי אַ תּם דאָס מויל. אַז ער האָט צעעפֿנט דאָס מויל, גיט אים דער דינער אַ גאָס אַן עמער וואַסער גלײַך אין מויל אַרײַן.
דער אָרעמער ברודער האָט זיך שיִר ניט דערוואָרגן. אַז ער איז געקומען צו זיך, איז ער שוין געווען אַזוי אויסגעניכטערט, אַז ער האָט זיך פֿאַרשעמט פֿאַר זיך אַליין. טאַקע, ווי אַזוי האָט ער זיך געלאָזט אַזוי אָפּנאַרן?
ער, דער אָרעמער ברודער, האָט איצט גענומען טראַכטן זייער קלוגע זאַכן. פֿאַר וואָס איז זײַן שלעכטער ברודער רײַך, און ער — אָרעם? און פֿאַר וואָס איז גוט דעם שלעכטן און שלעכט — דעם גערעכטן? ער קאָן דאָס גאָרניט פֿאַרשטיין.
טראַכט ער, דער אָרעמער ברודער, און טראַכט, ביז ער האָט זיך דערטראַכט: ער וועט גיין פֿרעגן בײַ שלמה המלך. וואָרעם ער האָט געהערט אַ סך דערציילן פֿון שלמה המלכס חכמה. שלמה המלך וועט אים אוודאי ענטפֿערן אויף זײַנע טראַכטענישן.

ב.

איין שיינעם טאָג הייבט ער זיך אויף און גייט אַוועק צו שלמה המלך. אויפֿן וועג גייט ער דורך אַ וואַלד, באַגעגנט ער אַ וואָלף, פֿרעגט אים דער וואָלף:
— „מענטש, וואוהין גייסטו?"
— „צו שלמה המלך."
— „איך וויל דיך עפּעס בעטן, מענטש. פֿרעג אים, פֿאַר וואָס איך בין אַלע מאָל הונגעריק. איך האָב שוין געגעסן פֿון אַלע לעבעדיקע באַשעפֿענישן און איך בין נאָך אַלץ הונגעריק."
— „גוט, איכ'ל פֿרעגן. נאָר זײַ אַזוי גוט און פֿיר מיך, וואָלף, דורך דורך דעם וואַלד. עס איז אַ מורא צו גיין אַליין דורך אַ וואַלד מיט אַזוינע ביימער און וועלף."
— „גוט, קום."
און דער וואָלף גייט מיט דעם אָרעמען ברודער ביז זיי זײַנען געקומען אויף דער אַנדערער זײַט וואַלד. דאָ האָבן זיי זיך געזעגנט.

גייט ער, דער אָרעמער ברודער, און גייט אַזוי מיטן וועג ביז ער קומט צו צו אַ בוים. און דאָס איז געווען אַ גרויסער עפּלבוים. נאָר פֿון איין זײַט האָט ער געטריקנט. פֿרעגט אים דער בוים:

— „מענטש, וואוהין גייסטו?"

— „צו שלמה המלך."

— „מענטש, איך וויל דיך עפּעס בעטן. איך האָב געהערט, אַז שלמה המלך איז אַ גרויסער חכם, פֿרעג אים: פֿאַר וואָס טריקנט מיר מײַנע אַ זײַט."

— „גוט, איכ'ל דיר עס אוודאי טאָן און פֿרעגן. גיב מיר מיט אַ ביסל עפּל אויפֿן וועג, וואָרעם צו שלמהן איז נאָך אוודאי ווײַט."

— „גוט. נעם רײַס דיר אָן אַ ביסל עפּל, און עס געזונט."

דער אָרעמער ברודער רײַסט זיך אָן אַ ביסל עפּל, עסט און לייגט אויך אַרײַן אין זײַן טאָרבע צו האָבן אויפֿן וועג און גייט ווײַטער.

ער גייט אַזוי און גייט, ביז ער קומט צו אַ וואַסער. גייט ער אַרײַן אין וואַסער און וויל אַריבערגיין.

— „מענטש, מענטש", — דערהערט ער אַ קול פֿון אַ פֿיש אין וואַסער, — „וואוהין גייסטו, מענטש?"

— „צו שלמה המלך גיי איך."

— „איך בעט דיך, מענטש, פֿרעג אים, וואָרעם שלמה המלך איז דער גרעסטער חכם, וועט ער דאָך אוודאי וויסן: פֿאַר וואָס טוט מיר וויי דאָס לינקע אויג?"

— „איכ'ל זיכער ניט פֿאַרגעסן, פֿיש, און וועל אוודאי פֿרעגן. און טאַקע גוט וואָס דו ביסט דאָ. טראָג מיך אַריבער איבערן וואַסער. ס'אַ מורא ווי טיף עס איז."

— „אוודאי. זעץ זיך אויף מײַן רוקן און דו ביסט שוין אויף דער אַנדערער זײַט."

דער פֿיש איז אַריבערגעשוואומען מיט דעם אָרעמען ברודער אויף דער אַנדערער זײַט און זיי האָבן זיך צעזעגנט. דער פֿיש איז זיך אַוועק צוריק אין וואַסער, און דער אָרעמער — ווײַטער אויף זײַן וועג צו שלמה המלך.

גייט דער אָרעמער ברודער און טראַכט פֿון דעם פֿיש, פֿון דעם בוים און פֿון דעם וואָלף.

גייט ער און טראַכט, און גייט ביז ער קומט קײַן ירושלים צו שלמהן דעם מלך איבער די ייִדן.

און שלמה איז געזעסן אויף זײַן קיניגלעכן שטול מיט די גילדענע לייבן איןביידע זײַטן. און שלמה האָט געמשפּט צווישן מענטש און מענטש און צווישן איין חבֿר און דעם צווייטן.

דער אָרעמאַן הערט ווי שלמה משפּט און אַ וואָרעמקייט צעגיסט זיך איבער זײַן אָרעמען לײַב. און אַז עס קומט זײַן צײַט צו רעדן, עפֿנט זיך זײַן פֿאַרביטערט האַרץ און ער דערציילט אַלע זײַנע גערעכטע און קלוגע טענות.

שלמה המלך הערט אויס, הייסט אים זיך זעצן און אַליין הייבט ער אָן רעדן פֿון רײַכקייט און פֿון אָרעמקייט, פֿון דעם גערעכטן און שלעכטן. און שלמה המלך ענדיקט:

— „קער זיך אום אַהיים און געדענק: אָרבעט מאַכט זיס דאָס לעבן, און ווער עס זייט אין טרערן — שנײַדט מיט געזאַנג.‟

פֿאַרנייגט זיך דער אָרעמאַן מיט אַ פֿריילעך האַרץ. איצט איז ער שוין געוועזן גאָר אַן אַנדער מענטש. וואָרעם ס'איז ניטאָ קיין בעסערע היילונג פֿאַר אַ צעבראָכן האַרץ ווי קלוגע טרייסט ווערטער. און דער אָרעמאַן זאָגט:

— „מלך, איך וויל דיך נאָך עפּעס פֿרעגן.‟

— „פֿרעג.‟

דער אָרעמאַן פֿרעגט אים איצט וואָס דער וואָלף האָט אים געפֿרעגט, און וואָס דער בוים און דער פֿיש האָבן אים געבעטן פֿרעגן בײַ שלמהן.

אַז שלמה המלך האָט אים געענטפֿערט, פֿאַרנייגט ער זיך נאָך אַ מאָל און גייט אַרויס.

ג.

דער אָרעמאַן האָט זיך אומגעקערט מיט דעם זעלבן וועג אַהיים. גייט ער און גייט, ביז ער קומט צו צוריק צום וואַסער.

— „מענטש, נו, וואָס האָט שלמה המלך געזאָגט?‟

— „שלמה המלך האָט געזאָגט, אַז אין דײַן לינקער זײַט אונטער דער זשאַברע מוז עפּעס ליגן. נעם עס אַרויס, וועט דיר דאָס אויג מערניט וויי טאָן.‟

— ‟איך בעט דיך, מענטש, טו מיר אַ טובֿה, און העלף מיר.‟

דעם אָרעמאַן קומט גלײַך אויף דעם זינען שלמה המלכס קלוגע רייד, אַז דער גערעכטער פֿילט מיט יעדער באַשעפֿעניש, און ער שטעקט אַרײַן דעם פֿינגער דעם פֿיש אונטער דער זשאַברע און נעמט פֿון דאָרט אַרויס אַ פּערל.

דעם פֿיש איז גלײַך געוואָרן גרינגער.

— „אַ דאַנק דיר, מענטש. און דערפֿאַר וואָס דו האָסט מיר געהאָלפֿן, שענק איך דיר דעם פּערל.‟

און דער פֿיש האָט אים נאָך אַריבערגענומען אויף דעם אַנדערן ברעג און זיי האָבן זיך געזעגנט.

דער פֿיש איז זיך אַוועק צוריק אין וואַסער, און דער אָרעמאַן — אויף זײַן וועג צוריק אַהיים, מיט דעם פּערל אין האַנט און טראַכט זיך פֿון שלמהס קלוגע רייד.

ער גייט אַזוי און גייט, ביז ער קומט צו צום עפּלבוים.

— „מענטש, נו, וואָס האָט שלמה געזאָגט?‟

— „שלמה האָט געזאָגט, אַז אויף איין זײַט אונטער דײַנע וואָרצלען מוז עפּעס ליגן. נעם עס אַרויס, וועלן דײַנע וואָרצלען זיך קאָנען אויס־ציִען אין דער ערד און דו וועסט ווידער וואַקסן.‟

— „מענטש, איך בעט דיך, טו מיר שוין די טובֿה און העלף מיר.‟

טראַכט דער אָרעמאַן פֿון שלמהס קלוגע רייד. ווער עס פֿאַראַכט זײַן שכן איז אַ נאַר, און אַ בוים און אַ חיה זײַנען דאָך דעם מענטשנס שכנים, לאָזט ער זיך קיין צוויי מאָל ניט בעטן. ער שטעלט זיך גראָבן און גראָבט ביז ער געפֿינט אונטער די וואָרצלען פֿון בוים אַ גרויסן טאָפּ. און דער טאָפּ איז געווען אַזוי שווער, אַז ער האָט אים קוים אַרויס־געשלעפּט. און אַז ער גיט אַ קוק אין טאָפּ, ערשט — ער איז פֿול מיט גאָלד און זילבער.

דעם בוים איז איצט געוואָרן גראַמער אין דער ערד און פֿרײַער, און ער זאָגט:

— „אַ דאַנק דיר, מענטש, און דערפֿאַר וואָס דו האָסט מיר גע־האָלפֿן, שענק איך דיר דעם טאָפּ מיטן גאַנצן גאָלד און זילבער און נעם דיר אויך עפּל וויפֿל דײַן האַרץ גלוסט.‟

דער אָרעמאַן האָט זיך גענומען אַ ביסל עפּל צום עסן און דעם טאָפּ אויפֿן אַקסל און גייט זיך גאָר אַן אַנדערער אויפֿן וועג אַהיים.

ער גייט און גייט, און אַז ער גיט אַ טראַכט פֿון וואָלף, וואָס וואַרט אויך אויף אַן ענטפֿער, קומען אים גלײַך אויפֿן זינען שלמהס קלוגע רייד: קריך ניט מיט קיין געזונטן קאָפּ אין קיין קראַנקן בעט אַרײַן, און ער פֿאַרדרייט זיך אויף אַ זײַטיקן וועג, כּדי זיך ניט צו באַגעגענען נאָך אַ מאָל מיט דעם ווילדן וואָלף.

און ער האָט טאַקע דאָס מאָל גוט געטאָן.

דער אָרעמער ברודער איז בשלום געקומען אַהיים. ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט אַ שטוב און האָט זיך אָנגעהויבן פֿירן ווי אַ לײַט.

ד.

דער רײַכער ברודער הערט די מעשה מיט דעם אָרעמען ברודער און ער גלייבט זיך עפּעס ניט. אַז ער הערט אָבער נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל ווי זײַן אָרעמער ברודער איז אויפֿגעריכט געוואָרן, קאָן ער זיך שוין מערניט אײַנהאַלטן און גייט אַליין זען און הערן.

און קומען קומט דער רײַכער צום אָרעמען גלײַך גאָרנישט ניט, אַזוי זיך, גראָד פֿאַרבײַגעגאַנגען. ער רעדט און פֿרעגט, ווי עס וואָלט אים כּלומרשט ניט שטאַרק געאַרט. און צום סוף גייט ער טאַקע אַוועק מיט גאָרניט.

די מעשה מיט זײַן אָרעמען ברודער איז דאָך אָבער ניט אַזוי פּשוט און זי גיט אים ניט קיין רו.

אין אַ וואָך אַרום גייט ער נאָך אַ מאָל צו זײַן ברודער. נאָר די זעלבע מעשה. דערנאָך וואַרט ער שוין בלויז דרײַ טעג און גייט ווידער. נאָך דעם קומט ער שוין צום ברודער אַ טאָג נאָך אַ טאָג. און רעדן רעדט ער וואָס אַ מאָל מער און ברידערלעכער. זיי זײַנען דאָך ברידער.

אַז דער אָרעמער ברודער זעט אַזאַ מעשה, טראַכט ער פֿון שלמה המלכס רייד: דערווײַטער ניט קיין מענטשן פֿון לערנען. וואָרעם פֿון אַ מעשה קאָן מען אויך עפּעס לערנען. און ער דערציילט אים די גאַנצע מעשה פֿון אלף ביז תּו. די מעשה מיטן וואָלף, און די מעשה מיטן בוים און מיטן פֿיש, און פֿון שלמה המלך.

דער רײַכער ברודער הערט און אין זײַנע אויגן גליט שוין גאָלד. ער זעט פֿאַר זיך אונטער יעדן בוים טעפּ מיט גאָלד און אין יעדן וואַסער פֿיש מיט פּערל. ער וואָלט שוין אויסגעכאַפּט אַלע פֿיש און אויסגעגראָבן אַלע ביימער. ער קאָן זיך קוים אײַנהאַלטן. ער וואָלט שוין געלאָפֿן. נאָר זאָגן זאָגט ער וועגן דעם גאָרניט. מאַכט זיך, גלײַך עס געפֿעלט אים נאָר די מעשה.

דער אָרעמער ברודער זעט אָבער וואָס אין זײַן ברודערס האַרץ טוט זיך און ער דערמאָנט זיך שלמה המלכס קלוגע רייד: ווער עס האָט אַ סך דער וויל האָבן נאָך מער. נאָר אים, וואָס אַרט עס אים? ! ער וויל ניט מער. דאַנקען גאָט, ער האָט גענוג.

דער רײַכער ברודער איז נאָך דעם זעלבן טאָג אַוועק אויפֿן וועג קײַן ירושלים. ער גייט און גייט, ערשט — אים קומט אַנטקעגן אַ וואָלף.

און דאָס איז טאַקע געווען דער וואָלף, וואָס האָט געוואַרט אויף אַן ענטפֿער פֿון שלמה המלך.

— „מענטש, נו, וואָס האָט שלמה המלך געזאָגט?"

דער וואָלף האָט געמיינט, אַז דאָס איז דער זעלבער מענטש, וואָרעם בײַ אַ הונגעריקן וואָלף האָבן אַלע לעמער איין פּנים.

דער רײַכער האָט זיך זייער דערשראָקן: אַ וואָלף! און ער דרייט זיך אויס, און הייבט אָן לויפֿן. און דער וואָלף — נאָך אים. דער וואָלף איז זיכער געווען, אַז דאָס איז שלמהס ענטפֿער.

אויפֿן אַנדערן טאָג האָבן זײַנע אייגענע פּאַסטעכער געפֿונען די קליידער. זיי האָבן דערקענט די קליידער פֿון זייער באַלעבאָס און האָבן גלײַך פֿאַרשטאַנען וואָס עס האָט געטראָפֿן. און אַז דער אָרעמער ברודער האָט געהערט די מעשה מיט דעם אומגליק, האָט ער ווידער געמוזט טראַכטן פֿון שלמה המלכס קלוגע רייד: פֿון אומגליק ווערט געראַטעוועט דער גערעכטער, און אויף זײַן אָרט פֿאַלט אַרײַן דער שלעכטער.

אויף יענער זײַט סמבטיון

א.

נבֿוכדנאצר דער מלך פֿון בבֿל האָט געוואָלט קיניגן איבער דער גאַנצער וועלט. האָט ער אַרויסגעשיקט זײַנע אַרמייען אין אַלע עקן וועלט, און זיי האָבן אײַנגענומען לענדער אין מזרח און אין מערבֿ, אין דרום און אין צפֿון.

ווען נבֿוכדנאצר איז צוגעקומען צום ברעג פֿון טויטן ים, האָט ער חרובֿ געמאַכט דאָס לאַנד יהודה און דאָס פֿאָלק האָט ער פֿאַרטריבן אין גלות. וואָכן לאַנג האָבן זיך די געפֿאַנגענע געשלעפּט איבער הייסע מדבריות, זייערע פֿיס געשמידט אין קייטן און שווערע פּעק אויף זייערע פּלייצעס. ווען זיי האָבן געבעטן עסן האָט מען זיי געגעבן געזאַלצנס, און ווען זיי האָבן געבעטן טרינקען, ווײַל דאָס זאַלץ האָט געמאַכט דורשטיק זייערע גומענס, האָט מען זיי געגעבן ליידיקע קרוגן אָן וואַסער.

פֿאַרויס איז געפֿאָרן נבֿוכדנאצר מיט זײַנע עלטסטע און קריגס-פֿירערס און געפֿירט מיט זיך די גאָלדענע און די זילבערנע כּלים וואָס

די זינגערס האָבן אַרויסגענומען פֿון דעם בית-המקדש. די ייִדישע געפֿאַנגענע זײַנען געגאַנגען צו פֿוס און רײַטערס אויף פֿערד האָבן זיי געטריבן און ניט געלאָזט זיך אָפּרוען.

ב.

ווען נבֿוכדנאצר איז געקומען צו די טויערן פֿון בבֿל, האָט מען אים אויפֿגענומען מיט גרויס פּאַראַד, און מיט לויבגעזאַנג פֿאַר דעם זיגער. האָט נבֿוכדנאצר געזאָגט:

— „איך האָב געבראַכט פֿון דעם לאַנד יהודה אַזוינע זינגערס און האַרפֿן-שפּילערס וואָס מען זעט ניט בײַ אונדז אין לאַנד. דאָס זײַנען די לוויים פֿון בית-המקדש וואָס איך האָב פֿאַרברענט. זאָל מען ברענגען אַהער די לוויים און זאָלן זיי פֿאַר אונדז שפּילן און זינגען!"

ווען די לוויים האָבן דאָס דערהערט האָבן זיי געזאָגט:

— „אונדזער הייליקע שטאָט ירושלים ליגט אין חורבֿות. דער בית-המקדש וואָס איז געווען אונדזער שטאָלץ איז פֿאַרברענט. ווי קענען מיר זינגען דאָס ליד פֿון גאָט אין אַ פֿרעמד לאַנד?"

און די לוויים האָבן אויפֿגעהאַנגען זייערע האַרפֿן אויף די ווערבעס בײַ דעם טײַך פֿון בבֿל און זיי האָבן אַ שבֿועה געטאָן: „זאָל אונדז אָפּטריקענען אונדזער רעכטע האַנט, אויב מיר וועלן שפּילן די לידער פֿון ירושלים אין דער פֿרעמד, און זאָל זיך צוקלעפּן אונדזער צונג צום גומען, אויב מיר וועלן זינגען די געזאַנגען פֿון ציון פֿאַר אונדזערע שונאים."

און די לוויים האָבן זיך אַליין אָפּגעשניטן די פֿינגער פֿון דער רעכטער האַנט און זיי זײַנען געקומען פֿאַר דעם מלך נבֿוכדנאצר, און זיי האָבן אים געוויזן די אָפּגעהאַקטע הענט און געפֿרעגט:

— „ווי אַזוי קענען מיר שפּילן אויף די האַרפֿן?"

איז דער מלך אַרײַן אין צאָרן און ער האָט באַפֿוילן אַז מען זאָל די לוויים טייטן אויף מאָרגן מיט זונאויפֿגאַנג, דערפֿאַר וואָס זיי האָבן אים געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט אין די אויגן פֿון זײַן גאַנץ פֿאָלק.

ג.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן די לוויים זיך געגרייט צום טויט. זיי האָבן זיך געזעגנט מיט זייערע אייגענע און מיט זייער לאַנד וואָס זיי וועלן שוין מער קיין מאָל ניט זען. זיי זײַנען אַזוי געווען פֿאַרטיפֿט אין זייער טרויער און אין זייער געבעט, אַז זיי האָבן ניט באַמערקט ווי אַ געדיכטער נעפּל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דעם לאַגער פֿון די געפֿאַנגענע,

אזא געדיכטער נעפּל ווי אַ וואַנט פֿון וואַסער וואָס מען קען ניט זען דורך איר אַ שפּאַן פֿאָרויס.

ערשט אין דער פֿרי ווען די זון איז אויפֿגעגאַנגען איז דער נעפּל צעגאַנגען און ווען די לוויים האָבן זיך ארומגעקוקט האָבן זיי דערזען אַ נײַ לאַנד, און זיי האָבן זייערע אייגענע אויגן ניט געגלייבט.

וואו זײַנען אַהינגעקומען די פֿעלדער פֿון בבֿל? וואו איז דער ברעג טײַך, וואו די געפֿאַנגענע האָבן נעכטן געלאַגערט? און וואו זײַנען די וועכטערס וואָס האָבן געהיט דעם לאַגער?

ניין, עס איז ניט קיין חלום!

קיינער היט זיי ניט. קיינער שטייט ניט איבער זיי. קיינער קומט ניט נאָך זיי צו פֿירן זיי צום טויט מיטן זונאויפֿגאַנג. זיי קענען גיין וואוהין זיי ווילן. אַרום און אַרום ליגן גרינע בערגלעך און בליִענדיקע גערטנער. זיי זײַנען פֿרײַ. זיי זײַנען מערניט אין בבֿל. זיי זײַנען גע־ראַטעוועט פֿון טויט.

האָבן די לוויים זיך באַזעצט אין יענעם לאַנד, און זייערע קינדס־קינדער לעבן נאָך דאָרט ביז הײַנטיקן טאָג.

ד.

ווילט איר דאָך וויסן וואָס איז דאָס פֿאַר אַ לאַנד?

דאָס איז דאָס לאַנד פֿון די רויטע ייִדעלעך אויף יענער זײַט סמבטיון. דאָס איז אַ טײַך וואָס זידט און קאָכט און וואַרפֿט מיט שטיינער אַלע טעג פֿון דער וואָך, און רוט בלויז אום שבת.

און אַ געבענטשט לאַנד איז דאָס לאַנד פֿון די רויטע ייִדעלעך. דיביימער בליִען דאָרט צוויי מאָל אַ יאָר, און זיי טראָגן אויך זיך פֿרוכטן צוויי מאָל אַ יאָר. קיין בייזע ווינטן בלאָזן דאָרט ניט, און קיין שטאַרקע היצן טרעפֿן זיך דאָרט קיין מאָל ניט. קיין גיפֿטיקע שלאַנגען און קיין שעדלעכע פֿלאַנצן זעט מען דאָרט ניט.

קיין שונא קאָן דאָס לאַנד ניט באַפֿאַלן ווײַל עס איז באַשיצט פֿון דרײַ זײַטן מיט אַ שטורעמדיקן ים און מיט הויכע בערג, און פֿון דער פֿערטער זײַט מיט דעם טײַך סמבטיון. און ווי נאָר עס קומט דער ערבֿ שבת און דער טײַך הערט אויף צו וואַרפֿן מיט שטיינער און צו שפּריצן מיט זודיקע וואַסערן, לאָזט זיך אַראָפּ איבער אים אַ געדיכטער נעפּל וואָס פֿאַרשטעלט דעם וועג יעדן איינעם וואָס וויל אַהין אַרײַן.

און אַזוי ווי די רויטע ייִדעלעך האָבן ניט קיין מורא פֿאַר קיין שונא, וויסן זיי ניט פֿון קיין אַרמייען און פֿון קיין מלחמה.

און אזוי ווי אלע זײַנען דאָרטן גלײַך, האָבן זיי ניט איבער זיך קיין פּרינצן און קיין מלכים.

און אזוי ווי זיי האָבן ניט צווישן זיך קיין פֿאַרברעכערס, ווייסן זיי ניט פֿון קיין טויטשטראָף און בויען ניט קיין תּפֿיסות.

און אזוי ווי זיי האָבן ניט קיין תּפֿיסות, לעבן דאָרטן אלע אַ פֿרײַ, אַ גליקלעך לעבן.

(לויט דער אַגדה)

ירמיהו באַוויינט דעם חורבן — ש. ראַסקין

די שריפֿט אויף דער וואַנט

נבֿוכדנאצר דער מלך פֿון בבֿל האָט איין מאָל געזען אַ חלום. און ווי עס האָט זיך געפֿירט אין יענע צײַטן, האָט דער מלך אויף מאָרגן גערופֿן די קלוגע לײַט וואָס אין זײַן הויף און האָט צו זיי געזאָגט:

— „אַ חלום האָט זיך מיר געחלומט בײַ נאַכט און איך וויל ווײסן זײַן באַשייד.“

— „דערצייל אונדז דײַן חלום, גרויסער מלך, וועלן מיר דיר אים באַשיידן“, — האָבן געענטפֿערט די קלוגע לײַט.

— „איך געדענק אָבער ניט דעם חלום", — זאָגט נבֿוכדנאצר.

— „ווי קענען מיר דעם חלום באַשיידן אויב דער מלך דערציילט אונדז ניט וואָס ער האָט אין דעם חלום געזען?"

— „אויב איר קענט ניט, טאָ צו וואָס דאַרף איך אײַך?" — האָט זיך דער מלך געבייזערט און האָט זיי פֿאַרטריבן פֿון זיך.

— „גייט אַהיים", — האָט ער זיי געוואָרנט, — „און אויב איר קומט ניט צוריק מיט אַ באַשייד פֿון מײַן חלום ביז די זון פֿאַרגייט, וועל איך אײַך הייסן קעפּן."

זײַנען די קלוגע לײַט און די שטערנזעערס און די כּישופֿמאַכערס אַוועק פֿון מלך מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

אין בבֿל איז געווען אַ ייִד מיטן נאָמען דניאל.* ער איז געווען איינער פֿון די ייִדן וואָס נבֿוכדנאצר האָט פֿאַרטריבן אין גלות נאָך דעם ווי ער האָט אײַנגענומען דאָס לאַנד יהודה און חרובֿ געמאַכט די שטאָט ירושלים. ווען דניאל האָט געהערט פֿון דעם מלכס חלום און פֿון זײַנע רייד צו די קלוגע לײַט, איז ער געקומען צו דעם האַר פֿון קיניג־לעכן הויף און האָט געזאָגט:

— „גיי און זאָג דעם מלך, אַז איך ווייס וואָס דער חלום באַטייט."

און מען האָט געבראַכט דניאלן פֿאַרן מלך, און דניאל האָט אַזוי גערעדט:

— „אין דײַן חלום האָסטו געזען אַ שרעקלעך באַשעפֿעניש. און דאָס באַשעפֿעניש האָט געהאַט אַ קאָפּ פֿון גאָלד, הענט פֿון זילבער, אַ קערפּער פֿון קופּער און פֿיס פֿון אײַזן. און דערנאָך האָסטו געזען ווי אַ שטיין האָט געטראָפֿן דאָס באַשעפֿעניש און האָט עס צעבראָכן אויף שטיקלעך און ברעקלעך."

— „אמת, דאָס איז געווען מײַן חלום!" — האָט אויסגעשריִען דער מלך.

און דניאל האָט דערנאָך אַזוי געזאָגט:

— „די מיאוסע באַשעפֿעניש מיט דעם קאָפּ פֿון גאָלד, די הענט פֿון זילבער, קערפּער פֿון קופּער און פֿיס פֿון אײַזן — דאָס ביסטו, נבֿוכדנאצר. מיט דײַנע מלחמות און מיט דײַנע שטאַרקע אַרמייען האָסטו אַנגעוואָרפֿן אַ שרעק אויף אַלע פֿעלקער אַרום. זייערע לענדער האָסטו פֿאַרנומען, און זייערע שטעט האָסטו פֿאַרוויסט. אָבער עס וועט קומען אַ צײַט ווען דײַן שטאַרקע מאַכט וועט צעבראָכן ווערן און דײַן מורא וועט זיך אָפּטאָן פֿון דער וועלט."

***

מען זאָגט אַז פֿון שרעק איז נבֿוכדנאצר אַוועק אין אַ ווילד וואַלד און האָט זיך דאָרטן באַהאַלטן. מיט דער צײַט האָט ער אויפֿגעהערט צו ריידן מיט דער שפּראַך פֿון אַלע מענטשן און ער האָט פֿאַרגעסן ווי אַזוי צו גיין גלײַך מיט אַלע מענטשן. ער איז געקראָכן אויף אַלע פֿיר, געגעסן גראָז און געברומט ווי אַ בער.

נבֿוכדנאצרס זון איז אַרויף אויפֿן טראָן פֿון זײַן פֿאָטער. ער האָט געמאַכט אַ גרויסע סעודה פֿאַר טויזנטער האַרן און קריגספֿירערס, און צו דער סעודה האָט ער געהייסן ברענגען די הייליקע כּלים וואָס זײַן טאַטע האָט אַרויסגענומען פֿון דעם בית־המקדש. און דער מלך און זײַנע געסט האָבן געשיכּורט און געלאַכט און האָבן פֿאַרשוועכט די הייליקע כּלים. נאָר פּלוצעם איז דאָס פּנים פֿון דעם מלך געוואָרן בלאַס ווי די וואַנט, און דער כּוס מיט ווײַן איז אים אַרויסגעפֿאַלן פֿון די ציטער־דיקע הענט. ער האָט זיך גאַנץ גיך אויסגעניכטערט און דאָס געלעכטער איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז. זײַנע אויגן האָבן מיט שרעק געקוקט אויף דער וואַנט אַנטקעגן זײַן טראָן, און וואָס ער האָט געזען האָט אויף אים אָנגעוואָרפֿן אַן אימה.

אַ האַנט האָט זיך באַוויזן אין דער לופֿטן, אַ בלייכע האַנט האָט געשוועבט איבער דעם צימער, און די האַנט האָט אָנגעשריבן אויף דער וואַנט די ווערטער: „מנא, מנא תקל ופּרסין" (מניי, מניי, טקייל אופּאַרסין).

און דערנאָך איז די האַנט פֿאַרשוואונדן.

— „גיך, ברענגט אַהער דעם ייִד דניאל און זאָל ער אונדז זאָגן וואָס די שריפֿט אויף דער וואַנט באַטייט", — האָט דער מלך אַ דער־שראָקענער באַפֿוילן.

ווען דניאל איז געקומען האָט צו אים דער מלך געזאָגט:

— „אויב דו וועסט פֿאַר אונדז באַשיידן די שריפֿט אויף דער וואַנט, וועסטו קריגן גאָלד און זילבער וויפֿל דײַן האַרץ גלוסט."

— „האַלט דיר דײַנע מתּנות פֿאַר זיך אַליין", — האָט דניאל גע־ענטפֿערט, — זאָלסט וויסן, אַז דײַן סוף איז נאָענט. די שריפֿט אויף דער וואַנט איז אַ וואָרנונג, אַז דײַנע זינד זײַנען געציילט און געמאָסטן און אַז דער טאָג פֿון רעכענונג איז געקומען. דו וועסט פֿאַרשניטן ווערן און דײַן מלוכה וועט אונטערגיין."

נאָך אין יענער נאַכט איז שוין כּורש דער מלך פֿון פּרס געשטאַנען מיט זײַנע אַרמייען בײַ די טויערן פֿון בבֿל און האָט אײַנגענומען דאָס לאַנד.

(לויט דער אַגדה)

צוויי געפֿאַנגענע

א.

די רוימער האָבן שוין אײַנגענומען ירושלים און צעשטערט דעם בית-המקדש. אין גליל האָט מען נאָך דעם זיך אַ לענגערע צײַט געשלאָגן. אָבער איצט האָבן די רוימער אײַנגענומען אויך גליל און געפֿאַנגען די העלדישע ייִדן וואָס האָבן מיט אַלע כּוחות זיך געשטעלט אַקעגן די רוימער און פֿאַרטיידיקט זייער פֿרײַהייט.

די געפֿאַנגענע ייִדן האָט מען פֿאַרקויפֿט פֿאַר שקלאַפֿן אין אַלע פֿיר עקן פֿון דער וועלט. אָבער די געזינטסטע, די שענסטע, די שטאַרקסטע האָט מען געפֿירט קײַן רוים. דאָרטן וועט מען זיי אויסניצן אין די צירקן. די רוימער האָבן זייער ליב צירק-פֿאַרשטעלונגען. זיי האָבן הנאה צו קוקן, ווי אַזוי די געפֿאַנגענע שלאָגן זיך מיט בייזע חיות, מיט לייבן, מיט טיגערס, ווי אַזוי מענטשן ווערן צעריסן פֿון בייזע חיות — די רוימער זיצן זיך און אַפּלאָדירן!

אַ לאַנגע צײַט האָט מען ניט געקענט כאַפּן איינעם פֿון די העלדישטע פֿירערס פֿון גליל. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין די בערג. אַ סך טעג האָט מען אים אַרומגעזוכט, ביז מען האָט אים געפֿונען. אַ געשמידטן אין קייטן, האָט מען אים געפֿירט קײַן רוים. ער איז געווען שטאַרק און שיין. זאָל ער שטאַרבן אויף דער אַרענע פֿון צירק — אַזוי האָבן געזאָגט די רוימער. ער איז שטאַרק און שיין. זאָל ער קעמפֿן קעגן דעם גרויסן, מעכטיקן לייב, וואָס מען האָט געכאַפּט אַ לעבעדיקן אין גליל! דאָס וועט זײַן דאָס שענסטע אין דער פּראָגראַם — האָבן זיך די רוימער געטראַכט.

דער צירק איז פֿול. דער עולם איז אויפֿגערעגט. מען האָט שוין געזען שרעקלעכע בילדער, ווי אַזוי האַלב נאַקעטע, ניט באַוואָפֿנטע ייִדישע שקלאַפֿן ווערן צעריסן פֿון בייזע חיות. מע וואַרט אויף נאָך עפּעס!

מען פֿירט אַרויס דעם געפֿאַנגענעם יונגן ייִדישן פֿירער. ער קוקט זיך ניט אום אויף די רוימער. ער וועט זײַן לעבן ניט פֿאַרטיידיקן —

באשליסט ער ביי זיך. ער וויל ניט געבן אַ פֿאַרשטעלונג פֿאַר זײַנע פּייניקערס. ער ווייס אַז אויף אים וואַרט דער טויט צווישן די ציין פֿון אַ לייב. שטייט ער אָבער אַ רואיקער, אָפּגעקערט פֿון עולם, פֿאַר־שטעלט דאָס פּנים מיט די הענט, שטייט ער און וואַרט.

ב.

און אָט פֿירט מען אַרויף אַ גרויסע שטייג. אין שטייג איז אַ לייב, וואָס לויפֿט אַרום אַ ווילדער און ברילט אַזוי אַז עס נעמט אַרום אַ שרעק. עטלעכע טעג האָט מען שוין דעם לייב ניט געגעבן צו עסן, ער זאָל זײַן הונגעריק און בייז. אָט עפֿנט מען די טיר פֿון שטײַג.

אָבער פּלוצעם שטעלט זיך דער לייב אָפּ, רואיק באַקוקט ער דעם מענטשן, ער באַשמעקט אים — און אָט לעקט ער אים גאָר די האַנט! דער לייב טוליעט זיך צו צום געפֿאַנגענעם, און יענער נעמט צו די האַנט פֿון פּנים און גלעט דעם לייב.

די רוימער זײַנען גוואַלדיק פֿאַרוואונדערט. אַזוינס איז נאָך קיין מאָל ניט געווען. פֿון אַלע זײַטן הייבט מען אָן צו שרײַען: „זאָל מען אים שענקען דאָס לעבן, זאָל ער דערציילן, ווי אַזוי ער האָט באַהערשט דעם לייב!"

דער ייִדישער געפֿאַנגענער קוקט זיך ניט אום אויף דעם שרײַעדיקן עולם. דער אָנפֿירער פֿון צירק ווענדט זיך צום ייִדן און זאָגט אים: „דערצייל אונדז, ווי אַזוי דו האָסט באַהערשט דעם לייב, און מיר שענקען דיר דאָס לעבן!"

— „ווען איר וועט מיך און דעם לייב לאָזן פֿרײַ, וועל איך דער־ציילן", — ענטפֿערט דער ייִד.

דער אָנפֿירער פֿון צירק שווײַגט, אָבער דער עולם וויל וויסן וואָס דאָ איז פֿאַרגעקומען און מע שרײַט פֿון אַלע זײַטן: „זאָל מען זיי לאָזן פֿרײַ, זאָל ער נאָר דערציילן!" און דער געפֿאַנגענער ייִד האָט דערציילט:

— „ווען איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן פֿון די רוימער, האָב איך געגעכטיקט ־אין אַ הייל. איין מאָל האָב איך זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון אַ שרעקלעכן ברילן און איך האָב דערזען לעבן זיך אַ לייב. האָב איך אַ שפּרונג געטאָן און געוואָלט זיך פֿאַרטיידיקן קעגן אים. איך האָב אָבער דערזען, אַז דער לייב גרייט זיך ניט מיך צו באַפֿאַלן. דער לייב איז געווען פֿאַרבלוטיקט און אין זײַן פֿוס האָט געשטעקט אַ פֿײַל. האָב איך אַרויסגעצויגן די פֿײַל פֿון דעם לייבס פֿוס, אים אַרומגעבונדן די וואונד, און אַ פּאָר טעג איז דער לייב געבליבן מיט מיר אין הייל, ביז ער איז געזונט געוואָרן. מיר זײַנען געוואָרן פֿרײַנד. מיך האָט איר

געפֿאַנגען, דעם לייב האָט איר אויך געפֿאַנגען, און דאָ, פֿאַר איַיערע אויגן, האָבן זיך באַגעגנט צוויי פֿרײַנד, וואָס האָבן זיך דערקענט."

דער עולם האָט אויסגעהערט די מעשה וועגן דער פֿרײַנדשאַפֿט צווישן דעם געפֿאַנגענעם ייִד און געפֿאַנגענעם לייב. מען האָט זיי ביידן באַפֿרײַט. דער ייִד און דער לייב זײַנען צוריק אַוועק קײַן גליל.

(לויט דער אַגדה)

שאול טשערניכאָווסקי

איך גלייב

קענסט זיך לאַכן פֿון די טרוימען
וואָס איך טראָג נאָך אַלץ פֿאַר מיר:
אַז איך גלייב נאָך אין דעם מענטשן,
אַז איך גלייב נאָך אַלץ אין דיר.

אַז איך שטרעב נאָך אַלץ נאָך פֿרײַהייט,
כ'האָב פֿאַר גאָלד זיך ניט געפֿלײַסט;
אַז איך גלייב נאָך אין דעם מענטשן
און אין מענטשנס הויכן גײַסט.

וואָס ער רײַסט אַראָפּ די קייטן
און דערהייבט אים פֿון דער נויט.
ווער עס אַרבעט וועט ניט שמאַכטן,
נישט נאָך פֿרײַהייט, נישט נאָך ברויט.

און איך גלייב, אַז מעג ווי פֿול זײַן
אונדזער צײַט מיט האַס און פּײַן,
ליבשאַפֿט בינדן וועט די פֿעלקער
און ס'וועט מער קיין קריג ניט זײַן.

אויך מײַן פֿאָלק װעט דערמאָלט אױפֿשטײן
אויף זײַן ערד אין פֿרײַען גליק,
אָן דעם יאָך אויף זײַנע פּלײיצעס,
אָן דעם חושך פֿאַרן בליק.

און אַ דיכטער װעט באַזינגען
װאָס איז שײן און שטאַרק און גאַנץ;
פֿון מײַן קבֿר װעט מען נעמען
פֿאַר אים בלומען אויף אַ קראַנץ.

ר ו ת

ש. ראַסקין

יום־טובים

אין בית-מדרש   ל. קרעסטין

י. ל. פרץ

אויב ניט נאָך העכער

א.

סליחות-צײַט פֿלעגט דער רבי יעדן פֿרימאָרגן פֿאַרשווינדן!

מען פֿלעגט אים ניט זען אין ערגעץ; ניט אין שול, ניט אין בית־מדרש, און אין דער היים אַוודאי און אַוודאי ניט. די שטוב איז געשטאַנען אָפֿן. ווער עס האָט געוואָלט, איז אַרײַן און אַרויסגעגאַנגען; געגנבֿעט בײַם רבין האָט מען ניט; אָבער קיין לעבעדיק באַשעפֿעניש איז אין שטוב ניט געווען.

וואו קאָן זײַן דער רבי?

וואו זאָל ער זײַן? מן הסתּם אין הימל! ווייניק געשעפֿטן האָט א רבי פֿאַר ימים-נוראים צו פֿאַרזאָרגן? יעדן דאַרפֿן פּרנסה, שלום, געזונט, און — ווער זאָל העלפֿן, אַז ניט דער רבי?

אַזוי האָט דער עולם געטראַכט.

איין מאָל איז אָבער אָנגעקומען א ליטוואַק; לאַכט ער! איר קענט דאָך די ליטוואַקעס! זאָגט דער ליטוואַק: „אַפילו משה רבינו האָט בײַם לעבן ניט געקאָנט אַרויף אויפֿן הימל.״ נו, גיי שפּאַר זיך מיט א ליטוואַק!

— „וואו דען קומט אַהין דער רבי?״

— „מײַן דאגה!״ — ענטפֿערט ער און ציט מיט די אַקסלען; און איז זיך מיישב צו דערגיין די זאַך.

נאָך דעם זעלבן פֿאַרנאַכט, באַלד נאָך מעריב, גנבֿעט זיך דער ליטוואַק צום רבין אין חדר אַרײַן, לייגט זיך אונטערן רבינס בעט און ליגט. ער מוז אָפּוואַרטן די נאַכט און זען, וואו דער רבי קומט אַהין, וואָס ער טוט סליחות-צײַט.

אַן אַנדערער וואָלט אפֿשר אײַנגעדרימלט און פֿאַרשלאָפֿן די צײַט; א ליטוואַק טוט זיך אַן עצה: לערנט ער זיך אויסנווייניק א גאַנצע מסכתּא.

פֿאַר טאָג הערט ער, ווי מען קלאַפּט צו סליחות.

דער רבי איז שוין ניט געשלאָפֿן א צײַט. ער הערט אים שוין אפֿשר א גאַנצע שעה קרעכצן.

ווער עס האָט געהערט דעם רבין קרעכצן, ווייס וויפֿל צער פֿאַר כּל ישׂראל, וויפֿל יסורים עס האָט געשטעקט אין יעדן קרעכץ... א ליטוואַק האָט דאָך אָבער אַן אײַזערן האַרץ, הערט ער צו און ליגט זיך ווײַטער! דער רבי ליגט זיך אויך. דער רבי, זאָל לעבן, אויפֿן בעט, דער ליטוואַק — אונטערן בעט.

דערנאָך הערט דער ליטוואַק, ווי די בעטן אין הויז הייבן אָן סקריפּען... ווי מען כאַפּט זיך אַרויס פֿון די בעטן; ווי מען מורמלט א ייִדיש וואָרט, מען גיסט אויף די נעגל, עס קלאַפּן אויף און צו די טירן... דערנאָך איז דער עולם אַרויס פֿון שטוב, עס ווערט ווײַטער שטיל און פֿינצטער, דורכן לאָדן שײַנט קוים אַרײַן א קליין ביסל ליכט פֿון דער לבֿנה...

מודה האָט ער געווען, דער ליטוואַק, אַז ווען ער איז געבליבן איינער אַליין מיטן רבין, איז אים באַפֿאַלן א שרעק.

א קלייניקייט: מיטן רבין, סליחות-צײַט פֿאַר טאָג, אַליין אין א שטוב.

א ליטוואַק איז דאָך אָבער אײַנגעשפּאַרט. ציטערט ער, ווי אַ פֿיש אין וואַסער, און ליגט.

ענדלעך, שטייט דער רבי, זאָל לעבן, אויף...

פֿריִער טוט ער, וואָס אַ ייִד דאַרף טאָן; דערנאָך גייט ער צו צו דעם קליידער־אַלמער און נעמט אַרויס אַ פּעקל... עס באַווײַזן זיך פּויערשע קליידער: גרויסע שטיוול, אַ גרויס פֿוטערן היטל.

דער רבי טוט עס אָן...

דער רבי גייט אַרויס; דער ליטוואַק — נאָך אים!

דורכגייענדיק, טרעט אָפּ דער רבי אין קיך, בייגט זיך אײַן, פֿון אונטער אַ בעט נעמט ער אַרויס אַ האַק, פֿאַרלייגט זי אונטערן פּאַס און גייט אַרויס פֿון שטוב.

דער ליטוואַק ציטערט, נאָר ער טרעט ניט אָפּ.

הינטער דער שטאָט שטייט אַ וועלדל.

דער רבי, זאָל לעבן, נעמט זיך אין וועלדל אַרײַן. ער שטעלט זיך אָפּ בײַ אַ ביימל, און דער ליטוואַק דערזעט ווי דער רבי נעמט אַרויס פֿון פּאַס די האַק און שלאָגט אין ביימל אַרײַן.

ער זעט, ווי דער רבי האַקט און האַקט, ער הערט, ווי דאָס ביימל קרעכצט און קנאַקט. און דאָס ביימל פֿאַלט, און דער רבי שפּאַלט עס אויף ליפּעס... די ליפּעס — אויף דינע שײַטלעך; און ער מאַכט זיך אַ בינטל האָלץ, נעמט עס אַרום מיטן שטריק פֿון קעשענע. ער וואַרפֿט דאָס בינטל האָלץ איבער די פּלייצעס, שטעקט צוריק אַרײַן די האַק אינעם פּאַס, לאָזט זיך אַרויס פֿון וואַלד און גייט צוריק אין שטאָט אַרײַן.

ב.

אין אַ הינטער־געסל שטעלט ער זיך אָפּ בײַ אַן אָרעם, האַלב אײַנגעבראָכן הײַזל און קלאַפּט אין פֿענצטערל.

— „ווער איז?" — פֿרעגט מען דערשראָקן פֿון שטוב אַרויס. דער ליטוואַק דערקענט, אַז עס איז אַ קול פֿון אַ ייִדענע, פֿון אַ קראַנקער ייִדענע.

— „איך," — ענטפֿערט דער רבי אויף פּויעריש לשון.

— „ווער איך?" — פֿרעגט מען ווײַטער פֿון שטוב. און דער רבי ענטפֿערט ווײַטער:

— „וואַסיל!"

— „וואָס פֿאַר אַ וואַסיל און וואָס ווילסטו, וואַסיל?"

— „האָלץ," — זאָגט דער פֿאַרשטעלטער וואַסיל, — האָב איך צו פֿאַרקויפֿן! זייער ביליק."

און ניט ווארטנדיק אויף אַ תּשובֿה, נעמט ער זיך אין שטוב אַרײַן.

דער ליטוואַק גנבֿעט זיך אויך אַרײַן און, בײַם גרויען ליכט פֿון פֿריִען מאָרגן, זעט ער אַן אָרעמע שטוב. אין בעט ליגט אַ קראַנקע ייִדענע, פֿאַרוויקלט מיט שמאַטעס. און זי זאָגט מיט אַ ביטער קול:

— „קויפֿן? מיט וואָס זאָל איך קויפֿן? וואו האָב איך, אָרעמע אַלמנה, געלט?"

— „איך וועל דיר באָרגן!" — ענטפֿערט דער פֿאַרשטעלטער וואַסיל. — „אין גאַנצן זעקס גראָשן!"

— „פֿון וואַנען וועל איך דיר באַצאָלן?" — קרעכצט די אָרעמע ייִדענע.

— „נאַריש מענטש," — מוסרט זי דער רבי, — „זע, דו ביסט אַן אָרעמע קראַנקע ייִדענע, און איך געטרוי דיר דאָס ביסל האָלץ; איך געטרוי דיר, אַז דו וועסט באַצאָלן; און דו, דו האָסט אַזאַ שטאַרקן, גרויסן גאָט, און געטרויסט אים ניט... און האָסט אין אים אויף נאַרישע זעקס גראָשן פֿאַרן בינטל האָלץ קיין בטחון ניט!"

— „און ווער וועט מיר אײַנהייצן?" — קרעכצט די אַלמנה. — איך האָב דען כּוח אויפֿצושטיין? מײַן זון איז אויף דער אַרבעט געבליבן."

— „איך וועל דיר אײַנהייצן אויך," — זאָגט דער רבי.

און אַרײַנלייגנדיק דאָס האָלץ אין אויוון, האָט דער רבי, קרעכצנדיק, געזאָגט פֿון סליחות דעם ע ר ש ט ן פּזמון...

און אַז ער האָט עס אונטערגעצונדן, און דאָס האָלץ האָט פֿריילעך געברענט, האָט ער געזאָגט, שוין אַ ביסל לוסטיקער פֿון די סליחות דעם צ װ ײ ט ן פּזמון...

דעם ד ר י ט ן פּזמון האָט ער געזאָגט, ווען עס האָט זיך אויסגעברענט, און ער האָט די בלעך פֿאַרמאַכט...

*

דער ליטוואַק, וואָס האָט דאָס אַלץ געזען, איז שוין געבליבן אַ חסיד.

און שפּעטער, אויב אַ חסיד האָט אַ מאָל דערציילט, אַז דער רבי הייבט זיך אויף סליחות-צײַט יעדן פֿרימאָרגן און פֿליט אַרויף אין הימל אַרײַן, פֿלעגט שוין דער ליטוואַק ניט לאַכן, נאָר צוגעבן שטי־לערהייט:

— „אויב ניט נאָך העכער!"

רב אַמנון

די מעשה איז געשען מיט אַ סך הונדערטער יאָרן צוריק.

אין דײַטשלאַנד, אין דער שטאָט מײַנץ, האָט געלעבט אַ גרויסער רבי מיטן נאָמען רב אַמנון. רב אַמנון איז געווען זייער געלערנט און קלוג. האָט דער פֿירשט פֿון שטאָט ליב געהאַט צו ריידן מיט רב אַמנונען.

דער פֿירשט האָט שטענדיק גערעדט צו רב אַמנונען אַז ער זאָל זיך שמדן. רב אַמנון האָט געענטפֿערט אַז ער וועט בלײַבן אַ ייִד. דער פֿירשט פֿלעגט אַ ווײַלע ווערן אין כּעס, אָבער ער האָט דאָך שפּעטער ווידער גערופֿן רב אַמנונען צו זיך און ווידער געשמועסט מיט אים.

איין מאָל איז דער פֿירשט געווען זייער בייז. ער איז צוגעשטאַנען צו רב אַמנונען אַז ער מוז זיך שמדן, אַניט וועט ער אים פֿאַרטרײַבן פֿון שטאָט. האָט רב אַמנון אַ זאָג געטאָן:

— „זאָל דער פֿירשט מיר געבן דרײַ טעג זיך צו באַטראַכטן. אין דרײַ טעג אַרום וועל איך קומען צום פֿירשט און אים געבן אַן ענטפֿער."

ווען רב אַמנון איז געקומען אַהיים, האָט אים זייער שטאַרק פֿאַרדראָסן, פֿאַר וואָס ער האָט אַזוי געענטפֿערט דעם פֿירשט. וואָס הייסט — ער דאַרף זיך באַטראַכטן? האָט ער דען דאָ וואָס צו טראַכטן? ווייס ער דען ניט, אַז ער וועט קיין מאָל זיך ניט שמדן? פֿאַר וואָס זשע האָט ער געגעבן אַזאַ ענטפֿער? איז רב אַמנון געווען זייער טרויעריק.

ווען די דרײַ טעג זײַנען פֿאַרבײַ, איז רב אַמנון ניט געגאַנגען צום פֿירשט. האָט דער פֿירשט געשיקט זײַנע מענטשן רופֿן רב אַמנונען. אָבער רב אַמנון איז ניט געגאַנגען. איז דער פֿירשט געוואָרן זייער אין כּעס און געהייסן זײַנע מענטשן, זיי זאָלן איבער גוואַלד ברענגען רב אַמנונען צו אים. האָט דער פֿירשט געפֿרעגט:

— „פֿאַר וואָס האָסטו ניט געהאַלטן וואָרט און דו ביסט ניט געקומען צו מיר? איך וועל דיך אַזוי באַשטראָפֿן אַז אַלע וועלן וויסן, ווי אַזוי מע מוז האַלטן וואָרט!"

האָט רב אַמנון געענטפֿערט:

— „איך וועל אליין זאָגן, ווי דער פּירשט זאָל מיך באַשטראָפֿן: די צונג וואָס האָט געזאָגט אַ ליגן זאָל אָפּגעשניטן ווערן!״

— „ניין!״ — האָט געענטפֿערט דער פּירשט, — „די צונג האָט ניט געזאָגט קיין ליגן און מע דאַרף זי ניט באַשטראָפֿן. דײַנע פֿיס האָבן ניט געפֿאָלגט און זיי זײַנען ניט געקומען צו מיר — זיי וועל איך לאָזן אָפּהאַקן!״

און דער פּירשט האָט געהייסן אַז מע זאָל אָפּהאַקן רב אַמנונעןביידע פֿיס.

ווען רב אַמנון איז געקומען צו זיך, איז ער געווען צופֿרידן: ער האָט געזינדיקט און איז געוואָרן באַשטראָפֿט! איצט איז ער געווען רואיק.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז געווען ראָש־השנה. האָט רב אַמנון געהייסן אַז מע זאָל אים טראָגן אין שול אַרײַן. אין שול האָט רב אַמנון געזאָגט אַ נײַע, זייער שיינע תּפֿילה. אַלע ייִדן האָבן אויסגעהערט די תּפֿילה. זי איז זיי געפֿעלן געוואָרן, און פֿון דעמאָלט אָן, ווען עס קומט ראָש־השנה, זאָגט מען די זעלביקע תּפֿילה. זי הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „לאָמיר דערציילן די הייליקייט פֿון דעם טאָג וואָס ער איז פֿאַרכטיק און שרעקלעך.״

ייִדן האָבן קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן רב אַמנונען וואָס האָט אַזוי טײַער געהאַלטן זײַן גלויבן.

(אַ מעשה פֿון מיטל־עלטער)



יהואָש

אַ יום־כּיפּור מעשהלע

שוין תּפֿילה־זכּה אָפּגעזאָגט
מיט טרערן און כּוונות...
דער עולם צו כּל־נדרי שוין
מאַכט זיפֿצנדיק הכנות...
דאָך ליידיק איז די מזרח־שטאָט
פֿון אַלטן רבֿ ר׳ ניסן;
דער גבאי שיקט דעם שמש שנעל
די סיבה זיך דערוויסן...

מינוטן, שעהן ציִען זיך
ווי קריכנדיקע שלאַנגען,
אַ ווילדע אַנגסט באַפֿאַלט די שול
און דריקט דאָס האַרץ מיט צוואַנגען.

דער חזן שטייט אין קיטל בלאַס
און מישט די מחזור־בלעטער...
די וואַקסליכט שפּריצן אין דער שטיל,
די נאַכט ווערט שפּעט און שפּעטער...

נו, אָט איז שוין דער שמש דאָ:
— „זאָגט, וואָס פּאַסירט האָט, שנעלער?”
דער שמש סאָפּעט און דערציילט:
— „אין שול־גאָס פֿון אַ קעלער —
דערהער איך פּלוצעם אַ געזאַנג,
אַ זיס כּל־נדרי־ניגון,
ווי עמעצער וואָלט דאַוונענדיק,
אַן עופּעלע פֿאַרוויגן...

איך גיי אַראָפּ און טו אַ קוק —
איך בין פֿון שרעק פֿאַרגאַנגען...
ר׳ ניסן שטייט און וויגט אַ קינד
מיט הייליקע געזאַנגען...

יום-כיפור

מאַקס באַנד

די מאַמע איז אַוועק אין שול
איר האַרץ דאָרט אויסצוגיסן,
און ס'קינד האָט, נעבעך, שרייַענדיק
די גאַל זיך אויסגעריסן...

נו, קלערט איר וואָס? דער גרויסער רבֿ,
דער גרייַז, דער עוקר הרים,
דערהערט דאָס קול און נעמט דאָס קינד
מיט ליבשאַפֿט אויפֿן אָרעם...

ער האָט דאָס קליינע נפֿשל
אין טלית איַינגעטוליעט,
און זינגענדיק כּל־נדרי אים,
געניאַנטשעט און געליוליעט..."

זינאַ ראַבינאָוויטש

די סוכּה, די סוכּה. .

א.

סעדיהן איז געגאַנגען זייער שלעכט אין דעם אַראַבישן שטעטל אין תּמין. אמת, ער איז ניט געווען דער איינציקער וועמען ס'איז גע־גאַנגען שלעכט אין דעם שטעטל, עס האָבן געוואוינט דאָרט אַ סך ייִדן, אַלע זייַנען זיי געווען גוטע מייַסטערס אין מאַכן פֿון גאָלד און זילבער אוירינגלעך, נאַזרינגען און מטבעות, וואָס די אַראַבערינס טראָגן אָנ־געצויגן אויף דיקע פֿעדעם ווי קרעלן אויף דעם האַלדז.

מייַסטערס אויף זילבער און גאָלד זייַנען געווען מער ווי קונים. איז ניט קיין וואונדער, וואָס יעדער איינער פֿון די תּימנער ייִדן פֿלעגט זיך קלאָגן אין אָוונט צו מעריבֿ אָדער שבת נאָך הבֿדלה אויף זייַן בי־טערן גורל. טרויעריק זייַנען געווען די לעצטע שבת־לידער זייערע.

„איַי, ווען ס'איז שטענדיק שבת אויף דער וועלט!" — אַזוי האָבן געטראַכט די ייִדן פֿון דעם אַראַבישן שטעטל אין תּימן. זיי איז אַלעמען גע־גאַנגען שלעכט, נאָר סעדיהן האָט זיך אויסגעדוכט אַז אים איז ערגער פֿון אַלעמען און דעריבער האָט סעדיה באַשלאָסן איבערצוקלייַבן זיך

אין אַ ווײַטן אַראַבישן דאָרף, וואו ס׳זײַנען דאָ ווייניק ייִדן, ווייניק גאָלד־ און זילבער־מײַסטערס. אַזוי אַז מ׳זאָל קאָנען פֿאַרדינען צום לעבן.

גראָד האָט סעדיה זייער גוט אַנגעטראָפֿן מיט זײַן איבערציִען זיך אין דעם נײַעם פּלאַץ. נאָר איין גרויסן חסרון האָט דאָס דאָרף געהאַט. די עטלעכע ייִדן וואָס האָבן דאָרט געוואוינט האָבן מורא געהאַט פֿאַר די אַראַבער. האָבן זיי געראָטן סעדיהן ניט „אויפֿרײַסן די אויגן״ פֿון די אַראַבישע שכנים, דאָס הייסט אַלץ טאָן אין באַהעלטעניש ווי זיי, וועלכע האָבן זייער מנין אין אַ קעלער, און ניט זינגען צו הויך קיין זמירות און מלווה־מלכּה־לידער ווי ער איז געוואוינט צו טאָן...

סעדיה האָט געפֿאָלגט די נײַע ייִדישע שכנים זײַנע, געצוימט די שטים זײַנע בײַ קבלת־שבת, שבת צו נאַכט, און בײַם דאַוונען אין דער קעלער־שול האָט זיך אים ניט איין מאָל אויסגעדוכט אַז זײַן שטים ווערט דערשטיקט און ווען מ׳לאָזט אים וואָלט ער זיך צעזונגען אויף אַ קול און געלויבט דעם אייבערשטן פֿאַר דער גוטער פּרנסה אין דעם נײַעם פּלאַץ. ער איז געווען שולדיק גאָט, און ווען מ׳לאָזט אים נאָר!...

ב.

אָבער וואָס זאָל ער טאָן? גאָט וועט מוזן דערפֿילן זײַן האַרץ אין זײַן שטילער תּפֿילה אין קעלער. סעדיה האָט געפּראַוועט ראש־השנה און יום־כּיפּור אויפֿן שטילסטן אופֿן, אָבער נאָך יום־כּיפּור האָט ער באַשלאָסן אַז אַ סוכּה מוז ער אויפֿשטעלן, צי זײַנע ייִדישע שכנים ווילן צי ניט! אָן אַ סוכּה? איז דען געהערט געוואָרן אַזאַ זאַך, — אַ ייִד אָן אַ סוכּה? אַ סוכּה וואַרפֿט זיך אין די אויגן? ווער ס׳וויל ניט, וועט ניט קוקן אויף איר און וועט ניט אַרײַנקומען זיצן אין סוכּה! אָבער איין סוכּה כאָטש מוז דאָס שטעטל האָבן! האָט סעדיה באַשלאָסן אויפֿצושטעלן אַ סוכּה איינער אַליין, אויב אַנדערע האָבן מורא.

סעדיה האָט זיך גענומען צו דער סוכּה גלײַך אויף מאָרגן נאָך יום־כּיפּור. שווער האָט ער געאַרבעט, אָבער אויפֿגעשטעלט האָט ער אַ סוכּה וואָס קיין שענערע קען גאָרניט זײַן. באַהאַנגען זי מיט טעפּעכער און מיט פּרוכות פֿון תּימן און ארץ־ישראל פֿון אַלערליי קאָלירן און ס׳האָט זיך געדוכט סעדיהן אַז די קאָלירן באַצויבערן אַפֿילו די זון וואָס כאַפּט אַ קוק דורך דעם סכך פֿון דאַך און גיט אַ שמייכל, אַזוי ווי זי זאָל זאָגן: „ניט שלעכט, סעדיה! גאָרניט שלעכט!״ סעדיהס האַרץ איז געווען איבערגעפֿילט מיט פֿרייד! ווען מ׳לאָזט אים, וואָלט ער זיך צעזונגען אַזוי, אַז אַפֿילו די אַראַבישע שכנים וואָלטן געמוזט מיט

אים מיטזינגען! אָבער גיי זינג, אַז זיי זאָגן „לא" — מען טאָר ניט!

סעדיה האָט שטילערהייט געוואָרט אויפֿן יום־טובֿ ווען ער וועט ניט נאָר זיצן אין סוכּה נאָר אַפֿילו בלײַבן אין איר שלאָפֿן...

ג.

אָבער ווען אַלץ איז שוין געווען פֿאַרטיק פֿאַר דעם טײַערן יום־טובֿ, האָט אויסגעבראָכן אַ מדבר־שטורעם — האַמסין. וואָלקנס זאַמד פֿון אויבן, כוואַליעס זאַמד פֿון אונטן. ס'מויל און די נאָזלעכער פֿול מיט זאַמד, די אויגן ווערן פֿאַרשאָטן, און ס'דוכט זיך אַז זאַמדמילן דרייען זיך איבערן דערפֿל און ווילן פֿאַרדרייען און פֿאַרשלעפּן יעדן, וועלכער דערוועגט זיך אַרויסצוגיין פֿון הויז...

„די סוכּה, די סוכּה..." — קרעכצט סעדיה און טוליעט זיך צום בעט.

אַ שרעקלעכע נאַכט, אַ לאַנגע נאַכט, די לענגסטע וואָס סעדיה האָט ווען דורכגעלעבט... נאָר פֿאַר טאָג, נאָך דעם ווי ער האָט איבערגע־חזרט אַלע קאַפּיטלעך תּהילים וואָס ער האָט געוואוסט פֿון אויסנווייניק נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, האָט ער איינגעדרעמלט. אויפֿגעכאַפּט זיך, האָט שוין די זון אַרײַנגעקוקט אין זײַן וואוינונג. די סוכּה — איז געווען זײַן ערשטער געדאַנק, און ער איז אַרויסגעלאָפֿן מיט שרעק אין האַרצן זען דעם חורבן וואָס דער האַמסין האָט אָנגעמאַכט. אפֿשר זײַנען טאַקע די יידן געווען גערעכט ווען זיי האָבן געטענהט אַז מ'דאַרף ניט קיין סוכּה? ניט אויפֿרײַסן די אויגן פֿון די שכנים!

טראַכטנדיק אַזוי איז סעדיה אַרוים פֿון הויז. ווי פֿאַרוואונדערט איז ער געוואָרן ווען ער האָט דערזען אַ סך מענטשן שטייען אַרום זײַן סוכּה און אינעווייניק, יידן און אַראַבער... האָט עפּעס געטראָפֿן? ווי אין אַ חלום זעט סעדיה אַז די סוכּה שטייט אויסגעפּוצט ווי פֿאַר דעם האַמסין. אַלץ ווי געווען, גלײַך ווי גאָרניט, גלײַך ווי דער האַמסין האָט ניט אויסגעריסן אַלע ביימלעך און צווײַגלעך פֿון דאָרף. סעדיה שטייט און באַוואונדערט די סוכּה, די אַרומיקע מענטשן...

„מין אַללאַ! מין אַללאַ!" זאָגן די אַראַבער צו אים און ווײַזן אָן אויף דעם סכך וואָס ליגט אַזוי שיין און רואיק אויפֿן דאַך פֿון דער סוכּה און דורך וועלכן ס'זיפּן זיך דורך די שטראַלן פֿון דער זון. „מין אַללאַ!" (פֿון גאָט) חזרן איבער אַלע און קוקן אויף סעדיהן מיט כּבֿוד און ליבע...

און ער שטייט און קוקט אויף זײַן סוכּה וואָס האָט איבערגעלעבט

דעם שרעקלעכן האמסין און זײַן הארץ ווערט פֿול מיט לויב און געזאנג צו גאָט...

— „וואָס שווײַגסטו, סעדיה? — שרײַען צו אים זײַנע שכנים — „גאָט האָט דיך אַזוי ליב און דו שווײַגסט?!"

אָבער סעדיה איז פֿון שטענדיק אַ שווײַגער. ריידן האָט ער קיין מאָל ניט געקאָנט און קאָן אויך הײַנט ניט. ער קאָן נאָר זינגען. און סעדיה צעזינגט זיך אַזוי אַז דאָס גאַנצע דאָרף האָט געהילכט מיט זײַן לויב צו גאָט...

שלום-עליכם

די פֿאָן

א.

קינדער! איך וועל אײַך דערציילן אַ מעשה מיט אַ פֿאָן, ווי אַזוי איך, אַן אָרעמאַנס אַ יינגל, האָב באַקומען אויף שמחת-תורה אַ פֿאָן, ווי שווער זי איז מיר אָנגעקומען און ווי גרינג איך האָב זי פֿאַרלוירן.

איך בין געווען נאָך גאָר אַ קליין יינגעלע, האָט מען מיך גערופֿן „טאַפּעלע טוטעריטו", דאָס הייסט „קאַפּל קוקעריקו". ווייסט איר פֿאַר וואָס? ווײַל ערשטנס האָב איך געהאַט אַ דין קוויטשיק קולכל, ווי אַ יונג האָנעכל, וואָס האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן צו קרייען. און צווייטנס האָב איך ניט געקענט אויסרעדן קיין „קוף" און קיין „גימל", און ווי אויף צו להכעיס האָט מײַן טאַטע געדאַרפֿט הייסן קלמן (קאַלמען), מײַן מאַמע גיטל קלמנס, איך — קאַפּל גיטל קלמנס.

— יינגל! ווי אַזוי רופֿט מען דיך?

— מיך? טאַפּל דיטל טלמנס...

— העכער אַ ביסל!

— טאַפּל דיטל טלמנס...

— נאָך העכער!

איך שרײַ הויך, אויף אַ קול:

— טאַפּל, דיטל טלמנס!

דער עולם לאַכט.

דער עולם לאַכט — און איך וויין.

איך וויין ניט פֿון דעם, וואָס מע לאַכט פֿון מיר, נאָר דערפֿאַר וואָס מע שלאָגט מיך; איטלעכער, ווער עס האָט גאָט אין הארצן, דער

שלאָגט מיך: דער טאַטע, די מאַמע, די שוועסטער. דער רבי, די תּלמידים; מע לערנט מיך, איך זאָל רעדן „ווי אַ מענטש"...

ב.

האָבן אויף שמחת-תּורה אַ פֿאָן, טאַקע וואָס אַ פֿאָן הייסט, אַ פֿאָן מיט אַ שטעקעלע, פֿון אויבן אַן עפּל, אינעם עפּל אַ ליכטל — דאָס האָט ביַי מיר דעמאָלט אויסגעוויזן אַזאַ גליק, וואָס איך האָב מורא געהאַט אַפֿילו צו טראַכטן פֿון דעם. קאַרג גוטע זאַכן איז פֿאַראַן אויף דער וועלט? למאַי ס'זיַינען פֿאַראַן אַזעלכע יִינגלעך אין חדר, וואָס פֿאַרמאָגן געלט אויף צו קויפֿן אַ מעסערל,־ אַ ביַיטעלע, אַ שטעקעלע! למאַי ס'זיַינען פֿאַראַן יִינגלעך אַזעלכע, וואָס עסן וויַיסע בולקע אין דער וואָכן... אַזאַ מזל!

אוי, קינדערלעך, איך האָב קיין וויַיסע בולקע אין דער וואָכן קיין מאָל ניט געגעסן! איך בין גערן געווען, אַז איך האָב געהאַט שוואַרץ ברויט צו זאַט. איך האָב ניט געוואוסט דעם טעם, וואָס הייסט אַפּעסן אַזוי, אַז איך זאָל טאַקע באַלד ניט קאָנען עסן נאָך אַ מאָל.

היַינט ווער שמועסט האָבן ביַי זיך אין קעשענע אַ קאָפּיקע, אַן אייגענע קאָפּיקע, — דאָס האָט זיך מיר אַפֿילו ניט געחלומט.

און שטעלט זיך פֿאָר, אַז איך, קאָפּל קוקעריקו, ווער מיט אַ מאָל אַ גבֿיר און באַקום מיַין אייגנס צוויי און צוואַנציק קאָפּיקעס.

אפֿשר מיינט איר אַ נס — אַ פּריץ האָט פֿאַרלוירן און איך האָב געפֿונען? האָט איר דווקא ניט געטראָפֿן. איך האָב זיי, שווער איך איַיך, פֿאַרדינט, פֿאַרהאָרעוועט מיט מיַינע אייגענע... פֿיס.

דאָס איז געווען פּורים, האָט מיך מיַין טאַטע — דער אונטער-שמש פֿון שול — געשיקט איך זאָל צעטראָגן דעם שלח-מנות צווישן די באַלעבאַטים. האָב איך גענומען דאָס טעלערל מיטן פֿלעדל, אַרומגעטראָגן דאָס פֿון שטוב צו שטוב צווישן אַלע באַלעבאַטים, געקנאַטן מיט די באָרוועסע פֿיס די קאַלטע, גליטשיקע בלאָטע, און פֿון די גראָשנס, וואָס מען האָט מיר געשענקט פֿאַרן וועג, האָב איך געמאַכט אַ זילבערנעם פֿערציקער מיט פֿיר גראָשנס.

איז געבליבן ביַי מיר, איך זאָל איבערלאָזן דאָס געלט אויף סוכּות — זיך קויפֿן אַ פֿאָן.

ג

— מזל-טובֿ! טאַפּעלע טוטעריטו האָט אַ פֿאָן! שלום עליכם, אַ גוטער ייִד!

אַזוי האָט מיך חבֿרה באַגעגנט, אַז איך בין געקומען אויפֿן שול-הויף מיט מיַין פֿאָן.

איך באטראכט אלע פֿאנען און ווארף א קוק אויף מײַן פֿאן — ווער? וואס? ווען? ווי קומען זייערע פֿאנען צו מײַן פֿאן?

ערשטנס, די פֿאן אליין. בײַ קיינעם שטייט זי ניט אזוי גלײַך ארײַנגעזעצט אין שטעקל, אז מע זאל ארויסזען בײדע זײַטן. בײַ קיינעם איז ניטא אזא גלײַך, קײַלעכדיק שטעקל. בײַ קיינעם איז ניטא אזא רויטער, גלאטער עפּל. בײַ קיינעם איז ניטא אזא שיין געראטן ליכטל. איך מאך א פֿארגלײַך צווישן מײַן פֿאן און די אלע איבעריקע פֿאנען — און מײַן הארץ ווערט פֿול מיט פֿרייד. עס מאלט זיך מיר אויס, אז איך וואקס און וואקס העכער און העכער, לענגער און ברייטער. די פֿיס טראגן מיך. עס גלוסט זיך מיר לאכן, שרײַען, קוויטשען, כאפּן א טענצל...

— אנו, ווײַז נאר! — רופֿט זיך אן צו מיר יואליק דעם נגידס און בלײַבט שטיין פֿארגאפֿט.

ער באקוקט מײַן פֿאן, איך באקוק זײַן פֿאן. „אויך מיר א פֿאן!" — טראכט איך מיר. — „אויך מיר א שטעקל!" איך זע, אז ער איז אן אויפֿגעקאכטער, נאר איך מאך זיך ניט ווויסנדיק און קוק כּלומרשט אן א זײַט.

— קאפּל! — מאכט ער צו מיר — וואו האסטו גענומען אזא שיין שטעקעלע?

— הא? — זאג איך און דריי זיך אוים צו אים מיטן פּנים.

— וואו האסטו דערטאפּט, — זאגט ער נאך א מאל, — אזא שטעקעלע?

— וואס איז דען? — זאג איך אים, — ווילסט זיך אפֿשר בײַטן אויף דײַן טשוואק?...

יואליק פֿארשטייט דעם שטאך. ער טוט א גלאנץ מיט די אייגלעך, לייגט ארײַן די האנט אין קעשענע און טרעט אפּ. איך קוק אים נאך און קוועל, עס קומט מיר צו א שטיק געזונט. איך זע ווי ער רופֿט אפּ נחמיהן מיטן קרומען פֿיסל אויף א זײַט און סודעט זיך מיט אים און ווינקט אויף מיר מיט די אויגן. איך זע גאנץ גוט, נאר איך מאך מיך ניט ווויסנדיק. אין א מינוט ארום גייט צו צו מיר נחמיה מיטן קרומען פֿיסל, האלט יואליקס פֿאן מיטן קרומען שטעקל און רופֿט זיך אן צו מיר:

— גיב מיר אנצינדן דאס ליכטל, מײַנס האט זיך פֿארלאשן.

— ס'איז דען דײַן פֿאָן? — און בײג אים אָן מײַן פֿאָן מיטן ליכטל,
— איך ווײס דאָך וועמעס פֿאָן דאָס איז...

און אײדער איך קוק זיך אַרום, טראָגט צו נחמיה זײַן אָנגעצונדן ליכטל צו מײַן פֿאָן און מײַן פֿאָן צינדט זיך אָן, טוט אַ פֿלאַקער, פֿ—פֿ—פֿו, — אוים פֿאָן.

װען עס פֿאַלט אַראָפּ פֿון הימל אַ שטײן גלײַך מיר אין קאָפּ אַרײַן; װען אַ װילדע חיה פֿאַלט אָן אויף מיר און װיל מיך פֿאַרצוקן, אָדער װען עס קומט מיר אַנטקעגן אַ מת אום האַלבע נאַכט און װיל מיך װאַרגן — װאָלט מײַן שרעק נישט באַדאַרפֿט זײַן אַזױ גרויס, װי בשעת איך האָב דערזען מײַן נאַקעט שטעקל מיט דער אָפּגעבריענ־טער פֿאָן. עס האָט זיך אַרויסגעריסן בײַ מיר פֿונעם האַרצן אַ געשריי:

— אוי װײ, מײַן פֿאָן! מײַן פֿאָן! מײַן פֿאָן!...

עס האָבן זיך אַ גאָס געטאָן טרערן פֿון מײַנע אויגן. די גאַנצע װעלט איז פֿאַר מיר געװאָרן פֿינצטער. דאָס שטעקל מיטן עפּל מיטן ליכטל זײַנען אַרויסגעפֿאַלן פֿון מײַנע הענט, און איך האָב מיך געלאָזט גײן, איך װײס אַלײן ניט װאוהין. איך גײ און גײ און גײ מיט הייסע ביטערע טרערן. איך ברעך די הענט און באַװײן מײַן פֿאָן, װי מע באַ־װײנט אַ טויטן, און איך קום צו גײן אַהײם אײנער אַלײן, אָן אַ פֿאָן, און איך פֿאַרקלײַב מיך אין אַ װינקעלע, און אין דער פֿינצטער זיץ איך, דעם קאָפּ צװישן די קני און װײן שטילערהײט, קײנער זאָל ניט הערן. און איך פֿרעג בײַ גאָט אַ קשיא:

— גװאַלד, גװאַלד, רבונו־של־עולם! פֿאַר װאָס קומט דאָס מיר? פֿאַר װאָס און פֿאַר װען?!

***

אויפֿן אַנדערן יאָר האָב איך געהאַט אַ פֿאָן נאָך אַ שענערע, מיט אַ שענערן שטעקל, מיט אַ שענערן עפּל און בין דווקא געװען אין שול אויבן אָן מיט אַלע באַלעבאַטישע קינדער. די ליכט האָבן געברענט. מײַן פֿאָן האָט געשײַנט. ייִדן זײַנען געגאַנגען מיט הקפֿות. װײַבלעך און מײדלעך האָבן געקושט די תּורה, געשפּרונגען אין פּנים אַרײַן און געשריִען מיט אַ קװיטש: „דערלעבט איבער אַ יאָר! דערלעבט איבער אַ יאָר!" — „גם אתּם! גם אתּם!"

קינדער, גם אתּם.

אין דער גרויסער שטאָט

מאַני לייב

מאַני לייב

די נויט

אין ברוקלין אין אַ שטיבל,
אַן ווענט און אַן אַ דאַך,
האָט זיך געוואוינט אַן אָרעמאַן
מיט קינדערלעך אַ סך.

און דאָרט ביי זיי אין שטיבל
איז ניט געווען קיין ברויט,
ווייל דאָרט, אין שטיבל, האָט מיט זיי
געוואוינט די בייזע, גרויע נויט.

דער אָרעמאַן פֿלעגט אויפֿשטיין
אַז שלאָפֿן פֿלעגט די וועלט,
און גיין צו פֿוס ביז אין ניו־יאָרק
פֿאַרדינען עפּעס געלט.

און אַז די זון פֿלעגט אויפֿגיין
און ביז די זון פֿאַרגייט —
די קינדער פֿלעגן וויינען שטאַרק:
— אוי, מאַמע, מאַמע, ברויט!

די גרויע נויט פֿלעגט זיצן
בײַם אויוון אויף אַ שטיין
און זען אַלץ און פֿרייען זיך
און שאַרפֿן מיט די ציין.

די מאַמע פֿלעגט דאָס זען
און וויינען שטילערהייט
און טרייסטן אירע קינדערלעך:
— וואָס דאַרפֿט איר, קינדער, ברויט?

איר ווייסט דאָך, אַז דער טאַטע
איז אין ניו־יאָרק אַוועק.
ער וועט אײַך ברענגען פֿון ניו־יאָרק
צוויי גרויסע, פֿולע זעק, —

צוויי פֿולע זעק מיט חלות,
מיט עפּל און מיט ניס,
מיט קיכעלעך און מיט שאָקאָלאַד
און טאָרט ווי האָניק זיס.

די קינדער פֿלעגן הערן,
זיי האָבן זיך געפֿרייט,
און פֿלעגן שוין דעם גאַנצן טאָג
ניט בעטן מער קיין ברויט.

און שטילינקע און גוטע,
געוואַרט ביז שפּעט בײַ נאַכט
און זען צי דער טאַטע האָט
צוויי זעק אַהיים געבראַכט!

דער אָרעמאַן פֿלעגט קומען
בײַ נאַכט, פֿאַרזאָרגט און מיד,
און זאָגן צו די קינדערלעך:
— הײַנט האָב איך גאָרנישט ניט.

די קינדער נעמען וויינען:
— אוי, ברויט, אַ שטיקל ברויט!
דער טאַטע שווייגט, די מאַמע זיפֿצט
און ווינטשט אויף זיך דעם טויט.

די גרויע נויט בײַם אויוון —
זי זיצט זיך אויף איר שטיין,
און זעט אַלץ, און פֿרייט זיך אַלץ,
און שאַרפֿט זיך אַלץ די ציין.

נאָר איין מאָל האָט געטראָפֿן,
געשלאָפֿן איז די וועלט,
דער אָרעמאַן גייט אין ניו-יאָרק
פֿאַרדינען עפּעס געלט.

אַט ערשט איז ער פֿון שטיבל
צו פֿוס אַזוי אַוועק, —
און פּלוצלונג קומט ער באַלד צוריק
און טראָגט צוויי פֿולע זעק.

צוויי פֿולע זעק מיט חלות,
מיט עפּל און מיט ניס,
מיט קיכעלעך און שאָקאָלאַד
און טאָרט ווי האָניק זיס.

און נעמט די קינדער וועקן, —
ער וועקט זיי און ער לאַכט:
— שטייט אויף, איר ליבע קינדערלעך,
זעט וואָס איך האָב געבראַכט!

נו, האָט מען דאָס אין שטיבל
אַ ביסל זיך געפֿרייט! —
נאָר ניט געפֿרייט האָט זיך מיט זיי
די בייזע, גרויע נויט.

פון שרעק איז זי געוואָרן
אַ קליינע, קליינע גריל,
און איז פֿאַרקראָכן אונטערן דיל
און האָט צעוויינט זיך שטיל.

נפֿתלי גראָס

דזשין גייט ארבעטן

א

דזשין האָט געענדיקט פּאַבליק-סקול. ער איז דעמאָלט אַלט געווען 13 יאָר. ער איז געווען הויך און שלאַנק, און האָט אויסגעזען עלטער ווי ער איז געווען, און האַלטן האָט ער זיך געהאַלטן פֿאַר אַ גאַנצן מענטשן.

דזשין האָט ליב געהאַט די שול און ער האָט זיך אַלע מאָל גע־לערנט מיט חשק. דאָך האָט ער בײַ זיך אָפּגעמאַכט צו גיין ארבעטן. וואָרעם ער האָט געזען ווי שווער זײַן פֿאָטער ארבעט און ס'איז קיין מאָל ניט פֿאַראַן וויפֿל מע באַדאַרף האָבן פֿאַר אַלעמען. אַ מאָל איז אַפֿילו נישטאָ גענוג עסן פֿאַר אַלעמען, און אַז עס קומט צום שלאָפֿן — מוז מען ליגן צוויי און אַ מאָל דרײַ צוזאַמען.

די מוטער איז אַפֿילו קעגן דעם, אַז דזשין זאָל גיין ארבעטן. זי וויל דזשין זאָל ווײַטער לערנען און עפּעס אויסשטודירן. נאָר אַז אַ דרײַצניעריק יינגל זאָל גיין ארבעטן, דאָס איז אַמאָליקע יאָרן — און אַפֿילו הײַנט צו טאָג — גאָרנישט קיין נײַס.

פֿאַראַן טויזנטער און הונדערט טויזנטער יינגערע קינדער, וואָס גייען ארבעטן. (אַמאָל זײַנען געווען נאָך מער). און אַ סך קינדער ווערן פֿאַרטריקנט און פֿאַרוועלקט פֿאַר דער צײַט און שטאַרבן. דזשין דערמאָנט זיך אָן זײַן חבֿר, דעם קליינעם בילי, וואָס איז גע־גאַנגען ארבעטן צו 9 יאָר און איז געשטאָרבן בײַ דער ארבעט.

ב.

בילי איז געווען אַ שיינער, און ער האָט געקענט דערציילן וואונ־דערלעכע מעשׂיות. אַלע האָבן געזאָגט, אַז בילי וועט אויסוואַקסן אַ פּאָעט. אָ, זײַנע מעשׂיות! דזשין געדענקט זיי ביזן הײַנטיקן טאָג.

איין מאָל קומט בילי צו לויפֿן אין סקול, רופֿט צונויף אַלע זײַנע פֿרײַנד און דערציילט זיי אַ מעשה, אַ מאָדנע מעשה, ווי ער איז בײַ נאַכט געפֿלויגן צו דער לבֿנה. קיינער האָט אים ניט געוואָלט גלייבן, נאָר בילי האָט זיך געהאַלטן בײַ זײַנעם.

בײַ נאַכט איז צו אים געקומען אַ קליין מענטשעלע, אַ קאַרליקל מיט אַ לאַנגער באָרד, האָט אים געהייסן זיך אָנטאָן און גיין מיט אים. נאָר די טיר איז געווען פֿאַרשלאָסן, און דורכן קוימען האָט ער ניט געוואָלט קריכן, ווײַל ער וועט זיך אויסשמירן. וואָס טוט מען? ערשט — די סטעליע עפֿנט זיך אויף און זיי גיבן זיך אַ הייב אויף און אַרויס אין דרויסן גלײַך אויפֿן דאַך.

דערווײַל דערזעען זיי — אַ וואָלקן שווימט איבערן דאַך. זאָגט דאָס קאַרליקל:

— וואָלקן, ליבער וואָלקן, ווילסטו אונדז אַוועקטראָגן צו דער לבֿנה?

— אַוודאי, — זאָגט דער וואָלקן, — פֿאַר וואָס ניט? זעצט אײַך אויף און האַלט אײַך גוט צו, איר זאָלט ניט אַראָפּפֿאַלן.

בילי און דאָס קאַרליקל האָבן זיך אַרויפֿגעזעצט און דער וואָלקן איז אַוועק ווײַטער. ער איז געפֿלויגן וואָס אַ מאָל גיכער און העכער און העכער, ביז די ערד איז געוואָרן קלענער און קלענער און די לבֿנה — אַלץ גרעסער.

און אַז זיי זײַנען אָנגעקומען אויף דער לבֿנה, ערשט — בילי גיט אַ קוק — אַלץ איז קאַפּויער, מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פֿיס אַרויף. דער בלויער הימל איז אונטן, און אויבן איז די גרינע ערד; די צווײַגן פֿון דיביימער שטעקן אין דר'ערד, און די וואָרצלען ציִען זיך אין דער הייך; די זון שײַנט בײַ נאַכט, און בײַ טאָג שײַנען די לבֿנה מיט די שטערן.

און אַפֿילו די באַשעפֿענישן, די חיות, די פֿייגל און די פֿיש, זײַנען דאָרט קאַפּויער. די פֿייגל שווימען אַרום אין וואַסער, די פֿיש פֿליִען אַרום אין דער לופֿטן, די חיות גייען אַרום מיט ביקסן און כאַפּן מענטשן, און די מענטשן לעבן אויף ביימער און אין היילן און אין גריבער.

נאָר דאָס וואונדערלעכסטע איז דאָרטן מיט די מענטשן: זיי זײַנען גרויס און אַלט, ווען זיי ווערן געבוירן. וואָס אַ יאָר ווײַטער ווערן זיי קלענער, זיי וואַקסן צוריק און נידעריקער, ביז זיי ווערן קליינע קינדער; און דערנאָך ווערן זיי אַזוי קליין ווי שרעטעלעך — אַ פֿינגער

די גרייס. נאָר אַן אמת געלעכטער איז דאָרטן צו זען, ווי די קינדער באַשטראָפֿן די עלטערן, ווען די עלטערן פֿירן זיך ניט אויף גוט.

און נאָך עפּעס: די עלטערן זיצן דאָרטן אין דער היים, גייען אין שול אַרײַן זיך לערנען, און די קינדער גייען פֿאַר זיי אַרבעטן. די אַלטע לײַט גייען אין מלחמה אַרײַן, און די יונגע פֿירן פּאָליטיק און האַלטן רעדעס.

און מלחמה פֿירט מען דאָרט אַזוי: אַז מע קומט אויפֿן שלאַכט־פֿעלד — נעמט מען שיסן זיך אַליין. און יענע אַרמיי, וואָס האָט מער געשאָסענע — געווינט.

ג.

בילי דערציילט און דערציילט וואונדער איבער וואונדער. אַלע האָבן געמיינט, אַז בילי וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער פּאָעט, אַ שרײַבער. נאָר בילי איז אין גאַנצן ניט אויסגעוואַקסן.

בילי איז אַוועק אַרבעטן. וואָרעם בילים עלטערן, זײַנען געווען אָרעם, און זיי האָבן אים געמוזט שיקן עפּעס פֿאַרדינען. בילי איז גע־גאַנגען אַרבעטן אין אַ פֿאַבריק.

איין מאָל, אין זייער אַ הייסן זומערטאָג, איז בילי דאָרטן קראַנק געוואָרן. מען האָט אים גלײַך אַוועקגעפֿירט אין אַ שפּיטאָל. אויפֿן צווייטן טאָג, אַז דזשין איז געקומען זען בילין, האָט מען אים ניט אַרײַנגעלאָזט. מען האָט אים געזאָגט, אַז בילי שלאָפֿט. דזשין האָט געוואָלט צוואַרטן, נאָר מען האָט אים געזאָגט, אַז בילי וועט שלאָפֿן — וועט שוין אייביק שלאָפֿן.

דזשין דערמאָנט זיך נאָך אַ סך זאַכן פֿון זײַן חבֿר בילי. ער טראַכט אויך פֿון די אַנדערע קינדער, וואָס מוזן גיין אַרבעטן אַנשטאָט לערנען און שפּילן. ער דערמאָנט זיך, ווי פֿאַר אַ יאָרן זומער זײַנען פֿופֿציק קינדער פֿאַרחלשט געוואָרן בײַ דער אַרבעט אין דער פֿאַבריק און ווי מען האָט זיי אַרויסגעטראָגן האַלב טויטע. נאָר די אַלע זאַכן שרעקן דזשינען ניט אָפּ. ער האָט בײַ זיך אָפּגעמאַכט צו גיין אַרבעטן און העלפֿן זײַנע עלטערן.

אַבֿרהם רייזען

ניו־יאָרק אין דער פֿרי

עס איז שיין אַזוי זען אין דער פֿרי,
ווי די גאַס ווערט דערוואַכט צו איר מי,
און סײַ יונג און סײַ גרויס און סײַ קליין —
אַלע לאָזן זיך איינציקווײַז גיין.

גייט אַ מיידל אין מאַנטל און הוט,
אויף איר פּנים דער חלום נאָך רוט;
אויף די ליפּן אַ שמייכל זיך וויגט,
אָבער זי האָט זייביידן באַזיגט...

און עס יאָגט זי אַ צווייטע באַלד אָן,
האָט אַ שמייכל אַ ליבן געטאָן;
און צערעדט זיך פֿון קליידער און היט,
און פֿאַרשווינדן מיט איידעלע טריט.

גייט אַ מאַן מיט אַ יונגן געזיכט,
אויף זײַן פּנים דאָך זאָרגן און פֿליכט;
ער דאַרף שפּײַזן אַ ווײַב מיט אַ קינד —
זײַנע טריט — אַזוי אײַליק, געשווינד.

אויך די קינדער — זיי פּלאָנטערן מיט,
מיט די ליבע, די קלייניקע טריט...
און די מוטערס באַגלייטן בײַם זײַט,
אין דער שול — זיי צו מאַכן פֿאַר לײַט.

פּים-מיידלעך   רפאל סאָיער

גאולה און משיח



ה. לייוויק

ה. לייווויק

אונדזער חלום

אין דער וויסטעניש פֿון מדבר
שטייט משיח פֿאַרשמידט אויף אַ קייט,
ער שטייט און וואַרט אין האָפֿענונג
ביז מענטשן וועלן ווערן גרייט

מיט זייער האַרץ און מוח,
מיט זייער פֿאַרבענקטן בליק,
אַז ער, משיח, זאָל קומען
און ברענגען פֿרײַהייט און גליק.

אַזוי פֿלעגן בײַ אונדז אין שטעטל
דערציילן די אַלטע לײַט,
און יעדער מאָל פֿלעגן זיי זאָגן:
— „אַ, הלוואי קומט שוין די צײַט.“

און איך, אַ יִנגל, פֿלעג הערן
די רייד פון די אַלטע לײַט,
פֿלעג איך טראַכטן פֿאַר זיך אין שטילקייט,
אַז ס'איז שוין לאַנג געקומען די צײַט.

און אויב איעדער דאַרף גרייט זײַן —
בין איך יעדע רגע גרייט
צו גיין צו משיח אין מדבר
און באַפֿרײַען אים פֿון דער קייט.

נאָר זאָלן די לײַט מיר זאָגן
ווי קומט מען צום מדבר צו?
אָבער קיינער קאָן מיר ניט זאָגן,
ווײַל קיינער ווייסט ניט אַוואו.

פֿלעג איך תּפֿילה טאָן אין האַרצן:
— „זאָל מײַן וואָרט צו דיר דערגיין,
קיינער ווייסט ניט וואו דיך געפֿינען —
טאָ נעם און קום אַליין.

ווײַל זעסט דאָך — עס וואַרטן אַלע
אויף דיר, פֿון קליין ביז גרויס,
זיי טראָגן דאָס האַרץ דיר אַנטקעגן,
און קוקן זייערע אויגן אויס."

אַזוי פֿלעג איך טאָן תּפֿילה —
כ'געדענק עס פֿון קליינווײַז אָן.
אַפֿילו איצט, ווען איך בין אַ גרויסער,
הער איך ניט אויף די תּפֿילה צו טאָן.

אויך איצט חלום איך דעם חלום
צו באַפֿרײַען משיחן פֿון קייט,
איך זוך אים איבער אַלע וועגן,
און בין שטענדיק פֿאַר אים גרייט.

און אַז איך קאָן אים ניט געפֿינען —
רוף איך פֿון יעדן וועג:
— „איך וואַרט אַפֿילו אַז דו זאַמסט זיך,
וועל וואַרטן ביזן סוף פֿון די טעג."

דער חלום פֿון יונגע יאָרן
איז שטאַרקער פֿון אַלטער וואָר,
די וואָר אַליין זאָל ווערן
דער חלום פֿון אַ נײַעם דור.

אַ ייִדיש קינד זאָל קיין מאָל
ניט אויפֿהערן צו זײַן גרייט
צו זוכן די טריט פֿון משיח
און אָפּבינדן אים פֿון דער קייט.

קרעפּליאַק

אַ לויב צו גאָט

נאַכט. פֿון געלעגער הייבט זיך שטיל אויף דער זיבעציקיעריקער אַבֿרהמל. קוקט מיט שאַרפֿע אויגן צי דער טאַטע בײַ דער זײַט שלאָפֿט שוין. שפּרײַזט אַריבער איבער אים און גייט שטיל אַרויס אין דער צווייטער קאַמער.

אין שטוב איז פֿינצטער, נאָר דאָס קליינע קעראָסין־לעמפּל אויפֿן ווײַסן טיש ברענט.

שטיל קומט אַבֿרהמל צו צום טאַטנס שאַפֿע ספֿרים, נעמט אַרויס אַן אַלטן ספֿר, קריכט אַרויף אויף אַ שטול, נעמט די פֿיס אונטער זיך, צעעפֿנט דעם ספֿר אויפֿן טיש און הייבט אָן בלעטערן אין שײַן פֿון לעמפּל.

ער מישט די פֿאַרגעלטע בלעטער ביז ער געפֿינט: דער ערשטער בלוט־בלבול אין בלוא: „אַ קריסט האָט עדות געזאָגט, אַז ער האָט געזען, ווי אין אַ בײַנאַכט האָט אַ ייִד אַרײַנגעוואָרפֿן אַ קינד אין טײַך אַרײַן. און כאָטש עס האָט גאָר אין שטאָט ניט געפֿעלט קיין קריסטלעך קינד, און כאָטש מען האָט געזוכט און מען האָט גאָר קיין גוף פֿון קיין קינד ניט געפֿונען, דאָך האָט מען אויף די איינציקע בייזע עדות פֿון דעם קריסט, פֿאַרמשפּט און פֿאַרברענט נײַן און דרײַסיק ייִדן.״

„ווען מען האָט די ייִדן געברענט לעבעדיקערהייט, האָבן זיי פֿון די פֿלאַמען אַרויסגעזונגען אַ לויב צו גאָט... און זייער קול איז געווען דורכגעזאַפּט מיט זיסקייט און מיט פֿרייד...

פּאַרטיפֿט אין ספר ל. קרעסטין

א שוידער נעמט דורך דעם קליינעם אַבֿרהמלען.

א בלבול געמאַכט, לעבעדיקערהייט פֿאַרברענט, און זיי האָבן גע־זונגען צו גאָט. ווי קען מען דאָס זינגען, אַזוי זיס זינגען, ווען מען ברענט לעבעדיקערהייט?

— „גוט, וואָס זיי האָבן געזונגען," — פֿאַרקלעמט זיך דאָס האַרץ ביַי דעם קליינעם אַבֿרהמלען — „דווקא זינגען, זיי אויף צו להכעיס" — ער וואָלט אויך אַזוי געטאָן...

ער וואָלט אויך געוואָלט זיַין אַזאַ... אָבער וואָלט ער געקענט ברענען לעבעדיקערהייט און זינגען?...

געוויס. ער וואָלט זיך געלאָזט בראָטן לעבעדיקערהייט... און גליַיך טראַכט ער: אפֿשר וואָלט איך ניט געקענט? איך וועל פּרואוון.

דער קליינער אַבֿרהמל רירט זיך צו מיט אַ פֿינגער צו דעם אָנגע־גליטן גלאָז פֿון לעמפּל, ווי ער וואָלט דעם פֿינגער אין פֿיַיער אַריַינ־רוקן. ס'טוט אים אַזאַ ברען, אַז ער כאַפּט צו דעם פֿינגער. עפּעס דער־פֿילט ער אַ האַרטע פֿרעמדע זאַך אויפֿן שפּיץ פֿינגער.

צוגעכאַפּט, אָבער קיין געשריי ניט געטאָן, — טראַכט ער — ער וועט פּרואוון נאָך אַ מאָל.

אַבֿרהמל קוקט שוין מערניט אין ספֿר, ער קוקט אין דער גליִענ־דיקער שיַין פֿון לעמפּל.

פֿאַר וואָס האָט ער צוגעכאַפּט דעם פֿינגער?

אים פֿאַרדריסט. ער האָט ניט געדאַרפֿט צוכאַפּן דעם פֿינגער. און ער וועט פּרואוון נאָך אַ מאָל, און טאַקע אויפֿן הוילן פֿיַיער. ער וועט מיט דער הוילער האַנט אַרונטערנעמען דאָס גלעזל און פּרואוון דעם פֿינגער אין דעם פֿיַיער. זיי האָבן אין גאַנצן געברענט, מוז ער קענען כאָטש אַ פֿינגער זיך לאָזן ברענען.

אַבֿרהמל קוקט און קוקט אויף דעם צעגליטן קנויט. דאָס קליינע פֿלעמל צעוואַקסט זיך אין אַ גרויסן פֿלאַם. מענטשן־געשטאַלטן שיַינען אין פֿיַיער. רויטע, הונגעריקע פֿיַיערצונגען שפּרינגען אונטער, לעקן, וויקלען אַרום די מענטשן־געשטאַלטן. אַלץ אַרום שפּרינגט, זידט, ברענט. נאָר די מענטשן־געשטאַלטן שטייען אין אַ הייליקער שיַין און זינגען...

אַבֿרהמל הערט זיך צו מיט אָנגעשטרענגטע אויערן... אים דאַכט זיך, אַז ער הערט עפּעס אַ געזאַנג פֿון אַ תּפֿילה... אַ באַקאַנטער ניגון הערט זיך אין דער נאַכט, און מיט צעעפֿנטע אויגן קוקט ער אין פֿיַיער אַריַין...

טרייסט

פיר גרויסע תנאים זײַנען געגאַנגען אין וועג קיין רוים: ס'איז נאָך געווען ווײַט פון דער שטאָט, דערהערן זיי שוין דעם פרייילעכן גאַסנרויש פון רוים. הייבן אָן דרײַ תנאים צו וויינען, נאָר דער פערטער, ר' עקיבֿא, לאַכט.

— „וואָס לאַכסטו?" — פרעגן זיי אים.

— „און איר, וואָס וויינט איר?" — פרעגט ער זיי.

— „ווי זאָלן מיר ניט וויינען," — זאָגן זיי — „אַז מיר זעען ווי די געצן־דינערס, וואָס בוקן זיך צו אָפּגעטער און רייכערן צו געצן, זיי זיצן זיך אַזוי רואיק און זיכער, און מיר — אונדזער בית־המקדש ליגט פאַרברענט אין אַש.

— „דערפאַר טאַקע", — זאָגט ר' עקיבֿא — „לאַך איך. אויב זיי, וואָס האָבן געזינדיקט פאַר גאָט, לעבט זיך אַזוי, ווי וועט שוין זײַן מיט די וואָס טוען זײַן ווילן?"

די זעלבע פיר תנאים האָבן איין מאָל נאָכן חורבן, זיך געלאָזט גיין קיין ירושלים. געקומען צום הר־הבית, דערזעען זיי אַ שאַקאַל שפרינגט אַרויס פון דעם אָרט, וואו ס'איז געווען דער קדשי־קדשים, הייבן אָן יענע דרײַ צו וויינען, און רבי עקיבֿא לאַכט. פרעגן זיי אים: וואָס לאַכסטו?

— „און איר, פאַר וואָס וויינט איר?"

— „ווי זאָלן מיר ניט וויינען, אַז אויף דעם הייליקסטן אָרט אונדזערן, וואו קיין מענטש, אויסער דעם כהן גדול, האָט קיין מאָל ניט געטאָרט אַהין אַרײַנטרעטן, — דאָרטן שפּאַצירן איצט פרײַ אַרום שאַקאַלן.

— „דערפאַר טאַקע לאַך איך," — זאָגט ר' עקיבֿא — „צוויי נבֿואות זײַנען געזאָגט געוואָרן, איינע פון שטראָף: „ציון וועט אויף פעלד צעאַקערט ווערן, פון ירושלים — וועלן ווערן וויסטע בערגלעך, און דער הר־הבית וועט באַוואַקסן ווערן מיט ווילדן וואַלד." די צווייטע נבֿואה איז פון טרייסט: „עס וועלן נאָך זיצן זקנים און זקנות אין די גאַסן פון ירושלים, יעדערער מיט זײַן שטעקן אין האַנט, אָנגעלאָדענע מיט יאָרן; און יונגע קינדערלעך, יינגעלעך מיט מיידעלעך, וועלן אַקעגן זיי פריילעך זיך שפּילן און אָנפילן מיט זייער פריילעכן געלעכטער די גאַסן." איידער די ערשטע נבֿואה איז מקוים געוואָרן, האָב איך מורא געהאַט, טאָמער וועט די צווייטע אויך ניט מקוים ווערן. איצט אַז די ערשטע

איז שוין דערפֿילט, מעג מען זיכער זײַן, אַז די צווייטע וועט אויך דער־פֿילט ווערן.

אויסגעהערט ר׳ עקיבֿאן, האָבן זײַנע חבֿרים אים געזאָגט מיט די ווערטער:

— „עקיבֿא, דו האָסט אונדז געטרייסט! עקיבֿא, דו האָסט אונדז געטרייסט!"

(אגדה)

„מנחם"

אינעם טאָג פֿונעם חורבן איז געבוירן געוואָרן דער גואל.

ערגעץ ווײַט פֿון ירושלים איז געשטאַנען איינער אַ דאָרפֿסמאַן אין פֿעלד און געאַקערט. גיט זײַן קו אַ ברום. דערהערט עס אַ פֿאַרבײַגייענדיקער אַראַבער, שטעלט ער זיך אָפּ און פֿרעגט דעם דאָרפֿסמאַן: ווער ביסטו?

— „אַ ייִד בין איך," — ענטפֿערט יענער.

— „היי, דו ייִד, שפּאַן אויס דײַן קו, בינד אָפּ דײַן אַקער־אײַזן.

— „וואָס איז דען?"

— „דער בית־המקדש איז ערשט חרובֿ געוואָרן."

— „פֿון וואַנען ווייסטו דאָס?" — פֿרעגט דער ייִד אַ דערשראָקענער.

— „פֿון דײַן קום ברום ווייס איך עס."

דערווײַל גיט די קו נאָך אַ מאָל אַ ברום. רופֿט זיך אָן דער אַראַבער:

— „היי, דו, ייִד, שפּאַן אײַן צוריק דײַן קו, בינד צו ווידער דײַן אַקער־אײַזן, ערשט איז דאָך געבוירן געוואָרן משיח, דער ייִדישער דערלייזער.

— „ווי הייסט ער?" — פֿרעגט דער ייִד.

— „מנחם הייסט ער."

— „און זײַן פֿאָטערס נאָמען?"

— „חזקיהו."

— „און וואו געפֿינט ער זיך?"

— „אין אַ דאָרף לעבן בית־לחם, יהודה."

גייט אַוועק דער ייִד, פֿאַרקויפֿט זײַן קו, פֿאַרקויפֿט זײַן אַקער־אײַזן און ווערט אַ הענדלער פֿון געוואַנט פֿאַר קינדער. לאָזט ער זיך אין וועג, לאַנד־אײַן, לאַנד־אויס, שטאָט־אײַן, שטאָט־אויס, ביז ער קומט

אַהין אין יענעם אָרט. קומען ווײַבער פֿון אַלע אַרומיקע דערפֿלעך, איינ־קויפֿן בײַ אים געוואַנט פֿאַר זייערע קינדער. נאָר איין פֿרוי, מנחמס מוטער, האָט גאָרניט געקויפֿט. הערט דער הענדלער ווי ווײַבער שרײַען אויף אַ קול: מנחמס מוטער, מנחמס מוטער! גיי קויף אײַן געוואַנט פֿאַר דײַן זונדל.

— „הלוואי וואָלט ער, שונאי־ציון, דערוואָרגן געוואָרן!" — ענטפֿערט יענע.

— „וואָס האָסטו צו אים?" — פֿרעגן די ווײַבער.

— „אינעם טאָג פֿון זײַן געבוירן איז דאָך דער בית־המקדש חרובֿ געוואָרן."

רופֿט זיך אָן דער ייִד:

— „גלייב מיר, טאָכטער, מיט אים איז ער חרובֿ געוואָרן און דורך אים וועט ער, אם ירצה השם, צוריק אויפֿגעבויט ווערן. נעם קויף פֿאַר אים."

— „איך האָב אָבער קיין געלט ניט," — זאָגט די מוטער.

— „עס מאַכט ניט אויס, נעם אויף באָרג; אַן אַנדער מאָל, ווען איך וועל ווידער קומען, וועסטו מיר באַצאָלן."

אין אַ צײַט אַרום קומט דער הענדלער ווידער אין יענעם אָרט. קלערט ער זיך: מען דאַרף גיין זען וואָס מאַכט דאָס קינד. קומט ער צו דער מוטער און פֿרעגט זי: „וואָס מאַכט עפּעס דײַן קינד?"

— „ער איז ניטאָ!" — ענטפֿערט די מוטער — „באַלד נאָך דײַן אוועקגיין זײַנען אָנגעקומען אַזעלכע ווינטן און שטורעמס, בײַ מיר פֿון די הענט אים אַרויסגעכאַפּט, און מיט אים אין איינעם פֿאַרשוואונדן געוואָרן — און ער איז ניטאָ!"

(אגדה)





בײַ אַ ספֿר — הערמאַן שטרוק

דוד אײנהאָרן

משיח

עס קלינגען די קייטן בײַם טויער פֿון רוים —
דאָרט זיצט ער מיט אָפֿענע וואונדן.
זיי ווייטיקן, קינד מײַנס, מיט אונדזערע לייד,
און ווערן ניט קיין מאָל פֿאַרבונדן.

און טויזנטער יאָרן פֿאַרגייען אַזוי
אין שטילע יסורים בײַם טויער.
און טיף אין אים קלײַבט זיך דער אייביקער ווײ
און ס'וואַקסט אַלץ דער אייביקער טרויער.

נאָך תשעה־באָבֿ, ווען עס קומט האַלבע נאַכט,
און פֿול ווערט מיט רחמים דער הימל,
עס פֿאַלן צוויי שטערן אַראָפּ, און ער ווערט
פֿאַרוויגט אין אַ הייליקן דרימל.

עס נידערט די שכינה אַראָפּ אויף זײַן קאָפּ
און קושט אים מיט ליבע אין שטערן,
און טרייסט אים און ווײַזט אים די גאולה אין טרוים,
און וויינט מיט באַהאַלטענע טרערן.

פון אַלטן קוואַל

ש. באַסטאָמסקי

דער קיניג און זײַן זון

(פֿאָלקס־מעשה)

אַ קיניג איז אַ מאָל אין כּעס געוואָרן אויף זײַן זון און האָט אים פֿאַרטריבן פֿון זײַן הויז.

דער זון האָט לאַנג געוואַנדערט און זיך געוואַלגערט איבער פֿעלדער און וועלדער און איז צום סוף פֿאַרוואַגלט געוואָרן אין אַ ווײַטן דאָרף.

בײַ נאַכט איז ער אָנגעקומען צו אַ הויז פֿון אַ פּויער און גענומען קלאַפּן אין טיר, טאָמער וועט ער דאָ געפֿינען אַן אָרט אויף איבער־צונעכטיקן.

דער באַלעבאָס האָט אים פֿריִער ניט געוואָלט אַרײַנלאָזן צו זיך אין הויז. ווען ער האָט אָבער דערזען זײַן שיין פּנים און דערהערט זײַנע קלוגע רייד, האָט ער גלײַך פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַן איידל קינד.

ער האָט זיך אויפֿן יונג דערבאַרעמט און צוגענומען צו זיך אין הויז צו טאָן בײַ אים אַלע זײַנע אַרבעטן.

אַזוי זײַנען אַוועק אַ סך יאָרן.

דער יונגערמאַן האָט מיט דער צײַט פֿאַרגעסן אָן זײַן היים און זײַן פֿריִערדיק לעבן, גלײַך ווי ער וואָלט געווען אַ קנעכט פֿון זײַן געבוירן אָן.

אַז דער פּויער איז געשטאָרבן, האָט ער געדינט בײַ זײַן זון.

דער זון איז געווען אַ שלעכטער מענטש. האָט ער די אַרבעט פֿון זײַן קנעכט נאָך שווערער געמאַכט און חוץ דעם אים אַפֿילו ניט געגעבן צו זאַט עסן.

דער קנעכט האָט געהונגערט. עס איז אים געווען אַזוי שלעכט — ניט אַריבערצוטראָגן. אָבער קלאָגן זיך איז ניט געווען פֿאַר וועמען.

*
**

דער זון — דער קנעכט — האָט דעם פֿאָטער פֿאַרגעסן. דער פֿאָטער — דער קיניג — האָט דעם זון געדענקט און נאָך אים שטאַרק געבענקט. וואו אים צו זוכן האָט ער אָבער ניט געוואוסט.

איין מאָל איז דער פֿאָטער שטאַרק טרויעריק געוואָרן אויף זײַן זון, וואָס ער ווייס ניט וואָס עס טוט זיך מיט אים. האָט ער אויסגערופֿן אין אַלע שטעט, אַז ווער עס ווייס עפּעס וועגן אַזאַ און אַזאַ, זאָל גלײַך קומען צום קיניג אין פּאַלאַץ און דערציילן וועגן דעם. יענער וועט פֿײַן באַלוינט ווערן.

קיינער האָט זיך אָבער ניט אָפּגערופֿן.

איז בײַם קיניג געבליבן, אַז ער וועט זיך אַליין אַוועקלאָזן איבער זײַן לאַנד זוכן זײַן פֿאַרלוירענעם זון.

* * *

און ער האָט טאַקע אַזוי געטאָן — אַוועקגעלאָזט זיך צוזאַמען מיט עטלעכע הויפֿלײַט איבערן לאַנד.

און וואו ער איז געקומען, האָט ער אומעטום געלאָזט אויסרופֿן, אין אַלע מערק און אין אַלע גאַסן, אַז יעדערער, וואָס האָט אַ משפּט, אַפֿילו אַ קנעכט אויף זײַן האַר — אַלע מעגן קומען צום קיניג און זוכן גערעכטיקייט.

און אַזוי ווי קיין אומרעכט פֿעלט ניט אין ערגעץ, האָבן זיך אַ סך מענטשן געלאָזט צו אים כּדי צו דערציילן וועגן זייער נויט און פּײַן.

און מער פֿאַר אַלעמען זײַנען געקומען קנעכט.

צווישן די געקומענע איז אויך געווען דעם קיניגס זון — דער קנעכט. מיט ביטערע טרערן האָט ער זיך געגומען קלאָגן אויף זײַן האַר, וואָס באַגייט זיך מיט אים אַזוי שלעכט און גיט אים אַפֿילו ניט ברויט צו זאַט.

דער זון האָט דעם פֿאָטער ניט דערקענט, אָבער דער קיניג האָט דעם זון גלײַך דערקענט, און זיך מיט אים שטאַרק דערפֿרייט. ער איז אים געפֿאַלן אויפֿן האַלדז און זיך צעוויינט:

— „מײַן זון, מיין ליב קינד!"

דער קנעכט האָט גאָרנישט ניט פֿאַרשטאַנען און האָט אַלץ איבערגעחזרט זײַן טענה: ער פֿאַרלאַנגט קיין אַנדער זאַך ניט, נאָר — דער באַלעבאָס זאָל אים געבן ברויט צו זאַט.

דער קיניג האָט דערהערט די טענה, איז ער מיט אַ מאָל טרויעריק געוואָרן.

זײַן פֿרייד איז פּלוצעם פֿאַרשוואונדן.
די הויפּלײַט האָבן זיך דערשראָקן.
וואָס איז געשען? פֿאַר וואָס איז דער קיניג פּלוצעם אַזוי טרויעריק געוואָרן?
האָט זיי דער קיניג געענטפֿערט:
— „איך בין טרויעריק, וואָס מײַן זון איז אַזוי געפֿאַלן. ווי האָט ער דאָס געקאָנט פֿאַרגעסן אָן זײַן היים, אָן זײַן פֿריִערדיק לעבן?! זײַן פֿאַלן איז דאָך אַזוי גרויס, אַז ער וויל אַפֿילו ניט ווערן אַ פֿרײַער מענטש און פֿירן אָן אַנדער לעבן!"

דער כּוח פֿון אמת

א.

אַמאָל איז געווען אַ מלך אין פּרס מיטן נאָמען דריוש (דאַריאַוועש). און ווי יעדער מלך האָט דריוש זייער ליב געהאַט צו באַרימען זיך פֿאַר דער וועלט מיט זײַן שטאַרקער מאַכט און זײַן גרויסער רײַכקייט.
אויפֿן צענטן יאָר פֿון זײַן קיניגן האָט דריוש אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל צו אַלע האַרן פֿון זײַן מלוכה אַזוי צו זאָגן:
— „איך, דריוש, דער מלך איבער אַלע מלכים, דער הערשער פֿון פּרס, באַפֿעל אײַך אַז איר זאָלט אַלע קומען אין מײַן הויפּטשטאָט שושן צו דער סעודה וואָס איך וועל פֿאַר אײַך מאַכן הונדערט טעג נאָך אַנאַנד, כּדי איך זאָל אײַך באַווײַזן מײַן גרויסקייט און מײַן עשירות."
און עס זײַנען געקומען אויף דעם באַפֿעל פֿון דעם מלך צען טויזנט געסט. און זיי האָבן אַלע געבראַכט טײַערע מתּנות פֿאַר דעם מלך, גאָלד און זילבער, און צירונג, און טעפּעכער, און בשׂמים.
און דער מלך האָט זײַנע געסט געבראַכט אין זײַן פּאַלאַץ וואו זיי האָבן געטרונקען די בעסטע ווײַנען פֿון גאָלדענע בעכערס, און געגעסן די געשמאַקסטע מאכלים פֿון זילבערנע טאַצן.
און אויפֿן זיבן און זיבעציקסטן טאָג פֿון דער סעודה האָט זיך דער מלך אויפֿגעשטעלט פֿון זײַן טראָן און האָט אַזוי געזאָגט:
— „מײַנע דרײַ ראָטגעבערס, די קליגסטע לײַט אין מײַן מלוכה, זיצן בײַ מיר אין פּאַלאַץ שוין איבער צוויי יאָר צײַט. זיי זײַנען דער ייִדישער פּרינץ זרובבֿל (זרובאָוול), דער אינדישער פּרינץ סידראַנעגאַ

און דער פּערסישער פּרינץ עפּיפּי. און כאָטש זיי זײַנען נאָך יונג אין יאָרן, זײַנען זיי אָבער קליגער פֿון אַלע מענטשן אין לאַנד. אָבער איך קען בשום אופֿן ניט אָפּמאַכן בײַ זיך ווער פֿון זיי איז דער קליגסטער. דער פֿון אײַך וואָס וועט מיר געבן אַן עצה ווי אַזוי איך זאָל דאָס דער־גיין, וועט קריגן אַ מתנה אַ רינגל מיטן קיניגלעכן נאָמען אויסגע־קריצט.״

דער קיניג האָט זיך אָוועקגעזעצט און געוואַרט צו הערן די עצות פֿון זײַנע געסט. אָבער אַלע עצות וואָס די צען טויזנט געסט האָבן אים געגעבן, זײַנען דעם מלך ניט געפֿעלן געוואָרן, ביז אַ פּרינץ וואָס איז געקומען פֿון אַ ווײַט לאַנד האָט זיך אויפֿגעהויבן און געזאָגט:

— „זאָלן די דרײַ קלוגע לײַט אונדז ענטפֿערן וואָס איז די שטאַרקסטע זאַך אויף דער וועלט, און וועמעס רייד עס וועט אונדז בעסער געפֿעלן ווערן, דעם וועלן מיר אָנרופֿן דעם קליגסטן פֿון אַלע דרײַ.״

„גוט האָסטו גערעדט״, — האָט דער קיניג געזאָגט, און ער האָט באַפֿוילן די דרײַ קלוגע אַז זיי זאָלן קומען פֿאַר די געסט און געבן זייער ענטפֿער.

ב.

האָט זיך אָנגערופֿן עפּיפּי, דער פּרינץ פֿון פּערסיע, וואָס איז געווען דער עלטערער און האָט געזאָגט:

— „ווײַן איז די שטאַרקסטע זאַך אויף דער וועלט. דער וואָס טרינקט ווײַן ווערט אַן אַנדער מענטש. דער שקלאַף פֿילט זיך פֿרײַ, דער אומעטיקער ווערט פֿריילעך, דער אָרעמאַן רעדט זיך אײַן אַז ער איז רײַכער ווי דער מלך, דער שווײַגער הייבט אָן צו רעדן, דער שרעקעדי־קער קריגט מוט, און דער תּלמיד מיינט אַז ער איז קליגער פֿון זײַן רבין. דערפֿאַר זאָג איך אַז ווײַן איז די שטאַרקסטע זאַך אויף דער וועלט.״

דערנאָך האָט זיך אויפֿגעשטעלט דער אינדישער פּרינץ סידראַנעגאָ און האָט אַזוי געזאָגט:

— „ווײַן איז שטאַרק, אָבער שטאַרקער פֿון דעם איז די מאַכט פֿון דעם מלך. מענטשן האָבן מורא פֿאַרן טויט, אָבער זיי גייען צום טויט אויפֿן באַפֿעל פֿון מלך. אויף אַ וואָרט פֿון מלך וועלן מענטשן אָפּרוקן בערג און אויסגלײַכן טאָלן. אויף זײַן באַפֿעל ווערן שטעט געבויט און שטעט חרובֿ געמאַכט. וואָס זײַן מויל רעדט נאָר אַרויס ווערט באַלד געטאָן, און וואָס זײַן האַרץ גלוסט נאָר ווערט באַלד אויסגעפֿילט. דעריבער זאָג איך אַז די מאַכט פֿון דעם מלך איז שטאַרקער פֿון אַלץ אויף דער וועלט.״

צום סוף האָט זיך אויפֿגעשטעלט דער יִינגסטער פֿון די דריַי, דער יִידישער פרינץ זרובבֿל, און געזאָגט:

— „שטאַרק איז וויַין, און נאָך שטאַרקער איז די מאַכט פֿון דעם מלך, אָבער שטאַרקער פֿון זיי איז דער כּוח פֿון דער פֿרוי. סיַי דער מלך וואָס הערשט איבער מענטשן, און סיַי מענטשן וואָס גייען אין מלחמות אויף זיַין באַפֿעל, און די מענטשן וואָס פֿיטערן שאָף, און וואָס פֿלאַנצן גערטנער, אַלע זיַינען די קינדער פֿון אַ פֿרוי. קיין מענטש קאָן ניט לעבן גליקלעך אָן אַ מוטער, אָן אַ שוועסטער, אָן אַ וויַיב און טעכטער. צוליב אַ פֿרוי פֿאַרלאָזט אַ מאַן זיַינע עלטערן, זיַינע חבֿרים, זיַין היים. צוליב אַ פֿרוי וועט אַפֿילו דער מלך זיך אָפּזאָגן פֿון זיַין טראָן. דעריבער זאָג איך אַז דער כּוח פֿון דער פֿרוי שטיַיגט אַריבער דעם כּוח פֿון וויַין און די מאַכט פֿון דעם הערשער.”

די האָרן און די הויפֿליַיט האָבן זיך ניט געקענט אָפּלויבן פֿון די קלוגע רייד פֿון דעם יִידישן פרינץ.

— „פּערל קומען פֿון זיַין מויל אַרויס.”

— „אַזוינע קלוגע רייד האָבן מיר פֿריִער קיין מאָל ניט געהערט.”

אָבער זרובבֿל האָט נאָך ניט געענדיקט און ער האָט וויַיטער צוגעגעבן:

— „יאָ, שטאַרק איז טאַקע וויַין, און שטאַרק איז דער מלך, און שטאַרק איז די פֿרוי, אָבער עס איז דאָ אויף דער וועלט אַ כּוח וואָס קענען אים זיַינען אָט די דריַי ווי אַ פֿישעלע קעגן לויתן פֿון ים, ווי אַ מילב קעגן דעם לייב פֿון וואַלד. וואָרעם דער כּוח פֿון וויַין, מלך און פֿרוי קומט און פֿאַרגייט אָבער דער כּוח פֿון יענער זאַך באַשטייט אויף אייביק.”

— „און וואָס איז דאָס אַזוינס?” — האָט דער מלך נײַגעריק געפֿרעגט.

— „שטאַרקער פֿון וויַין”, — האָט זרובבֿל אויסגערעכנט, — „און שטאַרקער פֿון דעם מלך, און שטאַרקער פֿון דער פֿרוי, און שטאַרקער פֿון אַלץ אויף דער וועלט איז דער כּוח פֿון אמת, וואָרעם דער אמת באַשטייט אויף אייביק.”

די פרינצן און די האָרן און די עלטסטע און אַלע צען טויזנט געסט וואָס אין דעם פּאַלאַץ האָבן זיך אויפֿגעשטעלט אויף זייערע פֿיס און געשריִען:

— „גרויס און מעכטיק איז דער אמת! גרעסער פֿון אַלץ אויף דער וועלט. און דער קליגסטער מענטש איז דער וואָס האָט דאָס געזאָגט!”

ג.

און דער מלך דריוש האָט זיך געווענדט צו דעם יונגן פּרינץ זרובבל:

— „איך האָב אָפּגעמאַכט ביי זיך אַז דעם קליגסטן פון לאַנד זאָל געגעבן ווערן אַלץ וואָס זיין האַרץ גלוסט. און איצט, זרובבל, זאָג נאָר וואָס איז דיין באַגער און עס וועט דיר באַלד געגעבן ווערן."

— „מיין האָר און קיניג", — האָט זרובבל געענטפערט, — „קיין זאַך פעלט מיר ניט און איך באַגער ניט קיין זאַך פאַר מיר אַליין. נאָר אויב דער קיניג וועט באַוויליקן מיין פאַרלאַנג, וויל איך בעטן אַז מיינע ברידער, די ייִדן, זאָלן זיך צוריק אומקערן צו זייער היימלאַנד אין יהודה און זיי זאָלן ווידער אויפבויען זייערע חרובֿע שטעט."

דער מלך האָט באַלד אונטערגעשריבן אַ באַפעל אַז אַלע ייִדן וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט זאָלן זיך אומקערן צוריק צו זייער לאַנד. און דער מלך האָט מיטגעשיקט אַן אַרמיי וואָס זאָל מיטגיין און באַשיצן די ייִדן אויפן וועג. און ער האָט די ייִדן באַפרייט פון שטייערן ביז זיי וועלן צוריק אויפבויען און באַזעצן די שטעט און דערפער פון יהודה.

און מתנות האָט דער מלך געגעבן פאַר דעם נייעם בית-המקדש וואָס די ייִדן וועלן אויפשטעלן אין ירושלים, און אויך די צען טויזנט געסט האָבן געשענקט מתנות.

און זרובבל, דאָס אייניקל פון אַ ייִדישן מלך, האָט אַרויסגעפירט די ייִדן פון גלות בבל און זיי געבראַכט צוריק קיין יהודה.

(פריי לויט דער אַגדה)

דער טייערסטער אוצר

א.

מיט איבער צוויי טויזנט יאָר צוריק האָט אין ארץ-ישראל געלעבט אַ גרויסער ייִדישער לערער מיטן נאָמען רב שמעון.

איין מאָל האָט רב שמעון געדאַרפט מאַכן אַ לאַנגע רייזע. האָט ער געשיקט זיין דינער אויפן מאַרק קויפן אַ קעמל.

ווען דער דינער האָט געבראַכט דעם קעמל און אַראָפּגענומען דעם זאָטל, האָט ער אויסגעפונען אַז אין זאָטל זיינען באַהאַלטן עטלעכע גרויסע דימענטן. איז ער אַוועק מיט אַ שמחה צו זיין באַלעבאָס:

— „רבי", — האָט דער דינער אויסגערופן, — „גאָט האָט באַשטימט אייך צו באַלוינען פאַר אייער גוטסקייט."

— „וואָס פֿאַר אַ סימן האָסטו?" — האָט ר' שמעון געפֿרעגט.
— „אַ סימן? טוט נאָר אַ קוק אויף די טײַערע דימענטן וואָס איך האָב געפֿונען אין דעם זאָטל פֿון דעם קעמל וואָס איך האָב נאָר וואָס געבראַכט פֿון מאַרק."
— „נעם די דימענטן און טראָג זיי צוריק אָפּ אויפֿן מאַרק צו זייער אייגנטימער, דעם קעמל־הענדלער", — האָט ר' שמעון, ניט טראַכטנדיק לאַנג שטרענג באַפֿוילן.
דער דינער האָט אַנגעשטעלט די אויגן אויפֿן באַלעבאָס און זיך ניט גערירט פֿון אָרט.
— „זאָג אים", — האָט ר' שמעון ווײַטער געזאָגט, — „אַז איך האָב ניט געקויפֿט קיין דימענטן."
נאָך מער ווי דער דינער איז געווען פֿאַרוואונדערט דער קעמל־הענדלער, ווען ער האָט דערזען די דימענטן.
ער איז באַלד אַוועק צו ר' שמעונען און אים געפֿרעגט:
— „זאָג מיר, פֿאַר וואָס האָסטו מיר צוריקגעשיקט די דימענטן, ווען דו האָסט זיי געקענט האַלטן פֿאַר זיך און קיינער וואָלט ניט געוואוסט פֿון דעם?"
האָט ר' שמעון אים אויף דעם געענטפֿערט:
— „ווען איך וואָלט באַהאַלטן פֿאַר זיך די דימענטן וואָס איך האָב ניט געקויפֿט, וואָלט איך פֿאַרלאָרן מײַן ערלעכקייט און מײַן געוויסן וואָלט מערניט געקענט זײַן ריין. זאָג מיר, מײַן זון, איז ערלעכקייט און אַ ריין געוויסן ניט אַ סך טײַערער ווי דימענטן?"
— „אַוודאי", — האָט דער קעמל־הענדלער צוגעשטימט.
— „אָן ערלעכקייט", — האָט ר' שמעון ווײַטער גערעדט, — „קען קיין מאָל ניט קומען דער גערעכטער סדר אויף דער וועלט."
— „איך האָב געהערט ווי מענטשן רעדן וועגן אַ גערעכטן סדר אויף דער וועלט, אָבער וואָס דאָס איז ווייס איך ניט", — האָט דער קעמל־הענדלער געזאָגט.
— „די וועלט", — האָט ר' שמעון אים גענומען דערקלערן, — „איז פֿול מיט גוטס און שלעכטס. ווען אַל דאָס שלעכטס אויף דער וועלט זאָל פֿאַרשווינדן און עס זאָל פֿאַרבלײַבן נאָר דאָס גוטס — יעמאָלט וועט קומען דער גערעכטער סדר אויף דער וועלט."
— „אָבער ווי אַזוי קען מען אָפּשאַפֿן דאָס שלעכטס?" — האָט דער הענדלער געפֿרעגט.
— „אין משך פֿון זײַן לעבן", — האָט ר' שמעון ווײַטער דער־

קלערט, — „קריגט דער מענטש דרײַ נעמען. איין נאָמען גיבן אים די עלטערן, ווען ער ווערט געבוירן; אַ צווייטן נאָמען קריגט ער פֿון זײַנע פֿרײַנד. איז ער אַ גוטער פֿרײַנד, האָט ער בײַ זיי אַ גוטן נאָמען; ווידער פֿאַרקערט, אויב ער איז ניט קיין גוטער פֿרײַנד, האָט ער בײַ זיי אַ שלעכטן נאָמען. דעם דריטן נאָמען קריגט ער בײַ דער וועלט, לויט זײַנע מעשׂים. איז ער אַ גוטער, אַ שלעכטער, אַ קאַרגער, אַ פֿרײַנד-לעכער — אַזאַ נאָמען קריגט ער. דער דריטער נאָמען איז זײַן אמתער נאָמען. ווײַל בלויז לויט זײַנע מעשׂים ווערט דער מענטש געמשפּט. נאָר מיט גוטע מעשׂים קענען מענטשן אָפּשאַפֿן דאָס שלעכטס פֿון דער וועלט.״

ב.

— „פֿון אַלע גוטע מעשׂים, וואָס אַ מענטש קען טאָן, וואָס איז דאָס בעסטע?״ — איז דער קעמל-הענדלער געווען נײַגעריק צו וויסן.

— „צדקה, מײַן זון״, — האָט ר׳ שמעון געענטפֿערט. — „צדקה איז ווי אַ גאָלדענער לייטער וואָס גרייכט פֿון דער ערד ביז צום הימל. ווער עס דערגרייכט זײַן העכסטן שפּיץ דער העלפֿט מיט צו ברענגען דעם גערעכטן סדר אויף דער וועלט. אַכט שטאַפּלען פֿאַרמאָגט אָט דער גאָלדענער לייטער פֿון צדקה.

„דעם ערשטן שטאַפּל דערגרייכט דער מענטש וואָס גיט צדקה מיט דער האַנט, אָבער ניט מיטן האַרצן.

„דעם צווייטן שטאַפּל דערגרייכט דער וואָס גיט אי מיטן האַנט און אי מיטן האַרצן.

„דעם דריטן שטאַפּל דערגרייכט דער וואָס גיט פֿרײַ און ברייט-האַרציק, אָבער ניט פֿריִער איידער מען בעט בײַ אים.

„צו דעם פֿערטן שטאַפּל קומט צו דער וואָס גיט טאַקע פֿרײַ און ברייטהאַרציק, נאָך איידער מען בעט בײַ אים, אָבער ער גיט עס דירעקט צו די וואָס נייטיקן זיך אין הילף און זיי פֿילן זיך פֿאַרשעמט און דערשלאָגן.

„דער פֿינפֿטער שטאַפּל איז פֿאַר די וואָס גיבן פֿרײַ, ווען מען בעט בײַ זיי ניט און אויף אַזאַ אופֿן אַז די וואָס געווינען פֿון זייער צדקה וויסן ווער עס האָט די צדקה געגעבן, אָבער די געבערס אַליין וויסן ניט ווער עס קריגט די הילף.

„אויף דעם זעקסטן שטאַפּל קומען אַרויף די וואָס גיבן פֿרײַ און וואָס וויסן ווער עס קריגט די הילף אָבער די וואָס קריגן די צדקה וויסן ניט פֿון וועמען עס קומט.

„דעם זיבעטן שטאַפּל דערגרייכן די וואָס גיבן ברייט, פֿון פֿולן הארצן, נאָך איידער מען בעט ביי זיי און זיי ווייסן ניט ווער עס קריגט די הילף און די וואָס קריגן די הילף ווייסן ניט ווער עס האָט זי געגעבן.

„אָבער דעם העכסטן אַכטן שטאַפּל דערגרייכן די וואָס מיט זייערע מעשים פֿירן זיי צו דעם אַז קיין מענטשן זאָלן מער צו צדקה ניט דאַרפֿן אָנקומען; די וואָס לערנען אויס מענטשן אַ מלאָכה, וואָס פֿאַרשפּרייטן וויסן, וואָס גיבן אַרבעט דעם אַרבעטסלאָזן און וואָס אַרבעטן פֿאַר אַזאַ וועלט-סדר, וואָס וועט זיין פֿריי פֿון נויט און אָרעמקייט און וואו מען וועט זיך מער ניט נייטיקן אין צדקה."

— „זיינען גוטע מעשים וויכטיקער ווי דאָס קענען די הייליקע תּורה? — האָט געפֿרעגט דער קעמל-הענדלער.

— „גוטע מעשים, מיין זון, שטייען העכער ווי חכמה", — האָט ר' שמעון געענטפֿערט.

— „רבי" — האָט געזאָגט דער קעמל-הענדלער, — „איך בין געקומען אייך באַדאַנקען וואָס איר האָט מיר אומגעקערט די דימענטן. אָבער איצט בין איך אייך שולדיק אַ גרעסערן חובֿ. אייערע ווערטער זיינען טייערער ווי די טייערסטע דימענטן."

(פֿריי לויט דער אגדה)

שלום-עליכם

שלום-עליכם

שלום-עליכם

װעגן זיך אַליין

א.

אין אַ קלײן שטעטל, װאָראָנקאָ, האָב איך פֿאַרבראַכט די בעסטע גילדענע יאָרן, מײַנע ערשטע גוטע נאַרישע קינדער-יאָרן.

אין דעם דאָזיקן קלײנעם שטעטל איז מײַן פֿאָטער געװען דער גבֿיר, דער גבאי! און מיר, די קינדער, אױך ניט קײן קלײניקײט! אַלע שבת צו נאַכטס איז געװען בײַ אונדז אַ מלװה-מלכּה פֿאַר דעם גאַנצן שטעטל, אַלע יום-טובֿ איז מען געקומען צו אונדז אױף קידוש, אַלע נײַעס האָט מען געבראַכט צו אונדז און אַרױסגעטראָגן פֿון אונדז, אַ גלעזל װײַן האָט מען געטרונקען בײַ אונדז. אַלצדינג בײַ אונדז. און אונדז, די קינדער, האָט מען אָפּגעגעבן צו דעם בעסטן מלמד, און פֿרום זײַנען מיר געװען, באמת פֿרום.

די פֿאַנטאַזיע איז בײַ מיר געװען פֿון קינדװײַז אָן מאָדנע גרױס און צעהיצט. הײַזער האָבן בײַ מיר אױסגעזען װי שטעט, בײמער — מענטשן, גראָז — זעלנער, שטעכלקעס — פּלישתּים. און איך פֿלעג גײן אױף זײ אין מלחמה.

אױפֿכאַפּן דאָס קאָמישע פֿון יעדן מענטשן — דאָס איז געװען

ביי מיר כמעט א חולאת. איך פלעג ניט ווילנדיק נאָכמאַכן יעדן באַזונדער, פונעם רבין מיט דער רביצין מיט אַלע חבֿרים ביז די טאַטע־מאַמעס. און פאַר אַט דעם נאָכמאַכן האָב איך געכאַפּט פּעטש. אין חדר בין איך געווען דער קאָמיקער. אַלע פלעגן לאַכן, ביזן טויט לאַכן, אַחוץ מיר.

נאָר איינער איז געווען מיט מיר א גלײַכער אויף מאַכן אָנשטעלן, זיך פאַרשטעלן, „שפּילן" זיך, „גרימירן", און בשעת־מעשה זינגען שיינע, וואונדער שיינע לידער. דאָס איז געווען מאירל דעם רבינס. ער איז געגאַנגען באַרוועס און געזונגען דאָס שענסטע ליד פאַר א גראָשן אָדער פאַר א האַלבן עפּל. מיר אַלע האָבן געשפּילט דעם „גזלן", א טעאַטער־שטיק, אונדזער אייגענע פאַנטאַזיע. מאירל איז געווען דער גזלן, איך בין געווען דער ייִד, דער אָרעמאַן, און די איבעריקע חבֿרים זײַנען געווען דער וואַלד (די ביימער פון וואַלד). איך, דער ייִד — דער אָרעמאַן (דער „אייביקער ייִד"), בין געשטאַנען פאַר אים (פאַרן גזלן), אויף די קניִען, געטענהט: „וואָס האָסטו צו מיר, איך בין א ייִד אַן אָרעמאַן!" און ער, דער גזלן, מיט א מעסער אין האַנט, האָט געזונגען זייער א שיין לידל: אַז ער מוז, מוז אויסקוילען אַלע ייִדן!... א קינדערשער נאַרישער שׂכל! קיין געשיכטע האָבן מיר נאָך דעמאָלט ניט געלערנט, קיין נבֿיאים זײַנען מיר ניט געווען: פון וואַנען האָט זיך צו אונדז גענומען, אַז דער ייִד איז אַן אבֿיון און באַדאַרף קניִען פאַרן גזלן, און ער, דער גזלן, דאַרף זינגען א לידל: אַז ער מוז, ער מוז אויסקוילען אַלע ייִדן!...

ווי ווײַט שלעכט מיר זײַנען ניט געווען, איז דאָס געפיל פון צער־בעלי־חיים געווען אַזוי גרויס, אַז א קראַנק פערד האָט מיך געקרענקט, א הונט מיט אַן איבערגעבראָכענעם פוס האָט אַרויסגערופן ביי מיר טרערן, און אַפילו א קאַץ איז ביי מיר געווען טײַער און ליב. און פון קראַנקע און אָרעמע קינדער שמועסט מען ניט.

ב.

דער חשק פון שרײַבן — מערקווירדיק! — האָט זיך גענומען ביי מיר פון דעם רבינס זעלטן שיין הענטל... פאַר א שיינעם „כּתבֿ" האָט אונדז דער טאַטע געשענקט א גראָשן און צוליב דעם שיינעם כּתבֿ האָב איך זיך אויפגעניײט א ביכל און האָב שוין אָנגעשריבן („פאַרפאַסט") א גאַנצן חיבור אויף תּנך און אַז איך האָב באַוויזן דעם טאַטן, איז ער פאַרוואונדערט געוואָרן פון מײַן „ווערק" און האָט דאָס לאַנג אַרומגעטראָגן ביי זיך אין קעשענע, באַוויזן איטלעכן באַזונדער,

ווי שיין זײַן זון שרײַבט (אַלט האָב איך באַדאַרפֿט דעמאָלט זײַן אַ יאָר 10).

געצויגן האָט מיך אַלץ אַהין אין יענע וועלטן פֿון חלומות, פֿון געזאַנג, פֿון שפּילן, און איך האָב אַליין נאָך דער בר־מצווה בגנבֿה זיך צוגעכאַפּט צום פֿידל און געכאַפּט דעם רעכטן פּסק פֿון מײַן טאַטן.

פֿאַראָרעמט געוואָרן, זײַנען מיר אַריבערגעפֿאָרן פֿון דעם קליינעם שטעטל אין דער גרויסער שטאָט. דאָרט האָט מען מיר אויפֿגעגנייט די ערשטע קורצע קאַפּאָטקעלעך, און אַז די מאַמע איז געשטאָרבן, האָט אונדז דער טאַטע אָפּגעגעבן אין דער שקאָלע, און איך האָב מיך אויסגעפֿײַנט צווישן אַלע קינדער, און נאָך דעם ערשטן ביכל, וואָס איך האָב אויף מײַן לעבן געלייענט צו 15 יאָר — „ראָבינזאָן קרוזאָ", האָב איך גלײַך געמאַכט אַן אייגענעם „ראָבינזאָן קרוזאָ" מיטן נאָמען: „דער צווייטער ראָבינזאָן", באַוויזן דעם טאַטן, און דער טאַטע האָט באַוויזן די אורחים (בײַ אונדז איז געווען אַן אײַנפֿאָרהויז), און אַלע זײַנען אַרויס פֿון די כּלים!

פֿון דעמאָלט אָן האָט דער טאַטע געקוקט אויף מיר ווי אויף אַן אוצר, ניט געלאָזט, מען זאָל מיך שלאָגן, ניט געלאָזט וויגן די קליינע קינדער, ניט געגעבן האַקן מיר ראָזשינקעס ווי פֿריִער (בײַ אונדז איז געווען אויך אַ ווײַנקעלער) און פֿאַרווערט מיר פּוצן פֿאַר די אורחים די שטיוול, שטעלן דעם סאַמאָוואַר, לויפֿן אַ גאַנג און אַלץ וואָס איך פֿלעג פֿאַר זיי טאָן ביז יענער צײַט.

שלום-עליכם אַלס ייִנגל — י. אונגאַר

שלום־עליכם

מאָטל פּייסי דעם חזנס



„קמץ אַלף — אָ" ‏ נ. מינקאָוו

איך און דאָס קעלבל

א.

איך גיי מיט אײַך אין געוועט אויף וויפֿל איר ווילט, אַז קיינער אין דער וועלט איז נישט געווען אַזוי צופֿרידן מיטן וואַרעמען ליכטיקן נאָך פּסח, ווי איך, פּייסי דעם חזנס יינגל, מאָטל און דעם שכנס קעלבל וואָס מע רופֿט דאָס „מעני" (דאָס האָב איך, מאָטל, דעם אַ נאָמען געגעבן „מעני").

ביידע גלײַך האָבן מיר דערפֿילט די ערשטע שטראַלן פֿון דער

ווארעמער זון,ביידע גלײַך האָבן מיר דערשמעקט דעם ריח פֿונעם ערשטן גרינעם גרעזעלע, וואָס קריכט, שפּראָצט ארויס פֿון דער ערד, און ביידע גלײַך זײַנען מיר ארויסגעקראָכן צו באַגעגענען דעם ערשטן זיסן ליכטיקן ווארעמען פֿרילינג-מאָרגן. איך, פּייסי דעם חזנס יינגל, מאָטל, בין ארויס פֿון אַ קאַלטן נאַסלעכן קעלער, און מעני, דעם שכנס קעלבל, האָט מען ארויסגעלאָזט פֿון אַ קליין, פֿינצטער, בלאָטיק שטעלכל וואָס ווינטער בלאָזט ארײַן אהין דער שניי און זומער שמײַסט ארײַן דער רעגן.

ארויסגעכאַפּט זיך אויף גאָטס פֿרײַער, ליכטיקער וועלט, האָבן מיר ביידע, איך און מעני, זיך גענומען אויסדריקן אונדזער צופֿרידנ-קייט. איך, פּייסי דעם חזנס יינגל, האָב אויפֿגעהויבן ביידע הענט ארויף, אויפֿגעעפֿנט דאָס מויל און ארײַנגעצויגן אין זיך די פֿרישע ווארעמע לופֿט אַזוי פֿיל, וויפֿל איך האָב געקענט, — און עס האָט זיך מיר אויס-געדאַכט, אַז איך וואַקס אין דער הייך, און עס ציט מיך ארויף-ארויף.

גאַנץ אַנדערש האָט דאָס אויסגעדריקט מעני, דעם שכנס קעלבל.

מעני, דעם שכנס קעלבל, האָט קודם ארײַנגעשטעקט די שווארצע, נאַסע מאָרדע אין מיסט ארײַן, אַ שאַר געטאָן מיטן פֿאָדערשטן פֿיסל די ערד אונטער זיך אַ מאָל דרײַ, פֿאַרריסן דעם עק, אויפֿגעשפּרונגען נאָך דעם אויף אַלע פֿיר, און ארויסגעלאָזט אַ „מע!" דער „מע" האָט מיר אויסגעוויזן אַזוי קאָמיש, אַז איך האָב מיך געמוזט צעלאַכן און נאָכמאַכן פּונקט דעם אייגענעם „מע", וואָס מעני. מענין איז דאָס, ווײַזט אויס, געפֿעלן, ווארעם עס האָט נישט לאַנג גענומען, האָט דאָס קעלבל איבערגעחזרט דאָס אייגענע נאָך אַ מאָל, און מיטן זעלביקן שפּרונג. איך האָב דאָס באַלד נאָכגעטאָן מיטן קול און מיטן שפּרונג. אַזוי עטלעכע מאָל: איך אַ שפּרונג, דאָס קעלבל אַ שפּרונג; דאָס קעלבל אַ „מע", איך אַ „מע". ווער ווייס, ביז וואַנען די שפּיל וואָלט זיך אַזוי געצויגן, ווען נית אַ שנײַד פֿון הינטן אין האַלדז ארײַן פֿון מײַן עלטערן ברודער אליהו מיט אַלע זײַנע פֿינף פֿינגער:

— „וויי איז מיר! אַ בחור פֿון כּמעט נײַן יאָר שטעלט זיך אַוועק טאַנצן מיט אַ קעלבל!... אין שטוב ארײַן גיי, דו הולטײַ איינער!... דער טאַטע וועט דיר שוין געבן!..."

ב.

בלאָטע! דער טאַטע וועט מיר נית „געבן" גאָרנישט. דער טאַטע איז קראַנק. ער דאַוונט שוין נישט פֿאַרן עמוד פֿון שמחת-תּורה אָן.

גאַנצע נעכט הוסט ער. עס גייט צו אונדז דער דאָקטער, אַ גראָבער מיט שוואַרצע וואָנצעס און מיט לאַכעדיקע אויגן — אַ פֿריילעכער דאָקטער. מיך רופֿט ער „פּופּעק" און שנעלט מיר מיט די פֿינגער אין בײַכל אַרײַן. ער זאָגט אַ פּאָר מאָל דער מאַמען, מען זאָל מיך נישט שטאָפּן מיט קיין קאַרטאָפֿליעס, און דעם קראַנקן זאָל מען געבן נאָר בוליאָן און מילך, מילך און בוליאָן.

די מאַמע הערט אים אויס, און אַז ער גייט אַוועק, באַהאַלט זי דאָס פּנים אין פֿאַרטעך און די אַקסלען טרייסלען זיך בײַ איר... נאָך דעםווישט זי אויס די אויגן, רופֿט אָפּ מײַן ברודער אליהו אויף אַ זײַט, און מע רעדט שטילערהייט. וואָס זיי ריידן — ווייס איך נישט. נאָר מיר דאַכט, זיי קריגן זיך. די מאַמע שיקט אים ערגעץ, ער וויל ניט גיין. ער זאָגט צו איר:

— „איידער אַנקומען צו זיי, וועל איך בעסער שטאַרבן הײַנטיקן טאָג!"

— „בײַם דיר אָפּ די צונג! וואָס רעדסטו?"

אַזוי ענטפֿערט אים די מאַמע שטיל, און מאַכט צו אים מיט די הענט. זי ווערט אָבער באַלד ווייך און מאַכט צו אים:

— „וואָס זאָל איך טאָן, מײַן זון? אַ רחמנות אויפֿן טאַטן... מע מוז דאָך אים ראַטעווען!"

— „פֿאַרקויפֿט מען עפּעס," — זאָגט מײַן ברודער אליהו און כאַפּט אַ קוק אויף דער גלעזערנער שאַפֿע. און די מאַמע קוקט אויך אויף דער זעלביקער שאַפֿע, ווישט די אויגן און זאָגט שטיל:

— „וואָס זאָל איך פֿאַרקויפֿן? די נשמה? שוין נישטאָ וואָס צו פֿאַרקויפֿן. סײַדן די לײדיקע שאַפֿע?"

— „פֿאַר וואָס נישט?" — זאָגט איר מײַן ברודער אליהו.

— „רוצח!" — ענטפֿערט אים די מאַמע מיט רויטע אויגן. — „פֿון וואַנען האָבן זיך צו מיר גענומען אַזעלכע רוצחים קינדער?!"

די מאַמע פֿײַערט און קאָכט, וויינט זיך אויס, ווישט אויס די אויגן און בעט זיך באַלד איבער. אַזוי איז געווען אויך מיט די ספֿרים, מיט די צוויי געגילטע בעכערלעך, מיט איר זײַדן קלייד, און מיט אַלע איבעריקע זאַכן, וואָס זײַנען פֿאַרקויפֿט געוואָרן בײַ אונדז אײנציקווײַז און אַלע מאָל אַן אַנדערן.

ג.

די ספֿרים האָט אַוועקגעקויפֿט מיכל, אַ ייִד מיט אַ שיטער בערדל, וואָס ער האַלט דאָס אין איין קראַצן. מײַן ברודער אליהו איז נעבעך

געגאַנגען צו אים דרײַ מאָל, איידער ער האָט אים אַראָפּגעבראַכט. די מאַמע האָט זיך דערפֿרייט, אַז זי האָט אים דערזען, און באַוויזן אים מיטן פֿינגער, ער זאָל רעדן שטיל, כּדי דער טאַטע זאָל נישט הערן.

מיכל האָט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרריסן דעם קאָפּ אַרויף אויף דער פּאָליצע, זיך געקראַצט אונטערן בערדל און אַ זאָג געטאָן:

— „אַנו ווײַזט, וואָס האָט איר דאָרטן?"

מיט אַ וואונק האָט מיר די מאַמע באַוויזן, איך זאָל אַרויף אויפֿן טיש און דערלאַנגען די ספֿרים. איך בין מיט איין שפּרונג אַרויף מיט אַזאַ פֿרייד, אַז איך האָב מיך אויסגעצויגן איבערן טיש און נאָך געכאַפּט אַ צוגאָב פֿון מײַן ברודער אליהו, איך זאָל נישט שפּרינגען, ווי אַ משוגענער. מײַן ברודער אליהו איז אַליין אַרויף אויפֿן טיש און האָט דערלאַנגט מיכלען אַלע ספֿרים. מיכל האָט מיט איין האַנט געבלעטערט די ספֿרים, מיט דער אַנדערער זיך געקראַצט דאָס בערדל און געזאָגט חסרונות. יעדער ספֿר האָט זײַן חסרון: דאָרט איז דער בונד געווען נישט גוט, בײַ דעם איז דער רוקן שטאַרק צעגעסן, דאָ איז דער ספֿר אַליין קיין ספֿר נישט. און אַז ער האָט שוין גאַנץ גוט איבערגעקוקט אַלע ספֿרים, מיט אַלע בונדן, מיט אַלע רוקנס, האָט ער זיך אַ קראַץ געטאָן אין בערדל:

— „ס'זאָל זײַן משניותן אַ גאַנצער גאַנג, וואָלט איך זיי אפֿשר אַוועקגעקויפֿט."

די מאַמע איז געוואָרן טויט ווי די וואַנט, און מײַן ברודער אליהו איז, פֿאַרקערט, געוואָרן רויט ווי פֿײַער; ער איז אָנגעפֿאַלן אויפֿן פֿאַקנטרעגער:

— „האָט איר דאָך פֿריִער געקאָנט זאָגן, אַז איר קויפֿט נאָר משניותן! וואָס זענט איר געקומען דרייען אַ מוח?"

— „לאָז זײַן שטיל!" — בעט זיך בײַ אים די מאַמע, און עס הערט זיך אַ הייזעריקע שטים פֿונעם צווייטן אַלקער, וואו דער טאַטע ליגט:

— „ווער איז דאָרטן?"

— „קיינער נישט!" — ענטפֿערט אים די מאַמע, און שיקט אָפּ מײַן ברודער אליהון צום קראַנקן, און אַליין האַנדלט זי מיט מיכל דעם פֿאַקנטרעגער, פֿאַרהאַנדלט אים די ספֿרים, אַ פּנים, פֿאַר זייער ווינציק געלט, וואָרעם אַז מײַן ברודער אליהו קומט אַרויס פֿונעם טאַטנס אַלקער און פֿרעגט זי: „וויפֿל?" — שטופּט זי אים אָפּ און זאָגט אים: „ס'איז נישט דײַן עסק!"... און מיכל כאַפּט די ספֿרים גיך־גיך, פּאַקט זיי אײַן אין אַ זאַק אַרײַן און גייט אַוועק.

וואָס וועט זײַן פֿון מיר?

א.

אַנו, טרעפֿט, וואו איז דער גן־עדן? איר וועט נישט טרעפֿן. ווייסט איר פֿאַר וואָס? ווײַל בײַ איטלעכן איז ער אויף אַן אַנדער אָרט. למשל, די מאַמע זאָגט, אַז דער גן־עדן איז דאָרטן, וואו מײַן טאַטע, פּייסי דער חזן געפֿינט זיך. דאָרטן, זאָגט זי, געפֿינען זיך אַלע ערלעכע נשמות, וואָס זײַנען נעבעך אָפּגעקומען אויף דער וועלט; דערפֿאַר וואָס זיי האָבן נישט די וועלט, קומט זיי יענע וועלט.

דאָס איז דאָך קלאָר, ווי דער טאָג. דער בעסטער באַווײַז איז טאַקע דער טאַטע מײַנער. וואָרעם וואו דען זאָל ער זײַן, אַז נישט אין גן־עדן? קאָרג האָט ער זיך אָנגעמוטשעט אויף דער וועלט?... אַזוי זאָגט די מאַמע מײַנע אוןווישט זיך בשעת מעשה די אויגן, ווי איר שטייגער איז, אַז זי רעדט פֿונעם טאַטן.

פֿרעגט זשע אָבער בײַ מײַנע חבֿרים, וועלן זיי אײַך דערציילן מעשיות, אַז דער גן־עדן געפֿינט זיך ערגעץ אויף אַ באַרג פֿון סאַמע קרישטאָל, הויך ביזן הימל. ייִנגלעך לויפֿן דאָרט אַרום פֿראַנק און פֿרײַ, לערנען לערנט מען נישט, נאָר מע באָדט זיך גאַנצע טעג אין מילך און מען עסט האָניק מיט פֿולע הויפֿנס. זעגט איר שוין פּאַרטיק?

קומט צו גיין אַ ייִד אַן אײַנבינדער און טוט אַ זאָג, אַז דער אמתער גן־עדן איז גאָר פּרײַטיק אין באָד. איך האָב עס אַליין געהערט פֿון משה דעם אײַנבינדער, איך זאָל אַזוי הערן אַל דאָס גוטס! הײַנט גייט דערגייט אַן עק!

מען זאָל, אַ שטייגער, פֿרעגן מיך, וואָלט איך געזאָגט, אַז דער גן־עדן — דאָס איז מנשה דעם רופֿאס גאָרטן. זינט איר לעבט, האָט איר נאָך אַזאַ גאָרטן נישט געזען. דאָס איז דער איינציקער גאָרטן נישט נאָר אויף אונדזער גאַס, נישט נאָר בײַ אונדז אין שטאָט, — איך האָב מורא, אַז אויף דער גאַנצער וועלט איז נישטאָ נאָך אַזאַ גאָרטן. נישט געוועזן און עס וועט נישט זײַן! דאָס וועלן אײַך אַלע זאָגן.

ב.

מנשה דעם רופֿאס ווײַב רופֿט מען אויף איר מאַנס נאָמען: „מנשהכע די רופֿאטע". זי איז אַ בייזע ייִדענע. אַזוי זאָגן אַלע. אַ פּנים האָט זי אַ מאַנצבילש, אַ קול פֿון אַ מאַנצביל, טראָגט מאַנצבילשע שטיוול און אַז זי רעדט, דאַכט זיך אײַך אויס, אַז זי בייזערט זיך.

זי האָט אַ שיינעם נאָמען אויף דער וועלט. זינט זי לעבט, האָט נאָך קיין אָרעמאַן ביי איר קיין שטיקל ברויט נישט אויפגעגעסן. און אַ שטוב איז ביי איר פון אַל דאָס גוטס.

ביי איר קאָנט איר געפינען איינגעמאַכטסן פון פאַר אַ יאָרן, פון פאַר דריי יאָרן און פון פאַר צען יאָרן. וואָס דאַרף זי, למשל, אַזוי פיל איינגעמאַכטס? פרעגט זי, אַ שטייגער, ווייסט זי אַליין נישט. אָט אַזאַ טבֿע איז ביי איר.

אַ פאַרפאַלענע זאַך, איר וועט זי שוין נישט איבערמאַכן. זי ווייס, אַז עס קומט דער זומער, האַלט זי אין איין פרעגלען איינגעמאַכטס. איר מיינט, זי פרעגלט אויף קוילן? וואָס? ווער? זי קאָן באַשטיין אויף שטעכלקעס, אָפגעפאַלענע בלעטלעך. זי מאַכט אָן אַזאַ רויך אויף דער גאַנצער גאַס, אַז מע קאָן דערשטיקט ווערן.

טאָמער וועט זיך אייך מאַכן אַ מאָל קומען צו אונדז זומערצייט און איר וועט דערפילן אַ רויך, זאָלט איר זיך נישט שרעקן, ס'איז ניט קיין שׂרפֿה. דאָס פרעגלט מנשהכע די רופאטע איינגעמאַכטס, אַליין, מיט אירע אייגענע הענט, פון אירע אייגענע פּירות, פון איר אייגענעם גאָרטן. און אָט אַזוי קומען מיר צו צום גאָרטן.

ג.

וואָס פאַר אַ פּירות געפינט איר נישט אינעם דאָזיקן גאָרטן? עפל, און באַרן, און ווינשל, און פלוימען, און קאַרשן, און ווײַמפּערלעך, און מאַלינעס, און וואָס נישט? וואָס דאַרפט איר מער — אַפילו ווײַנ-טרויבן וואו קריגט מען? — ביי איר, ביי מנשהכע דער רופאטע!

איך בין באַקאַנט מיטן דאָזיקן גאָרטן. איך ווייס אַפילו, וואו יעדערביימעלע געפינט זיך, און וואָס עס וואַקסט אויף דעם, און צי ס'איז הײַנטיקס יאָר געראָטן אָדער נישט אַזוי געראָטן. פון וואַנען ווייס איך דאָס? שרעקט אייך נישט, איך בין דאָרטן קיין מאָל נישט געווען. ווי אַזוי האָב איך געקענט זײַן, אַז דער גאָרטן איז אַרומגעצאַמט מיט אַ הויכן פּאַרקאַן. זענט איר שוין פאַרטיק? איז אינעווייניק דאָ אַ הונט. נישט קיין הונט, נאָר אַ וואָלף! אויף אַ לאַנגן שטריק שטייט ער צוגעבונדן — אָט דער הונט, און אָנו, לאָז נאָר עמעצער דורכגיין פאַרביי, אָדער לאָז זיך אים דאַכטן אַז עמעצער גייט פאַרביי, הייבט ער אָן צו רײַסן זיך, שפּרינגען און בילן. פרעגט זיך אַ פראַגע: וויבאַלד אַזוי ווי קום איך אין גאָרטן אַרײַן? הערט זשע, וועל איך אײַך דערציילן.

ד.

מענדל דעם שוחטס קענט איר, צי ניין? ביי מענדל דעם שוחטס אַז מע זיצט אויפֿן דאַך, קאָן מען זען אַלצדינג וואָס ביי מנשה דעם רופֿא אין גאָרטן טוט זיך. די גאַנצע קונץ איז, ווי אַזוי קלעטערט מען אַרויף צו מענדל דעם שוחטס אויפֿן דאַך? ביי מיר איז דאָס גאָרנישט. ווייסט איר, פֿאַר וואָס? ווייל מענדל דעם שוחטס דירה איז די אַנדערע פֿון אונדז און איז אַ סך נידעריקער פֿון אונדזער דירה. אַז מע דראַפּעט זיך אַרויף צו אונדז אויפֿן בוידעם (איך טו דאָס אָן אַ לייטער; איך וועל אייך אַפֿשר אַ מאָל זאָגן ווי אַזוי), און שטעלט איר אַרויס אַ פֿוס פֿונעם קליינעם פֿענצטערל, אַזוי זענט איר שוין ביי מענדל דעם שוחטס אויפֿן דאַך. דאָרטן לייגט איר זיך אַוועק ווי אַזוי איר ווילט: אָדער מיטן פּנים אַרויף, אָדער מיטן פּנים אַראָפּ. יעדנפֿאַלס, לייגן זיך מוזט איר, אַנישט — קאָן מען אייך דערזען: וואָס טוט איר ביי מענדל דעם שוחטס אויפֿן דאַך? איך האָב אויסגעקליבן תּמיד אַ צייט פֿאַרנאַכטלעך, ווען איך בין געגאַנגען אין שול אַריין קדיש זאָגן. דעמאָלט איז נישט טאָג און נישט נאַכט, די בעסטע צייט. פֿון דאָרטן אַראָפּגעקוקט אין גאָרטן אַריין, שווער איך אייך, אַז ס'איז אַ גן־עדן!...

ה.

איר האָט נאָך אַזאַ מכשפֿה ווי מנשה דעם רופֿאָס ווייב נישט געזען. לאָז אַראָפּפֿאַלן אַן עפּעלע אַ ווערעמדיקס, אַן איינגעדאַרטס, אַן איינגעקניייטשטס, וועט זי זיך נישט פֿוילן זיך אָנבייגן, אויפֿהייבן, אַריינלייגן אין פֿאַרטעך אַריין און אַוועקטראָגן. וואוהין טראָגט זי זיי? אַ פּנים אויפֿן בוידעם און אפֿשר אין קעלער. עס ווייזט אויס, אַז אין קעלער. וואָרעם איך האָב געהערט דערציילן, אַז פֿאַר אַ יאָרן איז ביי איר פֿאַרפֿוילט געוואָרן אַ קעלער מיט עפּל. איז נישט אַ מצווה, מע זאָל ביי איר רייסן עפּל? יאָ, אָבער ווי אַזוי רייסט מען זיי?

אַריינכאַפּן זיך אין גאָרטן ביי דער נאַכט, ווען אַלע שלאָפֿן, און אָנשטופּן פֿולע קעשענעס, וואָלט אַוודאי געווען אַ שׂכל. וואָס זשע וועט אָבער זאָגן דער כּלב? און ווי אויף צו־להכעיס וואַקסן הייִנטיקן זומער עפּל איינס און איינס. זיי בעטן זיך, זיי חלשן, מע זאָל זיי אָפּרייסן! וואָס טוט מען? ס'זאָל זיין אַזאַ שפּרוך, אַ מין כּישוף, די עפּל זאָלן גיין צו מיר!...

איך קלער אַזוי לאַנג, ביז איך דערקלער. נישט קיין שפּרוך און

נישט קיין כּישוף, נאָר אַן אַנדער זאַך. אַ שטעקן, אַ לאַנגן שטעקן מיט אַ טשוואָק בײַם שפּיץ. מיט דעם שטעקן אַבי איר טרעפֿט נאָר מיטן טשוואָק בײַם הענגערל פֿונעם עפּל און טוט אַ צי צו זיך — איז דער עפּל אײַערער. איר דאַרפֿט נאָר זען האַלטן דעם שטעקן אַזוי, אַז דער עפּל זאָל נישט אַראָפּפֿאַלן אויף דער ערד. און טאָמער פֿאַלט דער עפּל אַראָפּ, איז אויך אַן אַן אומגליק. זי וועט מיינען, אַז דאָס האָט אים דער ווינט אַראָפּגעשלײַדערט.

פֿאַרשטייט זיך, איר דאַרפֿט דעם עפּל נישט אָנרירן מיטן טשוואָק, זי זאָל זיך נישט אָנשטויסן... איך שווער אײַך, אַז איך האָב איין עפּל נישט צעשלאָגן. און אַראָפּגעפֿאַלן איז בײַ מיר אויך נישט. בײַ מיר פֿאַלן נישט קיין עפּל. איך ווייס, ווי אַזוי מע דאַרף האַלטן אַ שטעקן, אַז מען רײַסט עפּל. דער עיקר איז, מע זאָל זיך נישט כאַפּן. וואָס האָט איר קיין צײַט נישט? איר האָט דערטאַפּט אַן עפּל? עסט אים אויף שטילערהייט, רוט זיך אָפּ אַ ביסל און רײַסט ווײַטער. איך פֿאַרזיכער אײַך, אַז קיין פֿויגל וועט נישט וויסן!

ז.

גייט זײַט אַ נבֿיא, אַז די מכשפֿה וועט גאָר וויסן דעם חשבון פֿון די עפּל נאָך אויפֿן בוים! אַ פּנים, זי האָט זיי איבערגעציילט בײַ טאָג, און האָט זיך געכאַפּט אויף מאָרגן, אַז עס פֿעלן איר עטלעכע שטיק. האָט זי זיך באַהאַלטן בײַ זיך אויפֿן בוידעם און גענומען אונטער־קוקן זיך, טאָמער וועט איר געראָטן כאַפּן דעם גנבֿ. אַזוי מיין איך. פֿון וואַנען דען האָט זי געקאָנט דערוויסן זיך, אַז איך ליג בײַ מענדל דעם שוחטס אויפֿן דאַך און אַרבעט מיטן שטעקן? וואָלט זי מיך כאָטש געכאַפּט אַליין אָן עדות, וואָלט איך מיך געקאָנט אָפּבעטן בײַ איר. פֿאָרט אַ יתום — טאָמער וועט זי האָבן אויף מיר רחמנות. איז זי זיך מיישבֿ און גייט אַוועק צו מײַן מאַמען און צו אונדזער שכנה פּעסע און צו דער שוחטקע און נעמט זיי אַלע דרײַ מיט זיך און קלעטערט מיט זיי אַרויף צו אונדז אויפֿן בוידעם (אַ מכשפֿה קאָן!). פֿונעם בוידעם איז זיי שוין געווען נישט שווער צו זען דורכן פֿענצטערל, ווי אַזוי איך אַרבעט מיטן שטעקן.

— „נו? וואָס זאָגט איר צו אײַער בחור? אַצינד גלייבט איר שוין?"

די ווערטער האָבן געהערט צו דער רופֿאָטע. איך האָב דערקענט איר מאַנצבילשע שטים. איך האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום בוידעם און האָב דערזען אַלע פֿיר ווײַבער. איך האָב דעם שטעקן מיטן עפּל

נישט אוועקגעוואָרפֿן. זיי זײַנען אַליין אַרויסגעפֿאַלן. אַ גליק, וואָס איך אַליין האָב מיך געהאַלטן אויף די פֿיס. איך האָב נישט געקענט קוקן קיינעם אין די אויגן אַרײַן. ערגער פֿון אַלץ איז מיר געווען דער מאַמעס טרערן. זי האָט נישט אויפֿגעהערט צו קלאָגן און צו יאָמערן און צו באַוויינען מיך:

— „ווײ איז מיר, ווינד איז מיר! צו וואָס איך האָב דערלעבט! איך האָב געמיינט, אַז מײַן יתום גייט אין שול אַרײַן זאָגן קדיש נאָכן טאַטן, צום סוף ליגט ער גאָר אויף אַ בוידעם, אַ דונער איז מיר, און רײַסט עפּל פֿון אַ פֿרעמדן גאָרטן!"

און די מכשפֿה שטייט איבער איר און לייגט צו מיט איר מאַנצבילשער שטים:

— „שמײַסן דאַרף מען אים, בלוט זאָל גיין! אַ יינגל זאָל וויסן דאָס אַנדערע מאָל, ווי אַזוי צו זײַן אַ ג..."

די מאַמע דערלאָזט נישט אַרויסזאָגן דאָס וואָרט „גנבֿ".

— „ער איז אַ יתום, נעבעך אַ יתום!" — טענהט די מאַמע צו דער רופֿאטע און קושט איר אין די הענט אַרײַן און בעט בײַ איר, אַז זי זאָל מיר מוחל זײַן, אַז מער וועט דאָס שוין נישט זײַן! זי שווערט, אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, אַנישט — זאָל זי אָדער אַליין שטאַרבן, אָדער זי זאָל מיך באַגראָבן!...

— „לאָז ער שווערן, אַז ער וועט שוין מער אַפֿילו נישט אַרײַנקוקן צו מיר אין גאָרטן אַרײַן! — פֿאָדערט די רופֿאטע מיט איר מאַנצבילשער שטים אָן אַ קאַפּ רחמנות צו אַ יתום.

— „לאָז מיר אָפּדאָרן די הענט! לאָז מיר אַרויס די אויגן!" — זאָג איך, און גיי מיט דער מאַמען אַהיים און הער אוים איר מוסר מיט איר וויינען, און צעוויין מיך אַליין אויך גאַנץ געשמאַק.

— „איך פֿרעג דיך נאָר, וואָס וועט פֿון דיר זײַן?" — פֿרעגט מיך די מאַמע מיט טרערן, און דערציילט די מעשה מײַן ברודער אליהו. מײַן ברודער אליהו הערט זי אוים און ווערט בלאָס. אַ פּנים פֿאַר כּעס. די מאַמע דערזעט, אַז ער איז אויסער זיך. זי האָט מורא, ער זאָל מיך נישט שלאָגן. זי זאָגט אים, ער זאָל מיך נישט שלאָגן, וואָרעם איך בין אַ יתום.

— „ווער טשעפּעט אים?" — זאָגט מײַן ברודער אליהו. — „איך וויל נאָר וויסן, וואָס וועט זײַן פֿון אים? וואָס וועט זײַן פֿון אים?!!"

אַזוי זאָגט מײַן ברודער אליהו און קריצט מיט די ציין און קוקט אויף מיר, איך זאָל אים זאָגן, וואָס וועט זײַן פֿון מיר? אין וויים, וואָס וועט זײַן פֿון מיר? אפשר ווייסט איר וואָס וועט זײַן פֿון מיר?

שלום־עליכם

קוואַס

א

פֿאַר איין רובל — הונדערט רובל! הונדערט רובל אַ מאָנאַט און מער קען פֿאַרדינען יעדער איינציקער, ווער עס וועט זיך באַקאָנען מיט אונדזער בוך, וואָס קאָסט אין גאַנצן איין רובל מיט פּאָרטאָ. לויפֿט, קויפֿט! סטאַפּט, כאַפּט — איר וועט פֿאַרשפּעטיקן!

אָט אַזאַ מין זאַך האָט אויסגעלייענט ערגעץ אויף די בלעטער מײַן ברודער אליהו. באַלד ווי ער האָט נאָר זיך דערוואוסט, אַז ס'איז דאָ אַזאַ בוך אויף דער וועלט, אַזוי האָט ער אַוועקגעשיקט אויף דער פּאָסט אַ קערבל (דאָס לעצטע קערבל) און האָט אָנגעזאָגט דער מאַמען זי זאָל ניט זאָרגן מער.

— מאַמע! דאַנקען גאָט, מיר זײַנען געהאָלפֿן.

— וואָס איז דען? — פֿרעגט די מאַמע. — האָסט געקראָגן אַ שטעל?

— נאָך בעסער פֿון אַ שטעל, — ענטפֿערט איר מײַן ברודער אליהו, און די אויגן בײַ אים לײַכטן, אַ פּנים פֿון גרויס שמחה. ער הייסט איר וואַרטן נאָך עטלעכע טעג, ביז דאָס בוך וועט אים אָנקומען.

ב

שאַט, שוין דאָ אַ בוך! מיר האָבן דאָס נאָר אויסגעפּאַקט, האָט מײַן ברודער אליהו זיך אַוועקגעזעצט לייענען דאָס בוך. ווײ־ווײ, וואָס ער האָט דאָרט אויסגעלייענט! אַ רעצעפּט אויף צו פֿאַרדינען הונדערט רובל אַ חודש דורך מאַכן די בעסטע טינטן. אַ רעצעפּט אויף צו פֿאַר־דינען הונדערט רובל אַ חודש דורך מאַכן גוטע שוואַרצע שוכוואַקס. אַ רעצעפּט אויף צו פֿאַרדינען הונדערט רובל אַ חודש דורך אַרויס־טרײַבן מײַז. אַ רעצעפּט אויף צו פֿאַרדינען הונדערט רובל אַ חודש און מער דורך מאַכן ליקערן, זיסע בראָנפֿנס, לימאָנאַד, סאָדע־וואַסער, קוואַס און אַנדערע נאָך מער ביליקע געטראַנקען.

מײַן ברודער אליהו האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפֿן לעצטן רע־

צעפּט, אויף קוואַס! קוואַס איז אַזאַ מין געטראַנק, וואָס קאָסט וואָלוול און עס גייט אַ סך. בפרט נאָך אין אַזאַ הייסן זומער ווי היינט.

מיין ברודער אליהו לאָזט קיינעם ניט צו, בשעת ער מאַכט דעם קוואַס. אַז ער גיסט וואַסער, זעען אַלע. נאָר אַז ער האַלט אין רעכטן מאַכן, פאַרשליסט ער זיך אין דער מאַמעס אַלקער. ניט איך, ניט די מאַמע, קיינער טאָר ניט זיין דערביי. נאָר אויב איר זאָגט מיר צו, אַז ס'וועט זיין אַ סוד, קאָן איך אייך זאָגן, וואָס אין דעם געטראַנק געפינט זיך. איך וויים דאָך, וואָס ער גרייט צו. דאָרטן געפינט זיך שאָלעכץ פון לימענע, שיטערע האָניק און דאָס איבעריקע — וואַסער. וואַסער איז דאָרטן דאָ מער פון אַלצדינג. וואָס מער וואַסער — מער קוואַס. דאָס אַלץ ווערט גוט אויסגעמישט מיט אַ שטעקן (אַזוי שטייט געשריבן אין בוך), און דאָס געטראַנק איז פאַרטיק. נאָך דעם ווערט עס אַריינגעגאָסן אין אַ גרויסן קרוג און מע וואַרפט אַריין אַהין אַ שטיק אייז. אָן אייז טויג דאָס גאַנצע געטראַנק ניט! דאָס זאָג איך אייך ניט פונעם בוך, נאָר איך האָב איין מאָל אַליין פאַרזוכט אַ ביסל קוואַס אָן אייז, האָב איך געמיינט, אַז ס'איז אַן ענד פון מיין לעבן!

ג.

געמאַכט דאָס ערשטע פעסל קוואַס, איז געבליבן, אַז אַרומטראָגן פאַרקויפן אויף דער גאַס זאָל איך. ווער דען, אַז ניט איך? מיין ברודער אליהון פּאַסט ניט. ער איז דאָך שוין אַ באַווייבטער. דער מאַמען אוודאי ניט. מיר וועלן גאָרניט דערלאָזן, אַז די מאַמע זאָל אַרומגיין מיט אַ קרוג איבערן מאַרק און שרייען: „קוואַס! קוואַס! יידן, קוואַס!" איז געבליבן, אַז דאָס דאַרף זיין מיין אַרבעט. איך אַליין האָב אויך אַזוי גערעכנט. איך האָב זיך מחיה געווען, אַז איך האָב דערהערט די נייעס. מיין ברודער אליהו האָט גענומען מיך לערנען, ווי אַזוי איך זאָל טאָן. דעם קרוג זאָל איך האַלטן אין איין האַנט, און כּדי דער עולם זאָל זיך אָפּשטעלן, זאָל איך זינגען הויך, און מיט אַ ניגון אָט אַזוי:

יידן, אַ געטראַנק!
אַ קאָפּיקע אַ גלאָז!
קאַלט און זיס —
אַ דערקוויקעניש!...

אַ קול האָב איך אַ שיינס, אַ סאָפּראַנאָ־שטים. איך האָב געגעבן אַ זינג אוים אויף אַ קול און האָב איבערגעדרייט אַלץ מיט די פּים אַרויף:

זיסער קוואַס אַ גלאַז!
אַ קאָפּיקע אַ ייִד!
אַ קוויק און אַ קאַלט —
אַ דערטרינקעניש!...

איך ווייס ניט: צי מײַן געזאַנג איז אַזוי געפֿעלן געוואָרן? צי דאָס געטראַנק איז טאַקע געווען אַזוי גוט? צי אפֿשר, ווײַל דער טאָג איז געווען זייער אַ הייסער? איך האָב דעם ערשטן קרוג אויספֿאַרקויפֿט אין איין האַלבער שעה.

מײַן ברודער אליהו האָט אָפּגעגעבן דאָס געלט דער מאַמען, און מיר האָט ער באַלד אָנגעגאָסן אַ פֿרישן קרוג. ער האָט געזאָגט, אַז אויב איך וועל מיך קאָנען אויסדרייען אַזוי פֿינף־זעקס מאָל דורכן טאָג, וועלן מיר האָבן פֿאַרדינט פּונקט הונדערט רובל אַ חודש. דאָס געטראַנק קאָסט אונדז זייער וואָלוול, מע קען זאָגן כּמעט גאָרניט. דאָס גאַנצע געלט גייט אַוועק אויפֿן אײַז.

נאָך מיר לויפֿן נאָך ייִנגלעך, זיי קרימען מיך איבער ווי איך זינג. איך הער זיי אָבער ווי דעם קאָטער. איך זע וואָס גיכער צו פֿאַרקויפֿן דעם קרוג און לויפֿן אַהיים נעמען נאָך אַ קרוג. וויפֿל איך האָב גע־מאַכט דעם ערשטן טאָג, ווייס איך אַליין ניט. איך ווייס נאָר, אַז מײַן ברודער אליהו מיט מײַן מאַמען האָבן מיך שטאַרק געלויבט.

פֿאַרן שלאָף בעט מיר אוים די מאַמע אויף דער ערד און פֿרעגט מיך, צי עס טוען מיר ניט וויי חלילה די פֿים. מײַן ברודער אליהו לאַכט פֿון איר. ער זאָגט אויף מיר, אַז איך בין אַזאַ ייִנגל, וואָס מיר טוט קיין מאָל ניט וויי קיין זאַך.

— געוויס! — זאָג איך — אַ סימן אויב איר ווילט, גיי איך באַלד מיטן קרוג אין מיטן האַלבע נאַכט.

אַלע דרײַ צעלאַכן זיך. נאָר אויף דער מאַמעס אויגן זע איך טרערן. נו, דאָס איז דאָך אַן אַלטער כּלל — אַ מאַמע דאַרף וויינען! איך וואָלט וועלן וויסן: אַלע מאַמעס וויינען אַזוי שטענדיק, ווי מײַן מאַמע?

ד.

עס גייט אונדז קיין־עין־הרע דורך מיר און דורך טויער. איין טאָג איז הייסער פֿונעם אַנדערן. עס ברענט! מענטשן גייען אומ פֿאַר היץ, קינדער פֿאַלן אַזוי ווי פֿליגן. ווען ניט דאָס גלעזעלע קוואַס, וואָלט מען פֿאַרברענט געוואָרן. איך קער מיך אום מיטן קרוג אפֿשר צען מאָל אַ טאָג!

מײַן ברודער אליהו קוקט אַרײַן אין פֿאָס אַרײַן מיט איין אויג און זאָגט, אַז עס טאָגט שוין. פֿאַלט ער אויף אַן עצה און גיסט צו נאָך אַ פּאָר עמער וואַסער. אויף דער עצה בין איך געפֿאַלן פֿריִער פֿון אים. איך מוז זיך מודה זײַן פֿאַר אײַך, אַז איך האָב אַפּגעטאָן אַ שפּיצל שוין עטלעכע מאָל.

כּמעט אַלע טאָג כאַפּ איך זיך אַרײַן צו אונדזער שכנה פּעסע און גיב איר פֿאַרזוכן אַ גלעזל פֿון אונדזער אייגענעם געטראַנק. איר מאַן, משה דער אײַנבינדער, גיב איך צוויי גלעזלעך; ער איז אַ גוטער מענטש. די קינדער אַלע גיב איך אויך צו גלעזלעך קוואַס. לאָזן זיי אויך וויסן, וואָס פֿאַר אַ געטראַנק מיר קאָנען מאַכן. אַלע מײַנע באַקאַנטע גיב איך קוואַס אומזיסט, אָן אַ קאָפּיקע געלט. און כּדי ס׳זאָל ניט זײַן קיין שאָדן, דערגיס איך דעם קרוג מיט וואַסער. אויף איטלעכס גלעזל קוואַס, וואָס איך גיב אַוועק אומזיסט, דערגיס איך צוויי גלעזער וואַסער.

דאָס אייגענע טוט מען אין דער היים אויך. למשל, מײַן ברודער אליהו טרינקט אוים אַ גלעזל קוואַס, דערגיסט ער באַלד מיט וואַסער. די מאַמע פֿאַרזוכט אַ מאָל אַ גלעזל קוואַס (זי דאַרף מען בעטן. אַליין וועט זי ניט נעמען!), דערגיסט מען באַלד מיט וואַסער. עס גייט ניט פֿאַרלאָרן קיין טראָפּן! און מיר מאַכן קיין עין־הרע פֿײַן געלט. די מאַמע האָט זיך אַרומגעצאָלט מיט אַ סך חובֿות. אין שטוב האָט זיך באַוויזן אַ טישל, אַ בענקל. אויף שבת האָבן מיר פֿיש און פֿלייש און ווײַסע קוילעטשן. מיר האָט מען צוגעזאָגט אויף ימים־טובֿים אַ פּאָר שטיוועלעך נײַע. מיר דאַכט, אַז קיינעם איז ניט אַזוי גוט ווי מיר!

ה.

גייט זײַט אַ נבֿיא און טרעפֿט, אַז ס׳וועט זיך טרעפֿן אַזאַ מין אומגליק און אונדזער געטראַנק וועט מער ניט טויגן. נאָך אַ גליק, וואָס מען האָט מיך ניט פֿאַרנומען אין פּאָליציי. הערט אַ מעשה! איין מאָל האָב איך פֿאַרבלאָנדזשעט מיטן קרוג קוואַס צו אונדזער שכנה פּעסע!

דער גאַנצער עולם האָט גענומען צו גלעזלעך קוואַס און איך אַליין אויך מיט זיי. אויסגערעכנט, אַז עס פֿעלט מיר אַ גלעזלעך צוועלף־דרײַצן געטראַנק, האָב איך מיך אַרײַנגעכאַפּט אין הויז, דאָרטן וואו דאָס וואַסער שטייט בײַ זיי. אַנשטאָט דעם פּאָס מיט וואַסער האָב איך אַ פּנים געטראָפֿן צו דעם טאָפּ וואו מע וואַשט גרעט, און האָב אַרײַנ־געגאָסן אַ פּופּצן־צוואַנציק גלעזער צו מיר אין קרוג אַרײַן און בין אַוועק אין גאַס אַרײַן מיט אַ נײַעם ניגון, וואָס איך אַליין האָב צוגעטראַכט:

יידן, אַ געטראַנק!
טעם גן־עדן!
אַזאַ יאָר אויף מיר,
אויף אײַך און אויף אונדז ביידן!

שטעלט מיך אָפּ אַ ייד, באַצאָלט מיר אַ קאָפּיקע און ער הייסט זיך אָנגיסן אַ גלעזל קוואַס. ער טרינקט אויס די גאַנצע גלאָז און פֿאַרקרימט זיך.

— יינגעלע! וואָס איז דאָס בײַ דיר פֿאַר אַ געטראַנק?

עס שטייען נאָך צוויי יידן און וואַרטן, איך זאָל זיי שוין אָנגיסן. איינער זופּט אָפּ אַ האַלבע גלאָז, דער אַנדערער אַ דריטל. זיי באַצאָלן, שפּײַען אויס און גייען אַוועק. נאָך איינער טראַגט צו די גלאָז צו די ליפּן. ער פאַרזוכט און זאָגט, אַז עס שמעקט מיט זייף און ס'איז דאַכט זיך געזאַלצן. נאָך איינער טוט אַ קוק אויפֿן גלאָז און גיט מיר אָפּ צו־ריק מיט די ווערטער:

— וואָס איז דאָס בײַ דיר?

— אַ געטראַנק, — זאָג איך.

— נו, אַ געטראַנק! — מאַכט ער צו מיר.

איינער גייט צו, פֿאַרזוכט. און טוט אַ גאָס אויס די גלאָז גלײַך מיר אין פּנים אַרײַן. אין אַ מינוט אַרום שטייט אַרום מיר אַ גאַנץ רעדל מיט יידן, ווײַבער און קינדער. אַלע רעדן, מאַכן מיט די הענט, קאַכן זיך. דערזעט אַ פּאָליציסט, אַז מען קלײַבט זיך, גייט ער צו און פֿרעגט, וואָס איז דאָ? דערציילט מען אים. גייט ער און קוקט אַרײַן צו מיר אין קרוג און הייסט זיך געבן פֿאַרזוכן. גיט איך אים אָן אַ גלעזל מיט קוואַס. דער פּאָליציסט טוט אַ טרונק אָפּ און שפּײַט אויס און ווערט זייער בייז.

— וואו האָסטו גענומען אַזאַ געטראַנק? — פֿרעגט ער מיך.

— דאָס איז פֿון אַ בוך, — זאָג איך אים, — מײַן ברודערס מלאכה, מײַן ברודער אַליין מאַכט דאָס.

— ווער איז דײַן ברודער? — פֿרעגט ער מיך.

— מײַן ברודער אליהו, — זאָג איך אים.

— וואָסער אליהו? — פֿרעגט ער מיך.

— רעד ניט, דו נאַרישער יאָלד, אויף דײַן ברודער! — זאָגן צו מיר עטלעכע ייִדן אַלע אויף אַ מאָל. עס ווערט אַ טומל. אַלע מינוט קומען צו נײַע מענטשן. דער פּאָליציסט האַלט מיך פֿאַר אַ האַנט און וויל אונדז אָפּפֿירן (מיך מיטן געטראַנק) גלײַך אין פּאָליציי אַרײַן. דער טומל ווערט גרעסער: „אַ יתום! נעבעך, אַ יתום!" — הער איך פֿון אַלע זײַטן. דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז איך האַלט שמאָל. איך קוק אויפֿן עולם, וואָס אַרום מיר: „ייִדן, האָט רחמנות!"... מע וויל אַרײַנ־רוקן דעם פּאָליציסט אַ מטבע. ער נעמט ניט. רופֿט זיך אָן צו מיר איינער אַן אַלטער ייִד אַ ביסל פֿאַרשטעלט:

— מאָטל! רײַס אַרויס דעם יד (יאַד) און הייב אויף די רגלים (ראַגלאַיִם) און מאַך פּליטה (פּלייטע)!

איך טו זיך אַ רײַס אַרויס, נעם די פֿיס אויף די פּלייצעס און מאַרש אַהיים! ניט מויט ניט לעבעדיק פֿאַל איך אַרײַן אין שטוב אַרײַן.

— וואו איז דער קרוג? — פֿרעגט מיך מײַן ברודער אליהו.

— אין פּאָליציי! — ענטפֿער איך אים און פֿאַל צו צו דער מאַמען מיט אַ געוויין.



מײַן שטעטל — מאַרק שאַגאַל

מיר פֿאַרפֿלייצן די וועלט מיט טינט

א.

אוי, בין איך געווען אַ נאַר! דערפֿאַר, וואָס איך האָב פֿאַרקויפֿט נישט אַזאַ גוטן קוואַס, האָב איך געמיינט, אַז מע וועט מיך קעפּן! צום סוף — גאָרנישט. אומזיסט איבערגעשראָקן. אַן אומגליק מיט מײַן מאַמען! אַלצדינג נעמט זי זיך צום האַרצן. דערפֿאַר האָב איך ליב מײַן ברודער אליהו.

מײַן ברודער אליהו פֿאַלט נישט אַראָפּ בײַ זיך דערמיט, וואָס מיר האָבן זיך אָפּגעבריט אויפֿן קוואַס. אַבי ער האָט דאָס בוך, איז אים גוט. ער האָט געקויפֿט אַ בוך פֿאַר אַ רובל. דאָס בוך הייסט „פֿאַר אַ רובל — הונדערט!" ער זיצט און לערנט אים אויף אויסנווייניק. דאָרטן זײַנען דאָ אַן אַ שיעור רעצעפּטן, ווי אַזוי מע מאַכט געלט. ער קען שוין כּמעט אַלע רעצעפּטן. ער ווייס שוין, ווי אַזוי מע מאַכט טינט, ווי אַזוי מע מאַכט שוכוואַקס, ווי אַזוי מע טרײַבט אַרויס מײַז און אַנדערע מיאוסקייטן. ער רעכנט זיך איצט נעמען צו טינט.

טינט, זאָגט ער, איז אַ גוטער אַרטיקל. אַלע לערנען זיך שרײַבן. ער פֿרעגט בײַ יודל דעם שרײַבער, וויפֿל גייט אַוועק בײַ אים טינט. זאָגט ער: אַ פֿאַרמעגן! יודל דער שרײַבער האָט אפֿשר זעכציק

מיידלעך וואָס ער לערנט זיי שרײַבן. יינגלעך לערנען נישט בײַ אים. מען האָט פּאַר אים מורא. ער שלאָגט זיך. ער שלאָגט איבער די הענט. מיידלעך קען מען נישט שלאָגן. עס טוט מיר באַנג, וואָס איך בין נישט געבוירן געוואָרן בעסער אַ מיידל.

ב.

מײַן ברודער אליהו זאָגט, אַז די וועלט איז געוואָרן גאָרנישט דאָס, וואָס אַמאָל. אַמאָל, אַז מע פֿלעגט וועלן מאַכן טינט, האָט מען, זאָגט ער, באַדאַרפֿט קויפֿן גאַליש־עפּעלעך, די גאַליש־עפּעלעך צעקלאַפּן, נאָך דעם קאָכן זיי אויפֿן פֿײַער, ווייס איך וויפֿל, נאָך דעם אַרײַנוואַרפֿן קופּער־וואַסער; און כּדי די טינט זאָל גלאַנצן, האָט מען נאָך געמוזט צוגעבן אַ שטיקל צוקער — אַ גאַנצער טאַראַראַם! הײַנט, זאָגט ער, איז אַנדערש! איך קויף מיר, זאָגט ער, אין דער אַפּטייק אַ „פּראָשעק״, מיש דאָס אויס מיט וואַסער, אַ זיד אויפֿן פֿײַער — און פֿאַרטיק טינט. אַזוי זאָגט מײַן ברודער אליהו.

ער איז אַוועק אין דער אַפּטייק און האָט געבראַכט „פּראָשקעס״ און „גליצערינע״ אַ גאַנצע פֿלאַש. נאָך דעם האָט ער זיך פֿאַרשפּאַרט אין אַלקער און האָט עפּעס געטאָן. וואָס — ווייס איך נישט. ס׳אַ סוד. אַלצדינג איז בײַ אים אַ סוד. אַז ער דאַרף זאָגן דער מאַמען, למשל, זי זאָל אים געבן דאָס אייבערשטע פֿונעם שטייסל, רופֿט ער זי אָפּ אויף אַ זײַט און זאָגט איר שטילערהייט: מאַמע! דאָס אייבערשטע פֿונעם שטייסל.

די „פּראָשקעס״ מיט דער „גליצערינע״ האָט ער אויסגעמישט אין אַ גאַנץ גרויסן טאָפּ (אַ נײַעם טאָפּ געקויפֿט). דעם טאָפּ מיטן געמישעכץ האָט ער פֿאַררוקט אין אויוון און האָט געבעטן די מאַמע שטילערהייט, זי זאָל פֿאַרקייטלען די טיר. מיר האָבן אַלע געמיינט, ווער ווייס וואָס. די מאַמע האָט אַלע מינוט געכאַפּט אַ קוק צום אויוון. אַ פּנים, זי האָט מורא געהאַט, דער אויוון זאָל נישט צעפּלאַצן ווערן אויף שטיקלעך. נאָך דעם האָט מען אַרײַנגעקײַקלט אין שטוב אַרײַן דאָס פֿעסל פֿון קוואַס. נאָך דעם האָט מען פּאַמעלעך אַרויסגענומען דעם טאָפּ פֿונעם אויוון און מע האָט אַרײַנגעגאָסן דאָס געמישעכץ אין פֿעסל אַרײַן. נאָך דעם האָט מען אָנגעהויבן גיסן אין פֿעסל אַרײַן וואַסער. אַז דאָס פֿעסל איז געוואָרן אָנגעפֿילט העכער האַלב, האָט מײַן ברודער אליהו אַ זאָג געטאָן: „גענוג!״ און האָט זיך גענומען צום בוך וואָס „פּאַר אַ רובל — הונדערט״. געקוקט און געהייסן שטילערהייט זיך ברענגען אַ פֿרישע פּען מיט אַ ווײַסן בויגן פּאַפּיר. אײַנגעטונקען די

פען אין פּאַס און געגעבן אַ שרייב עפּעס אויפֿן ווײַסן פּאַפּיר. דאָס אָנגעשריבענע האָט ער צוגעטראָגן פֿריִער צו דער מאַמען, נאָך דעם צו מײַן שוועגערין ברכה. די ביידע האָבן געגעבן אַ קוק אַרײַן און אַ זאָג צו אים:

— „עס שרײַבט!"

באַלד נאָך דעם האָט מען זיך גענומען ווידער צו דער פֿריִערדיקער אַרבעט. אָנגעגאָסן נאָך אַ פּאָר עמער וואַסער, האָט מײַן ברודער אליהו אויפֿגעהויבן די האַנט: „גענוג!" ווידער אַ מאָל אײַנגעטונקען די פּען אין פּאַס, ווידער אַ מאָל געגעבן אַ שרײַב אַרײַן אין ווײַסן פּאַפּיר אַרײַן און ווידער אַ מאָל צוגעטראָגן דאָס אָנגעשריבענע פּאַפּיר פֿריִער צו דער מאַמען און נאָך דעם צו מײַן שוועגערין ברכה. די ביידע האָבן ווידער געגעבן אַ קוק אַרײַן אין פּאַפּיר אַרײַן און אַ זאָג:

— „עס שרײַבט!"

אָט אַזוי עטלעכע מאָל, ביז דאָס פּאַס איז געוואָרן פֿול, ווי אַן אויג. עס איז שוין נישט געווען וואוהין צו גיסן וואַסער. דעמאָלט האָט מײַן ברודער אליהו געגעבן אַ הייב אויף די האַנט: „גענוג!" — און מיר אַלע פֿיר האָבן זיך געזעצט עסן.

ג.

נאָכן עסן האָבן מיר זיך גענומען צום צעגיסן די טינט אין פֿלעשער. פֿלעשער האָט מײַן ברודער אליהו צונויפֿגעבראַכט, פֿון דער גאַנצער וועלט. אַלערליי פֿלעשער און פֿלעשלעך. גרויסע און קליינע. פֿלעשער פֿון ביר, פֿלעשער פֿון ווײַן, פֿלעשער פֿון קוואַס, פֿלעשער פֿון בראַנפֿן און גלאַט פֿלעשער. אויך פּראָבקעס האָט ער אײַנגעהאַנדלט אַלטע, ס'זאָל קאָסטן וועלוועלער, און אַ „לייקע" האָט ער געקויפֿט אַ נײַע. דאָ האָט ער ווידער געזאָגט דער מאַמען זי זאָל פֿאַרקייטלען די טיר. נאָך דעם האָט מען זיך אַלע פֿיר גענומען צו דער אַרבעט — צעגיסן דעם טינט אין פֿלעשער. אַן אַרבעט איז דאָס זייער אַ וואוילע, אַ פֿריי-לעכע. איין חסרון: ס'איז טינט — עס פֿלעקט די פֿינגער, די הענט, די נאָז, דאָס גאַנצע פּנים. מיר ביידע, איך און מײַן ברודער אליהו, האָבן זיך געמאַכט שוואַרץ ווי די שדים. דאָס ערשטע מאָל זע איך, מײַן מאַמע זאָל לאַכן. פֿון מײַן שוועגערין ברכה שמועסט מען נישט: יענע איז שיר צעזעצט געוואָרן פֿאַר געלעכטער. מײַן ברודער אליהו האָט פֿײַנט, אַז מע לאַכט פֿון אים, בייזערט ער זיך אויף מײַן שוועגערין ברכה, און פֿרעגט זי, וואָס זי לאַכט. לאַכט זי נאָך שטאַרקער. ווערט

ער נאָך מער אין כּעס, לאַכט זי נאָך מער. ביז די מאַמע הייבט זיך אָן בעטן, אַז עס זאָל האָבן אַ סוף, און אונדז זאָגט זי, מיר זאָלן זיך איינוואַשן. מיין ברודער אליהו האָט אָבער קיין צייט נישט. אים קריכט נישט אין קאָפּ וואַשן זיך. אים ליגט דער קאָפּ אין פֿלעשער. אויסגעגאַנגען אַלע פֿלעשער. נישטאָ קיין פֿלעשער! וואו קריגט מען נאָך פֿלעשער?

ד.

מיין ברודער אליהו האָט געבראַכט צו טראָגן אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן מיט גרויסע אותיות:

דאָ פֿאַרקויפֿט מען טינט, גוט און וואָלוול.

די צווי ווערטער „גוט" און „וואָלוול" זיינען געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן פֿאַרנומען כּמעט דעם גאַנצן בויגן. אַז דאָס אָנגעשריבענע האָט זיך אויסגעטריקנט, האָט ער דאָס פּאַפּיר אויסגעהאַנגען ביי אונדז אויף דער טיר פֿון יענער זייט. אַ סך מענטשן זיינען דורכגעגאַנגען און האָבן זיך אָפּגעשטעלט קוקן. איך האָב עס געזען דורכן פֿענצטער. מיין ברודער אליהו קוקט אויך אין פֿענצטער אַריין און ברעכט די פֿינגער. אַ סימן, אַז ער איז צעטראָגן. ער מאַכט צו מיר:

— „ווייסטו וואָס? שטעל זיך אַוועק ביי דער טיר און הער זיך צו, וואָס זאָגט מען?"

מיך דאַרף מען לאַנג נישט בעטן. איך שטעל מיך אַוועק ביי דער טיר און הער זיך צו, וואָס מע זאָגט, ווער עס שטעלט זיך אָפּ און וואָס מע רעדט. אָפּגעשטאַנען אַקעגן אַ האַלבע שעה, קום איך אַריין צוריק אין שטוב. מיין ברודער אליהו גייט צו צו מיר און פֿרעגט מיך שטיל:

— „נו?"

— „וואָס נו?"

— „וואָס האָבן זיי געזאָגט?"

— „ווער?"

— „די מענטשן, וואָס זיינען געגאַנגען פֿאַרביי."

— „זיי האָבן געזאָגט, אַז ס'איז שיין אָנגעשריבן."

— „און מער גאָרנישט?"

— „מער גאָרנישט."

מיין ברודער אליהו זיפֿצט. וואָס זיפֿצט ער? די מאַמע פֿרעגט אים אויך דאָס זעלביקע.

— „וואָס זיפֿצסטו, נאַרעלע? וואַרט אויס. אין איין טאָג ווילסטו, זאָל אויספֿאַרקויפֿט ווערן די גאַנצע סחורה?"

— „כאַטש אַן אַנהייב!...״ — זאָגט איר מײַן ברודער אליהו מיט טרערן אין האַלדז.

— „ביסט אַ גרויסער נאַר, זאָג איך דיר. וואַרט אויס, מײַן קינד, דו וועסט האָבן אַן אַנהייב אויך.״

אַזוי זאָגט די מאַמע, און גרייט צום טיש. מיר וואַשן זיך און גייען עסן. מיר שפּאַרן זיך צונויף אַלע אין איינעם. איבער די פּלעשלעך איז ענג אין שטוב.

לויפֿט אַרײַן אַ בחורל. אַ מאָדנער בחורל. ער איז שוין אַ חתן. איך קען אים. קאַפּל הייסט ער. דער טאַטע זײַנער איז אַ שנײַדער.

— „דאָ פֿאַרקויפֿט זיך טינט?״

— „יאָ, וואָס איז דען?״

— „איך האָב געוואָלט אַ ביסל טינט.״

— „וויפֿל דאַרפֿסטו טינט?״

— „גיט מיר פֿאַר אַ קאָפּיקע טינט.״

מײַן ברודער אליהו איז אויסער זיך. ער זאָל זיך נישט שעמען פֿאַר דער מאַמען, וואָלט ער אָט דעם חתן קאַפּל פֿריִער דורכגעפּאַטשט און נאָך דעם אַרויסגעוואָרפֿן פֿון שטוב. ער האַלט זיך אײַן און גיסט אים אָן פֿאַר אַ קאָפּיקע טינט. עס גייט נישט אַוועק קיין פֿערטל שעה, קומט אַרײַן אַ מיידל. די מיידל קען איך נישט. זי רעדט צו מײַן מאַמען:

— „דאָ מאַכט מען טינט?״

— „יאָ, וואָס איז דען?״

— „די שוועסטער האָט געבעטן, טאָמער קאָנט איר איר לײַען אַ ביסל טינט? זי דאַרף אָוועקשרײַבן אַ בריוול קיין אַמעריקע צו איר חתן.״

— „ווער איז דײַן שוועסטער?״

— „בתיה די נייטאָרין.״

— „אָ? זע נאָר, ווי זי איז אויסגעוואַקסן! קיין עין־הרע! איך האָב דיך גאָרנישט דערקענט. אַ טינטערל האָסטו?״

— „ווי קומט צו אונדז אַ טינטערל? מײַן שוועסטער האָט געבעטן, טאָמער האָט איר אַ פּען, זי וועט נאָר אָנשרײַבן דאָס בריוול קיין אַמעריקע, גיט זי אײַך אָפּ צוריק די טינט און פּען.״

מײַן ברודער אליהו איז נישטאָ בײַם טיש. ער איז אין אַלקער. ער גייט אַרום מיט שטילע טריט, קוקט אַראָפּ, און בײַסט די נעגל.

נאָכווייעניש פֿון דער טינט־פֿאַרפֿלייצונג

א.

מײַן ברודער אליהו גייט אַרום אין איינע צרות. וואָס טוט מען מיט דער טינט?

— „ווידער אַ מאָל טינט?" — זאָגט אים די מאַמע.

— „איך רעד נישט פֿון קיין טינט!" — ענטפֿערט איר מײַן ברודער אליהו. — „איך רעד פֿון די פֿלעשער! עס ליגט אַ קאַפּיטאַל אין די פֿלעשער! מע דאַרף זען אויסליידיקן די פֿלעשער און מאַכן פֿון זיי געלט!..."

פֿון אַלצדינג מאַכט ער געלט! און עס בלײַבט, אַז מע דאַרף די טינט אויסגיסן צו אַל די שוואַרצע יאָר! שלעכט איז נאָר איין זאַך: וואוהין גיסט מען אוים אַזוי פֿיל טינט?

— „עס וועט גאָרניט נישט העלפֿן," — זאָגט מײַן ברודער אליהו, — „מע וועט מוזן צוואַרטן ביז בײַ נאַכט. בײַ נאַכט איז פֿינצטער, וועט קיינער נישט זען."

קוים דערלעבט נאַכט. אויף צו־להכעים, שײַנט די לבֿנה, ווי אַ לאַמטערן. דעמאָלט ווען מע דאַרף, וועט זי זיך באַהאַלטן. איצט איז זי דאָ. מען האָט געשיקט נאָך איר!... אַזוי זאָגט מײַן ברודער אליהו און מיר טראָגן אַרוים אַ פֿלאַש נאָך אַ פֿלאַש — און פֿליוך אין דרויסן אַרוים. פֿון גיסן אויף איין אָרט ווערט אַ טײַך. מע דאַרף נישט גיסן כּסדר אויף איין אָרט. אַזוי זאָגט צו מיר מײַן ברודער אליהו, און איך פֿאָלג אים. איך זוך אוים אַלע מאָל אַ פֿריש אָרט. יעדע פֿלאַש האָט בײַ מיר אַן אַנדער אָרט. דער שכנהס וואַנט — פֿליוך! דעם שכנס פֿאַרקאַן — פֿליוך! צוויי ציגן ליגן אַקעגן דער לבֿנה — פֿליוך!

— „הײַנטיקס מאָל גענוג," — זאָגט מײַן ברודער אליהו, און מיר גייען שלאָפֿן. שטיל און פֿינצטער. פֿון אונטערן אויוון הערט זיך אַ מרוקען פֿון דער קאַץ. אַ גרויסע פּעפּערין: טאָג ווי נאַכט וואָלט זי זיך נאָר געוואַרעמט און געדרימלט. אין הויף אויף יענער זײַט טיר הערן זיך שטילע טריט. אפֿשר אַ נישט־גוטער?... די מאַמע שלאָפֿט נאָך נישט. זי שלאָפֿט, דאַכט זיך, קיין מאָל נישט. איך הער זי שטענדיק, ווי זי קנאַקט די פֿינגער, זיפֿצט און קרעכצט און רעדט צו זיך אַליין.

אזא טבֿע ביַי איר. אַלע נאַכט טענהט זי זיך אוים אַ ביסל. זי דערציילט אירע גרויסע צרות. מיט וועמען רעדט זי דאָס? מיט גאָט?... אַלע מינוט לאָזט זי אוים מיט אַ קרעכץ:

— „אוי, גאָט! גאָט!..."

ב.

איך ליג נאָך אויף מײַן געלעגער, אויף דער ערד, און הער פֿונעם שלאָף אַ הו־האַ. עס לאָזן זיך הערן אַלערליי באַקאַנטע קולות. ביסלעכווײַז עפֿן איך אויף די אויגן — ס'איז שוין גרויסער טאָג. די שײַן פֿון דער זון האָט זיך אַרײַנגעריסן דורכן פֿענצטער, רופֿט מיך אין דרויסן אַרויס. איך וויל מיך דערמאָנען, וואָס איז געווען נעכטן — אהאַ! טינט!... איך כאַפּ מיך אויף און טו זיך אָן אויף גיך. מײַן מאַמע איז פֿאַרווײנט (ווען איז זי נישט פֿאַרווײנט?). מײַן שוועגערין ברכה איז אין כּעס (ווען איז זי נישט אין כּעס?). און מײַן ברודער אליהו שטייט אין מיטן שטוב, דעם קאָפּ אַראָפּ. וואָס איז די מעשה? נישט איין מעשה, נאָר עטלעכע מעשיות! אונדזערע שכנים זײַנען אויפֿגעשטאַנען אין דער פֿרי, האָט זיך אָנגעהויבן אַ חתונה — מען האָט זיי געקוילעט. איינעם האָט מען אָפּגעשפּריצט די גאַנצע וואַנט מיט טינט. דעם אַנדערן האָט מען אָפּגעגאָסן דעם פּאַרקאַן, אַ נײַעם פּאַרקאַן. דער דריטער האָט געהאַט צוויי ווײַסע ציגן, האָט מען זיי אים געמאַכט שוואַרץ, נישט צו דערקענען. דאָס אַלץ וואָלט נאָך געווען צו דערלײַדן, ווען נישט דעם שוחטס זאַקן. אַ נײַע פּאָר זאָקן, ווײַסע זאָקן, האָט די שוחטקע אויסגעהאַנגען בײַ אונדזער שכנה אויפֿן פּאַרקאַן, האָט מען פֿון זיי געמאַכט אַ תּל. עמעצער האָט זי געבעטן, זי זאָל אויסהענגען זאָקן אויף אַ פֿרעמדן פּאַרקאַן? די מאַמע האָט איר צוגעזאָגט אָפּקויפֿן אַ פּאָר נײַע זאָקן, אַבי ס'זאָל זײַן שטיל. וואָס זשע וועט זײַן מיט דער וואַנט? מיטן פּאַרקאַן? ס'איז געבליבן, אַז מײַן מאַמע מיט מײַן שוועגערין ברכה זאָלן זיך אָוועקשטעלן מיט צוויי בערשטלעך און מיט ווײַסער ליים און פֿאַרשמירן די פֿלעקן.

— „אײַער גליק, וואָס איר האָט אָנגעטראָפֿן אויף ערלעכע שכנים. ווען איר טרעפֿט מיט אײַער טינט אויף מנשה דעם רופֿאס גאָרטן, וואָלט איר געוואוסט וואָס פֿאַר אַ גאָט מיר האָבן!"

אַזוי זאָגט אונדזער שכנה פּעסע צו מײַן מאַמען.

— „וואָס זשע מיינט איר? צום שלים־מזל באַדאַרף מען אויך האָבן מזל!" — ענטפֿערט איר די מאַמע און קוקט אויף מיר.

וואָס מיינט זי, אַ שטייגער?...

— „איצט וועל איך שוין זײַן קליגער“, — מאכט צו מיר מײַן ברודער אליהו, — „לאָז נאָר ווערן נאכט, אזוי טראָגן מיר אָפּ די פּלעשער צום טײַך.“

גערעכט, ווי איך בין אַ ייִד! וואָס קען זײַן נאָך קליגער דערפֿון?

עס איז נאָר געוואָרן נאכט, האָבן מיר אָנגעפּאַקט פּולע קוישן מיט פּלעשער און גענומען טראָגן זיי צום טײַך. אויסגעגאָסן די טינט, אָפּגעטראָגן די ליידיקע פּלעשער אהיים און אָנגענומען ווידער אַ מאָל פּולע פּלעשער. אַ גאַנצע נאכט האָבן מיר אזוי געאַרבעט. איך האָב שוין לאַנג נישט געהאַט אַזאַ גוטע פֿריילעכע נאכט. שטעלט אײַך פֿאָר: די שטאָט שלאָפֿט. דער הימל איז אויסגעשטערנט. די לבֿנה שײַנט אַראָפּ אין טײַכל אַרײַן. ס'איז שטיל.

פֿון אונדזער טינט איז דאָס טײַכל געוואָרן אַ ביסל גרעסער. אַ קלייניקייט, אפֿשר טויזנט פּלעשער טינט! דערפֿאַר אָבער האָבן מיר זיך שווער אָנגעאַרבעט! אַנטשלאָפֿן געוואָרן זײַנען מיר, ווי די געהרגעטע. אויפֿגעוועקט האָט אונדז די מאַמע מיט אַ געוויין:

— „פֿאַרפֿינצטערט בין איך געוואָרן און ווײ איז מײַן וועלט! וואָס האָט איר געטאָן אַזעלכעס מיטן טײַך?...“

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז מיר האָבן אומגליקלעך געמאַכט אַ גאַנצע שטאָט: די וועשערינס האָבן נישט וואו צו וואַשן גרעט. די בעלי־עגלות האָבן נישט וואו אָנצוטרינקען די פֿערד. די וואַסער־פֿירערס... אָט וועלן זיי זיך צונויפֿנעמען אַלע אין איינעם און וועלן קומען זיך רעכענען מיט אונדז. אַזוי זאָגט אונדז אָן די מאַמע די בשורה. מיר אָבער ווילן אויך זיי נישט וואַרטן. מיר ווילן נישט זען, ווי אַזוי וואַסער־פֿירערס וועלן זיך מיט אונדז רעכענען. איך און מײַן ברודער אליהו נעמען די פֿיס אויף די פּלייצעס און — מאַרש צו זײַנעם אַ חבֿר פּיניע.

— „דאָרט לאָזן זיי אונדז זוכן, אַז זיי באַדאַרפֿן!...“

אַזוי זאָגט מײַן ברודער אליהו, נעמט מיך פֿאַר אַ האַנט, און מיר לאָזן זיך גיך און געשווינד באַרג־אַראָפּ, צו זײַן חבֿר פּיניע. אַז מיר וועלן זיך זען, וועל איך אײַך אַ מאָל באַקאַנט מאַכן מיט מײַן ברודער אליהוס חבֿר פּיניע. ס'איז כּדאַי, איר זאָלט זיך מיט אים באַקענען: ער האָט אויך גוטע געדאַנקען.

שלום-עליכם

דער אוצר

אויף יענער זייט בארג, הינטערן אלטן בית-המדרש, געפינט זיך אן אוצר.

אזוי האט מען געשמועסט ביי אונדז אין שטעטל.

נאר קומען צום אוצר איז ניט אזוי גרינג. אז אלע ייִדן אין שטעטל וועלן לעבן בשלום, און וועלן זיך נעמען אלע אים זוכן, דעמאלט וועט מען אים געפינען.

אזוי האט מען געשמועסט ביי אונדז אין שטעטל.

און אז אלע ייִדן וועלן לעבן צופרידן, עס וועט ניט זיין קיין קנאה ביי ייִדן, קיין שנאה, קיין קריג, קיין לשון-הרע, קיין רכילות, און מע וועט זיך נעמען אלע, וועט מען אפזוכן דעם אוצר, און אז ניט — וועט ער אריין טיף-טיף אין דער ערד אריין...

אזוי האט מען געשמועסט ביי אונדז אין שטעטל, און מען האט אנגעהויבן זיך צו שפארן און איבערשפארן, צו אמפערן זיך און צו ווערטלען זיך, צו זידלען און צו קריגן זיך, וואס ווייטער אלץ מערער, אלץ שטארקער, און אלץ איבערן אוצר. דער האט געזאגט: ער דארף זיין דא, דער האט געזאגט: דארטן, — און מען האט ניט אויפגעהערט זיך צו שפארן און איבערשפארן, צו אמפערן זיך און צו ווערטלען זיך, צו זידלען און צו קריגן זיך, וואס ווייטער אלץ מערער, אלץ שטארקער, און אלץ איבערן אוצר — און דער אוצר... האט געזונקען, אלץ טיפער און טיפער אין דער ערד אריין.

רשי*)

ב. טומאַרין

יודל מאַרק

דער גרויסער לערער

(1105—1040)

א. טײַערער פֿון אַ דימענט.

דאָס האָט פּאַסירט מיט נײַן הונדערט יאָר צוריק.

אין דער שטאָט וואָרמס, בײַם טײַך רײַן, האָט געלעבט זייער אַ געלערנטער און זייער אַן אָרמער ייִד מיטן נאָמען ר׳ יצחק. אָבער ר׳ יצחקן האָט ניט געקימערט וואָס ער איז אַזוי אָרעם. ער האָט נאָר געהאַט צער פֿון דעם וואָס זײַן ווײַב האָט אים קיין קינדער ניט געבאָרן.

איין מאָל האָט ער באַמערקט אויף דער ערד אַ שטיינדל וואָס האָט געבלאַנקט און געבליצט. ער האָט עס אויפֿגעהויבן און געזען אַז עס איז אַ דימענט. האָט ער זיך דערפֿרייט און אַוועקגעטראָגן דעם

*) רשי — דאָס זײַנען די ערשטע אותיות פֿון: רבי שלמה יצחקי.

דימענט צום יוּוועליר־ער. האָט דער יוּוועלירער געזאָגט, אַז ער האָט נאָך קיין מאָל אַזאַ גרויסן דימענט ניט געזען און אַז מע קען קריגן פֿאַר אים אַ סך, אַ סך געלט.

דער בישאָף פֿון וואָרמס האָט גראָד געזוכט אַ גרויסן דימענט. ער האָט איין דימענט געהאַט און געדאַרפֿט אַ צווייטן, כּדי אַרײַנצושטעלן אויגן אין אַ הייליק בילד. ער האָט געוואָלט אָפּקויפֿן דעם דימענט בײַ ר׳ יצחקן. אָבער ווי פֿיל געלט ער האָט ניט אָנגעבאָטן, האָט ר׳ יצחק זיך אָפּגעזאָגט צו פֿאַרקויפֿן אים דעם דימענט. אַזוי ווי ר׳ יצחק האָט מורא געהאַט, מע זאָל איבער גוואַלד ניט צונעמען פֿון אים דעם דימענט, איז ער אַוועק צום טײַך רײַן און האָט אַרײַנגעוואָרפֿן דעם דימענט אין וואַסער אַרײַן.

האָט ער דערהערט אַ שטים פֿון הימל: „דערפֿאַר וואָס דו האָסט אַוועקגעוואָרפֿן דעם דימענט, וועט בײַ דיר געבאָרן ווערן אַ זון וואָס וועט שײַנען איבערן גאַנצן יִדישן פֿאָלק אַ סך שטאַרקער ווי אַלע דימענטן פֿון דער וועלט."

און דאָס זעלביקע יאָר איז בײַ ר׳ יצחקן געבאָרן געוואָרן אַ זון וואָס ער האָט אים אַ נאָמען געגעבן שלמה. אָבער דאָס קינד איז שוין געבאָרן געוואָרן ניט אין וואָרמס, נאָר אין טרואַ, אין פֿראַנקרײַך.

ב. רשים וואַנדערונגען.

ביז 14—15 יאָר פֿון זײַן לעבן האָט רשי געלעבט בײַ זײַנע עלטערן אין דער שטאָט טרואַ. אָבער ער האָט שוין דאָרטן מערניט געהאַט בײַ וועמען צו לערנען. איז ער אַוועק זוכן וויסן אין אַנדערע שטעט.

פֿריִער איז ער אויסגעוואַנדערט אין די שטעט בײַ די ברעגן פֿון טײַך רײַן, נאָך דעם אין אַנדערע שטעט פֿון דײַטשלאַנד, נאָך דעם האָט ער זיך געלאָזט איבער דער וועלט, איז געקומען אין ווײַטע לענדער, געווען אין עגיפּטן, אַוועק אין מזרח־לענדער.

אומעטום האָט רשי געלערנט תּלמוד, אָבער ער האָט אויך געשטודירט אַנדערע זאַכן: שפּראַכן, מעדיצין, מאַטעמאַטיק. ער איז נאָך געווען אַ יונגער מענטש, ווען ער האָט שוין געהאַט אַרײַנגענומען אין זײַן קאָפּ דאָס גאַנצע דעמאָלטיקע יִדישע און אויך ניט־יִדישע וויסן.

ג. אַ פֿרײַנד אַ גלח.

אויף זײַנע וואַנדערונגען האָט רשי זיך געטראָפֿן מיט אַ גלח,

מיט וועמען ער האָט געהאַט אַ סך געשפּרעכן וועגן דעם, וואָסער גלויבן איז ריכטיקער: דער ייִדישער אָדער דער קריסטלעכער.

ווען אַט דער גלח איז געפֿערלעך קראַנק געוואָרן, האָט רש״י אים זייער געטרײַ באַדינט און אים געהאָלפֿן געזונט ווערן. ווען דער גלח איז געזונט געוואָרן, האָט ער זיך געווענדט צו רש״ין:

— „איך וואָלט קיין מאָל ניט געגלייבט, אַז אַ ייִד קען זײַן אַזוי גוט צו אַ קריסט. מיט וואָס זאָל איך דיר אָפּדינען?“

— „איך דאַרף קיין זאַך ניט. געדענק נאָר וועגן דעם און זע צו העלפֿן אַ ייִדן, ווען אַ ייִד איז אין נויט!“

אויף זײַן צוריקוועג איז רש״י געקומען אין דער שטאָט פּראַג. די ייִדן פֿון פּראַג האָבן מיט גרויס שמחה אויפֿגענומען דעם טײַערן גאַסט, ווײַל רש״י האָט שוין געהאַט אַ נאָמען איבער דער וועלט ווי אַ גרויסער געלערנטער. דער פֿירער פֿון די פּראַגער ייִדן האָט אים אַרײַנגענומען צו זיך אין שטוב. אָבער דעם בייזן הערשער פֿון פּראַג האָט פֿאַרדראָסן, פֿאַר וואָס ייִדן פֿרייען זיך אַזוי. האָט ער געהייסן אַרעסטירן רש״ין און ברענגען צו זיך. דער הערשער פֿון פּראַג האָט אויך גערופֿן צו זיך דעם בישאָף, כּדי יענער זאָל מיט זײַן וויסן פֿאַרשעמען דעם ייִדן.

אָבער ווי פֿאַרוואונדערט איז ער געוואָרן, ווען דער בישאָף און דער פֿרעמדער ייִד האָבן זיך באַגעגנט ווי אַלטע גוטע פֿרײַנד! עס לאָזט זיך אויס, אַז דער בישאָף פֿון פּראַג איז געווען יענער גלח וואָס רש״י האָט אים אויסגעהיילט. רש״י איז גלײַך באַפֿרײַט געוואָרן און די פּראַגער ייִדן האָבן נאָך מער שטאָלצירט מיט אים.

ד. רש״יס פֿאַמיליע.

דער פֿירער פֿון די פּראַגער ייִדן האָט געהאַט אַ יונגע און זייער שיינע טאָכטער. זי האָט זיך פֿאַרליבט אין דעם פֿרעמדן און זיי האָבן חתונה געהאַט. רש״י האָט גענומען זײַן יונגע ווײַב און זיך באַזעצט מיט איר אין זײַן געבוירן־שטאָט טרואַ. דאָרטן האָט ער איצט אַליין געעפֿנט אַ ישיבֿה, אַ שול צו שטודירן תּלמוד, און רש״יס נאָמען ווי אַ לערער איז געוואָרן אַלץ מער און מער באַרימט בײַ ייִדן. פֿון די ווײַטסטע לענדער פֿלעגן אָנקומען פֿראַגעס וועגן שווערע און אומקלאָרע שטעלן אין תּלמוד אָדער וועגן ייִדישע געזעצן. רש״י פֿלעגט אַלץ קלאָר ענטפֿערן.

אָבער רש״י האָט ניט געלעבט פֿון נעמען געלט בײַ זײַנע תּלמידים.

ער האָט געהאַט אַ ווײַנגאָרטן. ווען די ווײַנטרויבן פֿלעגן ווערן צײַטיק, פֿלעגט ער צוזאַמען מיט דער גאַנצער פֿאַמיליע אַראָפּנעמען די טרויבן. מען האָט פֿאַרקויפֿט די ווײַנטרויבן און אויך דעם ווײַן וואָס מען האָט געמאַכט פֿון זיי, און דערפֿון האָט רשי געלעבט זייער באַשיידן.

קיין זין האָט רשי ניט געהאַט, אָבער זייער געראָטענע און געלערנטע טעכטער. זײַנע איידעמס זײַנען געווען באַוואוסטע גע־לערנטע און נאָך גרעסער פֿון זיי זײַנען געוואָרן רשים אייניקלעך. אויף דער עלטער האָט רשי זייער אַ סך נחת געהאַט פֿון זײַנע אייניקלעך. דאָס עלטסטע אייניקל האָט אַפֿילו אָרויסגעהאָלפֿן דעם זיידן און פֿלעגט זיך אַמעפּרן מיטן זיידן. די אייניקלעך האָבן פֿאַרענדיקט דעם טייל אַרבעט וואָס דער זיידע האָט געלאָזן אין מיטן, ווען ער איז געשטאָרבן.

ה. טינט וואָס איז טײַערער ווי גאָלד.

איבער דרײַסיק יאָר איז רשי געזעסן אין טרויאַ און האָט ביסלעכ־ווײַז צוגעגרייט זײַנע גרויסע ווערק. דאָס זײַנען געווען דערקלערונגען צום תּלמוד און צום חומש.

ביז רשין איז שווער געווען צו לערנען דעם תּלמוד. די שפּראַך האָט מען שוין ניט פֿאַרשטאַנען. די זאַכן וואָס ווערן דאָרטן באַטראַכט זײַנען שווערע, אומקלאָרע. האָט מען אָפֿט געבלאָנדזשעט, ניט גע־וואוסט דעם ריכטיקן באַטײַט. איז געקומען רשי מיט זײַן דערקלערונג און האָט אַלץ קלאָר געמאַכט!

רשי האָט געהאַט אַ וואונדערלעכן קלאָרן שכל. ער האָט פֿאַר־שטאַנען די שווערסטע שטעלן פֿון תּלמוד. און ער האָט אויך געקענט דערקלערן די סאַמע פֿאַרדרייטע זאַכן. מיט איין וואָרט באַלײַכט ער אַ מאָל אַ גאַנצן ענין. רשי דרייט ניט מיטן גראָבן פֿינגער, ער פֿאַרדרייט ניט דעם קאָפּ מיט איבעריקע רייד, מיט זײַטיקע זאַכן.

רשים ווערטער זײַנען געציילטע. ער זאָגט קיין מאָל ניט אין צוויי זאַצן וואָס מע קען זאָגן אין איין זאַץ. רשי איז קורץ און קלאָר. ער פֿאַרטײַטשט די שווערע ווערטער, ער דערקלערט ווענן וואָס עס רעדט זיך. און אַלץ טוט ער עס אַזוי פּשוט, אַזוי פֿאַרשטענדלעך. ער פֿירט פֿאַרן האַנט אין דער פֿינצטער, ער לאָזט ניט בלאָנדזשען.

איין מאָל איז רשי קראַנק געוואָרן. האָט ער געזאָגט זײַן עלטסטן אייניקל, אַז ער זאָל פֿאַרענדיקן די דערקלערונג פֿון איין טייל, פֿון איין פּרק, אין תּלמוד, וואָס רשי האָט געהאַט אָנגעהויבן פֿאַרן קראַנק ווערן.

דער אייניקל האָט מיט חשק זיך גענומען צו דער אַרבעט. ווען רשי איז געזונט געוואָרן, האָט דער אייניקל אים געבראַכט אַ גאַנצן באַרג פּאַפּיר וואָס ער האָט פֿאַרשריבן צו דערקלערן יענעם טייל און מיט שטאָלץ געוויזן:

— „זע, זיידע, וויפֿל איך האָב אָנגעשריבן!"

רשי האָט גענומען אין האַנט אַרײַן דעם גאַנצן פּאַק פּאַפּירן און מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטאָן:

— „ווען דו וועסט אַזוי דערקלערן דעם גאַנצן תּלמוד, וועט מען די דערקלערונג פֿון גאַנצן תּלמוד דאַרפֿן פֿירן אויף אַ וואָגן!"

רשים קונסט איז גראָד באַשטאַנען אין זאָגן אַלץ גאָר קורץ. „וואָס קירצער — אַלץ קלאָרער", אַזוי האָט זיך רשי געטראַכט. און דעריבער האָט זיך בײַ ייִדישע געלערנטע פֿון די שפּעטערדיקע דורות געשאַפֿן אַזאַ ווערטל:

„אין רשים צײַטן איז טינט געווען טײַערער ווי גאָלד."

און זײַן טינט איז טאַקע געווען טײַערער ווי גאָלד, ווײַל דאָס, וואָס רשי האָט אָנגעשריבן איז געבליבן אַן אוצר פֿאַרן גאַנצן ייִדישן פֿאָלק, ווײַל רשי האָט מיט זײַן שרײַבן באַשטימט, ווי אַזוי מע זאָל זיך לערנען בײַ ייִדן.

ביז רשין איז דער תּלמוד געווען שווער, אָבער רשי איז געווען גאָר-גאָר אַ גרויסער לערער, וואָס קען אַזוי פֿײַן און אַזוי פּשוט דער־קלערן אַז יעדער איינער זאָל פֿאַרשטיין. איז טאַקע נאָך רשין געוואָרן מעגלעך אַז קליינע ייִנגלעך זאָלן קענען לערנען תּלמוד, און הונדערטער יאָרן נאָך אים האָט זיך טאַקע אַזוי געפֿירט בײַ ייִדן:

פֿריִער פֿלעגט מען לערנען לייענען (עבֿרי), נאָך דעם האָט מען געלערנט חומש מיט רשי, דאָס הייסט חומש מיט רשים דער־קלערונגען, און נאָך דעם האָט מען יאָרן לאַנג געשטודירט דעם תּלמוד מיט רשים דערקלערונגען. אָן רשין וואָלט ניט געווען מעגלעך צו שטודירן דעם תּלמוד, סײַדן נאָר פֿאַר גאָר געציילטע מענטשן. רשי האָט מיט זײַן דערקלערונג געמאַכט אַז דער תּלמוד זאָל שפּילן אַזאַ גרויסע ראָלע אין די לערניאָרן פֿון ייִדישע ייִנגלעך אין פֿאַרלויף פֿון הונדערטער יאָרן.

ז. דער פֿערטער רײַטער וואָס איז איבעריק.

רשי האָט געלעבט שטיל און באַשיידן. ער איז געווען זייער אַן איידעלער און גוטהאַרציקער מענטש. ער האָט זיך ניט געהאַלטן גרויס.

ער האָט געזען אַלעמען צו העלפֿן. אָבער די לעצטע יאָרן פֿון זײַן לעבן זײַנען ניט געווען קיין גליקלעכע.

עס איז יעמאָלט געווען די צײַט פֿון די קרייצצוגן. די קריסטן האָבן געוואָלט צונעמען פּאַלעסטינע פֿון די מאַכמעדאַנער און ביז וואָס ווען האָבן זיי געמאַכט אַ סך פּאָגראָמען אויף ייִדן. רשי האָט אָנגעשריבן אַ סך לידער וואו ער דריקט אויס זײַן טרויער איבער דער שלעכטער לאַגע פֿון ייִדן אויף דער וועלט.

עס איז דאָ אַזאַ מעשה וואָס פֿאַרבינדט רשין מיט איינעם פֿון די פֿירערס פֿון די קרייצפֿאָרערס, מיט גאָטפֿריד פֿון בולאָן.

ווען גאָטפֿריד האָט געדאַרפֿט זיך לאָזן אין מלחמה קעגן די מאַכמעדאַנער, איז ער געקומען צו רשין און אים געבעטן, ער זאָל אים פֿאָרויסזאָגן, צי ער וועט טאַקע אײַננעמען ירושלים און וואָס וועט זײַן דער סוף פֿון זײַן אונטערנעמונג. רשי האָט אים געענטפֿערט:

— „דו וועסט טאַקע אײַננעמען ירושלים, אָבער נאָר דרײַ יאָר וועסטו דאָרטן הערשן. צום סוף וועסטו קומען צוריק נאָר מיט דרײַ רײַטערס.״

— „געדענק, אַז איך קום אַפֿילו נאָר מיט פֿיר רײַטערס צוריק, וועסטו טײַער באַצאָלן פֿאַר דײַן בייזער נבֿואה!״ — האָט גאָטפֿריד אים געזאָגט.

עס איז פֿאַרגעקומען ווי רשי האָט פֿאָרויסגעזאָגט. ווען גאָטפֿריד איז צוגעקומען צום טויער פֿון דער שטאָט טורא, אַ באַזיגטער און אַ פֿאַרטריבענער, האָבן אים באַגלייט דרײַ רײַטערס. האָט ער זיך דער־מאָנט רשים רייד און זײַן ענטפֿער און ער האָט געטראַכט: „רשי איז אַ ליגנער! אָט קום איך צוריק מיט דרײַ רײַטערס, אָבער איך אַליין רײַט דאָך אויך אויף אַ פֿערד, זײַנען מיר דאָך פֿיר! וועל איך טאַקע נקמה נעמען פֿון דעם ייִדן!"

ווי נאָר ער טראַכט אַזוי, פֿאַלט אַראָפּ אַ שטיין פֿון טויער פֿון דער שטאָט און דערהרגעט אַ פֿערד פֿון אונטער איינעם פֿון גאָטפֿרידס מענטשן.

האָט גאָטפֿריד געזען סאַראַ גרויסער מענטש רשי איז געווען און אַוועק צו זײַן שטוב אים צו דערציילן, אַז אַלץ האָט פּאַסירט ווי ער האָט פֿאָרויסגעזען. אָבער ווען ער איז געקומען צו רשים שטוב, האָט ער זיך דערוואוסט אַז רשי איז שוין טויט.

ז. משה רבינוס קוש.

אַ וואונדערלעכע זאַך:

דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט ניט פֿון קיין מלחמה־פֿירער, ניט פֿון קיין פֿאָרער אין ווײַטע לענדער, נאָר פֿון אַ שטילן געלערנטן געמאַכט אַ באַליבטן העלד און זײַן גאַנץ לעבן אַרומגעפּוצט מיט שיינע מעשיות.

פֿאַר וואָס? ווײַל ייִדן זײַנען אַ פֿאָלק פֿון בוך, ווײַל ייִדן האָבן אַזוי פֿיל דורות לאַנג געלערנט רשין, האָבן אים ליב באַקומען און זײַנען אים געווען דאַנקבאַר פֿאַר דעם, וואָס ער, רשי, האָט זיסער געמאַכט דעם חומש און פֿאַרשטענדלעך געמאַכט דעם תּלמוד...

טאָ לאָמיר ענדיקן מיט נאָך אַ מעשה:

ווען רשי האָט אָנגעשריבן די לעצטע ווערטער פֿון זײַן דער־קלערונג צום חומש, האָט זיך פֿאַר אים באַוויזן משה רבינו. משה רבינו האָט אים אַרומגענומען, האָט אים אַ קוש געגעבן און געזאָגט:

„דו ביסט דער איינציקער וואָס האָט פֿאַר־שטאַנען וואָס איך האָב געמיינט."

...אָט אַזוי גרויס איז רשי געווען אין די אויגן פֿון פֿאָלק!

אַברהם רייזען



אַברהם רייזען

אַבֿרהם רייזען

ווער העלפֿט

ווער העלפֿט דיר שאַפֿן דײַנע לידער, זאָג?
— אַ מאָל אַ מילדער, זונענדיקער טאָג,
אַ מאָל דער אָוונט, ווען די זון פֿאַרשווינדט,
ווען ערשטער שטערן זיך אין הימל צינדט.

אַ מאָל אַ פֿעלד וואָס ציט זיך ברייט און לאַנג
און יעדער גרעזל וועקט אין דיר געזאַנג,
אַ מאָל אַ גאַס, וואו מענטשן וואַנדלען מיד
און יעדער בליק צינדט אָן אין האַרץ דײַן ליד.

לערנער　　　　　　　　　　　　אַ ייִדישע פֿרוי

אַבֿרהם רייזען

מײַנע ערשטע לידער

א.

איך בין אַלט געווען אַ יאָר צען־עלף.
מײַן טאַטע האָט ניט געטאָרט וויסן, אַז איך שרײַב.
— לידער! — האָט ער געזאָגט. — זאָלן שרײַבן גרעסערע מענטשן פֿאַר דיר, עלטערע ייִדן...
מילא, ער לאָזט ניט, לאָזט ער ניט... מ׳גיט זיך שוין אַן עצה.
קריך איך אַרויף ווינטער אין אָוונט אויפֿן אויוון און שרײַב לידער.
וואָס טוט מען אָבער — מע מוז זיי דאָך עמעצן ווײַזן? וועמען זשע קען איך פֿאַרט פֿאַרלייענען אַ ליד? דעם טאַטן — אוממעגלעך; די מאַמע איז אַ פֿאַרטראָגענע ייִדענע, כאָטש זייער אַ גוטע; די עלטערע שוועסטער פֿאַרשטייט זיך יאָ אויף אַזוינע זאַכן, בין איך אָבער מיט דער שוועסטער שטענדיק ברוגז, דאָ צעקריגט מען זיך פֿאַר אַ צונאָמען, וואָס איך גיב איר, דאָ פֿאַר אַ מסירהלע און אַ מאָל טאַקע פֿאַר אַ גרעסער שטיק חלה.

בלײַבט מיר די באָבע. מײַן באָבע איז אַפּילו שוין אַן אַלטע ייִדענע, אָבער זי ווייס וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. און דער עיקר — זי האָט פּרנסה. שטענדיק איז זי אויפֿגערוימט.

טראָג איך יעדער נײַ ליד דער באָבען. פֿאַרשטייט זיך, אין אָוונט, ווען זי קומט פֿון קראָם. וואוינען וואוינט די באָבע די צווייטע שטוב פֿון אונדז אין אַ קעמערל בײַ איר עלטערן זון, וואָס איז אַ גרויסער למדן, אָבער זייער אַ בייזער ייִד.

גיי איך אַרײַן אין קעמערל. די באָבע זיצט בײַם טישעלע און שטריקט אַ זאָק. דער זיידע, כּלומרשט אַ בייזער, אָבער באמת זייער אַ גוטער, זיצט אויף דעם אייוועלע, וואָס איז ספּעציעל פֿאַר אים צוגעבויט געוואָרן צום גרויסן אויוון, און קוקט אַרײַן אין אַ ספֿר.

איך שטיי לעבן דער באָבען און דערוועג זיך ניט זאָגן אַ וואָרט וועגן מײַן ליד, ביז זי וועט אַליין ניט פֿרעגן.

ענדלעך פֿרעגט זי גוטמוטיק:

— נו, וואָס שווײַגסטו? זאָג עפּעס.

מיט האַרץ־קלאַפּעניש נעם איך אַרויס פֿון קעשענע דאָס שטיקל פּאַפּיר, פֿאַרשריבן דורך און דורך מיט גראַמען, און האַלט עס אַזוי אַ ווײַלע, ביז איך קריג מוט און זאָג:

— אַ ליד געמאַכט... איינער אַליין...

— גאַנץ פֿײַן! — לויבט די באָבע נאָך איידער וואָס ווען — אדרבא לאָמיך הערן.

פֿון דער באָבעס גוטן טאָן באַקום איך שטאַרק מוט און הייב אָן לייענען:

פֿאַר אַ גראָשן געלט
ענדיקט זיך די וועלט...

די באָבע איז שוין צופֿרידן. די ערשטע צוויי שורות געפֿעלן איר שטאַרק. זי קאָן זיך ניט אײַנהאַלטן און ווענדט זיך צום אייוועלע, וואו דער זיידע זיצט, ווי ניט אים מיינט מען.

— דו הערסט, מאָשע, מאָשע, דו הערסט, וואָס זאָגסטו אויף זײַן קעפּעלע?

נאָר דער זיידע איז ניט צופֿרידן, ער האַלט ניט דערפֿון און ברומט אַרויס:

— ער וואָלט בעסער געלערנט גוט, איידער אַזוינע נאַרישקייטן.

די באָבע אָבער מוטיקט מיך און זאָגט:

— אַט, הער דעם אַלטן, וואָס ער רעדט... ס'איז זייער שיין. וואָס מ'קען איז גוט.

און זי גיט מיר אַ קאָפּיקע און זאָגט, אַז איך וועל איר ברענגען אַ נײַ ליד, באַקום איך ווידער אַ קאָפּיקע.

זי הייסט מיר פֿון דעם געלט מאַכן אַ תּכלית. איך זאָל קלײַבן, הייסט עס...

אַ קאָפּיקע איז געלט. מאַך איך נאָך און נאָך אַ לידל און נאָך אַ לידל — דרײַ לידער מיט אַ מאָל. — איך מאַך אַ חשבון, אַז איך זאָל אין לויף פֿון אַ יאָר מאַכן דרײַ לידלעך אַ טאָג, קאָן איך רײַך ווערן. און די לידלעך אַליין זײַנען דאָך אויך עפּעס ווערט... אמת, דער טאַטע האַלט ניט פֿון זיי. דער זיידע ברומט אויך אומצופֿרידן, נאָר ווער דאַרף זיי אַלע, אַז איך האָב די באָבען, וועלכע צאָלט פֿאַר יעדן ליד?

איך בין אַ גליקלעכער מענטש.

ב.

גייען אָבער אַריבער צוויי וואָכן און עס גייט ניט אַרויס קיין איין ליד. איך ווער שטאַרק פֿאַרצווייפֿלט. גאָט מײַנער, ברום איך פֿאַר ווייטיק, ניט שוין זשע וועל איך שוין מער קיין לידער ניט מאַכן, וואָס טויג יעמאָלט דאָס לעבן?

איך האָב אַפֿילו פֿון דעם אַליין, וואָס עס מאַכן זיך ניט קיין לידער, אַ ליד געוואָלט מאַכן:

איר מעגט אײַך, ברידער, לאַכן
איך קאָן קיין ליד ניט מאַכן...

נאָר איך האָב אַזאַ שרעקלעכן סוד מורא געהאַט אויסצוזאָגן. צו וואָס זאָל מען וויסן פֿון מײַן אומגליק?

פֿאַרגאַנגען דרײַ וואָכן אָן אַ ליד, פֿרעגט מיך די באָבע:

— נו, פֿאַר וואָס ברענגסטו ניט קיין לידער?

איך ווער רויט פֿאַר שאַנד, איך פֿיל, אַז איך פֿאַרליר דאָס גאַנ־צע אָנזען בײַ דער באָבען. איך נעם זיך פֿעסט. איך מוז מאַכן אַ ליד.

אויף מאָרגן קלער איך אַ גאַנצן טאָג. איך פֿיל, אַז דער קאָפּ ווערט מיר צעשפּרונגען: עס גייט גאָרניט אַרויס. אַ ליד אָבער מוז איך דאָך דער באָבען ברענגען, ווען ניט בין איך פֿאַרלאָרן, איך האָב שוין לאַנג קיין קאָפּיקע ניט אָנגעזען...

און פּלוצלונג פֿאַלט מיר אײַן אַ ווילדער געדאַנק.

איך נעם אַ ביכל לידער, וואָס געפינט זיך בײַ אונדז, קלײַב אויס פון דאָרט דאָס שענסטע ליד, שרײַב איבער און טראָג צו דער באָבען.

דאָס האַרץ קלאַפּט, ווער ווייס, צי וועט מען מיך ניט כאַפּן.

איך לייען עס דורך פאַר דער באָבען. מײַן קול ציטערט און דאָס גאַנצע ליד קומט אַרויס נעפּלדיק.

די באָבע הערט אויס, צעגענעצט זיך און זאָגט:

— דאָס ליד געפעלט מיר עפּעס ניט. ביסט. זונעניו, קאַליע געוואָרן...

איך ווער שטאַרק פאַרשעמט: סטײַטש? אַ געדרוקט ליד... פאַר וואָס זאָל איך לײַדן פאַר יענעמס ליד? — און איך שיס אַרויס:

— דאָס ליד איז גאָרניט מײַנס.

די באָבע קוקט מיך אָן פאַרוואונדערט און בייזערט זיך:

— וואָס הייסט ניט דײַנס? וואָס פלוידערסטו... גיי, גיי ביסט אַ נאַרישער יינגל...

אַז מ׳קאָן אַ ליד גנבֿענען, דאָס קאָן מײַן באָבע ניט פאַרשטיין. איך וויל עס איר ניט דערקלערן. איך באַשליס, אַז עס איז בעסער זײַן אַ נאַר איידער גנבֿענען לידער. איך גיי אַרויס פון דער באָבען אָן געלט, אָן כּבֿוד, און נעם אויף זיך קיין לידער קיין מאָל, קיין מאָל ניט צו גנבֿענען.

און גאָט האָט מיר שטענדיק געהאָלפן!...

אַבֿרהם רייזען

אַלץ וואָס לעבט

אַלץ וואָס לעבט וויל לעבן,
אַלץ וואָס לעבט זוכט שוץ
אין אַ וועלט פול בייזקייט
און מיט ווייניק גוטס.

פלאַטערן די שוואַכע
אין דער גרויסער וועלט,
ווי אין פעלד די גראָזן
פאַר אַ גרויסער קעלט...

פלאַטערן די שטאַרקע
אין אַ וועלט פון זינד,
ווי אין וואַלד די ביימער
פאַר אַ שטורעמווינט...

אבֿרהם רייזען

דאָס נײַע ליד

און זאָל ווי ווײַט
נאָך זײַן די צײַט
פֿון ליבע און פֿון שלום, —
דאָך קומען וועט,
צי פֿרי, צי שפּעט,
די צײַט — עס איז קיין חלום!

איך הער דאָס ליד
פֿון ליבע, פֿריד,
די מעכטיקע געזאַנגען —
און יעדער טאָן
פֿון ליד זאָגט אָן:
די זון איז אויפֿגעגאַנגען!

עס עקט די נאַכט,
די וועלט דערוואַכט —
פֿול האָפֿענונג, לוסט און שטרעבן.
דו הערסט — אין לופֿט
אַ שטימע רופֿט:
צו מוט און קראַפֿט און לעבן!...

פרילינג — ע. ארמין

אַבֿרהם רייזען

פֿאַרשפּעטיקט

א.

עס האָט זיך אונטערגערוקט דער הארבסט. די טעג זײַנען געוואָרן קלענער און די נעכט גרעסער. אין קליינעם שטיבעלע בײַ אַנטאָשן — אַן אָרעמען פּויער אין אַ קליין דערפֿל — האָט מען שוין באַדאַרפֿט בײַ נאַכט אַ לעמפּל ברענען. דאָס ליימענע פֿלעשל איז אַ טרוקנס געשטאַנען און ס׳איז ניט געווען פֿאַר וואָס קעראָסין צו קויפֿן. דאָס זאַלץ איז שוין בײַ אים אויך באַלד אויסגעגאַנגען; און פֿון זייף איז נאָר אַ שטיקעלע געבליבן.

— „קיין זאַלץ ניטאָ, קיין זייף ניטאָ, קיין טאַבאַק ניטאָ, גאָרנישט ניטאָ! ס׳איז שלעכט!" — האָט אַנטאָש גערעדט צו זיך אַליין.

פֿאַרדינען האָט אַנטאָש ניט געהאַט וואו. ער האָט געהאַט נאָר איין האָפֿענונג: פֿאַר סוכּות אָנצוהאַקן אַ פֿולן וואָגן סכך און פֿירן עס אין שטעטל אַרײַן צו פֿאַרקויפֿן. אַלע יאָר טוט ער אַזוי.

— „ווען וועט בײַ אײַך זײַן סוכּות?" — האָט ער גלײַך נאָך ראש־השנה אַלע טאָג אָנגעהויבן פֿרעגן דעם איינציקן ייִדן, וואָס האָט געוואוינט אין דאָרף.

— „נאָך לאַנג!" — פֿלעגט אים דער ייִד ענטפֿערן.

— „אָבער ווען?" — פֿלעגט אַנטאָש ניט לאָזן רוען.

ניט פֿיל טראַכטנדיק, האָט דער ייִד איין מאָל אַ זאָג געטאָן:

— „נאָך אַ וואָך."

אין אמתן איז ניט מער געווען ווי פֿינף טעג צו סוכּות, און אַנטאָש האָט אויסגערעכנט, אַז צוויי טעג פֿאַר סוכּות איז די רעכטע צײַט צו פֿירן די סכך אין שטעטל: דאָס איז געווען אַקוראַט דער ערשטער טאָג יום־טובֿ.

ב.

אַנטאָש איז דעם טאָג פֿרי אויפֿגעשטאַנען, איבערגעביסן אַ שטיק גראָב שוואַרצברויט, וואָס ער האָט געטונקט אין זאַלץ, פֿאַרטרונקען מיט קאַלט וואַסער, האָט אײַנגעשפּאַנט דאָס האַלב הונגעריק, האַלב פֿאַרשלאָפֿן פֿערדל, גענומען די האַק און זיך געלאָזט אין נאָענטן וועלדל.

ער האָט זיך גענומען האַקן צווײַגן איינע נאָך די אַנדערע. געקליבן האָט ער אַלץ געדיכטערע און לענגערע. „בעסערע סחורה פֿאַרקויפֿט

זיך גיכער!" — האָט ער דערבײַ געטראַכט. דער וואָגן איז אַלץ געוואַקסן און געוואַקסן.

ענדלעך איז דער וואָגן פֿול געוואָרן. אַנטאָש האָט אים באַטראַכט פֿון אַלע זײַטן און איז צופֿרידן געווען.

— „גענוג וועט זײַן!" — האָט ער פֿאַר זיך הויך אַרויסגעברומט און גענומען דאָס פֿערד פֿאַרן צוים.

אַז ער איז אָבער אָפּגעפֿאָרן אַ פּאָר טריט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און ווידער אַ קוק געטאָן אויף דעם וואָגן.

— און אפֿשר וועט זײַן ווייניק? — האָט ער זיך פּלוצעם דערשראָקן, האָט אויסגעהאַקט נאָך פֿינף צווײַגן און האָט זיך גענומען פֿאָרן שוין אויף זיכער.

ג.

אַנטאָש איז געפֿאָרן לאַנגזאַם, טריט בײַ טריט, און לאַנגזאַם זײַנען אויך אַזוי אין קאָפּ זײַנע געדאַנקען געגאַנגען, ווי זיי וואָלטן ניט וועלן גיין גיכער פֿאַרן פֿערדל. ער האָט גערעכנט, וויפֿל זאַלץ וועט ער קענען קויפֿן און וויפֿל זייף, וויפֿל קעראָסין און וויפֿל טאַבאַק פֿאַר דעם געלט, וואָס ער וועט אָפּלייזן אין שטעטל בײַ די ייִדן.

אַז ער איז מיט זײַן וואָגן אַרײַנגעפֿאָרן אין אַנהייב שטעטל און האָט דערזען די סוכּות שוין באַדעקט מיט סכך, האָט זיך אים ווי עפּעס אָפּגעריסן אינעווייניק און אים האָט זיך געדאַכט, אַז די סוכּות און די הײַזער — אַלע דרייען זיך און שפּרינגען. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט און געטרייסט, אַז אַלע יאָר איז אַזוי: — אַ סך ייִדן דעקן צו פֿריִער און אַ סך — שפּעטער. דערפֿאַר איז שפּעטער טײַערער.

— כ'וועל נעמען טײַערער! — האָט ער באַשלאָסן.

ער איז געפֿאָרן ווײַטער. לעבן אַ הויז זײַנען געשטאַנען צוויי ווײַבער: איינע אַ יונגע און איינע אַן עלטערע; זיי האָבן געטײַטלט מיט די פֿינגער און געלאַכט.

— „וואָס לאַכט איר?" — האָט אַנטאָש מיט כּעס געפֿרעגט.

— „וואָס דו פֿירסט שוין אַזוי פֿרי דעם סכך!" — האָבן זיי אים לאַכנדיק געענטפֿערט.

— „ווי הייסט פֿרי?" — האָט אַנטאָש דאָס לאַכן ניט פֿאַרשטאַנען.

— „פֿרי, פֿרי..." — האָבן די פֿרויען געלאַכט.

— „טפֿו!" — האָט אַנטאָש מיט צאָרן אויסגעשפּיגן און זיך געלאָזט ווײַטער, טראַכטנדיק: „ווי קאָן דאָס זײַן? בערקע האָט אַליין געזאָגט — אין אַ וואָך אַרום. איך האָב דאָך אַזוי גערחשבונט: נאָך צוויי טעג."

א קאַלטער שווייס האָט אים באַגאָסן, ווען ער האָט זיך דער־מאָנט, אַז ער האָט פֿון יענער צײַט אָן, זינט בערקע האָט אים געזאָגט, אַפֿשר ניט גוט געציילט. ער האָט פֿאַרשפּעטיקט! געוויס! געוויס! אַלע סוכּות זײַנען שוין באַדעקט מיט סכך... ער וועט בלײַבן אָן זאַלץ אָן טאַבאַק, אָן זייף...

טרויעריק האָט ער געפֿירט דאָס פֿערדל, וואָס האָט קענטיק גע־שפּירט דעם גרויסן אומגליק, וואָס דאָ שטייט פֿאַר זײַן בעל־הבית, און האָט זיך קוים געשלעפּט, אַראָפּגעלאָזן דעם מידן קאָפּ זײַנעם.

ד.

דערווײַל האָבן ייִדן שוין גענומען גיין ביסלעכווײַז פֿון שול. ווען זיי האָבן דערזען דעם פּויער מיטן וואָגן סכך, האָבן זיי ניט פֿאַר־שטאַנען, וואָס דאָס איז אַזוינס, און געקוקט איינער אויפֿן אַנדערן. נאָך זייער קוקן האָט זיך געדאַכט, אַז זיי האָבן זיך דערשראָקן: אַפֿשר האָבן זיי אַ טעות געהאַט און פֿריִער סוכּות געמאַכט?...

— „וואָס פֿירסטו?" — האָט אים איינער אַ פֿרעג געטאָן.

— „ווי הייסט וואָס?" — האָט אַנטאָש אויסגעשטעלט די אויגן — „כ'פֿיר סכך אויף סוכּות. קויפֿט, טײַערע, קויפֿט!" — האָט ער זיך גענומען בעטן מיט אַ וויינענדיק קול.

די ייִדן האָבן זיך פֿונאַנדערגעלאַכט.

— „וואָס דאַרף מען איצטער סכך? עס איז דאָך שוין יום־טובֿ", — האָט אים איינער געטרייסט.

נאָר אַנטאָש איז פֿון גרויס אומגליק ווי צעטומלט געוואָרן און האָט געשריִען, האַלב וויינענדיק:

— „קויפֿט, קויפֿט; כ'דאַרף זאַלץ, כ'דאַרף זייף, כ'דאַרף קע־ראָסין..."

דער עולם ייִדן, וואָס האָט אָנפֿאַנגס געלאַכט, איז גערירט געוואָרן. זיי האָבן אַ קוק געטאָן אויפֿן אָרעמען דאַרן פּויערל, דערזען דאָס פֿאַרצווייפֿלטע פּנים, און אַ געפֿיל פֿון רחמנות האָט זיך אין זייערע הערצער דערוועקט.

— „אַן אָרעמער גוי, אַ ביטערער רחמנות!" — האָט איינער אַרויס געזאָגט.

— „ער האָט געהאָפֿט נעבעך גאַנצע גליקן מאַכן פֿון דעם סכך, מיט אַ מאָל — נאַ דיר!" — האָט אַ צווייטער געזאָגט.

— „עס וואָלט געווען אַ יושר אָפּצוקויפֿן בײַ אים דעם סכך", — האָט נאָך איינער פֿאַרגעלייגט.

— „אום יום־טוב, ווי אַזוי?" — האָט אַ צווייטער געפֿרעגט.

— „עס איז אויף האַלץ ווערט די געלט!"

— „ווערט היינט, ווערט מאָרגן! אַז ס'איז יום־טוב."

— „ניטאָ קיין זאַלץ, ניטאָ קיין קעראָסין, ניטאָ קיין זייף..." — האָט דער פּויער געזונגען זײַן לידעלע, ניט פֿאַרשטייענדיק, וואָס די ייִדן רעדן אויף זייער לשון, ניט פּילנדיק, אַז מען טראַכט וועגן אים עפּעס גוטס.

— „שאַ! ער דאַרף קיין געלט ניט, ער דאַרף סחורה, סחורה אָן געלט מעג מען געבן אום יום־טוב אויך!" — האָט איינער אויסגע־רופֿן.

דער עולם איז לעבעדיק געוואָרן. עס האָט זיך געפֿונען צווישן רעדל ייִדן אַ קרעמער, וואָס האָט געהאַט דערבײַ אַ קראָם.

— „גיב אים, חיים, אַ פּאָר טעפּלעך זאַלץ מיט נאָך דאַרטן, וואָס ער דאַרף. אַ רחמנות! מיר וועלן אַלע לײַדן דעם היזק."

— „נו, נו!" — האָט זיך ר' חיים אָנגעכאַפּט, — „אָן אָרעמער גוי, טאַקע אַ רחמנות..."

— „אַ מצווה, אַ מצווה! ווי איך בין אַ ייִד!" — האָט יעדערער פֿון עולם געוואָרעמט.

חיים האָט צוגערופֿן דעם גוי, נאָך וועלכן דאָס גאַנצע רעדל איז נאָכגעגאַנגען, האָט געעפֿנט די קראָם און האָט אים געגעבן: צוויי טעפּ זאַלץ, אַ שטיק זייף, אַ פֿלעשל קעראָסין און צוויי פּעקלעך טאַבאַק.

דער פּויער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן פֿאַר שמחה: צי לאַכן, צי וויינען. ער איז נאָר אין אַ שטאַנד געווען צו מורמלען:

— „אַ דאַנק, אַ דאַנק!"

— „נאַ דיר אַ שטיק חלה!" — האָט אים פּלוצעם, אַז ער האָט שוין די סחורה אײַנגעפּאַקט, עמעצער אונטערגעטראָגן. — „דו וועסט ברענגען אַהיים."

— „נאַ דיר נאָך!" — האָט אים נאָך איינער דערלאַנגט נאָך אַ שטיק.

— „נאַ דיר נאָך!"

— „נאָך!"

— „נאָך!"

און מען האָט אָנטאַשן גענומען טראָגן פֿון אַלע זײַטן חלה. ער איז אַ צעטומעלטער געוואָרן און האָט קוים געקאָנט אויסרעדן: „כ'דאַנק אײַך!"

דער עולם איז געווען צופֿרידן. און יענקל לייבעס, אַ פֿריילעכער ייִד, וואָס האָט געמאַכט יום-טובֿ פֿון דער פֿולער האַנט און אָראָפּגע- בראַכט אַ חתן צו גאַסט, האָט אים אַרויסגעטראָגן אַ גלעזל בראַנפֿן.

— „נאַ, טרינק און פֿאַר געזונטערהייט אַהיים!"

אַנטאָש האָט אין דער גיך אַרײַנגעגאָסן דאָס גלעזל בראַנפֿן אין מויל, פֿאַרביסן מיט אַ שטיקל חלה און האָט פֿריילעך אויסגעשריען:

— „כ'וועל עס קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן!"

אַבֿרהם רייזען

אין די ווײַטסטע לענדער

אין די ווײַטסטע לענדער
זײַנען מיר צעשפּרייט —
יעדער טייל אַ רינגל
אין דער לאַנגער קייט.

בײַ די אַלע טײַכן,
ניט פֿון בבֿל בלויז,
זײַנען מיר געזעסן
זוכנדיק אַ הויז.

איצטער איז אונדז טײַער
גאָר די גאַנצע וועלט.
ס'שטייט בײַ ווײַטסטע ברעגן
אונדזערס אַ געצעלט...

וואָסער ליד מיר הערן —
איז באַקאַנט דער טאָן,
וואו אַ טײַך עס ריזלט —
ווייט אַ בענקשאַפֿט אָן.

— וואָסער פֿאָן עס פֿלאַטערט
גריסט זי אונדז באַקאַנט,
— וואָסער שיף עס זעגלט
צו אַ ברודערס לאַנד.

אברהם רייזען

די ייִדישע שול

ניט הויך איז דער בנין,
מיט רײַכקייט ניט פֿול,
אין אָרעמער געגנט —
די ייִדישע שול.

ווען אַנדערע שולן
שוין זײַנען פֿאַרמאַכט,
די ייִדישע שול ערשט
צום לעבן דערוואַכט.

אַזוי ווי בשתיקה,
ווי מ׳וואָלט ניט געטאָרט
פֿאַרקלײַבט מען זיך לערנען
דאָס ייִדישע וואָרט.

די אויגן, זיי קוקן
פֿאַרחלומט און קלוג
בײַ פּרץ-געשיכטן
בײַ לידער פֿון פֿרוג.

בײַ ראָזנפֿעלד, ביאַליק
שטײַגט הויך דאָס געזאַנג,
ווי דורות מיט דורות
זיך טרעפֿן אין גאַנג.

בײַ שלום-עליכם
צעוואַקסט זיך די פֿרייד,
עס פֿרישט און עס מונטערט
די ייִדישע רייד.

ות׳ — שמואל הירשנבערג

אַבֿרהם רייזען

אָ, גיכער, משיח!

אָ, גיכער, משיח, אָ, גיכער שוין, קום!
עס רינגלט די גאַנצע וועלט שוין אַרום,
ווי גיפֿטיקע שלאַנגען דער הונגער און נויט,
און הפֿקר און פּחד, און אַנגסטן און טויט.
עס וויל שוין ניט אַלעמען שפּייַזן די ערד —
אָ, קום שוין, משיח, אויפֿן ווייַסינקן פֿערד!...

אָ, קום שוין משיח, אויפֿן ווייַסינקן פֿערד!...
די קייטן פֿון קנעכטשאַפֿט אַרום און אַרום.
עס האָט שוין קיין אָרט דאָס אומשולדיקע בלוט,
וואָס שפּריצט און וואָס גיסט זיך פֿון אונטער דער רוט.
עס ראַסט פֿון דעם מענטשלעכן בלוט שוין די שווערד —
אָ, קום שוין, משיח, אויפֿן ווייַסינקן פֿערד!...

אַמעריקע



הימל-קראַצערס אונטער דער ברוקלין בריק　　　　　ערנעסט פיען

י. י. שוואַרץ

די נײַע היים

מיר האָבן זיך פֿון אונדזער אַלטער היים געשיידט --
אַ שטורעמווינט האָט אונדז אַהער פֿון ווײַט פֿאַרווייט...
ס'האָט איינער וואו אַן אַלטע מאַמע דאָרט געלאָזן,
און איינער האָט אַ טאַטנס קבֿר צווישן גראָזן.

נאָר איטלעך איינעם האָט דאָס האַרץ מיט וויי געדריקט,
און איטלעך איינעם האָבן טרערן שטום געשטיקט —
מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס, קינדער בײַ די זײַטן
אין גאַסן פֿרעמדע, מיט זכרונות פֿון דער ווײַטן.

און עמעץ האָט אַהער געבראַכט אַ בינטל ערד,
אַן אַלטן ספר, פֿון זײַן זיידנס אויג באַטרערט,
אַ שטילן צער, אין בליק אַ טיפֿן, אַלטן טרויער,
אַ ווידערקול פֿון שווערן זיפֿצן אין זײַן אויער.

און אָפּגעריסן, ווי אַ צווײַג פֿון אַלטן בוים,
גענומען האָבן מיר זיך בויען אונדזער נײַע היים;
דער אַלטער שטאָם איז דאָרט, דאָס האַרץ פֿאַרשניטן —
דער גרויסער, ברייטער ים־אָוקינוס אין דער מיטן.

און ווי אַ ביימעלע אַ יונגס, וואָס שפּראָצט אַרויס
פֿון האַרטן, קאַלטן פֿעלדז, אַן מוטערס שויס,
וואָס נעמט מיט צווײַגעלעך פֿאַרחלשטע זיך ציִען,
אַזוי איז דאָ געווען אונדזער צײַט פֿון בליִען.

און יאָרן זײַנען זיך געלאָפֿן, נײַע זאַפֿט
האָט דורכן ביימעלע געשטראַלט מיט לעבנסקראַפֿט.
די וואָרצלען האָבן זיך געגראָבן אין דער נידער,
און אויפֿן קאָפּ געקלונגען האָבן נײַע לידער.

שלום אַש

מאיר פֿאָרט קיין אַמעריקע

א.

ווען מאיר איז אַהיים געקומען זונטיק אויף דער נאַכט נאָך מעריבֿ צו עסן דאָס לעצטע נאַכטעסן מיט זײַן משפּחה, איידער ער פֿאָרט קיין אַמעריקע, האָט ער שוין געטראָפֿן יאָסעלען, זײַן יִינגסטן, זעקס־יאָריקן זון, ווי ער שטייט אויפֿן בענקל בײַם געדעקטן טיש. און ווי נאָר יאָסעלע האָט דערזען דעם פֿאָטער, האָט ער מיט אַ לעפֿל גענומען קלאַפּן אין טיש און געשריִען הויך אויף זײַן קינדיש קולכל:

— „ווייסט, טאַטע, וואָס די מאַמע קאָכט הײַנט? בעבלעך, טאַטע!”

די מוטער, חנה־לאה, האָט דעם קאָפּ אַרויסגעבויגן פֿון הינטער

דעם פֿאַרהענגל וואָס האָט פֿאַרשטעלט די קיך. אויף איר פּנים וואָס איז געווען געעלטערט פֿאַר דער צײַט האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל.

דער פֿאָטער האָט מיט אַ געמאַכטן בייזערדיקן טאָן זיך אָנ־גערופֿן:

— „דו יונגאַטש איינער! וואָס די מאַמע קאָכט ווייסטו, און וואָס פֿאַר אַ סדרה עס גייט ווייסטו אויך?"

— „איך ווייס!" — האָט יאָסעלע געענטפֿערט.

— „לאָמיר הערן!"

— „לך־לך!"

— „טאַ אַנטלויף, יונגאַטש איינער! — שרײַט דער פֿאָטער מיט דעם פֿריִערדיקן געמאַכטן בייזער.

— „האָב איך ניט געוואוסט, טאַטע?" — רייצט זיך יאָסעלע.

דער מוטערס פּנים האָט אויפֿגעלויכטן מיט נחת פֿון איר קינדס חכמה. אָבער אין קיך, פֿון וואַנעט זי האָט אָפּגעקערט, האָט עפּעס אָנגעהויבן צו זידן און לויפֿן. די ייִדענע האָט פֿאַרגעסן אין איר פֿרייד און האָט שוין אָנגעשריִען אויפֿן ייִנגל:

— „ווי דאָס איז אַרײַנגעטאָן אין דער אכילה! ווען ער וואָלט נאָר אַזוי לערנען געוואָלט ווי עסן!"

נאָר די מוטער האָט אומזיסט גערעדט שלעכטס אויף דעם קליינעם יאָסעלע. אין די זעקס יאָר פֿון זײַן לעבן האָט יאָסעלע צו ווייניק געגעסן און צו פֿיל געלערנט. יאָסעלעס יאָרן זײַנען ניט דורכגעגאַנגען געשמירט אין האָניק און פּוטער.

ער איז געווען אַ קינד וואָס אַלץ האָט זיך צו אים געטשעפּעט, ווי די מוטער פֿלעגט אויף אים זאָגן. וואָס פֿאַר אַ קרענק עס איז נאָר אַרומגעגאַנגען אין שטעטל, האָט זי זיך פֿריִער צוגעטשעפּעט צו יאָ־סעלען. נאָר יאָסעלע איז דאָך אַרויסגעקראָכן פֿון אַלע שאַרלעכן און טיפֿוסן. און אָט שטייט ער דאָ, מיט זײַנע זעקס יאָר ייִדיש קינדער־לעבן, מיט אַ פֿאַרטיקער עבֿרי, מיט אַ סדרה און מיט אַ לעפֿל אין האַנט.

דער פֿאָטער האָט אים בײַ דער האַנט אָנגענומען, אָנגעקוקט אים מיט אַ שמייכל און געזאָגט צו אים:

— „ווייסטו, יאָסעלע, וואוהין דער טאַטע פֿאָרט?

— קיין אַמעריקע," — האָט יאָסעלע געענטפֿערט.

— „און וואו איז אַמעריקע?" — פֿרעגט דער טאַטע.

— „ווײַט, גאַנץ ווײַט," — ווײַזט יאָסעלע מיט דער האַנט.

דער פּאַטער האָט יאָסעלען געגלעט דאָס פּנימל, טיפער אים אַראָפּגערוקט דאָס היטעלע, וואָס ער האָט אים געהאַט געקויפט פאַר דעם ניט לאַנג פאַרגאַנגענעם שמחת-תּורה, און האָט אין דער שטיל געקרעכצט.

ב.

באַלד האָט זיך די טיר געעפנט מיט אַ קנאַק און אין שטיבל זײַנען מיט אַ מאָל אַרײַנגעלאָפן צוויי יינגלעך פון אַ יאָר אַכט, ביידע אַזוי ווי אַ צווילינג, מיט גלײַכע קאַפּאָטקעלעך און קאַשקעטעלעך. זיי זײַנען אַרײַן לאַכעדיק און פרײלעך, נאָר דערזעענדיק דעם פאָטער האָבן זיי זיך מיט איין מאָל באַרואיקט.

— „אַהאַ, די קאָמאַנדע איז געקומען!" — האָט די מוטער אַרײַנגעוואָרפן אַ וואָרט פון הינטערן אויוון.

די „קאָמאַנדע" האָבן זיך לעבן פאָטער בײַם טיש אוועקגעזעצט ווי סטאַטיקעס.

— „וואָס עפּעס די מעשה אַזוי פרי?" — האָט דער פאָטער געפרעגט.

— „דער רבי האָט אונדז אַהיים געלאָזט צו געזעגענען זיך מיטן טאַטן," — האָבן ביידע מיט אַ מאָל אָפּגעענטפערט.

אַלע זײַנען אַ מינוט שטיל געבליבן.

נאָר יאָסעלע וואָס איז געווען דער יינגסטער און זיך געפילט דער געליבטסטער האָט זיך צום ערשטן אָנגערופן, פרייענדיק זיך:

— „דער טאַטע פאָרט אוועק קיין אַמעריקע, קיין אַמעריקע."

די יינגלעך האָבן זיך ניט דערוועגט צו לאַכן, כאָטש זיי האָבן געוואָלט.

— „וואָס איז אויף דיר די שמחה?" — האָט די מוטער געזאָגט אַרויפשטעלנדיק די זופּ אויפן טיש — „מאיר, וואַש זיך!"

מאיר איז ניט געגאַנגען זיך וואַשן. ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן שטוב, געריסן זיך די באָרד און איטלעך מאָל אַ צוק געגעבן מיטן פּנים, ווי ער וואָלט עפּעס פאַרטרײַבן פון זיך. און צו די יינגלעך האָט ער געזאָגט:

— „איר זאָלט די מאַמען האָרכן! בערל, חיים, דו הערסט? איר זאָלט די מאַמען האָרכן, און איר זאָלט וועלן לערנען, וועלן לערנען, וואָרעם אַז איך וועל ניט זײַן, ווער וועט זיך..."

ער האָט שוין געוואָלט זאָגן אַ ווייך וואָרט, נאָר דערזעענדיק ווי

בערל זיצט מיט איין פֿוס אונטער זיך און מיטן צווייטן פֿוס ווי ער וואָלט געקניט, האָט ער אָנגעהויבן שרײַען:

— „זע, ווי דער יונג זיצט, זע! די פֿיס אַראָפּ, דו יונגאַטש איינער!"

— „אָ יאָ, שוין וועלן זיי מיך הערן, עס וועט זײַן אַ חורבן נאָך מײַנע יאָרן! בײַ וועמען לאָזסטו מיך איבער?" — האָט זיך חנה-לאה דערמאָנט.

דיביידע יונגען זײַנען געזעסן שטיל, האָבן זיך געפֿילט ווי זיי וואָלטן די מוטער געקוילעט און האָבן מורא געהאַט צו באַוועגן מיט אַן אבֿר. נאָר דער קליינער יאָסעלע מיטן יאַרמלקע און אײַנגעשמוצטן פּנימל — ער האָט געקלאַפּט מיטן לעפֿל אין טיש און זיך געפֿרייט:

— „דער טאַטע פֿאָרט קײַן אַמעריקע! דער טאַטע פֿאָרט קײַן אַמעריקע!"

ג.

די נאַכט איז נאָך געלעגן טיף און שוואַרץ איבער דער ערד און האָט אויך אָנגעפּילט מיט פֿינצטערניש מאירס קליין שטיבל, ווען דער ייִד איז געשטאַנען פֿאַרן הילצערנעם בעט פֿון זײַנע צוויי קדיש-זאָגערס, בערל און חיים, און האָט עפּעס שטיל אַרײַנגעמורמלט אין דער גרויסער באָרד אַרײַן. דער ייִד האָט געהאַלטן די אויגן פֿאַרמאַכט און זײַן גאַנץ פּנים איז געווען פֿאַרבאַהאַלטן אין די האָר פֿון דער באָרד. נאָר מיט די הענט האָט ער געטאַפּט די קעפּ פֿון דער „קאַמאַנדע" וועלכע זײַנען איצט געשלאָפֿן. בײַ דער שײַן פֿון ליכטל האָבן זיי גאָרנישט אויסגעזען ווי אַ „קאַמאַנדע", נאָר ווי צוויי דינע צווײַגעלעך אָדער ווי צוויי קעלבער וואָס בייגן צו די קעפּ איינס צום צווייטן און קענען נעבעך קיין צוויי ניט ציילן. דער פֿאָטער האָט זיי צוריק אָנגעטאָן די יאַרמלקעס וואָס זײַנען געווען אַראָפּגעפֿאַלן פֿון זייערע קעפּ, און טאַפּנדיק מיט די הענט זייערע קעפּ, האָט ער עפּעס געמורמלט און די אויגן געהאַלטן פֿאַרמאַכט.

דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו יאָסעלען, וועלכער איז נאָך גע־שלאָפֿן מיט דער מוטער. ער האָט אים אַן אויגנבליק אָנגעקוקט און אַ קרעכץ געגעבן — בײַ מאירן אַ קרעכץ איז ניט קיין חידוש — און זיך אַראָפּגעבויגן און יאָסעלען געגעבן אַ קוש אין קעפּל.

ער האָט געמיינט אַז יאָסעלע שלאָפֿט. ערשט אַז חנה-לאה וואָס איז דערבײַ געשטאַנען האָט צוגעבויגן דאָס ליכט, וועלנדיק דעם מאַן ווײַזן יאָסעלעס פּנימל, האָבן זיי דערזען יאָסעלעס שוואַרצע אויגן וואָס

זײַנען ברייט אָפֿן געווען און לעבעדיק געקוקט אין דער אָפֿענער נאַכט אַרײַן. דער פֿאָטער האָט דעמאָלט זיך צו אים אָנגערופֿן:

— „דער טאַטע פֿאָרט אַוועק, יאָסעלע, פֿאָרט ווײַט אַוועק."

יאָסעלע האָט געשוויגן, נאָר די אויגן האָבן אויסגעזאָגט אַז ער הערט אַלץ צו אויפֿמערקזאַם.

— „און עס וועט ניט זײַן קיינער ווער עס זאָל דיך פֿאַרהערן... באַגער צו לערנען, יאָסעלע, באַגער. און דאַוון פֿרום אין שטיבל. און לויף ניט אַרום. און הארך די מאַמע, יאָסעלע... וואָרעם דער טאַטע וועט ניט זײַן", — האָט מאיר געזאָגט.

יאָסעלע האָט אַלץ געשוויגן. נאָר ער האָט מיט אַ מאָל אַלץ פֿאַרשטאַנען און גוט געוואוסט וועגן וואָס עס רעדט זיך דאָ און האָט דערפֿילט זײַן ייִדישע יתומדיקייט. און אַז דער פֿאָטער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו אים און האָט אים דאָס לעצטע מאָל אַ קוש געגעבן, האָט יאָסעלע אָפּגעענטפֿערט:

— „פֿאָר געזונטערהייט, טאַטע!" — און דאָס האָט געהייסן אַז ער זאָגט צו אַלץ וואָס דער פֿאָטער זאָגט אים אָן.

חנה-לאה האָט זיך הויך צעוויינט. מאיר האָט זיך ווידער אַראָפּגעבויגן און ווידער אַ קוש געגעבן און האָט עפּעס הויך געזאָגט, און ווידער די אויגן פֿאַרמאַכט און מיטן קאָפּ עפּעס צוגעשאָקלט. דערנאָך איז ער אַרויס, באַגלייט פֿון דער ווײַב און דער עלטסטער מיידל, צו דער-פֿור צו, מיט די צוויי אָנגעפֿילטע זעק.

אַז די פֿור האָט זיך גערירט האָט זיך חנה-לאה צעוויינט און האָט זיך ניט געקענט אײַנהאַלטן.

*

אַז יאָסעלע האָט געהאַט די אויגן געעפֿנט, האָט ער געטראָפֿן די „קאַמאַנדע" זיצנדיק אויף דער ערד. אַלע שטולן פֿון שטיבל זײַנען שוין געווען איבערגעקערט, און זיי האָבן אים מיטגעטיילט:

— „הײַנט גייען מיר ניט אין חדר אַרײַן, דער טאַטע איז קײַן אַמעריקע געפֿאָרן!

יאָסעלע האָט זיי גאָרנישט געענטפֿערט. ער האָט בײַ זיך אין הערצל באַהאַלטן דעם פֿאָטערס ווערטער. און אַ געוויסע שטאָלץ האָט אים אַרומגענומען אויף דעם וואָס דער פֿאָטער האָט אים געזאָגט. און ער האָט בײַ זיך אָפּגעמאַכט אַלץ צו פֿאָלגן וואָס דער טאַטע האָט אים אָנגעזאָגט.

שלום אַש

שלום אַש

אַליין אין דער פּרעמד

א.

אַזוי ווי אַן איינזאַמער אין אַ ווידסטעניש איז מאיר געזעסן אין איינעם פון די „טענעמענט״־הײַזער אויף עסעקס סטריט אין ניו־יאָרק, וואָס איז בײַם ברעג אויף יענער זײַט אָקעאַן, אַן איינזאַמער צווישן אַ פינפמיליאָניקער באַפעלקערונג און צווישן נײַן הונדערט טויזנט זײַנע אייגענע ברידער־ייִדן.

צו קיין חבֿרה, צו קיין „סאָסײַעטי״, צו קיין „קאָנגרעגיישן״ האָט ער ניט געהערט. ער האָט זיך מיט קיינעם ניט געמישט. די לאַנדסלײַט פון דער דריטער סטריט, צו וועלכע ער האָט אַן אַדרעס געהאַט און וועלכע האָבן אים פון שיף אַראָפּגענומען, האָבן אים געשאַפט אַ ייִדיש „פּליים״, דאָס הייסט אַ שאַפּ וואו מען אַרבעט ניט שבת. שוין העכער זיבן חדשים זיצט מאיר בײַ אַ פענצטער וואָס גייט אַרויס קעגנאיבער אַ הויכער וואַנט און נייט אויף דער מאַשין זוימען פון העמדער.

ווי אַזוי ער איז דאָרט אַהין געקומען, ווייס ער נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג ניט, כאָטש ער פאָרט יעדן טאָג צו דער אַרבעט און יעדן טאָג פון דער אַרבעט. דער לאַנדסמאַן דער קרובֿ האָט אים אַרײַנגעפירט אין אַ טיפן קעלער און ער איז מיט דער באַן אַהין געפאָרן. פון דעמאָלט אָן פאָרט ער יעדן טאָג צו דער אַרבעט און יעדן טאָג פון דער אַרבעט.

ער האָט זיך גאָרניט געוואונדערט איבער דער באַן וואָס לויפֿט ווי אַ שרעקלעכע חיה אין דער ערד. ער האָט איבער זײַן וועג קיין אַמעריקע אַזוי פֿיל זאַכן געזען — און דער קאָפּ איז אים אַזוי באַרווישט געווען, אַז ער וואָלט זיך שוין אויף גאָרנישט ניט געוואונדערט. ער האָט זיך אויך ניט געוואונדערט ווען דער קרובֿ האָט אים פֿאַרגעלייגט אַז ער זאָל העמדער נייען, און אַז מע האָט אים בײַ אַ מאַשין אוועקגעזעצט...

ער, מאיר, וואָס די שטאָט האָט געקלונגען מיט זײַן לערנען, און איז עפּעס פֿון דער היים אויס אַ סוחר געווען — זאָל ווערן אַ העמדלנייער, ווי סענדערל דער דאַמסקער שנײַדער בײַ זיי אין שטעטל!

דאָ איז אַלץ מעגלעך און פֿאַר דעם איז עס דאָך אַמעריקע! עס איז קיין חרפּה נישטאָ און צו דעם איז ער דאָך אַראָפּגעקומען! און דער עיקר פּרנסה — פֿון דעם וועט ער דאָך קענען מפֿרנס זײַן ווײַב און קינדער אין דער היים. און זיי וואַרטן דאָך אויס אויף אַ בריוול מיט אַ רובל.

איז ער באַלד צוגעוואוינט געוואָרן, האָט צוגעלייגט דעם קאָפּ און האָט זיך געזאָגט: „דאָס איז מײַן פּרנסה". איז ער געזעסן טאַקע אַ גאַנצן טאָג. אַלע אָן היט — ער אין אַ קאַפּל. עס זײַנען דאָרט מיידלעך אויך געווען. ער האָט זיי ניט געזען. און ער האָט געאַרבעט מיט פֿלײַס, מיט קיינעם קיין וואָרט ניט גערעדט. פֿאַר זיך אַליין האָט ער זיך איבערגעחזרט אַ משנה. אָבער מערסטנס איז זײַן געדאַנק פֿאַרנומען געווען מיט דער היים: וואָס מאַכן די קינדער? און יאָסעלע?

ער האָט געזען ווי יאָסעלע זיצט אין חדר און לערנט די פּרשה חומש און טײַטשט אויס איטלעך וואָרט. ער האָט אַ גוט קעפּל, יאָסעלע, און פֿאַרנעמט, און גייט צווישן מנחה־מעריבֿ אין בית־המדרש אַרײַן און דאַוונט פֿרום. „אַ גוט יינגל" — האָט מאיר צו זיך געזאָגט. און דאָס האַרץ איז אים אויסגעגאַנגען פֿאַר בענקעניש נאָך אים.

און אַז ער האָט טאַקע אַהיים געשיקט חנה־לאהן די ערשטע צען רובל (דאָ איז עס נאָר פֿינף טאָלער) — ווער האָט זיך געקענט גלײַכן צו אים?! דאָס האַרץ איז אים טאַקע פֿול געווען מיט פֿרייד. ער איז געווען מיט זיי אין דער היים. ער האָט געזען ווי דער בריווטרעגער טראָגט אַרײַן דעם בריוו און זײַן שוואָגער לייבוש לייענט אים פֿאַר חנה־לאהן. און יאָסעלע שטייט בײַ דער מאַמען און רײַסט זי בײַם פֿאַרטעך: „ווײַז מיר דעם טאַטנס בריוו".

ב.

מע זאָגט, אַמעריקע איז אַ לאַנד וואו מע קען נישט אָפּהיטן ייִדיש־קייט ווי מע דאַרף. עס איז אָבער ניט אַזוי. דער וואָס וויל אָפּהיטן ייִדישקייט קען עס אומעטום אָפּהיטן.

מאיר פּלעגט זיך אויפהייבן ווען עס איז נאָך טונקל געווען, כּדי ער זאָל קענען פאַרן דאַווענען נאָך לערנען, ווי ער איז געוואוינט געווען פון קינדהייט אָן. צו ערשט האָט דער יונגערמאַן וואָס איז געשלאָפן מיט אים אין איין שטוב טענות געהאַט: ער לאָזט ניט שלאָפן! דערנאָך האָט ער זיך צוגעוואוינט צו אים. האָט זיך מאיר פאַרקליבן אין זײַן ווינקל פון שטוב, וואו זײַן בעט און זײַן קעסטל זײַנען געשטאַנען, און דאָרט איז זײַן היים געווען.

דאָרט, בײַם טישל, האָט ער אין דער פרי געלערנט, געדאַוונט, איידער ער איז צו דער אַרבעט געגאַנגען. דאָרט, אין זײַן ווינקל, האָט ער פרײַטאָג צו נאַכט זײַנע צוויי שבת־ליכט אָנגעצונדן און בײַ זיי „שלום־עליכם" געזאָגט. אים האָט ניט געאַרט וואָס עס איז פאַר־געקומען אַרום אים. ער האָט עס ניט געזען. טייל מאָל ווי ער פלעגט פרײַטאָג צו נאַכט זיצן בײַ זײַן טישל און מקבל שבת זײַן, איז פונקט זײַן שכן געזעסן און האָט געטאָן אַ וואָכעדיקע אַרבעט אָדער האָט מיט זײַנעם אַ חבר קאָרטן געשפּילט. מאיר האָט זיי קיין מוסר ניט געזאָגט: ער האָט געוואוסט עס וועט ניט העלפן. ער איז ניט גע־גאַנגען זיך זוכן קיין אַנדערע וואוינונגען: ער האָט געוואוסט אַז אַנדערשוואו וועט אויך זײַן אַזוי. נאָר ער האָט ניט געקוקט און ניט געזען וואָס עס טוט זיך אין צווייטן ווינקל. אין זײַן ווינקל איז געווען שבת קודש!

אין קיין חבֿרה האָט ער ניט געדאַוונט. דעם ערשטן פרײַטאָג צו נאַכט האָבן אים די לאַנדסלײַט מיטגענומען אין דער „קאָנגרעגיישן אַנשי לענשנע", אין דער חבֿרה פון זייער שטאָט. די חבֿרה איז געווען אויף דער זעלביקער גאַס וואו ער האָט געוואוינט, אויף עסעקס סטריט.

אַז ער איז געגאַנגען אין חבֿרה אַרײַן פרײַטאָג פאַר נאַכט, איז די גאַס געווען פול געפּאַקט מיט מענטשן, און ווי עפּעס אויף צו־להכעיס דעם שבת, איז דער גרעסטער מאַרק געווען פרײַטאָג צו נאַכט. מיט דער נאַכט האָבן זיך געמערט די טישלעך אין מיטן דער גאַס און האָבן

פֿאַרשטעלט דעם גאַנצן דורכגאַנג פֿון דער גאַס. און בײַ יעדן טיש זײַנען געשטאַנען רעדלעך מענטשן. דאָס זײַנען געווען ייִדישע אַרבעטער וואָס זײַנען געגאַנגען אַהיים פֿון די שעפּער. ייִדישע ייִנגלעך — ער האָט זיי דערקענט אין די פּנימער — האָבן פֿײַער אָנגעצונדן פֿון דעם ליגנדיקן מיסט און פּאַפּיר, און קיינער האָט זיי ניט דערמאָנט אַז עס איז שבת.

ער איז אַנטרונען פֿון אין־דער־וואָכנס וואָס איז אויף דער גאַס אין דער חבֿרה אַרײַן. נאָר דער שבת וואָס איז געווען אין דער חבֿרה, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן גרעסטן אין־דער־וואָכן, איז געווען אַן אָרעמער, אַ וואָכעדיקער, און האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק ווי ער וואָלט פֿאַרטרונקען געוואָרן אין דעם גרויסן וואָכעדיקן טאָג אין וועלכן ער איז געשטאַנען.

ג.

מאיר האָט זיך אַרומגעקוקט. ער האָט געזען אַ באַלעמער און אַן אָרון, וואָס אַ ייִד האָט אים אַרויסגערוקט פֿון אַ ווינקל אין מיטן שטוב אַרײַן. אַ צווייטער ייִד האָט אָנגעהויבן ליכטלעך אָנצינדן, כאָטש עס איז שוין געווען אַ שטיק אין שבת אַרײַן. די חבֿרה האָט אָנגעהויבן איינציקווײַז זיך אָנצופֿילן. דאָס זײַנען מערסטנס געווען בעלי־מלאָכות פֿון זײַן שטעטל וועלכע ער האָט נאָך געקענט פֿון דער היים. טייל האָט ער געקענט פֿון גאַנץ אַלטע יאָרן. ער האָט זיי געזען ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען. זיי האָבן אויף אים געמאַכט דעם אײַנדרוק ווי זיי וואָלטן זיך ווײַזן צו אים אין חלום. אַנדערע האָט ער ניט געקענט פֿון דער היים.

דער גבאי איז געווען אַ שנײַדער פֿון דער היים, אַ ייִד מיט אַ געל בערדל.

מאיר האָט זיך אַרומגעקוקט, געזוכט אַ באַקאַנטן פֿון דער היים מיט וועלכן ער זאָל אַ וואָרט קענען רעדן — ער האָט נאָר געזען צווישן זיי בעלי־מלאָכות, ניט פֿון זײַנע מענטשן. זיי האָבן אים שלום־עליכם געגעבן און האָבן אים אויסגעפֿרעגט פֿון דער היים.

באַלד איז צוגעגאַנגען אַ ייִד צום באַלעמער און האָט זיך אָוועק־געשטעלט דאַווענען. ער האָט אים געקענט — עפּעס אַ געוועזענער שמיד אין זייער שטעטל.

מאיר האָט זיך דערמאָנט דעם שבת אין דער היים, אין דעם קליינעם שטעטל. און אַ בענקשאַפֿט האָט מאירן אַרומגענומען נאָך דער היים, נאָך זײַן ווײַב, זײַן הויזגעזינד, זײַנע קינדער.

שבת! זײַן יאָסעלע שטייט איצט און שאָקלט זיך איבערן סידור.

אין דער היים איז געגרייט צום טיש. די ליכט אין די לײַכטערס ברענען. און חנה-לאה איז אָנגעטאָן אין דער נײַער הויב — און ער איז אַזוי ווײַט! אָבער קיין עגמת-נפֿש האָט ער זיך נישט צוגעלאָזט: עס איז דאָך שבת.

נאָכן דאַווענען האָט מאיר זיך אָוועקגעזעצט אין אַ ווינקל, ווי ער איז געוואוינט געווען פֿון דער היים, ניט גלײַך נאָכן דאַווענען אַהיים צו גיין, נאָר צו לערנען פֿרײַטאָג צו נאַכט נאָכן דאַווענען — און צו וועמען האָט ער זיך אַהיים צו אײַלן? און שבתדיק האָט ער זיך דאָך געפֿילט! נאָר אַזוי ווי ער זיצט און שאָקלט זיך איבער אַ ספֿר, זעט ער ווי מע רוקט ווידער אָפּ דעם אָרון-קודש מיטן באַלעמער אין אַ ווינקל אַרײַן און מע פֿאַרהענגט עס מיט עפּעס — — און עס הייבט זיך אָן ווײַזן גאָר אַן אַנדער עולם: עפּעס קלעזמאָרים, , בחורים און מיידלעך. מאיר הערט אויף צו זאָגן, קוקט זיך אום פֿאַרוואונדערט. עס גייט צו אים צו דער זעלביקער ייִד וואָס האָט די ליכטלעך אָנגעצונדן און זאָגט אים:

— „ר׳ פּעטער, איר וועט דאָס אָרט פֿאַרלאָזן. מע דאַרף די טישן צעשטעלן, וואָרעם דער טאַנצמײַסטער קומט באַלד צו גיין.”

— „וואָס?! אין אַ מקום-קודש, פֿרײַטאָג צו נאַכט?” — שרײַט מאיר אויס.

— „די ,קאָנגרעגיישן אַנשי לענשנע׳ דאַוונט דאָ יעדן פֿרײַטאָג פֿון 6 ביז 8 ווינטער און פֿון 7 ביז 9 זומער. עס איז שוין נאָך 8. און אַכט אַ זייגער קומט דער טאַנצמײַסטער.”

— „דאָ, אין מקום-קדוש?” — וואונדערט זיך נאָך מאיר.

— „איצט איז עס שוין ניט קיין מקום-קדוש, איצט איז עס אַ טאַנצזאַל.”

מאיר איז אַנטלאָפֿן. פֿון דעמאָלט אָן דאַוונט ער ניט אין קיין חבֿרה, נאָר אַליין פֿאַר זיך, בײַ זיך אין ווינקל, צווישן זײַן בעט און קעסטל, איז מאיר מקבל שבת, זינגט מאיר אַלע ניגונים פֿון רבין, בענקט מאיר נאָך ייִדישקייט, נאָך זײַן ווײַב און קינדער און דער עיקר נאָך זײַן ייִנגסטן קינד, נאָך יאָסעלען.

אַבֿרהם רייזען

זיבן מיליאָן מענטשן

זיבן מיליאָן מענטשן
אין דער שטאָט פֿאַראַן;
אויסגעציילט אויף ריכטיק
האָט אַ קלוגער מאַן.

און איין צײַל פֿאַרנעמט עס
אין דעם בלאַט,-ניט מער;
איבערלייענען איז עס
איבעריקס ניט שווער.

עס איז נאָר אַ ציילונג
פֿון אַ טרוקענעם מאַן;
אין די מיליאָנען
בין איך אויך פֿאַראַן...

און דער אָרעמער הײמאַן
און דער רײַכער שיף;
אַלע אין איין חשבון;
אַלע — איין באַגריף...

גיי איך אום שפּאַצירן
אין דער טיפֿער נאַכט:
— „זיבן מיליאָן מענטשן" —
האָב איך זיך פֿאַרטראַכט.

שטיל אין אַלע גאַסן,
אַלץ אין טיפֿער רו;
(נאָר אַ ווײַטער טראַמוויי
קלאַפּט נאָך ערגעץ-וואו...)

זיבן מיליאָן מענטשן.
ווער זשע זײַנען זיי?
יעדער מיט זײַן שמחה,
יעדער מיט זײַן וויי...

זיבן מיליאָן לײַדן
האַלט די נאַכט אין שוים,
זיבן מיליאָן ליבעס —
ליבעס שטאַרק און גרויס.

זיבן מיליאָן מענטשן
האָבן מיך דערוואַכט;
כ'בענטש זיי אין דער שטילקייט,
ווינטש זיי: גוטע נאַכט!...

אין שאָפּ

איך קאָן אײַך אָנזאָגן אַ בשורה; מײַן ברודער אליהו און אונדזער חבֿר פּיניע אַרבעטן שוין אין שאָפּ, אויף דער פֿאַבריק, הייסט עס. ווי אַזוי מען אַרבעט אין שאָפּ, קאָן איך אײַך אַקוראַט ניט זאָגן, וואָרעם איך ווייס אַליין ניט. מע לאָזט מיך אַהינצו ניט אַרײַן, וואָרעם איך בין נאָך ניט בר־מצווה. איך ווייס נאָר דאָס, וואָס איך הער פֿון מײַן ברודער אליהו און פֿון אונדזער חבֿר פּיניע. אַלע אויף דער נאַכט, אַז זיי קומען אַהיים פֿון שאָפּ, דערציילן זיי אונדז וואונדער. זיי קומען אַלע מאָל אויסגעמאַטערט און הונגעריק.

מײַן שוועגערין ברכה איז ניט צופֿרידן. די מאַמע — אויך ניט. זיי באַוויינען אונדז, וואָס מיר דאַרפֿן אַזוי האָרעווען אין אַמעריקע, כּדי צו מאַכן אַ לעבן. אַ קלייניקייט — אַרבעטן אין שאָפּ! אַז האַלב זיבן אין דער פֿרי מוז מען שוין זײַן אויף דער אַרבעט. אַ שעה נעמט דאָס פֿאָרן אַהין. עפּעס איבערכאַפּן דאַרף מען. הײַנט רעכנט אויס, ווען מיר דאַרפֿן אויפֿשטיין? און פֿאַרשפּעטיקן טאָר מען ניט קיין מינוט אַפֿילו! וואָרעם טאָמער פֿאַרשפּעטיקט איר, רעכנט מען אײַך אַראָפּ פֿאַר עטלעכע מינוט אַ האַלבן טאָג אַרבעט.

איך האָב מורא, אַז מיר וועלן זיך מיטן שאָפּ ניט עלטערן. מײַן ברודער אליהו זאָגט, אַז די אַרבעטער האָבן צרות פֿונעם פֿאָרמאַן. יעדער שאָפּ האָט אַ פֿאָרמאַן, אַן עלטסטן, אַן אויפֿזעער. און ניט נאָר איין פֿאָרמאַן. יעדער שטאָק האָט זיך זײַן פֿאָרמאַן. אויף דעם שטאָק וואו אליהו אַרבעט, איז דער פֿאָרמאַן אַ ר ש ע ־ מ ר ו ש ע. ער איז אַליין אַ מאָל געווען אַ שנײַדער. האָט ער זיך אַרויפֿגעאַרבעט און איז געוואָרן אַ פֿאָרמאַן. די אַרבעטער זאָגן, אַז ער איז ערגער פֿונעם באָס, פֿונעם באַלעבאָס, הייסט עס.

מען האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג אין שאָפּ, אַז דער פֿאָרמאַן רוקט דעם זייגער. אַזוי, אַז ווען איר זאָלט ניט קומען, וועט איר פֿאַרשפּעטיקן. וואָס זאָגט איר אויף אַזאַ הונט? און אונדזער חבֿר פּיניע דערציילט פֿון זײַן שאָפּ נאָך שענערע מעשׂיות. זייער פֿאָרמאַן, זאָגט ער, לאָזט ניט דעם אַרבעטער אַ קוק טאָן אין פֿײַפֿער אַרײַן, אין אַ

צײַטונג, הייסט עס. לייענען אַ צײַטונג בײַ דער אַרבעט — ס'לעבן ניט זיכער! רייכערן שמועסט מען ניט. אַ וואָרט טאָר מען ניט אויסריידן צווישן זיך. ס'איז אַזוי שטיל, זאָגט ער, אַז מע קאָן הערן אַ פֿליג! אויסער דעם טראַסק מיטן גראַגערן פֿון די מאַשינען.

נאָך אַ מעלה האָט זײַן שאָפּ. דאָרט ווערן די פּרעסלעך אָנגעוואָרעמט מיט גאַז. דאָ זאָגט מען ניט גאַז, נאָר „געז". אַקוראַט פֿאַרקערט. עס זאָל בײַ אונדז אין דער היים הייסן געז, וואָלט מען דאָ, מסתּמא, געזאָגט גאַז...

די געז פֿון די פּרעסלעך פֿאַרהאַקט אַזוי דעם קאָפּ, אַז די אַרבעטער אין שאָפּ פֿאַלן חלשות און מוזן וואַרפֿן די אַרבעט. רעכנט מען זיי אָפּ פֿון דער „פּיידע". דאָס הייסט, אַז עס קומט צום אָפּנעמען פֿאַר דער וואָך, וואָס מע פֿאַרדינט, ווערט אַ לאָך. דאָ האָט איר פֿאַרשפּעטיקט פֿינף מינוט — אַראָפּ אַ האַלבער טאָג. דאָ זײַט איר צו פֿרי אַוועקגעגאַנגען — אַראָפּ אַ האַלבער טאָג. דאָ זײַט איר געפֿאַלן חלשות — פֿאַרפֿאַלן אַ טאָג.

ניין, מע קאָן שוין מערניט אַריבערטראָגן. מע וועט מוזן אַרויס אין אַ סטרײַק.

שלום-עליכם

מיר סטרײַקן

א.

מיר דאַכט, אַז ס'איז גאָר ניטאָ קיין בעסערע זאַך אויף דער וועלט, ווי אַז מע סטרײַקט. דאָס האָט אַזאַ פּנים, ווי אַז איר לערנט בײַ אַ רבין, וואָס שלאָגט זיך צו שטאַרק. נעמט מען אָפּ בײַ אים די קינדער און מע זוכט אַן אַנדער מלמד. דערווײַל הערט איר אויף צו גיין אין חדר.

מײַן ברודער אליהו און אונדזער חבֿר פּיניע האָבן אויפֿגעהערט צו גיין אין שאָפּ. אונדזער שטוב האָט שוין גאָר אַן אַנדער פּנים, זינט זיי זײַנען אין דער היים. אַזוי האָבן מיר זיי אָנגעקוקט איין מאָל אין וואָך — זונטיק. וואָרעם, ווי איך האָב אײַך שוין דערציילט, אַז מע אַרבעט אין אַ שאָפּ, מוז מען אויפֿשטיין באַגינען, כּדי מע זאָל חלילה ניט פֿאַרשפּעטיקן. און אַז זיי זײַנען געקומען אַהיים, פֿלעג איך שוין שלאָפֿן.

פֿאַר וואָס? דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן געאַרבעט „אָווערטײַם". דאָס הייסט, אַז אַלע אַנדערע אַרבעטער זײַנען געגאַנגען אַהיים, זײַנען אונדזערע לײַט נאָך געזעסן אין שאַפּ בײַ דער אַרבעט. ניט דערפֿאַר, וואָס מען האָט זיי געגייט. זיי זײַנען פֿאַרבליבן אַרבעטן, כּדי זיי זאָלן מער פֿאַרדינען.

אַי, אַז ס'איז געקומען צום צאָלן, האָט מען בײַ זיי אָפּגעריסן טעג — וואָס זײַנען זיי שולדיק? „עלעהיי גזלנים זײַנען אונדז באַפֿאַלן"... אַזוי האָט געזאָגט מײַן ברודער אליהו.

— „עלעהיי דו ביסט אַ לעקיש!" — זאָגט צו אים מײַן שוועגערין ברכה. ווען זי, זאָגט זי, זאָל אַרבעטן אין אַ שאַפּ, וואָלט זי זיך ניט געלאָזט שפּײַען אין דער קאַשע. זי זאָגט, אַז אַלע פֿאַרלײַט מיט אַלע באָסעס וואָלטן בײַ איר געקײַט די ערד. און איר מעגט זי גלייבן. ברכה קאָן!

ב.

דערפֿאַר האָט זי זיך געקילט דאָס האַרץ, אַז אַלע שעפּער (פֿאַבריקן) האָבן דערקלערט אַ סטרײַק. דאָס הייסט, אַלע שנײַדערס, וויפֿל ס'איז פֿאַראַן אין ניו־יאָרק, האָבן אָוועקגעלייגט שער און אײַזן און — אַ גוטן טאָג.

וויי. וויי, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן! אין דער היים, אויפֿן גאַס, אין די האָלס. מע קלײַבט זיך צונויף אַהינצוצו אַלע שנײַדערס פֿון גאַנץ ניו־יאָרק אויף אַ מיטינג, און מע רעדט, און מע רעדט, און מע רעדט. איר הערט זיך דאַרטן אַן אַזעלכע ווערטער, וואָס איר האָט זיי קיין מאָל ניט געהערט: „דזשענעראַל סטרײַק"... „יוניאָן"... „אָרגאַניזירט"... „אַכט און פֿערציק שטונדן"... העכערע שכי־רות"... „בעסערע באַהאַנדלונג"... „סטרײַק־ברעכערס".. „פּי־קעטס"... און נאָך און נאָך אַזעלכע ווערטער, וואָס איר פֿאַרשטייט זיי ניט.

מײַן חבֿר מענדל זאָגט, אַז ער פֿאַרשטייט זיי יאָ, נאָר געבן מיר צו פֿאַרשטיין קאָן ער ניט. „וועסט עלטער ווערן, זאָגט ער מיר, וועסטו אַליין פֿאַרשטיין." עס קאָן זײַן. דערווײַל קוק איך זיך צו, ווי דער עולם היצט זיך, און עס בײַסן זיך מיר די הענט. עס גלוסט זיך מיר זיי אַלע אָראָפּכאַפּן אויף פּאַפּיר, אויסמאָלן איטלעכן באַזונדער, ווי ער זעט אויס, וואָס ער טוט, ווי אַזוי ער שטייט און ווי אַזוי ער רעדט.

ג.

למשל, נעמט מײַן ברודער אליהו. ער אַליין רעדט ניט קיין וואָרט. ער גייט נאָר צו צו איטלעכס רעדל און שטעקט אַרײַן די נאָז, אָדער ער לייגט צו אַן אויער. בעת מעשה בײַסט ער די נעגל און איז שטאַרק אויפֿגערעגט.

אַ פֿאַרגעניגן צו זען מײַן ברודער, ווי ער שאָקלט צו מיטן קאָפּ יעדן איינציקן, וואָס ער רעדט. ער איז מיט אַלעמען מרוצה (מערוצע), וואָס יענער זאָל ניט זאָגן.

אָט איז צוגעקומען אַ שנײַדער מיט אַ פּנים פֿון אַ קאַטשקע. אַז ער רעדט, פּאַטשט ער מיט די ליפּן. דער שנײַדער האָט אים אָנגענומען בײַ אַ לאַץ און טרייסלט אים און רעדט אין אים אַרײַן, אַז ס'איז אַרויס־געוואָרפֿן דער גאַנצער טאַראַראַם. די שנײַדערס וועלן מיט זייער סטרײַק גאָרניט אויספֿירן, מחמת די „אַסאָסיאיישאָן" פֿון די „מאַנופֿעק־טשורערס" איז צו שטאַרק פֿאַר אונדז!

שאָקלט אים מײַן ברודער צו מיטן קאָפּ. און איך האָב זייער מורא, אַז מײַן ברודער אליהו ווייס אַזוי, וואָס באַטייט „אַסאָסיאיישאָן" און „מאַנופֿעקטשורערס" ווי איך... וואָרעם אָט איז צוגעגאַנגען צו אליהון אַן אַנדער שנײַדער מיט אַ גולקע אויף איין זײַט קאָפּ — פֿון דער לינקער זײַט. ער האָט געזאָגט און אַלע. מינוט אויסגערופֿן: „ניין, מיר מוזן קעמפֿן, אויסקעמפֿן ביזן סוף!"... האָט אים מײַן ברודער אויך אויסגעהערט און אויך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אַן עבֿירה וואָס מײַן שוועגערין איז דאָ ניטאָ. זי וואָלט אים שוין עפּעס אַרײַנ־געזאָגט.

ד.

דערווײַל גייט אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג. דער סטרײַק איז אַ סטרײַק. די אַרבעטער זײַנען שטאָל און אײַזן. מיטינגען מאַכט מען אַלע מאָל אויף אַ נײַעם פּלאַץ. די מאַנופֿעקטשורערס, הער איך זאָגן, האַלטן זיך אויך שטאַרק, זיי ווילן ניט נאָכגעבן.

זיי וועלן אָבער מוזן נאָכגעבן. אַזוי זאָגן אַלע. ניטאָ אַ זאַך, וואָס די אַרבעטער זאָלן ניט אויספֿירן. ס'איז אַמעריקע! עס האָלט שוין בײַם לעצטן מיטל. אַז דאָס וועט ניט העלפֿן, איז עק וועלט! אַזוי זאָגן אונדזערע לײַט.

וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מיטל? מיר וועלן זיך צונויפֿזאַמלען אַלע סטרײַקערס פֿון גאַנץ ניו־יאָרק און מיר וועלן דורכגיין איבער די „סטריטן" מיט אַ „מאַרטש". דאָס הייסט, טויזנטער און טויזנטער שנײַדערס וועלן



די אַרבעט ברענט — ע. אַרמין

זיך דורכשפּאַצירן מיט פּאָנען איבער דער שטאָט. מיר און מײַן חבֿר מענדל איז דאָס דווקא געפֿעלן. מיר וועלן זײַן די ערשטע. רעדט זשע אָבער מיט מײַן שוועגערין ברכה, זאָגט זי, אַז בײַ איר זעט דאָס אויס, ווי קינדער שפּילן זיך אין סאָלדאַטלעך... זי זאָגט: „אַן עבֿירה אײַערע שיך."

וואָס זאָגט איר דערויף?...



מאָרים ראָזענפעלד

מ. ראָזענפֿעלד

מײַן יינגעלע

איך האָב אַ קליינעם יינגעלע,
אַ זונעלע — גאָר פֿײַן!
ווען איך דערזע אים, דאַכט זיך מיר,
די גאַנצע וועלט איז מײַן.

נאָר זעלטן, זעלטן זע איך אים,
מײַן שיינעם, ווען ער וואַכט;
איך טרעף אים תּמיד שלאָפֿנדיק,
איך זע אים נאָר בײַ נאַכט.

די אַרבעט טרײַבט מיך פֿרי אַרוים,
און לאָזט מיך שפּעט צוריק;
אָ, פֿרעמד איז מיר מײַן אייגן לײַב,
אָ, פֿרעמד מײַן קינדס אַ בליק!

איך קום צעקלעמטערהייט אַהיים,
אין פֿינצטערניש געהילט;
מײַן בלייכע פֿרוי דערציילט מיר באַלד,
ווי פֿײַן דאָס קינד זיך שפּילט.

ווי זים עס רעדט, ווי קלוג עס פֿרעגט:
„אָ, מאַמע, גוטע מאַ,
ווען קומט און ברענגט אַ פּעני מיר
מײַן גוטער, גוטער פּאַ?".

איך שטיי בײַ זײַן געלעגערל
און זע און הער און — שאַ!
אַ טרוים באַוועגט די ליפּעלעך:
„אָ, וואו איז, וואו איז פּאַ?"

איך קוש די בלויע אייגעלעך.
זיי עפֿענען זיך: „אָ, קינד!"
זיי זעען מיך, זיי זעען מיך,
און שליסן זיך געשווינד.

„דאָ שטייט דײַן פּאַפּאַ, טײַערער,
אַ פּענעלע דיר נאַ!"
אַ טרוים באַוועגט די ליפּעלעך:
„אָ, וואו איז, וואו איז פּאַ?"

איך בלײַב צעווייטיקט און צעקלעמט,
פֿאַרביטערט און איך קלער:
ווען דו וואַכסט אויף אַ מאָל, מײַן קינד,
געפֿינסטו מיך ניט מער.

י. י. שוואַרץ

אַמעריקע

ס׳איז דאָס לאַנד דאָ פֿעט און פֿרוכטבאַר,
אוצרות טראָגט עס אין איר שוים;
ס׳איז דאָס לאַנד דאָ פֿריש אין יוגנט,
ס׳איז דאָס לאַנד דאָ רײַך און גרוים.

ס׳איז דאָס לאַנד דאָ פֿול מיט אוצרות
אײַזן, קופּער, גאָלד און שטאָל;
ס׳פֿאַלן זילבער־וואַסערפֿאַלן
פֿון די בערג אַראָפּ אין טאָל.

אונדזער לאַנד האָט טיפֿע טײַכן,
קלאָרע טײַכן פֿול מיט פֿיש;
אירע בערג דערגרייכן הימלען,
אירע טאָלן זײַנען פֿריש.

ס׳איז מיט זון דאָס לאַנד באַגאָסן —
אירע פֿעלדער זײַנען גרין;
פֿלינקע, שטאַרקע — אירע טעכטער,
שטאָלץ און מוטיק — אירע זין.

ס׳גיט ווירדזשיניע איר טאַבעק,
קאַליפֿאָרניע — איר ווײַן,
און אין פֿלאָרידע מאַראַנצן
גליִען רויט אין זונענשײַן.

אין די האַפֿנס דאַמפֿן שיפֿן —
ס׳בליט איר האַנדל גרויס און ווײַט,
און מיליאָנען מענטשן קומען,
שטראָמען דאָ פֿון יעדער זײַט.

אירע שטעט — זיי זײַנען ריזן,
וואקסן אוים מיט צויבערמאַכט;
אונטער דר'ערד און אין דער לופֿטן
פֿליִען באַנען טאָג און נאַכט.

אירע ריזיקע פֿאַבריקן
ווערן קיין מאָל גארניט מיד,
פֿון אַטלאַנטיק צום פּאַסיפֿיק
קלינגט איין גרויסע ריזנליד.

א. ראַבאָי

דער ייִדישער פֿאַרמער

צוריק מיט צוואַנציק יאָר איז הער גאָלדנבאַרג אַ יונגער מיט לײַדיקע הענט געקומען אין דער ווײַטער וועסט.

זיין יונג ווײַבל, רחל, האָט ער געלאָזן אין דער גרויסער שטאָט.

זי האָט אים אָנגעזאָגט, ער זאָל זיך „נעמען צײַט", און ווען ער וועט שרײַבן, אַז ער האָט געפֿונען דאָס, וואָס איז גוט, וועט זי אויך ארוים־קומען.

געקומען איז ער אין די דאַקאָטאַס און האָט זיך אויסגעקליבן אַ „האָמסטעד", וואָס איז באַשטאַנען פֿון הונדערט און זעכציק אַקער לאַנד, אויף וועלכע קיין מענטש האָט נאָך פֿון אוראַלטע יאָרן זײַן פֿוס ניט געשטעלט.

ער האָט זיך אויסגעקליבן דאָס שטיק לאַנד צוליב פֿיל טעמים.

ערשטנס האָט זיך עס געצויגן איבער אַ גרויסן פלעין, און צו צפֿון־זײַט איז געשטאַנען אַ הויך ברייט בערגל.

צווייטנס איז אין דער מיט פֿון דעם לאַנד אַ טײַכל געפֿלאָסן.

און דריטנס איז טאַקע דאָס לאַנד אַ פּעטס און מיט טיפֿע גראָזן... און נאָך און נאָך טעמים אָן אַ שיעור. און ער האָט עס ליב באַקומען.

און איינער אַליין איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די ברייטע פֿעל־דער און געטראַכט און געמאַכט זײַנע פלענער. אָט איז בײַ אים גע־בליבן צו בויען דאָס הויז בײַם טײַכל, איז אָבער געקומען אַן אַנדער פלאַן, אַז עס וואָלט בעסער געווען אַוועקצושטעלן דאָס הויז בײַם

פּוס פון בערגל: וואסער וועט שוין זײַן, און דערפאַר וועט עס וואַ־רעמער זײַן אין ווינטער, ווײַל פּאַרשטעלט פּון די ווינטן.

און אין יענעם טאָג, וואָס מען האָט אים די פּאַפּירן אין רעגי־רונגס־שטיבל געגעבן צום אונטערשרײַבן און אים אָנגעזאָגט וועגן די פּאָדערונגען: אַז ערשטנס זאָל ער בויען אַ הויז, און צווייטנס — גראָבן אַ ברונעם, און דריטנס — צעאַקערן פֿינף אַקער לאַנד און זיי מיט עפּעס פּאַרזייען, און פערטנס, וואָס דאָס איז דאָס וויכטיקסטע: ער זאָל זיך אויף דער ערד אַליין באַזעצן און עס מאַכן פאַר זײַן אייגע־נער היים, — האָט גאָלדנבאַרג צו אַלץ געשאָקלט מיטן קאָפּ און געשוויגן.

ער האָט ניט געקענט זאָגן דאָס, וואָס עס האָט זיך אים געוואָלט זאָגן פון זײַן טיפן הארצן ארויס, נאָר שטום האָט ער די פּאַפּירן אונ־טערגעשריבן.

ער האָט באַלד זײַן רחלען געשריבן קורץ און פּריילעך:

„טײַערע רחלע, אַ גוט שטיק לאַנד גענומען... גרייט זיך אין וועג, איך נעם זיך שוין בויען"...

און אַזוי ווי ער האָט נאָר אַוועקגעשריבן זײַן ליבער פּרוי, האָט ער זיך שוין דערפילט אויף דער נאַקעטער פּריירי ווי אין דער היים.

ער איז אַוועק צו דעם נאָענטסטן שכן, הער עלקינס, וועלכער האָט שוין דאָן געהאַט צוויי פערד און אַ גוטע ווירטשאַפט, און זיך מיט אים באַקענט.

— „וואָס קען איך טאָן פּאַר אײַך?" — האָט יענער היימלעך געפרעגט.

— „איך וויל אַפּריִער טאָן פאַר אײַך אַן ארבעט, און דאַן זאָלט איר מיר צוריק אָפּהעלפן." — האָט גאָלדנבאַרג געענטפערט.

עלקינס האָט זיך באַליידיקט:

— „בײַ אונדז גייט עס אַנדערש... מען רעכנט זיך ניט. נאָר וואָס איר דאַרפט, וועל איך מיט פאַרגעניגן טאָן פאַר אײַך; און אַז איך וועל דאַרפן, וועט איר, האָף איך, אויך טאָן עפּעס.

— „איך וועל, איך וועל." — האָט גאָלדנבאַרג געמורמלט און ניט פאַרשטאַנען דעם אונטערשייד.

און צו ערשט איז עלקינס מיט אים געפאָרן אין שטעטל אַרײַן און זיי האָבן געבראַכט אַ פולן וואָגן מיט ברעטער און שינדלען און אַנדערע נייטיקע מאַטעריאַלן.

און גאָלדנבאַרג האָט שוין געמוזט נעכטיקן און קעסט עסן בײַ

עלקינסן. פֿרוי עלקינס האָט נאָך דאַן געלעבט, און זי האָט צוליב דעם נײַעם שכן אַן עוף געקוילעט און פֿאַר אים געבראָטן פֿלייש מיט בולבעס.

— „איר זײַט דאָך אַ „דזשו״ און איר טאָרט ניט עסן קיין חזיר...״ — האָט זי פֿיל באַדײַטנדיק געזאָגט.

אויף דעם דריטן טאָג איז הער עלקינס אַרויסגעפֿאָרן מיט זײַן אַקער און פֿערד און האָט פֿאַר גאָלדנבאַרגן צעאַקערט אַ שטיק לאַנד. ער האָט עס געטאָן אַ פּאָר טעג נאָך אַנאַנד, ביז ער האָט צעאַקערט אַן ערך פֿון פֿינף אַקער ערד.

דערווײַל האָט דער ייִד גאָלדנבאַרג מיט זײַן אײַנגעקויפֿטער האַק ערגעץ אין אַ טיפֿן טאָל ווערבעס אָנגעהאַקט און זיי געבראַכט צו טראָגן אויף זײַנע אַקסלען און זיי אַוועקגעלייגט אין אַ שטויס נאָענט פֿון דעם פּלאַץ, וואו ער האָט געוואָלט בויען דאָס הויז. און אַז ער האָט געהאַט אַ סך קלעצלעך, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט און זיי צעהאַקט אין קליינע שפּענדלעך.

און עלקינס איז מיט אים ווײַטער אַוועק אין שטעטל. און זיי האָבן געבראַכט אַ וואָגן מיט קאַרטאָפֿל־זריעה. עס איז נאָך ניט גע־ווען שפּעט צו פֿאַרזעצן קאַרטאָפֿל.

און עס האָט באַלד אָנגעהויבן צו גיין זײַן נאָמען פֿון איין מויל צו אַ צווייטן.

פֿלעגט אַ שכן דורכפֿאָרן און זען די קופּקע מיט די שפּענער, וועלכע האָט זיך געווײַזט פֿון ווײַטנס, און דאָס צעאַקערטע שטיק לאַנד, פֿלעגט ער דערציילן אין שטעטל.

און אַז מען האָט די קאַרטאָפֿל פֿאַרזעצט, האָט עס גאָלדנבאַרג געטאָן מיט גרויס כּוונה און פֿלײַסיק די צעשניטענע שטיקער זריעה געלייגט מיט דער שאָלעכץ אַרויף.

דאָס און דער אופֿן, ווי ער האָט עס געטאָן, איז עלקינסן שטאַרק געפֿעלן געוואָרן, און ער האָט עס דערציילט פֿאַר שכנים אין שטעטל.

און שפּעטער מיט אַ וואָך, נאָך איידער די קאַרטאָפֿל האָבן באַ־וויזן אָנצוהייבן אַרויסקומען פֿון דער ערד, האָט אים עלקינס געהאָלפֿן אויפֿשטעלן די ערשטע פֿאַרמען פֿון דעם הויז.

גאָלדנבאַרג איז דעמאָלט צוגעפֿאָלן צו עלקינס הענט און זיי גע־נומען קושן און אָליין ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן דעם „גוי״, וועלכער האָט אים אַזוי פֿיל געהאָלפֿן.

און עס איז אַוועק זײַן אַרבעט מיט אַ סדר.

מיט זונאויפֿגאַנג פֿלעגט ער אָנהייבן בויען דאָס הויז. איינער אַליין האָט ער עס געבויט. און מיט זון־אונטערגאַנג האָט ער די אַר־בעט פֿון זײַן הויז אָוועקגעלייגט און זיך אַ נעם געטאָן צו די קאַרטאָפֿל, וועלכע האָבן שוין אָנגעהויבן אַרויסצוקריכן פֿון דער ערד אַרויס, מיט צוויי און מיט פֿיר בלעטעלעך, און זיי געריייניקט קעגן דער לבֿנה־שײַן פֿון די יונגע קרײַטעכער.

האָט מען עס דערציילט אין שטעטל, און דער ייִד האָט באַקומען אַ נאָמען אַ גוטן און מען האָט אים שוין געשאַצט אין גרויסע געלטן און מיט אַ גוטער היים.

און שפּעטער, ווען ער איז פֿאַרטיק געוואָרן מיט דעם הויז, וואָס איז באַשטאַנען פֿון אַ פֿירעקעדיקן צימער מיט אַ קליינער קיך און אַן אויוון פֿון שטיינער; און אַז ער האָט שוין אויסגעגראָבן דעם ברונעם און אים קײַלעכיק אויסגעלייגט מיט שטיינער, אַז די שכנים זײַנען געקומען קוקן אויפֿן וואונדער, האָט גאָלדנבאַרג געשיקט נאָך זײַן פֿרוי.

לאַנדשאַפֿט טהאָמאַס ה. בענטאָן

עמאַ לאַזאַרוס

יודל מאַרק

עמאַ לאַזאַרוס

א) די יונגע פּאָעטעסע

דער פֿאָטער פֿון דער גרויסער פֿאַמיליע לאַזאַרוס האָט גוט פֿאַרדינט און די קינדער האָט קיין זאַך ניט געפֿעלט. ווינטער האָט מען געלעבט אין ניו־יאָרק, זומער — אין אַ שיין הויז אויפֿן לאַנד. מען האָט די קינדער געלערנט שפּראַכן און מוזיק און געזאָרגט, אַז זיי זאָלן אויס־וואַקסן געבילדעטע אַמעריקאַנער.

די קינדער האָבן געוואוסט, אַז זיי זײַנען ייִדן. מען האָט אין דער היים אָפּגעהיט אַ סך ייִדישע פֿירונגען און זיך אויך דערמאָנט וועגן אַ ייִדישן יום־טובֿ. דער פֿאָטער האָט אַפֿילו גערעכנט, אַז ער איז אַ גוטער ייִד, אָבער קיין ייִדישע דערציאונג האָט מען די קינדער ניט געגעבן.

עמאַ איז געוואַקסן אַ שטילע, צוריקגעצויגענע און פֿאַרטראַכטע. זי האָט ניט ליב געהאַט צו שפּילן זיך מיט די חבֿרטעס, צו גליטשן זיך, צו טאַנצן, אַרומצולויפֿן און צו פּלאַפּלען. זי איז שטענדיק געזעסן מיט אַ בוך אין האַנט, און ווען זי האָט ניט געהאַלטן קיין בוך פֿאַר די

אויגן — האָט זי שטילערהייט געחלומט וועגן די שיינע גריכישע מעשיות וואָס זי האָט געלייענט.

זי האָט ליב געהאַט צו לייענען פּאָעזיע און האָט געקענט אויף אויסנווייניק צענדלינגער לידער פֿון די גרויסע אַמעריקאַנער פּאָעטן. ווען זי איז געווען עלף יאָר אַלט, האָט זי שוין אַליין אָנגעהויבן צו שרײַבן לידער. ווען זי איז געווען פֿערצן יאָר, האָט שוין די גאַנצע משפּחה געוואוסט, האָבן שוין אַלע חבֿרטעס געוואוסט, אַז עמאַ איז אַ פּאָעטעסע.

די פֿערצניאָריקע עמאַ האָט אָנגעשריבן זייער אַ שיין און צאַרט ליד „וועגן אַ לאָק פֿון מײַן מוטערס האָר", זי האָט געשריבן וועגן דער נאַטור און וועגן העלדן פֿון גריכנלאַנד.

צו זיבעצן יאָר האָט זי שוין געהאַט אַ באַנד לידער.

עמאַ האָט אין אירע לידער קיין מאָל ניט דערמאָנט דאָס וואָרט ייִד און קיין מאָל ניט געשריבן אויף ייִדישע טעמעס. זי האָט ווייניק וואָס געוואוסט וועגן ייִדן. און אפֿשר האָט זי זיך אויך געשעמט צו שרײַבן וועגן זיך ווי וועגן אַ ייִדישער מיידל. זי האָט געהאַט קריסטלעכע פֿרײַנד וואָס האָבן דאָס איר פֿאַרגעוואָרפֿן. האָט זי זיך נאָך מער געשעמט און געשוויגן.

ב) דאָס יאָר 1881

אין אַמעריקע האָט עמאַ ניט געשפּירט קיין אַנטיסעמיטיזם. אָדער אפֿשר האָט זי אים ניט געוואָלט זען. עס איז אָבער גראָד געקומען אַ צײַט פֿון אַנטיסעמיטיזם אין דײַטשלאַנד. דאָרטן האָט מען אָנגעהויבן צו רעדן וועגן ייִדן ווי וועגן אַ נידעריקער ראַסע. דאָס זײַנען יענע נאַרישע און גיפֿטיקע רייד וואָס היטלער האָט זיי שפּעטער באַנוצט. און אין רוסלאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן בלוטיקע פּאָגראָמען אויף ייִדן.

דאָרטן האָבן די רעוואָלוציאָנערן געוואָלט אַראָפּוואַרפֿן דעם צאַר און קריגן פֿרײַהייט פֿאַרן פֿאָלק. האָט די בייזע רעגירונג גענומען העצן קעגן ייִדן און אַליין געהאָלפֿן, אַז מען זאָל באַפֿאַלן ייִדן, זיי קוילען און צורויבן פֿון זיי זייער האָב-און-גוטס. 100,000 ייִדישע משפּחות האָבן אין דעם יאָר 1881 געליטן פֿון די פּאָגראָמען.

עמאַ לאַזאַרוס איז געוואָרן אַן אַנדערע. זי האָט דערפֿילט, אַז זי איז אַ קינד פֿון אַ פֿאָלק וואָס אַנדערע פֿאַראַכטן עס און אַנדערע קוילען עס. און זי האָט דאָך אַ פּען צום שרײַבן, אַ קול אַרויסצושרײַען איר פּראָטעסט, אַ האַרץ וואָס קען מיטפֿילן, אַ האַנט וואָס קען מיטהעלפֿן!

איצט קען זי מערניט שרײַבן וועגן שיינע בלומען און וועגן גרינע ביימער, וועגן העלדן פֿון גריכנלאַנד און ריטערס פֿון מיטל־עלטער. איצט קלערט זי נאָר וועגן איר פֿאָלק און זײַנע לײַדן. איצט שרײַבט זי נאָר וועגן דעם ייִדן, דעם איצטיקן און דעם אַמאָליקן.

עמאַ לאַזאַרוס האָט געקראָגן אַ ציל אין לעבן. איר פּאָעזיע האָט געקראָגן אַ זינען. עמאַ לאַזאַרוס איז געוואָרן די ערשטע ייִדישע פּאָעטעסע אויף ענגליש.

ג) „די פֿאָן פֿון דעם ייִד"

היים בלוט נעמט שטראָמען אין עמאַס אָדערן און זי זינגט ניט מילד, נאָר זי שרײַט אויס: „שטיי אויף, ישראל, שטיי אויף! דערמאָן זיך הײַנט דעם חשמונאים־צאָרן!" זי רופֿט צו נקמה. זי זעט פֿאַר זיך אַ פֿלאַטערנדיקע די ייִדישע פֿאָן. זי בלעטערט די ייִדישע געשיכטע. זי רופֿט משהן און דודן, און עזראן און יהודה המכּבי — זי רופֿט די גאַנצע רײ העלדישע געשטאַלטן, אַז זיי זאָלן ווידער זיך ווײַזן פֿאַר די אויגן פֿון דעם ייִדן און אַרײַנגעבן אין אים דעם גײַסט פֿון קאַמף.

אין איר ליד „צעקרייט זיך דער רויטער האָן" וועקט זי דאָס געוויסן פֿון אַלע אָנשטענדיקע מענטשן קעגן די וואָס מאַכן פּאָגראָמען, וואָס באַפֿאַלן ייִדן, וואָס באַרויבן ייִדן. איר רוף איז פֿול מיט ווייטאָג פֿאַר די געליטענע און מיט צאָרן קעגן די וואָס פּײַניקן ייִדן.

עמאַ לאַזאַרוס האָט קיין העברעיִש ניט געקענט. האָט זי אויסגענוצט די דײַטשישע איבערזעצונגען פֿון די גרויסע ייִדישע דיכטערס וואָס האָבן געלעבט אין שפּאַניע און געשריבן אויף העברעיִש — און האָט איבערגעזעצט זייערע לידער אויף ענגליש. די משפּחה לאַזאַרוס שטאַמט פֿון שפּאַנישע ייִדן, און עמאַס אָפּשטאַם רופֿט זיך אָפּ. זי דערהערט אין זיך שטימען פֿון אירע עלטער־עלטער זיידעס. עס ציט זי צו דער פּאָעזיע פֿון ייִדן אין שפּאַניע, צו די דיכטערס פֿון דער „גאָלדענער תּקופֿה". זי זעצט איבער די לידער פֿון יהודה הלוי, עס לעבט אויף אין איר יהודה הלויס בענקעניש נאָך ארץ־ישראל.

זי שטודירט ייִדישע געשיכטע, זי וויל דעריאָגן וואָס זי האָט דורכגעלאָזט אין איר בילדונג. זי לעבט דורך די פֿרייד פֿון ייִדישע יום־טובֿים. ווען עס קומט ראש־השנה, שרײַבט זי אַ שיין ליד וועגן דעם ייִדישן נײַ־יאָר. ווען עס קומט חנוכּה, רופֿט זי צו צינדן ליכט פֿון האָפֿענונג און פֿון קאַמף און זי וועקט אַ נײַ געבווירענעם גײַסט פֿון חשמונאים.

פֿון אירע לידער אויף ייִדישע טעמעס איז איינס פֿון די שענסטע „דער נײַער יחזקאל״. דער נבֿיא יחזקאל האָט געזען פֿאַר זיך צעוואָר־פֿענע טרוקענע ביינער און האָט פֿאַרויסגעזאָגט, אַז די טרוקענע ביינער וועלן זיך באַציִען מיט פֿלייש און מיט הויט, אַז אַ נײַ לעבן וועט אַרײַן אין זיי. אַזוי האָט אויך עמאַ לאַזאַרוס געזען און געהאָפֿט: די ייִדן וואָס מען יאָגט זיי וועלן אַ גרויסער כּוח, זיי וועלן פֿרײַע מענטשן, זיי האָבן ווידער צוריק זייער אַלטע היים.

אָבער שרײַבן לידער וועגן ייִדישע זאַכן איז ווייניק פֿאַר עמאַן. זי שרײַבט אַן אַ סעריע פֿון 16 „בריוו צו די ייִדן״ אין דעם וואָכנבלאַט AMERICAN HEBREW. אין די בריוו רופֿט זי צו אייניקייט בײַ ייִדן. זי וועקט דעם ענטוזיאַזם צו וועלן ווײַטער לעבן ווי ייִדן. זי ווײַזט אָן, ווי נייטיק עס איז צו העלפֿן די ייִדן אין אַנדערע לענדער און צו העלפֿן די ייִדישע אימיגראַנטן וואָס קומען אַהער.

עמאַ לאַזאַרוס איז געוואָרן די טרעגערין פֿון דער פֿאָן פֿון דעם ייִד.

ד) די ייִדן פֿון מזרח־אייראָפּע

די ערשטע ייִדן זײַנען דאָ געווען די שפּאַנישע. נאָך דעם זײַנען געקומען די ייִדן פֿון מערבֿ־אייראָפּע, די ייִדן פֿון דײַטשלאַנד. די ייִדן פֿון מזרח־אייראָפּע זײַנען דאָ געווען ווייניק אין צאָל. ערשט נאָך 1881 האָבן אָנגעהויבן שטראָמען אַהער די ייִדן פֿון רוסלאַנד. די ערשטע וואָס זײַנען פֿון דאָרטן געקומען זײַנען אַנטלאָפֿן פֿון די פּאָגראָמען, אָדער זיי האָבן ניט געוואָלט מער לעבן אין אַ לאַנד וואו מען מאַכט פּאָגראָמען.

עס זײַנען געקומען אַלט און יונג, מענער און פֿרויען און קינדער. מען האָט זיך געפֿילט שלעכט אין דעם נײַעם לאַנד, ווײַל מען האָט דאָך די שפּראַך פֿון לאַנד ניט געקענט און מען האָט דאָ ניט געפֿונען קיין פֿרײַנד און קיין לאַנדסלײַט.

עמאַ לאַזאַרוס האָט דערפֿילט, אַז עס איז ניט גענוג צו שרײַבן וועגן ייִדן. זי דאַרף אויך העלפֿן אירע ברידער! איז זי אַוועק אויף וואָרדס־אײַלענד, וואו מען האָט געהאַלטן די אימיגראַנטן איידער מען האָט זיי געלאָזט אַרײַנקומען אין לאַנד. זי האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט פֿון הילף. זי האָט זיך באַקאָנט מיט די מענטשן און מיט זייערע צרות. זי איז פֿאַר זיי געגאַנגען, פֿאַר זיי גערעדט און געבעטן. זי איז געוואָרן אַן אַדוואָקאַט פֿאַר די אימיגראַנטן.

עמאַ האָט אײַנגעטיילט די אימיגראַנטן אין פֿאַרשיידענע גרופּעס.

זי האָט אָנגעוויזן, ווער עס טויג פּאַר אַ פּאַכשול, וועמען מען זאָל שיקן אין אַ פּאַרמשול, וועמען מען דאַרף העלפן דאָ אין ניו־יאָרק צו קריגן אַרבעט. די אימיגראַנטן האָבן דערפילט, אַז זיי האָבן דאָ אַ שוועסטער אין דעם פּרעמדן לאַנד און זיי זיַינען שוין ניט געווען אַזוי עלנט. עמאַ האָט געקראָגן ניַיע פריַינד און זי האָט זיך געפרייט מיט דעם, ווי אירע ניַיע פריַינד לעבן זיך דאָ איַין.

עמאַ האָט זיך איצט געפילט ווי אַ טאָכטער פון איר פּאָלק וואָס העלפט די געיאָגטע פון איר פּאָלק.

ה) „דער טאַנץ פון טויט"

עמאַ שריַיבט וויַיטער אויף יידישע טעמעס. זי שריַיבט אַן אַ דראַמע וואָס הייסט „דער טאַנץ פון טויט". עס קומט פּאַר אין מיטל־עלטער, אין דיַיטשלאַנד. אין לאַנד איז אַ פּעסט און מען באַשולדיקט די יידן, אַז זיי פּאַרסמען די ברינימער. נעמט מען צונויף אַלע יידן, אַלט און יונג, און מען פירט זיי צום פּאַרברענען. אָבער די יידן האַלטן זיך מוטיק. וואָס נעענטער עס קומט דער טויט, אַלץ ריינער ווערן זייערע נשמות, אַלץ העכער ווערן זיי אין גיַיסט. זיי שטאַרבן אין פיַיער, לויבנדיק גאָט. זיי קומען אום מיט דעם אויסרוף „שמע ישראל"...

צווישן די וואָס מען פירט צום טויט איז דאָ אַ יידישע מיידל. עס איז אין איר פּאַרליבט דער זון פון פירשט און שטילערהייט האָט זי אים ליב. אָבער זי וויל זיך ניט ראַטעווען און אַוועק פון איר פּאָלק. זי גייט אין איינעם מיט אַלע אַנדערע, גייט מיט פעסטע טריט צום פייער־טויט און זי זאָגט:

> איך בין ישראלס איצט. ניטאָ קיין אַנדערע געדאַנקען,
> קיין אַנדערע געפילן, קיין אַנדערע פּאַרלאַנגען —
> איך קלער נאָר פון מיַין פאָלק!

דאָס האָט עמאַ לאַזאַרוס געזאָגט אויף וועגן זיך. איצט האָט זי געוואוסט צוליב וואָס זי שריַיבט און פאַר וועמען זי לעבט.

אָבער עס איז איר ניט באַשערט געווען נאָך לאַנג צו שריַיבן און צו לעבן. זי איז קראַנק געוואָרן. זי איז אַרומגעפאָרן, געווען אין פראַנקריַיך, אין דער שיינער שטאָט פּאַריז, געווען אין דער זוניקער איטאַליע. זי האָט אויך באַזוכט ענגלאַנד וואו מען האָט זי זייער פיַין אויפגענומען. זי האָט געזוכט אַ היילונג פאַר איר קראַנקייט. אָבער עס איז איר געוואָרן אַלץ ערגער. דערוויַיל שטאַרבט איר פאָטער, וואָס זי האָט

אים זייער שטאַרק ליב געהאַט. איר שווינדזוכט ווערט נאָך ערגער. שוין גאַר אַ געפֿערלעך קראַנקע ברענגט מען זי פֿון פּאַריז און זי שטאַרבט דאָ אין ניו־יאָרק, אין 1887. זי איז אַלט געווען אין גאַנצן 38 יאָר, ווען זי האָט שוין מערניט געקענט זיך אַרויסדרייען פֿון דעם טאַנץ פֿון טויט.

עמאַ לאַזאַרוס איז געווען אַ צאַרטע און איידעלע פֿרוי וואָס האָט ליב געהאַט אַלץ וואָס איז שיין. זי איז געווען אַ הייסע ייִדישע טאָכטער וואָס האָט ליב געהאַט אַלץ וואָס איז יושרדיק. ווען זי האָט געפֿונען איר פֿאָלק, האָט זי געפֿונען פֿאַר וואָס צו לעבן. אָבער זי האָט זייער אַ קורצע צײַט געקענט לעבן פֿאַר איר פֿאָלק.

ו) „דער נײַער קאָלאָס" — די סטאַטוע פֿון פֿרײַהייט

ווען מען דערנענטערט זיך צום גרעסטן האָפֿן פֿון דער וועלט, צום האָפֿן פֿון ניו־יאָרק, דערזעט מען פֿון דער ווײַט די סטאַטוע פֿון פֿרײַהייט, דעם סימבאָל פֿון פֿרײַהייט אין דעם לאַנד וואוהין מען קומט.

די סטאַטוע פֿון פֿרײַהייט, די קאָלאָסאַלע פֿרוי מיט דעם שטורקאַץ אין דער אויסגעצויגענער האַנט, איז אַ מתּנה פֿון דעם פֿראַנצייזישן פֿאָלק — דעם פֿאָלק פֿון אַמעריקע. ווען מען האָט געקליבן געלט פֿאַרן פּעדעסטאַל, האָט עמאַ לאַזאַרוס אין 1883 אָנגעשריבן אַ ליד אויף צו העלפֿן קלײַבן דעם פֿאָנד. דאָס ליד הייסט „דער נײַער קאָלאָס". עס איז איצט אײַנגעקריצט אין אַ קופּערנער פּלאַטע און צוגעפֿעסטיקט צום פּעדעסטאַל.

דאָס ליד זינגט, אַז —

אַמעריקע איז די גוטע מוטער פֿאַר אַלע געיאָגטע. אַמעריקע שפּרייט אויס אירע ברייטע אָרעמס און נעמט אַרום אַלע פֿאַרמאַטערטע און געפּײַניקטע, אַלע אָרעמע און אונטערדריקטע. זי ווערט די היים פֿאַר אַלע וואָס לויפֿן פֿון בייזע שטורעמס, וואָס ווילן פֿרײַהייט, וואָס האָבן ליב פֿרײַהייט.

צי איז אַמעריקע אַזוי? אַ מאָל יאָ און אַ מאָל ניט. אָבער אַמעריקע דאַרף שטענדיק זײַן די מוטער פֿאַר אַלע וואָס זוכן פֿרײַהייט! אַמעריקע דאַרף זײַן אַזאַ ווי עס האָט זי געזען עמאַ לאַזאַרוס.

און עמאַ לאַזאַרוס האָט אַזוי געזען אַמעריקע, ווײַל זי איז געווען אַ גוטע אַמעריקאַנערין און איז געוואָרן אַ גוטע טאָכטער פֿון איר ייִדישן פֿאָלק.

ל. פּילוזער

דער ערשטער פּסח אין ניו־יאָרק

א.

דאָס איז געווען פֿאַר־פּסח פֿון יאָר 1655 אין ניי־אַמסטערדאַם. נאָך אַ שווערן און קאַלטן ווינטער, האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן שיינע און זוניקע טעג. פֿון שניי וואָס איז צעגאַנגען איז געוואָרן אַ בלאָטע.

באַזונדערס שלעכט איז געוואָרן דער וועג אַרום די עטלעכע קליינע און אָרעמע הײַזער אויף דער צווייטער זײַט פֿון דער ניט־ברוקירטער מיל־גאַס, לעבן דעם מזרח־טײַך.

דאָרטן האָבן געוואוינט יידן, די ערשטע יידן אין צפֿון־אַמעריקע. עטלעכע און צוואַנציק אין צאָל זײַנען זיי געווען.

געקומען זײַנען זיי צו די ברעגן פֿון דעם האַדסאָן מיט אַ האַלב יאָר צוריק, כּדי זיך צו ראַטעווען פֿון דער שרעקלעכער אינקוויזיציע, וואָס האָט זיי געיאָגט פֿון בראַזיל. אין וואַנדערן האָבן זיי פֿאַרלאָרן זייער גאַנץ האָב־און־גוטס.

זייער אָרעם ברויט האָבן זיי פֿאַרדינט דורך שווערער אַרבעט אַרום האַדסאָן, אָדער דורך וואַנדערן אויף אַלע וועגן צו קויפֿן אַ פֿעל בײַ אַן אינדיאַנער און עס פֿאַרקויפֿן אויף אַ האָלענדישער האַנדלשיף, וואָס האָט זיך אַלע מאָל געפֿונען בײַ די ברעגן פֿון ניי־אַמסטערדאַם.

אין איינעם אַזאַ שיינעם טאָג האָבן יידן זיך געקליבן אין הויז פֿון זייער פֿירער אַבֿרהם ד׳לוצאַנאָ. ווען ער האָט געלעבט אין פּאָרטוגאַל, איז ער געווען פֿון די אָנוסים. אין געהיים האָט ער געלערנט יידיש וויסן און מיט דער צײַט איז ער געוואָרן אַ געלערנטער און געטרײַער ייד.

ווען אַלע יידן זײַנען שוין געווען פֿאַרזאַמלט, האָט דער הויכער און שיינער אַבֿרהם ד׳לוצאַנאָ באַטראַכט אַ מינוט דעם עולם מיט ליבשאַפֿט, און אָנגעהויבן רעדן:

— „יידן, מײַנע ברידער, יידן! איך האָב אײַך אַלע פֿאַרבעטן הײַנט צו מיר, ווײַל מיר מוזן זיך דורכרעדן וועגן עטלעכע זייער וויכטיקע זאַכן.

„ווי איר ווייסט, האָט אונדז נעכטן סטײַוועסענט ווידער גערופֿן

צו זיך און געשריִען, אַז מיר מוזן אַוועק פֿון דאַנען. ער וויל ניט האָבן קיין ייִדן אין דער קאָלאָניע, וואו ער איז דער גובערנאַטאָר."

— „יאָ, ער האָט זיך נאָך געחכמהט אויך", — האָט זיך אָפּגערופֿן שלמה פּיעטערסען, — „זאָלן מיר בעסער אַוועקגיין פֿון דאַנען אַליין, אַניט וועט ער אונדז אַלע אַרײַנוואַרפֿן אין וואַסער, און זאָלן מיר שווימען צוריק פֿון וואַנען מיר זײַנען געקומען. אַזאַ רשע איז ער!"

— „איר האָט אָבער געדאַרפֿט זען ווי זײַן פּנים איז געוואָרן גרין ווי גאַל, ווען איך האָב אים אַ זאָג געטאָן, אַז מיר זײַנען דאָ גע-קומען אויף שטענדיק. מיר זײַנען דאָ געקומען בויען אַ היים, אַ היים אויף אַלע מאָל, בײַ די ברעגן פֿון האָדסאָן. אײַ, האָט ער זיך געוואָרפֿן און געקלאַפּט מיטן הילצערנעם פֿוס אין דיל, אַז עס איז געווען אַ מחיה אים אָנצוקוקן" — האָט געזאָגט דער העלדישער אָשר לעווי.

— „און איך," — האָט געזאָגט יעקבֿ קאָהען הענדריק, — „האָב אים געוויזן דעם שניט אויפֿן פּנים און אים געזאָגט, אַז דאָס האָב איך געקראָגן בײַם פֿאַרטיידיקן די האָלענדישע קאָלאָניע אין בראַזיל, און מײַן ברודער משה קאָהען הענדריק איז דעמאָלט געהרגעט געוואָרן מיט אַ סך אַנדערע ייִדן און האָלענדישע סאָלדאַטן."

— „איך האָב אים גלײַך געזאָגט, אַז אַלע זײַנע געשרייען וועלן אים גאָרניט העלפֿן; מיר וועלן דאָ בלײַבן. דאָס לאַנד געפֿעלט אונדז און מיר וועלן דאָ בויען אונדזער היים אויף שטענדיק," האָט געזאָגט סאַלאַוואַדאָ דאַנדראַ. — „מיך האָט זייער ווייניק געאַרט וואָס ער האָט זיך געשלײַדערט, ווען מיר האָבן אים געזאָגט, אַז אין אַמסטערדאַם באַציט מען זיך בעסער צו ייִדן, און אַז דאָרטן ווייסן זיי, אַז ייִדן זײַ-נען פֿרידלעכע און נוצלעכע בירגער, און זאָל ער אונדז אויפֿהערן צו יאָגן."

— „מײַנע ברידער, עס איז געווען אַ פֿאַרגעניגן צו הערן אײַערע קלוגע און מוטיקע רייד. זיכער וועלן מיר דאָ פֿאַרבלײַבן און אַוודאי וועט דאָ שוין זײַן אונדזער היים אויף אַלע מאָל. זאָל ער שרײַען, און מיר וועלן בויען", — האָט געזאָגט אַבֿרהם ד'לוצענאַ.

„אָבער, ברידער, ייִדן, מיר האָבן דאָ פֿאַר זיך דערווײַל עטלעכע אַנדערע זייער וויכטיקע זאַכן, וואָס מיר מוזן באַזאָרגן. ווי איר ווייסט, ווען מיר האָבן געשיקט אונדזער בריוו צו אונדזערע ברידער קיין אַמסטערדאַם, האָבן מיר זיי אויך געבעטן, אַז זיי זאָלן אונדז באַזאָרגן מיט ווײַן און אַנדערע זאַכן אויף פּסח, וואָס דאָ קענען מיר עס ניט קריגן."

„עס זײַנען שוין פֿאַרבײַ עטלעכע חדשים און מיר האָבן נאָך אַלץ קיין ענטפֿער ניט געקראָגן. דערווײַל קומט אָן פּסח. אָן ווײַן וועלן מיר זיך פּסח קענען באַגיין, אָבער מצות מוזן מיר דאָך האָבן. אין פּאָרטוגאַל פֿלעגן מיר דאָך אונדזער לעבן אײַנשטעלן, כּדי צו באַקן מצות אין געהיים. און דאָ?"

— „מצות האָב איך שוין באַזאָרגט", — האָט זיך אָפּגערופֿן אַבֿרהם דע לאַ סימאָן, — „איך האָב שוין גערעדט מיטן מילנער פּעטער וואַל־פּערטסען, און פֿאַר אַ ביסל געלט וועט ער אונדז לאָזן אָפּשײַערן די שטיינער פֿון מיל און מאָלן ווייץ אויף פּסחדיקע מעל."

עס איז גלײַך באַשטימט געוואָרן, אַז אַבֿרהם דע לאַ סימאָן, אשר לעווי און דוד ישׂראל זאָלן באַזאָרגן מעל אויף מצות, און באַקן די מצות זאָל מען טאָקע דאָ אין הויז פֿון אַבֿרהם ד׳לוצאַנאַ, די ערשטע מצות אין אַמעריקע.

ב.

עס איז געווען פּונקט ערבֿ־פּסח ווען דער וועכטער בײַם וואַסער־טויער פֿון נײַ־אַמסטערדאַם האָט צעקלונגען דעם גרויסן גלאָק — אַ סיגנאַל, אַז צו די ברעגן דערנענטערט זיך אַ שיף פֿון דער אַלטער היים.

פֿון אַלע זײַטן האָט מען זיך אַרויסגעלאָזט צו באַגעגענען די שיף, וואָס ברענגט פֿרײַנד, זאַכן און גרוסן פֿון דער אַלטער היים.

צו די ברעגן איז צוגעשוואומען די גרויסע האָלענדישע שיף „די שיינקייט פֿון נעסאַ". דער קאַפּיטאַן פֿון דער שיף האָט איבערגעגעבן דעם גובערנאַטאָר פֿון דער קאָלאָניע, פּעטער סטײַוועסענט, אַ גרויסן פֿאַרזיגלטן בריוו פֿון דער „וועסט אינדיעס קאָמפּאַניע", די באַלעבאַ־טים פֿון דער קאָלאָניע.

מענטשן, וואָס זײַנען דעמאָלט געווען לעבן דעם גובערנאַטאָר האָבן נאָך דעם דערציילט, אַז זיי האָבן זיך באמת דערשראָקן ווען זיי האָבן געזען ווי גרין און געל עס איז געוואָרן סטײַוועסענט, ווען ער האָט געלייענט דעם בריוו, וואו מע האָט אים געהייסן, אַז ער זאָל לאָזן די ייִדן צו רו און זיי לאָזן בויען פֿרידלעך זייער היים אין נײַ־אַמסטער־דאַם. מ׳האָט אַפֿילו דערציילט, אַז פֿון גרויס אויפֿרעגונג האָט ער אַ גאַנץ לאַנגע צײַט קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסרעדן.

מיט דער שיף זײַנען אויך געקומען צוויי ייִדן פֿון האָלאַנד, וואָס האָבן געבראַכט פֿאַר די ייִדן פֿון נײַ־אַמסטערדאַם מתּנות פֿון די האָ־

לענדישע ייִדן. צווישן די מתּנות איז אויך געווען אַ פּעסעלע פּסחדיקער וויַין.

אַ סך איַינוואוינערס האָבן זיך יענעם אָוונט פֿאַרזאַמלט לעבן די פֿענצטער פֿון אַבֿרהם ד׳לוצאַנאָס הויז צו הערן דעם שיינעם געזאַנג ביַים אָפּריכטן דעם סדר.

עטלעכע און צוואַנציק ייִדן זיַינען געזעסן צוזאַמען אַרום אַ לאַנגן טיש. אויבן אָן איז געזעסן אַבֿרהם ד׳לוצאַנאָ, אָנגעטאָן אין אַ קלאָר־וויַיסן קיטל, וואָס די פֿרויען האָבן לכּבֿוד פּסח אויפֿגענייט פֿון האָלענ־דישן ליַיוונט.

נאָכן סדר האָט זיך אויפֿגעשטעלט אַבֿרהם ד׳לוצאַנאָ און געזאָגט:

— „מיַינע ברידער, ייִדן, איך וויל איַיך בעטן אַ געפֿעליקייט. איך בעט איַיך, אַז פֿון היַינט אָן זאָל מיַין הויז ווערן דאָס הויז פֿון דער קהילה. מיר זיַינען אַ רעשטל, געבליבן פֿון אַ סך ייִדן. לאָמיר אונדזער קהילה רופֿן „שארית ישראל״, ד״ה דאָס רעשטל געבליבענע ייִדן.״

„זאָל פֿון אונדזער „שארית ישראל״ אויסוואַקסן אַ גרויסע, גוטע און שיינע ייִדישע קהילה אין אַמעריקע.״

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט זיך דאָס געזאַנג געטראָגן פֿון אַבֿרהם ד׳לוצאַנאָס הויז.

ל. סילווער

דזשאָרדזש וואַשינגטאָן און די ייִדן פֿון ניו־יאָרק

עס איז געווען אין אַ הייסן טאָג אין אויגוסט 1776. פֿון אַלע עקן שטאָט האָבן זיך ייִדן געקליבן אין דער קליינער שול אויף מיל־גאַס.

דער טאָג איז געווען זייער אַ הייסער. די שטיינער פֿון ברוק זיַינען געווען אַזוי אָנגעגליט, אַז זיי האָבן געברענט די פֿיס, וואָס האָבן אויף זיי געטראָטן. אַפֿילו די וואַסערן פֿון די ביידע טיַיכן, וואָס האָבן זיך באַגעגנט ניט וויַיט פֿון מיל־גאַס, האָבן ניט געקענט קלענער מאַכן די היץ.

געווען איז עס ניט קיין שבת און ניט קיין יום־טובֿ, ווען ייִדן גייען געוויינטלעך אין שול, נאָר דווקא אַ וואָכעדיקער טאָג. און דאָך זיַינען אַלע געגאַנגען אין שול. געגאַנגען זיַינען אַלע, מאַן און פֿרוי, יונג און אַלט. געגאַנגען איז מען מיט ערנסטע פּנימער.

דאָס האָט דער יונגער רבֿ גרשם מענדעס סעישאַס גערופֿן ייִדן זיך דורכצורעדן מיט זיי אין טאָג פֿון קריזיס.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט און די שול איז געוואָרן פֿול מיט ייִדן. אויף דער בימה איז אַרויף דער 31-יאָריקער רבֿ. אַ טויטע שטיל-קייט האָט געהערשט אין שול. אַלעמענס אויגן זײַנען געווען געווענדט צו דער בימה וואו עס איז געשטאַנען דער יונגער רבֿ.

אַ מינוט איז דער רבֿ געשטאַנען שטיל און באַטראַכט דעם עולם. אָבער באַלד האָט זיך דערהערט איבער דער שול אַ האַרציקע שטים. דאָס האָט דער רבֿ אָנגעהויבן רעדן:

— „ייִדן, מיר האָבן זיך דאָ צונויפֿגעקליבן אין זייער אַן ערנסטער צײַט. אַ צײַט, וואָס דאַרף באַשטימען דעם גורל פֿון מענטשן, וואָס האָבן ליב פֿרײַהייט, וואָס ווילן גערעכטיקייט און זעלבשטענדיקייט. איר הערט פֿון ווײַטן די דונערן? דאָס זײַנען די ענגלישע האַרמאַטן. די ענגלישע אַרמיי דערנענטערט זיך צו ניו-יאָרק. עס קען זײַן, אַז דער שונא זאָל מאַרגן פֿאַרנעמען די שטאָט. וואָס דאַרפֿן מיר, ייִדן, איצט טאָן? מיר זײַנען ניט קיין סך איצט אין די קאָלאָניעס, אפֿשר צוויי טויזנט, און אפֿשר דרײַ טויזנט. אָבער ייִדישער מוט האָט שוין אַ שם. די ייִדישע מיליטערישע בריגאַדע פֿון סאַוט קאַראָלײַנאַ, געפֿירט פֿון יעקבֿ קאָהען, וואַרפֿט אַן אַ שרעק אויף דעם שונא.

זיכער האָט איר געהערט פֿון בנימין נאָנעס, דעם ייִדישן אָפֿיציר פֿון לאַפֿאַיעטן, וואָס צייכנט זיך אויס אין די קאַמפֿן. איר ווייסט אויך פֿון קוירנעל בוש, און אײַזיקס, און פֿראַנקס, און צענדלינגער אַנדערע ייִדישע אָפֿיצירן און הונדערטער ייִדישע סאָלדאַטן אין וואַשינגטאָנס אַרמיי.

אָט האָבן מיר זיך הײַנט דערוואוסט די טרויעריקע נײַעס וועגן די צוויי ייִדישע רעוואָלוציאָנערע פֿירערס פֿון די דרום-שטאַטן. דער ייִד סאַלוואַטאָר, איינער פֿון די פֿירערס פֿון דעם רעוואָלוציאָנערן קאָ-מיטעט פֿון סאַוט-קאַראָלײַנאַ, איז דערהרגעט געוואָרן פֿון די ענגלענדער. זיכער ווייסט איר אַלע וואָס אונדזער חיים סאַלאָמאָן טוט דאָ צו העלפֿן שאַפֿן די פֿאָנדן פֿאַר דער אַרמיי, וואָס פֿירט דעם קאַמף פֿאַר דער באַ-פֿרײַאונג פֿון די קאָלאָניעס. אָבער וואָס טוען מיר?

איר הערט? דער דונער פֿון די האַרמאַטן ווערט העכער. דאָס הייסט, אַז דער שונא דערנענטערט זיך צו דער שטאָט. און מיר? וועלן מיר בלײַבן אין שטאָט און אויפֿנעמען דעם שונא? זאָלן מיר בלײַבן אין שטאָט און געבן שפּײַז דעם שונא? ניין!"

דער רבֿ האָט געענדיקט רעדן, אָבער דער עולם אין שול איז גע־בליבן שטיל. אַלעמענס אויגן זײַנען נאָך אַלץ געווען געווענדט צו דער בימה. מען האָט געוואַרט אויף אַן ענטפֿער אויף דער פֿראַגע, וואָס יע־דערער האָט זיך געשטעלט: וואָס זאָלן מיר טאָן?

— „ייִדן!" — האָט זיך ווידער דערהערט דעם רבֿס שטים. — „ייִדן, עס איז אונדזער חובֿ ווי ייִדן, ווי אָנהענגער פֿון פֿרײַהייט, ווי קינדער פֿון די חשמונאים, אַוועקצוגיין פֿון שטאָט, צו פֿאַרלאָזן אונדזערע היימען, אונדזער גוטס, און יעדער איינער וואָס קען נאָר האַלטן גע־ווער אין האַנט — זאָל זיך שלאָגן קעגן שונא, און די וואָס קענען עס ניט — זאָלן ניט בלײַבן, זאָלן אַוועק און מיט גאָרניט העלפֿן דעם שונא".

מיט אַ מאָל איז דער רבֿ אַראָפּ פֿון דער בימה, צוגעגאַנגען צום אָרון־קודש, געגעבן אַ ־צי דעם פּרוכת און אַרויסגענומען די ספֿר־תּורה. דער עולם האָט זיך אַ וויג געטאָן. וואָס גייט דאָ דער רבֿ טאָן?

— „ייִדן!" — האָט דער רבֿ אַ געשריי געטאָן. — „איך וועל ניט לאָזן די תּורה זאָל פֿאַרשוועכט ווערן, ווען די ענגלענדער וועלן אַריבער־טרעטן די שוועל פֿון דער שול. ייִדן, איך נעם די תּורה אויף מײַנע הענט און גיי אַוועק פֿון שטאָט. ווער עס איז פֿאַר פֿרײַהייט, גערעכטיקייט און זעלבשטענדיקייט זאָל גיין מיט מיר!"

*

מיט גרויס פֿאַרוואונדערונג האָבן די סאָלדאַטן געזען ווי צו גענעראַל וואַשינגטאָנס לאַגער דערנענטערט זיך אַ מערקווירדיקע פּראָצעסיע. פֿאָרויס גייט איינער אָנגעטאָן אין אַ טלית מיט אַ ספֿר־תּורה אויף די הענט און נאָך אים גייען אַ סך ייִדן.

וואַשינגטאָן האָט זיי אויפֿגענומען.

— „גענעראַל", — האָט דער רבֿ סעישאַס געזאָגט, — „פֿאַר אײַך שטייען אַלע ייִדן פֿון ניו־יאָרק. מיר האָבן פֿאַרלאָזן אונדזערע היימען און מיר זײַנען אַלע געקומען העלפֿן דעם קאַמף פֿאַר פֿרײַהייט. זאָגט אונדז וואָס מיר קענען טאָן און מיר וועלן עס טאָן."

וואַשינגטאָן איז געוואָרן גערירט פֿון דער סצענע און האָט גע־זאָגט:

— „ייִדן, אײַער הילף, אײַער פּאַטריאָטיזם און לאָיאַליטעט צו דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי ווערט בײַ אונדז זייער הויך אָפּגעשאַצט. איך בין זיכער, אַז ווען מיר וועלן אויסקעמפֿן אונדזער זעלבשטענ־דיקייט, וועלן די ייִדן אַלע מאָל זײַן אונדזערע מיטבירגער און פֿרײַנד.

*

עס איז געקומען דער דרײַסיקסטער אפּריל, 1789. עס איז געווען אַ שיינער זוניקער דאָנערשטיק אין ניו־יאָרק. די שטאָט האָט געיובלט. עס איז אַ גרויסער יום־טובֿ געווען אין שטאָט. די דרײַסיק טויזנט אײַנוואוינערס פֿון ניו־יאָרק מיט נאָך עטלעכע טויזנט פֿון אַנדערע שטאָטן האָבן אָנגעפֿילט אַלע גאַסן אַרום בראָד־ און וואָל־גאַסן, צו זען ווי אַזוי גענעראַל דזשאָרדזש וואַשינגטאָן ווערט אײַנגעשוואוירן ווי דער ערשטער פּרעזידענט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

אויף דער ברייטער פּלאַטפֿאָרם איז לעבן דזשאָרדזש וואַשינגטאָן געשטאַנען דער רבֿ גרשם מענדעס סעישאַס, וואָס איז פֿאַרבעטן געוואָרן צו דער צערעמאָניע ווי אַ פּערזענלעכער פֿרײַנד פֿון וואַשינגטאָנען און אויך ווי איינער פֿון די גײַסטלעכע וואָס דאַרפֿן אײַנשווערן דעם פּרעזידענט.

נאָך דער צערעמאָניע האָט וואַשינגטאָן זיך אַ קער געטאָן צום רבֿ סעישאַס און געזאָגט:

— „גיט איבער אין מײַן נאָמען צו די קינדער פֿון אַבֿרהם וואָס לעבן דאָ אין לאַנד, אַז זיי זאָלן געניסן רעכט, פֿאַרגעניגן און פֿרײַהייט ווי אַלע אַנדערע בירגער פֿון לאַנד. זאָל יעדערער זיצן פֿרידלעך אונטער זײַן ווײַנשטאָק און אונטער זײַן פֿײַגנבוים, און עס זאָל ניט זײַן קיינער וואָס זאָל אים שרעקן."

ל. סילווער

ייִדן אין וואַשינגטאָנס און לינקאָלנס צײַטן

אין וואַשינגטאָנס צײַטן

אין וואַשינגטאָנס צײַטן זײַנען אין אַמעריקע געווען צווישן צוויי און דרײַ טויזנט ייִדן. כּמעט אַלע ייִדן האָבן זיך אַקטיוו געשטעלט אויף דער זײַט פֿון דער רעוואָלוציע. די ייִדישע יונגעלײַט האָבן זיך באַלד אָנגעשלאָסן אין דער רעוואָלוציע־אַרמיי. אין וואַשינגטאָנס אַרמיי זײַנען געווען 27 ייִדישע אָפֿיצירן.

אין סאַוט־קאַראָלײַנאַ איז געווען אַ מיליטערישע אָפּטיילונג, וואָס מ'האָט גערופֿן „די ייִדישע בריגאַדע", אָנגעפֿירט פֿון יעקבֿ קאָהען.

אין פענסילוויניע איז דאָ אַ שטאָט אָראַנסבורג, אַ נאָמען נאָכן ייִדן אהרן לעווי, וואָס האָט צוגעשטעלט מאַסן שפּייַז צו וואַשינגטאָנס אַרמיי אַן געצאָלט.

אין 1887, אויף דער קאָנווענשאָן וואו מ'האָט אויסגעאַרבעט די קאָנסטיטוציע פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, האָט איינער פֿון די דע־לעגאַטן מיטן נאָמען דזשאָנאַס פּיליפּס געזאָגט:

— „ס'איז גוט באַקאַנט פֿאַר די בירגער פֿון די דרייַצן פֿאַראיי־ניקטע שטאַטן, אַז די ייִדן זייַנען געווען געטרייַע און איבערגעגעבענע פֿרייַנד און געהאָלפֿן די שטאַטן אין קאַמף פֿאַר פֿרייַהייט מיט זייערע לעבנס און פֿאַרמעגנס. זיי האָבן געשטיצט אונדזער קאַמף, זיי האָבן העלדיש געקעמפֿט און געבלוטיקט פֿאַר פֿרייַהייט, וואָס מיר און זיי קענען איצט געניסן."

ווען וואַשינגטאָן איז געוואָרן פּרעזידענט, האָבן די ייִדן פֿון די זעקס ייִדישע קהילות, וואָס זייַנען דעמאָלט געווען אין די שטאַטן (סאַ־וואַנאַ, ניו־פּאָרט, פּילאַדעלפּיאַ, ריטשמאָנד, טשאַרלסטאָן און ניו־יאָרק) אים געשיקט אַ האַרציקע באַגריסונג אין נאָמען פֿון אַלע ייִדן אין אַמע־ריקע. וואַשינגטאָן האָט צו יעדער קהילה געשיקט אַ בריוו מיט אַ דאַנק און אָנערקענונג צו די ייִדן. ער האָט פֿאַרזיכערט, אַז אַמעריקע וועט זייַן דאָס לאַנד וואו אַלע מענטשן, אָן אונטערשייד פֿון רעליגיע, אָדער אָרט פֿון געבוירן ווערן, וועלן זייַן גלייַך.

אין לינקאָלנס צייַטן

אין דער צייַט פֿון בירגער־קריג זייַנען דאָ געווען אַרום צוויי הונדערט טויזנט ייִדן. אַרום זיבן טויזנט ייִדן זייַנען געווען אין דער יוניאָן־אַרמיי אין קאַמף צו באַפֿרייַען די שקלאַפֿן. אין דער יוניאָן־אַרמיי זייַנען געווען 4 ייִדישע גענעראַלן, 728 אָפֿיצירן. דער גענעראַל נעפּלער פֿון דער יוניאָן־אַרמיי איז געווען אַ ייִדישער אימיגראַנט פֿון אונגאַרן.

אין דעם בירגער־קריג זייַנען 336 ייִדישע סאָלדאַטן געהרגעט גע־וואָרן; 316 ייִדישע סאָלדאַטן זייַנען פֿאַרוואונדעט געוואָרן.

אין יענער צייַט האָבן די ייִדן געמוזט אויסשטיין גרויסע צרות פֿון די מורן אין טאַנזשיר. ווען לינקאָלן האָט זיך דערפֿון דערוואוסט, האָט עס אים זייער פֿאַרדראָסן פֿאַר וואָס מענטשן זאָלן לייַדן איבער

זייער ראַסע אָדער רעליגיע. דעם 19טן דעצעמבער, 1863, האָט לינקאָלן טעלעגראַפירט דעם אַמעריקאַנער קאָנסול אין טאַנזשיר: ער זאָל טאָן אַלץ וואָס עס איז נאָר אין זײַן מאַכט אָפּצושטעלן די מערדערײַען אויף די ייִדן אין דער מורישער אימפּעריע. באַזונדער זאָל ער פּראָטעסטירן פֿאַר וואָס מען רודפֿט מענטשן איבער זייער גלויבן.

לינקאָלנס טויט האָט אַרויסגערופֿן אַ גרויסן טרויער צווישן די ייִדן. אַלע שולן זײַנען געווען אײַנגעוויקלט אין שוואַרצן. בײַ דער לוויה אין וואַשינגטאָן האָט זיך באַטייליקט אַ ייִדישע דעלעגאַציע פֿון 125 פּערזאָנען.

אין ניו־יאָרק איז פֿאָרגעקומען אַ גרויסע טרויער־פּראָצעסיע, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט פֿופֿציק טויזנט מענטשן. אין דער פּראָצעסיע האָבן געמאַרשירט צוזאַמען זיבן טויזנט ייִדן.

די ייִדן האָבן געטראָגן אַזאַ טרויער־פּלאַקאַט:

דער פֿאָטער פֿון לאַנד איז טויט.
דאָס פֿאָלק טרויערט נאָך אים.
לינקאָלן —
ער איז ניט טויט,
ער לעבט אין די הערצער פֿון גאַנצן פֿאָלק.

יוסף אָפּאַטאָשו

יוסף אָפּאַטאָשו

רשעות

א.

אין דעם הייסן נאָכמיטאָג האָט זיך אַלץ געצײַטיקט, — די צעעפּנטע פּלאַנצן, די פּרוכט אויף די ביימער. אַפילו די באַנגעלאָס, וואָס זײַנען געווען צעוואָרפן — ברוינע באַנגעלאָס מיט רויט געפאַרבטע דעכער — האָבן פון דער ווײַטנס אויסגעזען ווי צײַטיקע פירות.

הינטער די באַנגעלאָס — גערטנדלעך. אין איינעם פון די גערטנ־דלעך, אין אַ הילצערנער הוידע, וואָס האָט זיך אי געוויגט, אי נישט געוויגט, איז געזעסן העלען ראָסי. די האָר, די אויגן — ליכטיקע, גאָלדיקע. ס׳פּנים, דער האַלדז, די הענט — צוגעברוינט. העלען האָט געקוקט אויפן רויטן דאַך, וואו קריכפּלאַנצן האָבן זיך געוויקלט.

אין דער שטילקייט האָט זיך געהערט, ווי דאָס וואַסער שווענקט די ברעגשטיינדלעך, לויפט און קײַקלט זיך.

פאַר די זעקס וואָכן, וואָס העלען מיט איר צעניאָריקן זון, עדגאַר, זײַנען געווען אין דיילוויל, איז זי דאָס ערשטע מאָל געזעסן אין דער הוידע. ווי נאָר זיי זײַנען אַרויסגעקומען אויף דער זומער־וואוינונג, איז עדגאַר קראַנק געוואָרן. פריִער — גריפּ, דערנאָך — מאַנדלען.

אזוי איז זי אַפּגעזעסן מיטן יינגל קנאַפּע זעקס וואָכן אין דער באַנגעלאַ. דאָס איז געווען דער צווייטער טאָג, וואָס עדגאַר איז אַליין געגאַנגען צום טײַך און זי, העלען, איז געבליבן מיט זיך.

דער אויגוסט־הימל איז געווען בלוי און טיף. דער טײַך — נאָך בלויער. די לופֿט האָט זיך געהאַלטן אין איין בײַטן. דאָ האָט זי געשמעקט מיט צײַטיקע פּירות, דאָ — מיט דער פֿײַכטקייט און קיל־קייט פֿון לויפֿיקע וואַסערן.

אַ ליכטיקייט, וואָס איז געקומען פֿון צײַטיקע ביימער, פֿון די צעעפֿנטע פֿלאַנצן, פֿון דער בלויער דורכזיכטיקער לופֿט, האָט זיך גע־שפּרייט איבער העלענען. די צעצווײַגטע ביימער זײַנען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין באַשעפֿענישן, וואָס בייגיקע גלידער האָבן זיך געצויגן איבער העלענען, געגלעט און געוואַרעמט דאָס פּנים, דעם האַלדז, די הענט. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן גראָז, וואָס איז געווען טיף, וואָס האָט געקילט. זי האָט זיך אויסגעצויגן, פֿאַרוואָרפֿן פֿריִער די פֿיס, דערנאָך די הענט און אַזוי איז זי געבליבן ליגן. פֿונעם טײַך האָבן זיך פֿאַר אַ ווײַל דערהערט קולות און ס'איז צוריק שטיל געוואָרן. באַלד האָבן זיך גענומען קײַקלען טריט. פֿיס האָבן געקלאַפּט איבערן ווײַסן וועגל, וואָס האָט געפֿירט צום טײַך.

— „ווער גייט?”

ב.

העלען האָט זיך אַ ריס געטאָן, זיך אויפֿגעזעצט. לעבן איר איז געשטאַנען עדגאַר, אַ פֿאַרווײנטער.

— „וואָס איז, קינד מײַנס?” — האָט העלען זיך אויפֿגעשטעלט און באַטראַכט דעם יינגלס אונטערגעהאַקט אויג. — „ווער האָט דיך געשלאָגן? ווער האָט דיר אונטערגעהאַקט אַן אויג?”

— „דעם שכנס יינגלעך”, — האָט עדגאַר זיך צעוויינט, — „זיי האָבן אָנגעהויבן.”

— „פֿאַר וואָס האָבן זיי מיט דיר אָנגעהויבן?”

— „זיי האָבן מיך גערופֿן „שיני”, זיי האָבן מיך גערופֿן „מאַקי”.

— „פֿאַר וואָס האָבן זיי דיך אַזוי גערופֿן?”

— „כ'ווייס נישט”, — האָט דער יינגל געריבן מיט די פֿויסטלעך די אויגן און אויף די באַקן זײַנען געבליבן פֿלעקן.

— „פֿאַר וואָס רופֿן זיי מיך נישט קיין צונעמען?” — האָט די מוטער צוגעטוליעט עדגאַרן צו זיך.

— „כ׳ווייס נישט", — האָט דער יינגל זיך אַרויסגעדרייט פֿון דער מוטערס הענט, — „זיי זײַנען „קלעניקעס".

— „פֿון וואַנען ווייסטו, אַז זיי זײַנען „קלעניקעס"? נישטאָ מער קיין „קלעניקעס"!"

— „זיי האָבן מיר אַליין געזאָגט", — האָט דער יינגל זיך גענומען אָנפּאַקן די קעשענעס מיט שטיינדלעך. — „זיי האָבן מיר אַליין געזאָגט, אַז ווי נאָר זיי וועלן אונטערוואַקסן, וועלן זיי אויסהרגענען אַלע ייִדן, אַלע קאַטאָליקן און אַלע נעגערס. האָב איך געזאָגט: „מיר וועלן פֿריִער אויסהרגענען אַלע קלעניקעס." האָבן ביידע ברידער — פּיט און טעד — זיך געוואָרפֿן אויף מיר. אָט גייען זיי!"

עדגאַר, מיט פֿולע קעשענעס שטיינער, האָט זיך אַ שטעל געטאָן אונטער אַ בוים. אויף אַפֿריִער זײַנען געגאַנגען דעם שכנס יינגלעך, פּיט און טעד, הינטער זיי — נאָך צוויי.

— „דו זאָלסט נישט וואַרפֿן קיין שטיינער, הערסט", — האָט העלען זיך אַ לאָז געטאָן צו עדגאַרן. — זיי זײַנען דאָך פֿיר און דו — איינער."

— „כ׳וועל זיי אַלע צעשלאָגן, אַלע!" — האָט עדגאַר אַ שיק געטאָן אַ שטיין און געטראָפֿן פּיטן אין פּנים אַרײַן.

פֿיר שטיינער האָבן אַ פֿלי געטאָן אין עדגאַרס זײַט און קיין איינער האָט אים נישט געטראָפֿן. ס׳בלוט אין העלענען האָט זיך אַ שפּאַר געטאָן אין די שלייפֿן. זי האָט נישט געוווּסט וואו פֿריִער צו לויפֿן — צי צו עדגאַרן, צי צו די שכנישע יינגלעך. זי האָט זיך אַ וואַרף געטאָן צו די יינגלעך, זיך געבעטן בײַ זיי:

— „קינדער, טשעפּעט אים נישט, וועט ער אויפֿהערן וואַרפֿן שטיינער. עדגאַר איז נאָך אַ קרענק, און אויב איר האָט צו אים טענות, זאָגט מיר, וועל איך אַליין אים באַשטראָפֿן. דערצו זענט איר פֿיר און עדגאַר איז איינער, און ווי גייען פֿיר יינגלעך זיך וואַרפֿן אויף איינעם?"

— „אוודאי זײַנען מיר פֿיר", — האָט פּיט, וואָס האָט געכאַפּט דעם שטיין אין פּנים אַרײַן, זיך אַרויסגערוקט. — „עדגאַר ווייס, אַז מיר זײַנען פֿיר, און ער הייבט אָן מיט אונדז."

— „ס׳איז אַ ליגן, מאַמע, גלייב זיי נישט, די „קלעניקעס", — האָט עדגאַר זיך צעשריִען און פֿון כּעס געטופּעט מיט די פֿיס. — „זיי האָבן מיט מיר אָנגעהויבן. זיי האָבן מיך גערופֿן צונעמען."

— „מיר האָבן אָנגעהויבן", — האָט פּיט ווײַטער גערעדט, — „און ער רופֿט אונדז „קלעניקעס".

— „פּיט איז גערעכט", — האָט העלען זיך געשטעלט אויף פּיטס צד.

— „ער איז נישט גערעכט, מאמע", — האט עדגאַרן דער פּעס געגעסן. — „איידער איך האָב זיי גערופן „קלעניקעס" האָבן זיי מיך גערופן „שיני" און „מאַקי".

ג.

די יינגלעך האָבן אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער און עס גלייך דערשטיקט אין זיך. איינער האָט אויסגעמיטן דעם צווייטנס בליק. מען איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און פון דער זייט געהיט עדגאַרן, ער זאָל ווידער נישט אַ שיק טאָן קיין שטיין. העלען איז געשטאַנען אַ צעטומלטע. זי האָט געוואוסט, אַז אין דיילוויל האָט מען נישט ליב קיין יידן. זי האָט געוואוסט, אַז דאָרט, וואו יידן באָדן זיך, וואַרפן די „קלעניקעס" אַן שטיקער צעבראָכן גלאָז. זי איז אָבער זיכער געווען, אַז דאָס מיינט מען די „גרינהאָרנס", וואָס רעדן „זשאַרגאָן", וואָס רעדן ענגליש מיט אַן אַקצענט. זי האָט געוואָלט איבערבייטן דעם שמועס, געוואָלט פאַרגלעטן דעם צוזאַמענשטויס, און מיט אַ פרעמד, ווייך קול זיך אַרויסגעכאַפּט:

— „איז עס אמת, קינדער, וואָס עדגאַר דערציילט?"

זיי האָבן נישט געענטפערט. עדגאַר האָט זיך צעשריען אויף דער מוטער.

— „ס'איז אמת, זאָג איך דיר, און דו רעדסט נאָך מיט זיי. בעטסט זיך ביי זיי."

בשעת עדגאַר האָט געשריען איז די שכנטע אָנגעקומען פון איר גערטנדל. אַ הויכע, אַ דאַרע, מיט דינע פאַרקוועטשטע ליפּן. די שכנטע האָט אַ רוף געטאָן אירע צוויי יינגלעך, ווי מען רופט טרעניִרטע הינט. זי האָט זיך פאַרמאָסטן אויף די יינגלעך, וואָס האָבן אָפּגעצויגן אין שטוב אַריין. דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צו העלענען, האָרט צוגעגאַנגען און אַ שפּיי געטאָן:

— „מיר האָבן פיינט אַ יידיש פּרצוף און איר קריכט צווישן אונדז!"

די ווערטער זיינען געקומען אַזוי אומדערוואַרט, אַז העלען האָט פאַרלוירן ס'לשון. און אַז זי איז געקומען צו זיך און ווערטער האָבן זיך אַ שפּאַר געטאָן אין האַלדז אַריין, איז די שכנטע שוין נישט געווען. די ווערטער האָבן געשטיקט אין האַלדז. עדגאַר האָט זיך צוגעשאַרט צו איר:

— „פאַר וואָס האָט מען אונדז אַזוי פיינט? ווייל מיר זיינען יידן?"

— „ווייל זיי זיינען „קלעניקעס", — האָט די מוטער צוגעפּירט עדגאַרן צו דער הוידע און ביידע האָבן זיך צוגעזעצט, — „ווייל זיי זיינען שלעכטע מענטשן."

עדגאַר איז נישט איינגעזעסן. ער האָט דערזען אַ קאָלירט פּלאַטערל און זיך גענומען יאָגן נאָך דעם.

די אַרומיקע רחבֿות האָט זיך מיט אַ מאָל איינגעקאָרטשעט. העלען האָט מערנישט געזען די ליכטיקייט, וואָס איז געקומען פֿון די ציטיקע ביימער, פֿון די פּלאַנצן, פֿון דער בלויער דורכזיכטיקער לופֿט. דער אָרום איז צו קליין געוואָרן פֿאַר העלענען. און זי האָט זיך געערגערט, נישט פֿאַרשטאַנען פֿון וואַנען ס'נעמט זיך צום מענטש אַזוי פֿיל רשעות, וואָס פֿאַרמיאוסט אַלץ — הימל, ערד, פּלאַנצן.

אַבֿרהם רייזען

די פֿרילינגזון

די פֿרילינגזון קוקט אין מיין פֿענצטער
אַריין און זי לאַכט:
וואָס ביסטו, אַ, נאַרישער מענטש,
פֿאַרטרויערט, פֿאַרטראַכט?

איך האָב אויך געליטן ווי דו:
עס האָבן פֿאַרשטעלט
די וואָלקנס די גרויע פֿון ווינטער
מיין ליכט פֿאַר דער וועלט.

דאָך זיינען זיי מערניט ווי וואָלקנס,
זיי שווינדן ווי רויך,
און איך בין געבליבן אַ זון
און לייכט פֿון דער הייך!

אַ יִנגל מיט אַ הונט טהאָמאַס ה. בענטאָן

א. גאָלדבערג

דער יִנגל פֿון קאַבריני־בולוואַר

אַ יִנגל איינער אַליין

ביַי אַ ניו־יאָרקער טענעמענט־הויז — ערגעץ ביַים סאַמע שפּיץ פֿון מאַנהעטן, וואו דער נאָרט־ריווער און דער האָדסאָן באַגעגענען זיך — איז געשטאַנען דער יונגער מיַיקל גרעהעם. מיַיקל איז געווען אַן אומעטיקער און אַ פֿאַרטראַכטער. ער איז די לעצטע טעג שטאַרק פֿאַרטראַכט, מיַיקל. פֿון זיַין טאַטן אין איטאַליע טראַכט ער. שוין עטלעכע וואָכן איז פֿון אים קיין בריוו ניט געווען. מיַיקל האָט שטאַרק ליב זיַין טאַטן און די מלחמה שרעקט אים, און איטאַליע איז אַזוי וויַיט, אַזוי שרעקלעך וויַיט.

די מאַמע האָט נעכטן געוויינט. זי האָט געמיינט, אַז מיַיקל זעט ניט, מיַיקל האָט אָבער יאָ געזען, און די מאַמע האָט זיך פֿאַרענטפֿערט.

— „ווייסט, מײַקל, מיר „אײַרישע" זײַנען ניט פֿון די ווײַנער, אָבער איך האָב מורא, מײַק, שוין עטלעכע וואָכן קיין בריוו ניטאָ."

מײַקל האָט זי געוואָלט טרייסטן און ניט געוואוסט ווי אַזוי. ער האָט געזוכט אַ קלוג וואָרט אַזאַ, און — גאָרניט געפֿונען.

זי איז הײַנט אין דער פֿרי אַוועק צו דער אַרבעט מיט פֿאַרווײנטע אויגן, די מאַמע זײַנע.

און מײַקל שטייט לעבן הויז און געדענקט בלויז איין זאַך: „שוין עטלעכע וואָכן קיין בריוו ניט, שוין עטלעכע וואָכן..."

אַ גענג גייט

פֿון דער ווײַטנס האָט זיך באַוויזן „רעד" מיט זײַן גענג. מײַקל האָט זיך געפּרוּווט באַהאַלטן, נאָר ס'איז שוין געווען צו שפּעט. די „גענג" האָט אים שוין דערזען און מען איז געגאַנגען גלײַך צו אים.

מײַקל ווייס אַליין ניט ווי אַזוי ער האָט זיך לעצטנס צוגעטשעפּעט צו „רעדס" חבֿרה. מײַקל האָט „רעדן" ניט ליב געהאַט, האָט אַפֿילו פֿאַר אים אַ ביסל מורא געהאַט, און דאָך איז ער געגאַנגען מיט דער גענג. יעדע נאַכט, ווען מײַקל איז צוריקגעקומען פֿון דער גענג, האָט ער זיך געפֿילט שלעכט, זיך געוואָלט אַ לאַנגע צײַט וואַשן און רייניקן, זיך געשעמט צו קוקן דער מאַמען אין די אויגן אַרײַן, און איר אַלע מאָל געענטפֿערט מיט „גאָרניט", ווען זי האָט אים געפֿרעגט וואָס ער האָט דעם טאָג געטאָן.

„רעד" האָט אָנגעפֿירט מיט דער גענג. פֿינף יינגלעך זײַנען זיי געווען, אַרום 13 ביז 15 יאָר אַלט. „רעד" פֿלעגט פֿאַרפֿעלן אַ סך טעג אין סקול. זײַן פֿאָטער איז געווען אַ שיכּור און קיין מוטער האָט ער ניט געהאַט. „רעד" האָט אַלע מאָל געהאַט אַ סך געלט און יעדן טאָג האָט ער געהאַט אַ „פּלאַן", וואָס צו טאָן: איין טאָג — פֿאַרשמירן אַ יידישע סינאַגאָגע, אַ צווייטן טאָג — אָנשרײַבן אויף די סאָבוויי-סטאַנציעס מיאוסע זאַכן וועגן יידן, אַ דריטן טאָג — אָנשלאָגן אַ יידישן יינגל.

די יינגלעך האָבן צווישן זיך גערעדט, אַז „רעד" קריגט געלט פֿון עמעצן, און אַז יעדע נאַכט זאָגט אים ע-מ-ע-צ-ע-ר, וואָס ער זאָל דעם טאָג טאָן. ווער דער „עמעצער" איז, האָט מײַקל ניט געוואוסט.

מײַקל איז שוין עטלעכע מאָל מיטגעגאַנגען מיט די יינגלעך. ער האָט געטאָן וואָס מ'האָט אים געהייסן, ווײַל ער האָט זיך געשעמט ניט צו טאָן. אָבער נאָך יעדן מאָל האָט ער באַשטימט בײַ זיך, אַז אויס, מער ניט, קיין מאָל ניט, און — איז אויף מאָרגן ווידער געגאַנגען.

די „גענג" איז שוין געשטאַנען לעבן אים.

— „העלאָ מײַק."

— „העלאָ, „גאַים"."

„רעד" האָט זיך אַרויסגערוקט, איז צוגעגאַנגען נאָענט צו מײַקלען:

— „ביסט גרייט, מײַק?"

מײַקל האָט שווער געאָטעמט, איין רגע האָט ער זיך געוואָלט אויסדרייען און אַרײַן אין הויז, ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער „גענג", וואָס איז געשטאַנען אַרום אים, געזען די פֿינצטערע פּנימער מיט די שאַרפֿן אויגן, האָט ער אַ רוק געטאָן דאָס היטל, טיפֿער אַרײַנגערוקט די הענט אין די קעשענעס:

— „אָקיי, איך בין גרייט."

נאָך אַ יינגל — איינער אַליין

דייווי האָט אַ מונטערער געשפּאַנט איבער קאַבריני־בולוואַר. ער האָט ליב געהאַט צו שטיין און אַראָפּצוקוקן אויפֿן האַדסאָן, זען ווי די „פּאַליסיידס" אויף דעם ניו־דזשוירזי ברעג ווערן וואָס אַ מאָל טונקעלער.

דייווי האָט ליב דעם האַדסאָן. ספּעציעל האָט ער ליב אַט יענעם פּלאַץ אין מיטן טײַך, וועגן וועלכן זײַן טאַטע האָט אים דערציילט. דייווי איז זיכער, אַז טאַקע דאָרט, אַקוראַט אויף יענעם פּונקט, וואָס ער, דייווי, האָט אים אויסגעקליבן, איז דער גרויסער קאָמאַנדיר דזשאָרדזש וואַשינגטאָן געבליבן שטיין אין מיטן שיפֿל און זיך אומגע־קוקט אויף צוריק און דערזען ווי די ענגלישע „רעדקאָוטס" רײַסן זיך אַרײַן און נעמען געפֿאַנגען אַ גרויסן טייל פֿון זײַן אַרמיי. דייווי זעט קלאָר דאָס טרויעריקע פּנים פֿון גרויסן קאָמאַנדיר, ס'האַרץ טוט אים ווײ אויף וואַשינגטאָנען, ער וויל אים טרייסטן, דערמאָנען אַז דער סוף איז געווען אַ גוטער, דאָס פֿאָלק האָט געוואונען און איז געוואָרן פֿרײַ. זאָל ער זיך אַזוי ניט זאָרגן, וואַשינגטאָן, ס'האָט זיך אויסגעלאָזט גוט.

— „אַר יו ע דזשו?"

ווער האָט אים דאָס געפֿרעגט? זיכער ניט וואַשינגטאָן. וואַשינגטאָן וואָלט אַזאַ פֿראַגע ניט געשטעלט.

דייווי האָט זיך אויסגעדרייט.

„אַר יו ע דזשו?"

די „גענג" איז געשטאַנען אַרום דייווין. די פּנימער — פֿינצטערע, וואַרטנדיקע. מײַקל האָט זיך צוגעקוקט צום יינגל. דאַכט זיך ער האָט

אים עטלעכע מאָל פֿריִער געזען אויף דער גאַס, ער זעט אויס אין זײַנע יאָרן, 12 און אפֿשר 13, ניין, מסתּמא 12.

— „ביסטו אַ ייִד? — „רעדס" אויגן האָבן געברענט, זײַנע פֿויסטן זײַנען געלעגן גרייטע אין די קעשענעס.

— „יאָ, איך בין אַ ייִד."

— „אָ־קיי, גענג, „הי איז אָל יורס", — האָט „רעד" אַ קאָמאַנדע געטאָן. — „נעמט זיך צו אים."

מײַקל האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן ייִדישן ייִנגל. יאָ, זיכער 12, ניט מער. פּונקט זײַנע יאָרן. ער האָט געזען ווי די „גענג" האָט גענומען שלאָגן דעם ייִדישן ייִנגל.

מײַקל האָט פּלוצעם פֿײַנט געקראָגן „רעדן" און די גענג און זיך אליין און מער ווי אַלץ זײַנע צוויי הענט, וואָס האָבן געשלאָגן דעם ייִדישן ייִנגל גלײַך מיט אַלעמען.

מײַקל איז נאָך בייזער געוואָרן, געשלאָגן אַ סך און מיט כּעס און געפּילט, אַז דאָס שלאָגט ער זיך אַליין, זײַן מאַמע מיט די פֿאַרווייַנטע אויגן, דעם טאַטן אין איטאַליע.

אַ בריוול פֿון איטאַליע

ווען מײַקל איז אַרײַן אין הויז, האָט ער געטראָפֿן די מאַמע אַ פֿריילעכע און אַ לאַכנדיקע. זי האָט אים געטוליעט צו זיך און אים געוויזן דעם בריוו, וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט.

— „אָט איז ער דאָ, מײַקל, אָט איז דער בריוו, פֿון אַ שפּיטאָל אין צפֿון־איטאַליע, אָבער ער איז אַלרײַט דער טאַטע דײַנער, ער איז אַלרײַט."

מײַקל האָט געקוקט אויף איר און געשוויגן. טרערן האָבן אים געשטיקט. די הענט, די מיאוסע, האָט ער נאָך טיפֿער אין קעשענע פֿאַררוקט.

די מאַמע האָט געלאַכט און געפּלאַפּלט פֿון פֿרייד:

— „הער זיך צו, מײַקעניו, צו אָט דעם טייל פֿון בריוו, דאָס איז דאָס וויכטיקסטע." — איר קול איז ערנסט געוואָרן, טרערן האָבן זיך געקײַקלט איבער די באַקן, און זי האָט זיי אַפֿילו נישט אָפּגעווישט:

„...און ס'וואָלט שוין פֿון לאַנג מערניט געווען קיין פּעטריק גרעהעם אויף דער וועלט, ווען ניט אָט דער פֿרײַנד מײַנער. אַליין בין איך געלעגן אויפֿן פֿעלד אַ פֿאַרוואונדעטער, די מאַשינביקסן האָבן געקנאַלט און קוילן זײַנען ווי בעבלעך געפֿאַלן, שטעלט ער זיך אײַן

דאָס לעבן, אַז דער „באָדי" מײַנער, קריכט אַרויס אונטער אַ האָגל קוילן און ראַטעוועט דאָס לעבן פֿון פּעטריק גרעהעם און — ווערט נאָך אַליין דערביַי פֿאַרוואונדעט. אַט אַ מענטש! גיי ווייס, אַז אין ניו־יאָרק, פֿינף גאַסן פֿון דיר, וואוינט די גאַנצע צײַט אַ מענטש, וואָס גאָט האָט געוואָלט אַז ער זאָל ראַטעווען דאָס לעבן פֿון פּעטריק גרעהעם. אַ שכן אונדזערער, זײַן ווײַב וואוינט אויף דער 190סטער גאַס און הייסט אסתּר שאַפּיראָ. גייט צו, מײַן ווײַב און מײַן זון, צו איר, דערציילט איר, אַז אַ דאַנק איר מאַן איז פּעטריק גרעהעם נאָך פּעטריק גרעהעם, כאָטש פֿאַרוואונדעט אויף אַ פֿוס..."

די מאַמע האָט נאָך און נאָך געלייענט. מײַקל האָט שוין פֿון לאַנג ניט געהערט. זײַנע הענט האָבן אים געברענט... דער נאָמען האָט אים געשראָקן — שאַפּיראָ, שאַפּיראָ, שאַפּיראָ...

די מאַמע איז אויפֿגעשטאַנען.

— „מאַמע, שאַפּיראָ איז אַ ייִדישער נאָמען?"

די מוטער האָט אויף אים שאַרף אַ קוק געטאָן:

— „און אַז אַ ייִדישער איז וואָס?"

— „גאָרניט, מאַמע."

אַן אָפֿענע טיר

דער וועג איז געווען אַ שווערער. מײַקל האָט געציטערט אַז די מאַמע זאָל אים ניט אָנרירן די הענט, די מיאוסע הענט זײַנע, וואָס האָבן געטאָן „רעדס" אַרבעט, די מיאוסע, מיאוסע הענט זײַנע.

די מאַמע איז געווען אַזוי פֿול מיט איר פֿרייד, אַז זי האָט ניט באַמערקט אַפֿילו מײַקלס שווײַגן און זײַן שטיל ציטערן.

דאָס הויז איז געווען אַ שיינס, אַ גרויס. אַ סך נעמען, אַ סך גלעקלעך. בלויז איין שאַפּיראָ — „מעקס שאַפּיראָ". דאָס איז עס.

די מאַמע האָט אָנגעקלונגען און ביידע האָבן זיי זיך אַרויפֿגעלאָזט מיט די טרעפּ צום דריטן שטאָק. אָט איז עס. אַפּאַרטמענט 3־עף. די מאַמע קלינגט אָן.

די טיר האָט געעפֿנט אַ יונגע שיינע פֿרוי, אַ בלאָנדע, פּונקט ווי די מאַמע זײַנע, אַפֿילו די האָר קעמט זי אויך אַזוי — אויף אַהינטער, אַוועק פֿון שטערן, פּונקט ווי די מאַמע זײַנע.

— „מר"ס שאַפּיראָ?"

— „יאָ".

— „איך בין מר"ס גרעהעם. מײַן מאַן האָט מיר פֿון איטאַליע געשריבן..."

— „קומט אַרײַן.“
זײ זײַנען אַרײַן אינעװײניק.
אין ערשטן צימער אויף אַ קאַנאַפּע האָט מײַקל דערזען ליגן אויפֿן בעט, מיט נאַסע טיכער פֿאַרשטעלט און פֿאַרדעקט אַ האַלב פֿון צעשלאָ־גענעם פּנים, — דער ייִדישער ייִנגל פֿון קאַבריני־בולוואַר.

* * *

דער צעשלאָגענער דײװױ איז געלעגן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און שטילערהייט געקרעכצט. ער האָט ניט געזען און ניט דערקענט מײַקלען.
מײַקל איז געבליבן שטײן לעבן דער טיר. אַלץ װאָס האָט זיך אין אים אָנגעזאַמלט די לעצטע װאָכן און ספּעציעל דעם הײַנטיקן טאָג — האָט זיך פּלוצעם אים אױפֿגעשטעלט אין האַלדז און אָנגעהויבן װאָרגן —
ער איז צוגעלאָפֿן צו דער מאַמען און לאַנג און ביטער און אָן חרפּה געװײנט אויפֿן קול...



טױבן — דזשאָן סלאָון

חנוכה



אַן אַלטער חנוכה-לאָמפּ

שמעון פרוג

חנוכה

ווידער ברענט דאָס אַלטע לעמפּל
אויפֿן הויכן, שיינעם אָרט.
יעדער הײַזל איז אַ טעמפּל,
אַ מזבח פֿינקלט דאָרט.

וויפֿל צײַט איז שוין אַריבער —
ס'קלאַפּט די עלטער שוין אין טיר,
נאָר מיר דאַכט זיך, אַז דער ליבער
זיידע ווידער רעדט צו מיר:

— „זעסט, מײַן קינד? אַכט גרויסע שטערן
גייען אויף אין זיסן פּראַכט,
און די שאָטנס בלייכער ווערן,
העלער ווערט די שוואַרצע נאַכט.

ריין און הייליק, ליב און טײַער
דאַרפֿן אונדז אויף אייביק זײַן
זייער שטילער, מילדער פֿײַער,
זייער ליכט און זייער שײַן;

פֿאַר אַן אייביקן זיכּרון
פֿון דעם נס אין יענע יאָרן,
ווען מיר האָבן מיטן שווערד
אונדז די פֿרײַהייט אומגעקערט."

שלום־עליכם

חנוכּה־געלט

א

טרעפֿט, קינדער, וואָסער יום־טובֿ איז דער בעסטער פֿון אַלע יום־טובֿים?

חנוכּה.

אַכט טעג כּסדר ניט גיין אין חדר, עסן לאַטקעס מיט שמאַלץ, שפּילן אין דריידל און באַקומען פֿון אַלע זײַטן חנוכּה־געלט — נו, באַדאַרף מען אַ בעסערן יום־טובֿ?

ווינטער. דרויסן איז קאַלט, דער פֿראָסט ברענט. די פֿענצטער זײַנען באַדעקט מיט שניי, און אין שטוב איז וואַרעם — מחיה־נפֿשות. דאָס זילבערנע חנוכּה־לעמפּל שטייט צוגעגרייט נאָך פֿון בײַ טאָג. דער טאַטע גייט אום איבער דער שטוב, די הענט אַרונטער, און דאַוונט מעריבֿ. אָפּגעדאַוונט, נעמט ער אַרויס פֿון טישקעסטל אַ וועקסן ליכטל (דעם שמש) און זאָגט צו אונדז, צו מיר און מײַן ייִנגערן ברודער מאָטל:

— רופֿט אַרײַן די מאַמע, לאָז זי גיין הערן בענטשן חנוכּה־ליכטלעך.

איך און מײַן ברודער מאָטל לאָזן זיך לויפֿן ביידע, איינס איבערן אַנדערן.

— מאַמע! גיכער, חנוכּה־ליכטלעך.

די מאַמע וואַרפֿט אַוועק אַלע אַרבעט אין קיך און לאָזט זיך לויפֿן אין שטוב אַרײַן, און נאָך איר — ברײַנע די קעכין.

דער טאַטע גייט צו מיטן אָנגעצונדענעם שמש צום חנוכּה־לעמפּל, בייגט זיך אָן און מאַכט די ברכה מיטן באַקאַנטן ניגון.

די מאַמע ענטפֿערט: „אָמן”, און ברײַנע שאָקלט מיטן קאָפּ און מאַכט דערבײַ אַזאַ פּנים, אַז איך און מײַן ברודער מאָטל האָבן מורא אַ קוק טאָן איינער אויף דעם אַנדערן.

דער טאַטע שפּאַצירט אַרום הין און צוריק איבערן זאַל, קוקט אויפֿן חנוכּה־לעמפּל, זאָגט און זאָגט און הערט גאָרניט אויף צו זאָגן. מיר וואָלטן וועלן, עס זאָל שוין נעמען אַ סוף, ער זאָל זיך שוין נעמען צו דער קעשענע, צום בײַטעלע. מיר ווינקען זיך איבער, שטופּן אונטער איינער דעם אַנדערן:

— מאָטל, גיי צו, זאָג אים חנוכּה־געלט.

— וואָס עפּעס איך זאָל זאָגן חנוכּה־געלט?

— אַזוי, וואָרעם דו ביסט קליגער, באַדאַרפֿסטו בעטן חנוכּה־געלט.

— טאָמער פֿאַרקערט, דו ביסט עלטער, באַדאַרפֿסטו בעטן חנוכּה־געלט?

דער טאַטע הערט גאַנץ גוט, אַז מיר רעדן פֿון חנוכּה־געלט, נאָר ער מאַכט זיך, ווי ער הערט ניט. שטיל, ניט געכאַפּט, גייט ער צו צום טישקעסטל און ציילט געלט. עס גייט אונדז איבער אַ קליין פֿרעסטל איבערן לײַב, עס ציטערן די הענט, עס קלאַפּט דאָס האַרץ. מיר קוקן אויף דער סטעליע, קראַצן זיך אונטער דער פּאה, מאַכן זיך כּלומרשט קאַלטבלוטיק, גלײַך ווי ניט אונדז מיינט מען.

דער טאַטע טוט אַ הוסט.

— הם... קינדער, קומט נאָר אַהער.

— האַ? וואָס איז?

— נאַט אײַך חנוכּה־געלט.

באַקומען אונדזער חנוכּה־געלט, לאָזן מיר זיך גיין, איך און מײַן ברודער מאָטל, פֿריִער פּאַמעלעך, און נאָך דעם — גיכער און גיכער, מיט אַ שפּרונג אונטער און מיט אַ טענצל. און ביז מיר קומען אין אונדזער חדרל אַרײַן קאָנען מיר זיך ניט אײַנהאַלטן, קוליען זיך איבער דרײַ מאָל מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פֿיס אַרויף, שפּרינגען אויף איין פֿוס און זינגען אונטער:

ענגע, בענגע
סטופּע, צענגע,

אַרצע, באַרצע,
גאָלע, שוואַרצע,
איימעלע, ריימעלע,
בייגעלע, פּייגעלע —
האָפּ!

און פּאַר גרוים שמחה גיבן מיר זיך אַליין צו צוויי פּעטש אין די באַקן.

עס עפֿנט זיך די טיר און עס קומט אַריַין דער פֿעטער בעני.

— חבֿרה פלעצל, איַיך קומט חנוכּה־געלט!

דער פֿעטער בעני לייגט אַריַין די הענט אין קעשענע, נעמט אַרוים צוויי זילבערנע־גילדן און גיט אונדז חנוכּה־געלט.

ב

קיינער אין דער וועלט וועט ניט זאָגן, אַז דער טאַטע און דער פֿעטער בעני זיַינען ברידער. דער טאַטע — אַ הויכער, אַ דאַרער, דער פֿעטער בעני — אַ קורצער, אַ גראָבער; דער טאַטע — אַ פֿאַרזאָרגטער, אַ שוויַיגער, דער פֿעטער בעני — אַ פֿריילעכער, אַ רעדנער. טאָג מיט נאַכט, זומער און ווינטער — און דאָך אייגענע ברידער.

דער טאַטע נעמט אַרוים אַ בויגן פּאַפּיר, צעווירעט אויף קעסטע־לעך, שוואַרצע און וויַיסע, הייסט אַריַינטראָגן פֿון קיך פּאַסאָליעס, שוואַרצע און וויַיסע — דאָס וועט זיַין דאַמקעס.

די מאַמע אין קיך, באַקט לאַטקעס. איך מיט מיַין ברודער מאָטלען שפּילן אין דריידל; און דער טאַטע מיטן פֿעטער בעני זעצן זיך אַוועק שפּילן אין דאַמקעס.

— איין זאַך וועל איך ביַי דיר בעטן, בעני — אָן חרטה און אָן דריי, דאָס הייסט: אַ גאַנג זאָל זיַין אַ גאַנג! — זאָגט דער טאַטע.

— אַ גאַנג איז אַ גאַנג, — זאָגט דער פֿעטער בעני און גייט אַ גאַנג.

— אַ גאַנג איז אַ גאַנג, — זאָגט דער טאַטע און שלאָגט אָפּ דעם פֿעטער בענים אַ ציגל.

וואָס וויַיטער־וויַיטער זיי לאָזן זיך אַריַין אין דער שפּיל אַלץ טיפֿער, קריַיען זיי דערביַי די בערד, טרייסלען מיט די פֿים אונטערן טיש און זינגען שטילערהייט ביידע איין לידל.

— אוי, וואָס טוט מען, וואָס טוט מען, וואָס טוט מען? — זינגט דער טאַטע און קײַט איין עק באָרד. —זאָל איך גיין אַהער? — ווער גיין אַהין. וועל איך גיין אַהער? — וועט ער גיין אַהער, באַדאַרף מען בעסער גיין אַזאַ גאַנג!

— אַזאַ מין גאַנג, אַזאַ מין גאַנג! — העלפֿט אים אונטער דער פֿעטער בעני.

— וואָס זשע באַדאַרף איך מורא צו האָבן? — זינגט דער טאַטע ווײַטער. — טאָמער שלאָגט ער מיר אָפּ יענעם ציגל? — וועל איך בײַ אים צונעמען צוויי ציגלעך. אַי, וואָס? טאָמער מיינט ער מיר שלאָגן דרײַ ציגלעך?

— דרײַ ציגלעך, דרײַ ציגלעך, דרײַ ציגלעך, — העלפֿט אים אונטער דער פֿעטער בעני.

— אוי, ביסטו אַ טיפּש, בעני, אַ טיפּש און אַ גרויסער! — זינגט דער טאַטע און גייט אַ גאַנג.

— ביסט אַליין אַ טיפּש, מײַן ברודער, און נאָך אַ גרעסערער! — זינגט דער פֿעטער בעני און גייט אַ גאַנג און פֿאַרכאַפּט זיך באַלד צוריק.

— פֿע, בעני, מיר האָבן דאָך גערעדט, אַ גאַנג איז אַ גאַנג! — זאָגט דער טאַטע שוין אָן אַ ניגון און כאַפּט דעם פֿעטער בעני פֿאַר דער האַנט.

— אַ גוטער משל! — זאָגט דער פֿעטער בעני, — כּל־זמן איך האַלט אין מיטן אַ גאַנג מעג איך גיין וואוהין איך וויל.

— ניין! — זאָגט דער טאַטע, — אַ גאַנג איז פֿאַרפֿאַלן! מיר האָבן דאָך עפּעס געשמועסט, בעני, אָן חרטה, בעני, אָן דריי!

— חרטה? — זאָגט דער פֿעטער בעני, — וויפֿל מאָל מאַכט זיך, אַז דו האָסט חרטה?

— איך? — זאָגט דער טאַטע, — ע, בעני, דערפֿאַר האָב איך דאָך פֿײַנט מיט דיר צו שפּילן אין דאַמקעס!

— ווער זשע נייט דיך זאָלסט מיט מיר שפּילן?

— שוין? מע קריגט זיך שוין איבער אַ פּאַסאַלקעלע? — רופֿט זיך אָן די מאַמע און קומט אָן פֿון קיך מיט אַ פֿאַרפֿלאַמט פּנים, און נאָך איר — ברײַנע מיט אַ גרויסן שיסל מיט הייסע לאַטקעס. אַלע לאָזן זיך צום טיש. איך און מײַן ברודער מאָטל, וואָס האָבן זיך פֿריִער אַ ביסל געקריגט, געריסן ווי די קעץ, בעטן זיך גיך איבער, ווערן שלום און זעצן זיך צו די לאַטקעס.

ג

ביַי נאַכט אויפֿן געלעגער ליג איך און טראַכט: וויפֿל קאָן זיך אַ שטייגער ביַי מיר צונויפֿקליַיבן, אַז אַלע פֿעטערס מיט אַלע מומעס מיט אַלע קרובֿים וועלן מיר געבן חנוכּה-געלט?

— מאָטל, דו שלאָפֿסט?

— יאָ, וואָס איז דען?

— וויפֿל, מיינסטו, וועט אונדז געבן דער פֿעטער בער חנוכּה-געלט?

— פֿון וואַנען זאָל איך וויסן? איך בין דען אַ נבֿיא?

אין אַ מינוט אַרום:

— מאָטל, דו שלאָפֿסט?

— יאָ, וואָס איז דען?

— עמעצער האָט אַזוי פֿיל פֿעטערס מיט אַזוי פֿיל מומעס ווי מיר?

— אָדער יאָ, אָדער ניין.

אין צוויי מינוט אַרום:

— מאָטל, דו שלאָפֿסט?

— יאָ, וואָס איז דען?

— ווי באַלד דו שלאָפֿסט, היַינט ווי אַזוי רעדסטו צו מיר?

— דו פֿרעגסט דאָך מיך, מוז איך דיר ענטפֿערן.

אין דריַי מינוט:

— מאָטל, דו שלאָפֿסט?

— טסססס — טררר — כּיל כּיל — טסססס...

מאָטל כראָפּעט, פֿיַיפֿט מיט דער נאָז, און איך זעץ מיך אויף אויף מיַין בעטל, נעם אַרויס מיַין קערבל, גלעט דאָס, באַטראַכט דאָס.

— דאַכט זיך, וואָס? — טראַכט איך מיר, — אַ שטיקל פּאַפּיר, און וואָס קאָן מען דערפֿאַר ניט קויפֿן? צאַצקעס, מעסערלעך, שטעקעלעך, ביַיטעלעך, נים און קאָנפֿעקטן, און ראָזשינקעס, און באָקסערן און וואָס ניט?

איך באַהאַלט דאָס קערבל צוקאָפּנס אונטערן קישן און לייען אָפּ קריאַת-שמע (קרישמע), קומט אַריַין בריַינע פֿון קיך מיט אַ פֿול שיסל מיט קערבלעך... בריַינע גייט ניט, נאָר זי שוועבט אין דער לופֿטן, און מאָטל שלינגט קערבלעך.

„מאַטל!" — שרײַ איך מיט אַלע כּוחות, — „גאָט איז מיט דיר, מאַטל וואָס טוסטו? קערבלעך????..."

איך כאַפּ זיך אויף און שפּײַ אוים דרײַ מאָל: „טפו־טפו־טפו — אַ חלום!"

און ווער אַנטשלאָפֿן.

שלום אַש

חנוכּה אויף אַ שיף קיין אַמעריקע

א.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זיך שוין חנה לאה מיט אירע קינדער געפֿונען אויף דער שיף וואָס איז געלעגן אין די וואַסערן פֿון גרויסן אָקעאַן. די שיף איז נאָך ניט אַרויסגעפֿאָרן. זי איז נאָך געלעגן אין האַפֿן.

אַ גאַנצן טאָג איז אַ גרוים גערודער געווען אויף דער שיף. מענטשן האָבן געשריִען אין פֿאַרשיידענע שפּראַכן. חנה לאה איז געגאַנגען וואוהין אַלע זײַנען געגאַנגען. אַ קליין שיפֿל האָט זי מיט די קינדער צוגעפֿירט צו דער גרויסער שיף. זי האָט ניט געזען דעם ים, זי האָט מורא געהאַט צו קוקן. זי האָט זיך פֿאַרלאָזט אויף גאָט...

מען האָט חנה לאהן דורך קעלערן געפֿירט, אין די טיפֿענישן אַראָפּ. זי האָט געהאַלטן יאָסעלען בײַ דער האַנט און איז נאָכגעגאַנגען. זי האָט ניט מורא געהאַט.

צום סוף האָט מען איר אָנגעוויזן אַ שטרויזאַק אין אַ ווינקעלע, צווישן אַ סך, אַ סך שטרויזעק. און זי איז אַרויפֿגעקראָכן מיט אירע קינדער, האָט זיך אײַנגענורעט אין איר ווינקל מיט די קינדער און האָט מורא געהאַט זיך צו רירן. ערשט איצט האָט זי אָנגעהויבן מורא צו קריגן פֿאַרן גרויסן שרעקלעכן ים, כאָטש זי האָט אים ניט געזען, כאָטש זי האָט אים ניט געפֿילט, ווײַל די שיף איז נאָך געלעגן אין האַפֿן.

ב.

דערווײַל איז אין דער קאַמער, וואו זי איז געלעגן, געוואָרן גאַנץ היימלעך. און אַז חנה לאה האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט זי דערזען

אַז זי געפֿינט זיך צווישן בלויז אייגענע. דאָס איז געווען די אַפּטיילונג פֿאַר „יִדישע פֿאַמיליעס מיט קינדער".

— „נאַ, זי איז אויך דאָ! וואו זײַט איר געווען דורך דעם גאַנצן וועג?"

חנה לאה האָט זיך אומגעקוקט ווער עס רעדט מיט די ווערטער. עס איז געווען די יִדענע מיט וועלכער זי האָט זיך באַגעגנט בײַ דער גרענעץ.

חנה לאה האָט זיך מיט איר דערפֿרייט ווי מיט אַן אַלטן פֿרײַנד.

— „וואו זײַט איר געווען? איך האָב דאָך אײַך געזוכט!

און די ביידע שכנות אויף די צוויי שטרויזעק האָבן צוזאַמענגענומען זייערע קינדער און האָבן אָנגעהויבן צו ריידן צווישן זיך ווי אַלטע צוריקגעפֿונענע פֿרײַנד.

דערווײַל האָט זיך איין יִיד באַקאַנט מיט אַ צווייטן. אַלע האָבן גערעדט אין איינעם, האָבן אויסגעפֿרעגט אויף באַקאַנטע פֿון זייערע שטעט. און איין יִיד האָט אַזוי לאַנג געפֿרעגט דעם צווייטן, ביז עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז איינער איז מיטן צווייטן משפּחה.

ג.

— „אויב אַזוי, טאָ מעגן מיר דאָך טאַקע מנחה דאַוונען!" — האָט זיך אָנגערופֿן אַ פֿריילעך קול.

— „נו, אַדרבא, אַדרבא", — האָבן זיך געהערט קולות אַרום.

— „יִדן, איר ווייסט אַז מע צינדט הײַנט דאָס ערשטע ליכטל?"

— האָט ווער אין אַ ווינקל דערמאָנט.

— „אַ גוטער סימן, דעם ערשטן טאָג חנוכּה אויף דער שיף אַרויפֿגעגאַנגען."

— „ווער איז דאָ פֿון אונדז אַ חזן?" — פֿרעגט ווער פֿון עולם.

— „ווי הייסט? מיר האָבן דאָך דעם קעלצער חזן דאָ!" — האָט אַ יִיד געוויזן אויף אַ יונגנמאַן מיט אַ געל בערדל, וואָס ער האָט זיך געהאַלטן אַ ביסל אָפּגעזונדערט פֿונעם גאַנצן עולם.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז שוין דער יונגערמאַן געשטאַנען פֿאַר צוויי ליכטלעך וואָס האָבן געברענט אויף אַ קעסטל. דער יונגערמאַן האָט געזונגען פֿאַרן עולם, און אַלע ווײַבער און קינדער פֿון שיף האָבן מיטגעזאָגט קדושה.

אַ מנחה-דאַוונען איז געווען אַ שיינס. נאָך מנחה-דאַוונען האָט

מען געפּרעגט, ווער האָט חנוכּה־ליכטלעך. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אַלע האָבן זיך געריכט אויף חנוכּה און האָבן אָנגעגרייט חנוכּה־ליכטלעך. האָט יעדע משפּחה אָנגעצונדן די ליכטלעך אויף איר קעסטל. און דער חזן האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן עמוד וואָס איז באַשטאַנען פון איין קעסטל אויפן צווייטן. דער עולם האָט באַלד געפונען אַ פּאָר זינגערלעך פאַר אים. אַ סאָפּראַנדל האָט ער אַליין מיטגעפירט מיט זיך, זײַנס אַ יינגל, אַ קינד אַ וואונדער אין דער וועלט — אַמעריקע וועט אויפן קאָפּ שטיין! און עס איז געוואָרן אָפּגעזונגען אַ חנוכּה־בענטשן, וואָס אַזעלכעס האָבן נאָך די לײַט ניט געהערט.

ד.

הנה לאה האָט פאַרגעסן אַז זי געפינט זיך אויף דער שיף. איר האָט זיך געדאַכט אַז זי איז בײַ זיי אין שטעטל אין דער שול. עס האָט איר נאָר ווי געטאָן וואָס איר מאַן איז דאָ ניטאָ. דאָס געזאַנג איז געגאַנגען וואָס אַ מאָל העכער. דער יינגל, דאָס סאָפּראַנדל, האָט וואונדער געוויזן. און די גאַנצע שיף יידן האָבן אונטערגעהאָלפן. און דאָס קול איז געגאַנגען וואָס אַ מאָל העכער און פרייילעכער. און אַז דער חזן האָט געענדיקט דאָס זינגען, האָט זיך אָנגערופן דאָס פריילעכע יידל, הויך אויף אַ קול, רײַבנדיק זיך די הענט:

— „איצט פּאַסט די גוטע לאַטקע און די פעטע גריוון לכּבֿוד חנוכּה!"

— „גריוון זײַנען דאָ!" — רופט זיך אָפּ אַ ווײַבעריש קול פון אַ שטרויזאַק אַראָפּ און דערלאַנגט פון אַ גרויסן פּאַק אַרויס אַן אײַנגעפּאַקטן טאָפּ קאַלטע גריוון.

— „פון וואַנעט האָט איר גענומען גריוון?" — פרעגט אַ יידענע.

— „מײַן טאָכטער האָט מיר מיטגעגעבן אין וועג אַרײַן דאָס הארץ צו דערכאַפּן," — ענטפערט די יידענע.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום זײַנען שוין געזעסן די יידן פון פאַרשיידענע געגנטן און לענדער, וואָס זיי האָבן נאָך נעכטן זיך ניט געקענט, מיט זייערע קינדער אַרום איין טיש, האָבן געגעסן פון איין טעלער, האָבן זיך געטיילט די ביסנס און האָבן זיך געפילט צווישן זיך ווי מיטגלידער פון איין משפּחה, ווי אַלטע פרײַנד פון אַמאָליקע, אַמאָליקע צײַטן.

יהודה הלוי

יודל מאַרק

דאָס גרויסע ייִדישע האַרץ

א) די יאָרן פֿון לערנען און וואַנדערן

אין צפֿון זײַנען געווען די קריסטן, אין דרום — די מוסלמענער. און ייִדן האָבן געליטן פֿון ביידן. די קריסטן און מוסלמענער האָבן געפֿירט צווישן זיך מלחמות און געוואָלט אײַננעמען פֿאַר זיך גאַנץ שפּאַניע. און ייִדן איז אַלץ ענגער און ענגער געוואָרן צו לעבן אין אָט דעם שיינעם לאַנד.

אין טאָלעדאָ האָט געוווינט דער ייִדישער דאָקטער שמואל הלוי. זײַן איינציקער זון יהודה איז געבאָרן געוואָרן גראַד אין יענעם יאָר ווען די קריסטן האָבן אײַנגענומען די שטאָט. די אַראַבער זײַנען יעמאָלט געווען אַ סך מער געלערנט ווי די קריסטן, און אויף אַראַביש האָט מען גערעדט בײַם דאָקטער אין דער היים.

זײַן זון יהודה איז געווען אַ גערעטענער, אַ קינד מיט אַלע מעלות. ער איז געווען שיין און גוט און האָט געהאַט אַ בריליאַנטענעם קאָפּ. צו פֿערצן יאָר האָט ער שוין אַזוי פֿיל געוואוסט אַז ער האָט מערניט געקענט געפֿינען פֿאַר זיך קיין לערער אין דער היימשטאָט. ער האָט געקענט תּנך און העברעיִש, שטודירט מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע — און ער האָט געוואָלט וויסן מער, פֿאַרשטיין מער. האָבן די עלטערן זיך געשיידט מיט זייער איינציקן זון און אים אַוועקגעשיקט קײַן לוצענאַ.

דאָרטן איז געווען דער באַרימטער געלערנטער ר׳ יִצחק אַלפֿסי (אַלפֿאַסי). צו 70 יאָר איז ער אַהין געקומען און האָט באַוויזן צו מאַכן פֿון דער שטאָט אַ צענטער פֿון ייִדישן לערנען. דער יונגער יהודה האָט געלערנט תּלמוד בײַם אַלטן רבין זײַנעם. דער אַלטער רבי איז געווען אַ שטרענגער, אָבער דער יונגער תּלמיד האָט אים שטאַרק ליב געהאַט.

און פֿאַר יהודהן איז עס אַלץ נאָך געווען ווייניק. ער האָט געוואָלט וויסן מער, פֿאַרשטיין מער. ער איז אַוועק קײַן קאָרדאָווע. דאָרטן האָט ער שטודירט מעדיצין און פֿילאָסאָפֿיע. ווען ער איז געווען אַכצן יאָר אַלט, איז ער שוין געווען אַ גרויסער געלערנטער. ער איז אָבער אויך געווען אַ פֿריילעכער בחור, און האָט ליב געהאַט צו פֿאַרברענגען

צווישן פֿרײַנד, און האָט ליב געהאַט צו מאַכן וויצן און צו זײַן אויף שמחות.

עס איז יעמאָלט בײַ די געבילדעטע לײַט געווען אַ מאָדע צו שרײַבן לידער. האָט מען געדאַרפֿט שיקן אַ בריוו צו אַ פֿרײַנד, האָט מען אים אויסגעשטעלט ווי אַ ליד. איז מען זיך צונויפֿגעקומען אין אַ געזעלשאַפֿט, האָט מען זיך פֿאַרמאַסטן אין שאַפֿן לידעלעך מיט וויצן, מיט חכמהלעך. איז געווען בײַ אַ פֿרײַנד אַ שמחה, אַ חתונה, אַ קינד איז געבאָרן געוואָרן, מען איז צוריקגעקומען פֿון אַ רײַזע, אָדער אַן אַנדער געלעגנהייט — האָט מען וועגן דעם געשריבן אַ ליד. אין איינעם מיטן ליד האָט מען געשיקט די מתּנה, און אַ מאָל איז די מתּנה געווען — דאָס ליד.

אַ סך האָבן געשריבן לידער, אָבער אמתע פּאָעטן זײַנען געווען ווייניק — אַזוי ווי איצט.

ב) דער שטערן פֿון קאַסטיליע

ווען געבילדעטע ייִדן זײַנען זיך צונויפֿגעקומען, האָט מען זיך פֿאַרנומען מיט פֿאַרמעסטן זיך אין שרײַבן לידער אויף העברעיִש. און מען האָט גיכן דערזען: אומעטום, אַלע מאָל איז דער זיגער דער יונגער יהודה. ער איז דער סאַמע זיסער זינגער. ווען מען באַזינגט די שיינקייט פֿון דער נאַטור, די וואונדער פֿון גאָטס וועלט — קומט עס אַרויס שענער און טיפֿער בײַ יהודהן. ווען מען זינגט וועגן אַ שיין מיידל — איז עס ווידער שענער בײַ יהודהן. ווען מען שאַפֿט לידער פֿאַר פֿרײַנד — קומט עס אַרויס האַרציקער, פֿײַנער בײַ יהודהן.

אַלע האָבן געהאַלטן אַז דער גרעסטער פּאָעט פֿון זײַן צײַט איז משה אבן עזרא. ווען ער האָט געהערט וועגן דעם יונגן בחור וואָס שרײַבט אַזוינע שיינע לידער, האָט ער אים פֿאַרבעטן צו זיך קיין גראַנאַדאַ. משה אבן עזרא איז געווען פֿון אַ רײַכער משפּחה און בײַ אים אין הויז האָט יהודה געוואוינט. משה האָט ניט מקנא געווען זײַן יונגן פֿרײַנד. ער האָט אים שטאַרק געליבט און ליב געקראָגן. ער האָט אים גערופֿן „דער שטערן פֿון קאַסטיליע" און האָט פֿאַרויסגעזאָגט אַז אַט דער שטערן וועט שײַנען פֿאַר אַלע ייִדן.

עס איז געווען אַ גליקלעכע צײַט אין יהודהס לעבן. ער איז געווען יונג און שיין און געבילדעט. אים האָט קיין זאַך ניט געפֿעלט און ער האָט שטענדיק געפֿונען חן אין אַלעמענס אויגן. האָט ער געזונגען אין זײַנעם אַ ליד: „די טעג טאַנצן פֿאַר מיר זייער פֿריילעכע ראָד".

אָבער אין גיכן האָט זיך עס געביטן. עס זײַנען פּלוצלונג געשטאָרבן יהודהס עלטערן. דער יונגער פּאָעט איז געבליבן אָן זייער הילף. עס

איז אויך געקומען אַ טרויער אין לעבן פֿון זײַן רײַכן פֿרײַנד משה אבן עזרא. ער האָט זיך פֿאַרליבט אין דער טאָכטער פֿון זײַן עלטערן ברודער. אָבער יענער האָט ניט געוואָלט אים געבן זײַן טאָכטער פֿאַר אַ ווײַב. האָט משה זיך צעקריגט מיט זײַן משפּחה און אַוועק פֿון זײַן היים. ער איז אַליין געוואָרן אַן אָרעמער וואַנדערער און אַ פֿאַרביטערטער, אומגליקלעכער מענטש.

יהודה האָט געהאַט אַ סך אַנדערע פֿרײַנד און אַלע האָבן זיי געוואָלט, אַז ער זאָל קומען צו זיי, זײַן מיט זיי און ניט זאָרגן זיך. זאָל ער די גאַנצע פֿרײַע צײַט אַוועקגעבן צו שרײַבן די וואונדערלעכע לידער זײַנע און — ניט זאָרגן זיך! אָבער יהודה האָט ניט געוואָלט זײַן אַן אייביקער גאַסט אין פֿרעמדע הײַזער. איז ער אַוועק צוריק אין זײַן געבוירן־שטאָט. אין טאָלעדאָ איז ער געוואָרן אַ דאָקטער און פֿון דעם געלעבט.

ער האָט דאָרטן חתונה געהאַט. אין אָנהייב איז אים שלעכט געגאַנגען. אָבער ביסלעכווײַז איז יהודה הלוי געוואָרן באַוואוסט ווי אַ דאָקטער. ער איז אַפֿילו געווען דער דאָקטער פֿון דעם קיניגס הויף. איצט האָט ער שוין גוט פֿאַרדינט און געקענט גוט לעבן. ער האָט געהאַט זייער ווייניק פֿרײַע צײַט פֿאַר זײַנע לידער, און דאָס האָט אים וויי געטאָן.

אָבער אַ סך מער האָט אים וויי געטאָן וואָס אין דער קריסט־לעכער שטאָט טאָלעדאָ איז מען אַזוי ווילד און פֿון צײַט צו צײַט יאָגט מען און מען פּלאָגט ייִדן. מען האָט אַפֿילו געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף ייִדן. די בענקשאַפֿט נאָך אַן אייגן ייִדיש לאַנד, נאָך ארץ ישראל, נאָך דער „מוטער ציון" איז אַלע מאָל געווען טיף אין יהודה הלוים האַרץ. איצט איז אָט די בענקשאַפֿט געוואָרן נאָך שאַרפֿער: „איך בין אין מערבֿ און מײַן האַרץ איז אין מזרח" — דאָס האָט ער געפֿילט און דאָס האָט ער געזונגען. עס האָט זיך געשטאַרקט אין אים דער באַגער צו פֿאָרן קײַן ארץ ישראל. דאָס איז געווען זײַן חלום פֿון די קינדערשע יאָרן אָן.

דערווײַל אָבער האָט ער זיך באַזעצט אין דער מוסלמענער שטאָט קאָרדאָוואַ.

ג) „ברייט און פֿול ווי דער ים..."

יהודה הלוי איז שוין געווען אין זײַנע מיטעלע יאָרן. איבער גאַנץ שפּאַניע און אין אַלע קהילות פֿון צפֿון־אַפֿריקע האָט מען געוויאוסט וועגן אים. זײַן שם ווי אַ גרויסער פּאָעט האָט זיך צעשפּרייט איבער דער

יידישער וועלט. מען האט געזאגט: זינט דעם תּנך איז נאָך ניט געווען אזאַ גרויסער פּאָעט ביי ייִדן!

אין איינעם פֿון זיינע שיינע לידער זאגט יהודה הלוי וועגן זיך:

איך בין דער ים מיט זיינע רוישיקע כוואַליעס,
ברייט און פֿול ווי דער ים איז מיין הארץ...

און זיין הארץ איז טאַקע געווען ברייט און פֿול. ער האָט זיך אָפּגערופֿן אויף אַלץ און געזונגען וועגן אַלץ. ער איז געווען פֿאַר־כּישופֿט פֿון די שיינע זומערנעכט אין אַנדאַלוזיע, פֿון די רויטע זונ־פֿאַרגאַנגען און די גרויע באַגינענס. ער האָט באַזונגען דעם חן, די מילדע, צאַרטע שיינקייט פֿון ייִדישע כּלות און דעם ברען פֿון ווילדע טענץ. ער האָט פֿאַרשטאַנען איבערצוגעבן ווי דאָס שטילסטע גרעזעלע באַוועגט זיך אין ווינט און ווי כוואַליעס ברויזן אין שטורעם. ער האָט געהאַט די הארציקסטע און איידלסטע ווערטער פֿאַר זיינע פֿריינד און געקענט שפּאַסן און זיך וויצלען אין לידעלעך.

יהודה הלוי איז געווען אַ טיף גלייביקער פּאָעט. ער האָט אָנגע־שריבן וואונדערלעכע תּפֿילות. אין איינער פֿון זיינע באַגייסטערטע תּפֿילות פֿרעגט ער:

גאָט, וואו זאָל איך דיך געפֿינען
אַז דיין פּלאַץ איז פֿאַרהוילן, פֿאַרשטעלט?
און וואו זאָל איך דיך נישט געפֿינען —
אַז דיין כּבֿוד פֿילט אָן די וועלט?

און דער ענטפֿער איז — „געפֿינסט זיך אין טיף פֿון די הערצער".
און דער פּאָעט דערציילט:

דיין נאָענטקייט האָב איך געזוכט,
גערופֿן פֿון הארצן צו דיר,
און איך בין אַרויס דיר אַנטקעגן —
האָב איך דיך געטראָפֿן פֿאַר מיר!

ווי טיף און ווי היים עס איז געווען זיין גלויבן קען מען שפּירן פֿון אָט די ווערטער וועגן גאָט:

בין איך וויים פֿון דיר — שטאַרב איך ביים לעבן,
בין איך נאָענט צו דיר — לעב איך אין טויט.

עס איז קיין וואונדער ניט וואָס מען האָט יהודה הלוים רעליגיעזע לידער אַריינגענומען אין מחזור.

ברייט און פֿול ווי דער ים איז געווען דעם פּאָעטס האַרץ און עס האָט אַרומגענומען אַלץ: שיינקייט און ליבשאַפֿט, חלומות און גלויבן. 700 יאָר נאָך זײַן טויט האָט אַן אַנדער גרויסער ייִדישער פּאָעט, היינריך היינע, וואָס האָט געשריבן אויף דײַטש, געזונגען אַזאַ באַגײַסטערט ליבגעזאַנג וועגן יהודה הלוי:

„ווען גאָט האָט באַשאַפֿן זײַן נשמה, איז זי געווען אַזוי ריין און אַזוי שיין אַז גאָט האָט זי אַ קוש געטאָן. און דער אָפּקלאַנג פֿון גאָטס קוש לעבט אין יעדן ליד פֿון דעם פּאָעט.״

אַלע לידער פֿון יהודה הלוי זײַנען דורכגענומען מיט אַ טיף געפֿיל. אָבער דער פּאָעט האָט אויך געאַרבעט איבער זיי, זיי זאָלן אַרויס־קומען קורץ, און שטאַרק, און קלינגיק. וועגן דעם איז דאָ אַזאַ מעשה:

דער פּאָעט איז געווען אַזוי פֿאַרטאָן אין זײַן אַרבעט אַז ער האָט ניט געהאַט קיין צײַט צו זאָרגן וועגן אַ חתן פֿאַר זײַן איינציקער טאָכטער. די ווײַב זײַנע האָט עס אים אַ סך מאָל אויסגערעדט. איז ער געוואָרן בייז און האָט אַ זאָג געטאָן: „איך גיב מײַן וואָרט אַז דער ערשטער בחור וואָס טרעט אַריבער מײַן שוועל — ווערט מײַן טאָכ־טערס מאַן!״

אין דעם קומט אָן איינער אַ פֿרעמדער אין אָפּגעריסענע קליידער. ער האָט אויסגעזען ווי אַ בעטלער און מען האָט זיך זייער דערשראָקן. מען האָט אים אַפֿילו ניט געפֿרעגט ווי ער הייסט, נאָר צי ער האָט שוין חתונה געהאַט. האָט דער פֿרעמדער געענטפֿערט — ניין. האָט יהודה הלוי אים געפֿרעגט, צי ער וויל חתונה האָבן מיט זײַן טאָכטער. האָט דער פֿרעמדער געענטפֿערט — יאָ. האָט מען אים חתונה געמאַכט.

נאָך דער חתונה האָט יהודה הלוי גענומען לערנען זײַן איידעם, ווײַל דער פֿרעמדער האָט געזאָגט אַז ער קען קיין זאַך ניט. איין מאָל האָט דער פּאָעט געאַרבעט אויף זײַנעם אַ ליד. עס איז אים ניט געגאַנ־גען און ער האָט איבערגעריסן אין מיטן און איז ערגעץ אַוועק. האָט זײַן איידעם גענומען און צוגעשריבן די צווייטע העלפֿט פֿון ליד. יהודה הלוי קומט אַהיים און וויל זיך ווידער נעמען צום ליד, זעט ער — עס איז שוין פֿאַרטיק. ער לייענט איבער און רופֿט אויס: „נאָר דער גרויסער אַבֿרהם אבן עזרא קען אַזוי שרײַבן!״

איז קלאָר געוואָרן, ווער דער פֿרעמדער איז — דאָס איז טאַקע געווען דער גרויסער געלערנטער און פּאָעט אַבֿרהם אבן עזרא, וואָס איז אַ טייל פֿון זײַן לעבן געווען אַן אָרעמער וואַנדערער.

ד) ייִדן — דאָס האַרץ פֿון דער וועלט

יהודה הלוי האָט געהאַט גוטע צײַטן און שלעכטע צײַטן. אָבער אַלע מאָל האָט ער געקלאָגט אויף די שווערע צרות פֿון זײַן פֿאָלק און געבענקט נאָך יענעם טאָג „ווען די זון וועט אויפֿלײַכטן פֿאַר דער אָרעמער טאָכטער פֿון ציון״. ער האָט הייליק געהאַלטן די אַלטע שבֿועה וואָס עס האָבן זיך געגעבן די זינגערס פֿון ציון אויף די טײַכן פֿון בבֿל:

זאָל צוגעקלעפּט ווערן מײַן צונג צו מײַן גומען,
אויב איך וועל דיך ניט געדענקען,
אויב איך וועל דיך ניט דערמאָנען, ירושלים,
אויך בײַ מײַן גרעסטער שמחה.

ער האָט ניט נאָר געזונגען לידער פֿון טרויער און האָפֿענונג. ער האָט אויך טיף געטראַכט וועגן ייִדן און דער וועלט און ער האָט זײַנע געדאַנקען אַרויסגעבראַכט אין זײַן פֿילאָסאָפֿיש בוך „ספֿר הכּוזרי״. עס איז אָנגעשריבן ווי אַ שמועס צווישן דעם קיניג פֿון די כּוזרים און אַ ייִדישן געלערנטן, אַ חבֿר, וואָס גיט איבער יהודה הלוים געדאַנקען.

בײַ די ברעגן פֿון טײַך וואָלגע איז געווען אַ שטאַרקע מלוכה פֿון די כּוזרים. דעם קיניג האָט זיך איין מאָל געחלומט אַז ער הערט אַ שטים וואָס רופֿט צו אים: „דאָס וואָס דו ווילסט — איז גוט, דאָס וואָס דו טוסט — איז שלעכט.״ דער קיניג האָט גערופֿן אַ פֿילאָסאָף, אַ קריסט־לעכן און מוסלמענישן דענקער זיי זאָלן אים דערקלערן וואָס דער חלום באַטײַט. אָבער דער קיניג איז געבליבן אומצופֿרידן מיט זייערע ענטפֿערס. האָט ער פֿאַרבעטן אַ ייִדישן געלערנטן, און יענער האָט מיט זײַנע קלוגע רייד געוואונען דעם קיניגס האַרץ, און דער קיניג און זײַן גאַנצער הויף האָבן אָנגענומען דעם ייִדישן גלויבן.

אין דעם „ספֿר הכּוזרי״ איז דאָ דער צוגעטראַכטער שמועס צווישן דעם קיניג און דעם ייִדן. דער קיניג שטעלט פֿראַגעס, דער ייִדישער געלערנטער ענטפֿערט. ער קלערט אויף וואָס איז דער אונטערשייד צווישן דעם ייִדישן גלויבן און אַלע אַנדערע גלויבנס. ער ווײַזט אַז אַז מען טאָר זיך ניט אין אַלץ פֿאַרלאָזן אויפֿן שכל פֿון מענטשן, נאָר מען דאַרף זען אַז זײַן האַרץ זאָל זײַן ריין און גוט און שטרעבן צו גע־רעכטיקייט.

דער קיניג פֿרעגט, פֿאַר וואָס ייִדן לײַדן אַזוי פֿיל. און יהודה הלוי

זאָגט מיט די ליפּן פֿון יענעם געלערנטן: „מיר ייִדן לײַדן מער ווי אַלע אַנדערע פֿעלקער, ווײַל דאָס ייִדישע פֿאָלק איז צווישן אַנדערע פֿעלקער אַזוי ווי דאָס האַרץ אין דעם גוף פֿונעם מענטשן. דאָס האַרץ פֿילט מער פֿון אַלע איבעריקע גלידער — דעריבער לײַדט עס אויך מער ווי אַלע אַנדערע."

און נאָך דעם זאָגט ער: „ווײַל מיר לײַדן מער ווי די אַנדערע — זײַנען מיר ריינער ווי די אַנדערע. נאָר די וואָס לײַדן ווערן באַשטראַלט פֿון גאָטס ליכט."

ייִדן האָבן ליב געהאַט דעם „ספֿר הכּוזרי" און געשעפּט טרייסט פֿון זײַנע קלוגע, טיפֿע האַרציקע רייד.

ח) „ווי די טויבן אײַלן זיך צו זייער טויבנשלאַק..."

ארץ־ישׂראל איז אין יהודה הלוים צײַט געווען אַ לאַנד פֿון חורבֿות. די קריסטן האָבן עס אײַנגענומען און געהערשט דאָרטן מיט בייזקייט. אָרעמע אַראַבער האָבן דאָרטן געוואוינט און דאָס ביסל ייִדן אין די הייליקע ערטער האָבן געלעבט אין שרעק פֿאַר די קריסטן און די מוסלמענער. דער פּאָעט האָט עס געוואוסט. אָבער —

„זײַנע שטיינער זײַנען דורכגעברענט מיט פֿײַער פֿון מײַן האַרץ,
זײַן שטויב איז דורכגעווייקט מיט מײַנע טרערן."

און יהודה הלוי האָט געבענקט צו קומען אַהין און דורכווייקן מיט זײַנע טרערן דעם שטויב, באַנעצן מיט זיי די שטיינער פֿון דעם הייליקן לאַנד. פֿאַרן קײַן ארץ־ישׂראל איז געווען „די שענסטע קרוין פֿון זײַן טרוים." ער האָט זיך אַליין אַ סך מאָל געפֿרעגט: „וואו נעמט מען דעם אָדלערס מעכטיקע פֿליגלען — איך זאָל קענען פֿליִען צו דיר?!" און צו זײַנע פֿרײַנד ווענדט ער זיך: „ווי די טויבן אײַלן זיך צו זייער טויבנשלאַק, אַזוי דערהייבט די הערצער צום ליכט וואָס שטראַלט איבער ירושלים." זײַן האַרץ איז שטענדיק געווען אין מזרח.

ער איז שוין געווען אַלט. דער „ספֿר הכּוזרי" איז שוין געווען פֿאַרענדיקט. האָט ער באַשלאָסן דורכצופֿירן אין לעבן זײַן חלום — פֿאָרן קײַן ציון. זײַנע אייגענע און זײַנע תּלמידים און חבֿרים האָבן אים געוואָלט אָפּהאַלטן. זיי האָבן אים אָנגעוויזן אויף די געפֿאַרן. אָבער ער האָט זיך געזעגנט מיט זייער איינציקער טאָכטער, מיט דעם אייניקל וואָס ער האָט זייער ליב געהאַט, מיט אַלע פֿרײַנד און זיך געלאָזט אויף אַ זעגלשיף איבער דעם גאַנצן מיטלענדישן ים.

אויף דער שיף איז געווען ענג. דאָס לעבן איז געווען אין געפֿאַר, אָבער דער אַלטער פּאָעט איז געווען גליקלעך. ער האָט געזונגען:

כ'האָב פֿאַרגעסן אַלע ליבסטע,
כ'האָב פֿאַרלאָזט מײַן אייגן הויז,
כ'האָב דעם ים זיך אָפּגעגעבן —
טראָג מיך, ים, צו מוטערס שויס!

און דו, מערבֿ-ווינט געטרײַער,
טרײַב מײַן שיף צו יענעם ברעג,
וואָס מײַן האַרץ מיט אָדלער-פֿליגל
זוכט שוין לאַנג צו אים אַ וועג.

ברענג מיך נאָר אַהין בשלום,
נאָך דעם פֿלי זיך דיר צוריק.
גריסן זאָלסטו אַלע ליבסטע
און דערצייל זיי פֿון מײַן גליק.

עס איז געוואָרן אַ שרעקלעכער שטורעם. די שיף האָט געהאַלטן בײַם אונטערגיין. און דער פּאָעט האָט געזונגען ווי דער ים ברוגזט זיך, און קנייטשט זיך, און ברומט, ווי כוואַליעס-לייבן, כוואַליעס-שלאַנגען לויפֿן אים ווילד אַנטקעגן מיט ווײַסן שוים. אָבער ער אַליין איז געווען זיכער אַז די פֿליגלען פֿון שטורעם וועלן אים ברענגען צו זײַן ליב לאַנד:

אָט האָט זיך אַ טאָל געעפֿנט,
אָט שטייט אויף אַ הויכער באַרג —
פֿלאַטער, זעגל! בייג זיך, מאַסטבוים!
דו, מײַן האַרץ, בלײַב פֿעסט און שטאַרק!

אַזוי האָט יהודה הלוי געזונגען דעם גאַנצן וועג, ווען די כוואַליעס האָבן געוואָלט אײַנשלינגען די שיף, און ווען זיי זײַנען געווען קליינע און שטילע און געדרימלט ווי שאָף, פֿאַרזילבערט פֿון דער לבֿנה. ער האָט געקוקט ווי בײַ נאַכט ציטערן די שטערן אין ים און האָט גע- פֿרעגט: „ווער איז דאָ ים און ווער איז הימל?" און איינס פֿון זײַנע שענסטע ים-לידער פֿאַרענדיקט ער אַזוי:

צוויי ימען שלאָפֿן דאָ צוזאַמען,
צונויפֿגעלייגט ווי גלײַכע ברידער.
איין דריטער ים אין מיטן שלאָפֿט נישט:
מײַן האַרץ מיט זײַנע נײַע לידער.

ו) אין שויס פֿון דער מוטער

יהודה הלוי איז אָנגעקומען קיין אַלעקסאַנדריע, אין מצרים. ייִדן האָבן אים אויפֿגענומען מיט גרויס כּבֿוד. מען האָט אים געוואָלט פֿאַרהאַלטן אויף שטענדיק אין מצרים. מען האָט אים דערציילט, ווי געפֿערלעך עס איז איצט צו זײַן אין ארץ-ישראל. אָבער ער האָט געקאָנט וואַרטן ניט מער ווי דרײַ חדשים. מער האָט ער ניט געקענט אויסהאַלטן. „געגנוג! איך וויל איין חלום זען און שטאַרבן!" — האָט ער געזאָגט. און ער איז ווײַטער געפֿאָרן צום לאַנד פֿון זײַן חלום. ער איז געפֿאָרן ווײַטער דורך תּימן, דורכן אַראַבישן מדבר. אָבער ער האָט ניט געקענט אַרײַנקומען מיט דעם וועג פֿון דרום. ער איז געפֿאָרן נאָך דעם דורך דמשק און צור, און ער איז אָנגעקומען אין ארץ-ישראל דורך דעם וועג פֿון צפֿון.

ער האָט געוואַנדערט איבער די חורבֿות און האָט געקלאָגט אויפֿן אומגליק פֿון לאַנד און פֿון זײַן פֿאָלק. און ער האָט זיך געפֿרעגט, צי גאָטס גײַסט און גאָטס גנאָד וועט זיך נאָך אַ מאָל אויסגיסן אויף די פֿאַרטריבענע קינדער פֿון ציון —

און חלום איך פֿון דײַן דערלייזונג ווידער,
ווער איך די האַרף פֿאַר דײַנע לידער!

דער אַלטער יהודה הלוי איז אָנגעקומען קיין ירושלים, אין צענטער פֿון זײַן וועלט. ער האָט זיך געלאָזט גיין צום כּתל מערבֿי, צו דער טרערנוואַנט. ער איז געפֿאַלן אויף דער ערד און געוויינט, און געקושט די ערד. און עס ווערט דערציילט, אַז יעמאָלט האָט ער עס געזונגען זײַן באַרימט קלאָגליד:

מוטער ציון, דו פֿרעגסט זיך דאָך אויף דײַנע קינדער,
ווי זיי, צעזייטע און צעשפּרייטע, פֿרעגן?!
פֿון מזרח, מערבֿ, צפֿון, דרום — נעם דעם גרוס
פֿון נאָענט און ווײַט, פֿון אַלע וואַנדערונגען...

און עס ווערט דערציילט אַז גראָד יעמאָלט איז אָנגעלאָפֿן אַ מוסל-מענישער רײַטער אויף אַ פֿערד און דערזען דעם אַלטן ייִד וואָס קושט דעם שטויב פֿון זײַן אַלט לאַנד, און דער רײַטער האָט מיט זײַן שפּיז דערשטאָכן דעם אַלטן ייִד. און פֿון חלום איז געוואָרן וואָר. און דער פּאָעט פֿון די ציון-לידער האָט אויסגעהויכט די נשמה אין שויס פֿון זײַן מוטער.

אָבער זײַן נאָמען איז געבליבן לויכטן ווי דער ליכטיקסטער שטערן און זײַנע לידער קענען ייִדן קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן.

פון אַלטן קוואַל

יעקב פּאַט

דער ערלעכער שמש און דער פֿרומער נגיד

(אַ פֿאָלקס־מעשׂה)

א.

אין אַ גרויסער יידישער שטאָט האָט אַמאָל געוואוינט אַ רייכער ייד, וואָס האָט גוט געקענט תּורה, האָט מורא געהאַט פֿאַר גאָט און איז געווען אַ פֿרומער. אַז ער איז עלטער געוואָרן און ווייסע האָר האָבן זיך שוין באַוויזן אויף זיין קאָפּ און אין זיין באָרד, האָט זיך אים פֿאַרגלוסט געבן אַ מתּנה אין שול, אין וועלכער ער האָט געדאַוונט און געלערנט. וואָס זשע פֿאַר אַ מתּנה גיט אַ רייכער און אַ פֿרומער ייד? — פֿאַרשטייט זיך, אַז ער גיט אַ ספֿר־תּורה.

ווי אַזוי באַגייט זיך אָבער אַ ייד אַ נגיד, אַז ער וויל געבן אַ ספֿר־תּורה אין שול? — איז ער אַוועק אין דאָרף, האָט דאָרט געקויפֿט ביי אַן ערלעכן מענטשן צוועלף יונגע קעלבלעך, האָט געדונגען צו זיי אַן ערלעכן פּאַסטעך, וואָס האָט זיי געפּאַשעט און אַכטונג געגעבן, אַז זיי זאָלן ניט עסן פֿון פֿרעמדע פֿעלדער. אַז די קעלבלעך זיינען אויסגעוואַקסן, האָט ער זיי אַוועקגעפֿירט צו דעם פֿרימסטן שוחט, ער זאָל זיי שעכטן. זיי זיינען אַלע געווען כּשרע בהמות, האָט מען דאָס פֿלייש צעטיילט פֿאַר אָרעמעלייט און הונגעריקע און די פֿעל האָט מען אַוועקגעגעבן צו ערלעכע אַרבעטער, וועלכע האָבן פֿון איר אויסגעאַרבעט דעם בעסטן פּאַרמעט צו שרייבן די ספֿר־תּורה.

האָט נאָך דעם דער פֿרומער נגיד אויפֿגעזוכט דעם בעסטן סופֿר פֿון ספֿר־תּורהס און אים געדונגען, אַז ער זאָל שרייבן די ספֿר־תּורה.

אַכט יאָר נאָך אַנאַנד האָט דער סופֿר געשריבן. אין אַ באַזונדערן חדר איז ער געזעסן און געשריבן. צום סוף פֿון די אַכט יאָר איז שוין די ספֿר־תּורה געווען פֿאַרטיק אָנגעשריבן. שוין אַ סך יאָרן האָט מען ניט אָנגעשריבן אַזוי שיין און הייליק אַ ספֿר־תּורה. דער נגיד האָט באַצאָלט דעם סופֿר פֿאַר זיין טירחה — זיבן הונדערט גאָלדענע רענדלעך — אַחוץ דעם האָט ער אים נאָך געגעבן טייערע מתּנות פֿאַר זיין משפּחה.

האָט דער נגיד אויך געמאַכט אַ גרויסע סעודה פֿאַר אַלע יידן פֿון

יענער שטאָט און אומגעגנט. מען האָט געקאָכט פֿיש אין שמעקעדיקן בוימל, מען האָט געשטעלט ווײַנען אויף די טישן, און פֿון דינסטן ווײַסן מעל האָט מען געבאַקן חלה. מען האָט געבראַכט די בעסטע פּירות און זיסטע מאכלים. אין די בתי־מדרשים האָט מען אויסגערופֿן, אַז ווער עס וויל, קען קומען און עסן און לאָזן זיך וואוילגיין דרײַ טעג כסדר.

ב.

אין דער זעלביקער שול, וואו דער פֿרומער נגיד האָט געדאַוונט, איז געווען אַן ערלעכער שמש מיטן נאָמען ישראל. ער איז געווען אַן איינפֿאַכער, פּשוטער ייִד. לערנען אין גרויסע ספֿרים האָט ער טאַקע ניט געקענט, דערפֿאַר האָט ער געקענט זאָגן תּהילים. תּהילים זאָגן דאָך איינפֿאַכע, ערלעכע ייִדן. ער פֿלעגט דאָס זאָגן מיט געשמאַק, מיט הארץ. דער עולם אין שול פֿלעגט ליב האָבן צו הערן ווי אַזוי ישראל זאָגט תּהילים. ער פֿלעגט זיך צעזינגען, זיך פֿונאַנדער־שאָקלען און עס איז געווען אַ נחת צו הערן.

האָט אים דער פֿרומער נגיד געמאַכט פֿאַר אַ משרת פֿון דער סעודה. ער האָט געדאַרפֿט צוגרייטן וואַסער די הענט צו וואַשן, בשעת מען וועט גיין צום טיש.

האָט אָבער ישראל פֿון שמחה אַ ביסל געטרונקען פֿון נגידס ווײַן און ער איז אײַנגעשלאָפֿן. די געסט זײַנען געקומען צו דער סעודה, מע דאַרף די הענט וואַשן צום עסן און עס איז קיין וואַסער ניטאָ. האָט מען אָנגעהויבן צו רופֿן, צו פֿרעגן:

— „וואו איז ישראל?... וואו איז ער אַהינגעקומען!...״ —

מע האָט אים אומעטום אויסגעזוכט און ניט געפֿונען. האָט עס דעם נגיד, דעם בעל־שמחה, שטאַרק פֿאַרדראָסן און ער איז אַליין אַוועק אים זוכן און ער האָט אים געפֿונען אַ שלאָפֿעדיקן. האָט זיך דער נגיד ניט געקענט אײַנהאַלטן, האָט ער אים אַ שטויס געטאָן מיטן פֿוס און זיך אָפּגערופֿן:

— „שטיי אויף!...״

ישראל האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אַ צעשראָקענער און האָט זיך געווענדט צום נגיד:

— „וואָס איז, ר׳ יעקבֿ?״

— „וואָס איז... פֿוילער תּהילים־זאָגער... האָסט פֿאַרגעסן, אַז הײַנט מאַך איך אַ סעודה?...״

דער פֿרומער נגיד האָט פֿון כּעס געשטויסן דעם פֿאַרשלאָפֿענעם ישראל און גערעדט:

— אַ העזה... פֿוילער תּהילים־זאָגער... וואַרט אויף אים מיט וואַסער..."

— „זײַט מיר מוחל, ר' יעקבֿ, וואָס איך האָב אײַנגעשלאָפֿן"...

— „גיי שוין, גיי שוין פֿוילער תּהילימניק"... — האָט דער נגיד ניט אויפֿגעהערט זיך צו בייזערן אויף אים.

פֿאַרשטייט זיך, אַז ישראל איז געלאָפֿן אין איין שרעק און האָט דאָס וואַסער דערלאַנגט די געסט די הענט צו וואַשן.

ג.

מען האָט זיך געזעצט אַרום די טישן, מען האָט געמאַכט „המוציא" און געטרונקען דאָס ערשטע גלעזל משקה. דער נגיד האָט געהאַלטן אין אָנגיסן דאָס צווייטע גלעזל. ערשט צום טויער איז צוגעפֿאָרן אַ קאַרעטע מיט אַ פּאָר הייסע פֿערד. דער שמײַסער איז אַרײַן צום נגיד אין שטוב און גערופֿן דעם באַלעבאָס, ער זאָל אַרויסקומען אין דרויסן צו דער קאַרעטע.

— „דאָרט וואַרט אויף דיר אַ גרויסער פּריץ... ער דאַרף דיך נייטיק האָבן"...

האָט דער נגיד דאָך קיין ברירה ניט געהאַט. ער האָט געבעטן בײַם עולם, מען זאָל אים מוחל זײַן און איז אַרויס צו דער קאַרעטע. אינעווייניק איז געזעסן אַ גרויסער שררה. האָט ער אים דערלאַנגט די האַנט און געבעטן זיך אַרײַנזעצן אין קאַרעטע, ער דאַרף אים עפּעס נייטיק האָבן.

ווי ער האָט זיך אָבער אַרײַנגעזעצט אין דער קאַרעטע, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן די פֿערד און באַלד זײַנען זיי שוין געווען הינטער דער שטאָט און אין אַ רגע אַרום — העט ווײַט...

זײַנען זיי אַרײַנגעפֿאָרן אין אַ געדיכטן וואַלד פֿון הויכע ביימער, וואָס פֿאַרשטעלן די זון. האָבן זיך די פֿערד געלאָזט גאַלאָפּ, געלאָפֿן צווישן די ביימער און פּלוצעם זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ גרויסן פּאַלאַץ, וואָס האָט געהאַט מער ווי טויזנט פֿענצטער. זײַנען זיי אַרויס פֿון דער קאַרעטע און אַרײַן אינעווייניק. האָט מען דעם נגיד אַרײַנגעפֿירט אין אַ גרויסן זאַל. אין זאַל זײַנען געשטאַנען איין און זיבעציק שטולן פֿאַר איין און זיבעציק ריכטער, אין מיטן זאַל איז געהאַנגען אַ גרויסע מנורה, וואָס האָט געלויכטן ווי די זון. אים האָט מען אַוועקגעזעצט אויף

אַ באַנק, וואו מען זעצט די פּאַרזינדיקטע, וועלכע מ'דאַרף משפּטן, און אים אַליין געלאָזן.

אין אַ קורצער ווײַלע אַרום האָט אָנגעהויבן צו רוישן אין פּאַלאַץ. אין זאַל זײַנען אַרײַנגעקומען דרײַ זקנים אָנגעטאָן אין ווײַסן מיט לאַנגע ווײַסע בערד. זייערע פּנימער האָבן געשײַנט מיט ליכטיקייט און שיינ־קייט. האָט דער צעשראָקענער נגיד בײַ זיך געטראַכט, אַז דאָס מוזן געווים זײַן די דרײַ אָבות: אַבֿרהם, יִצחק און יעקבֿ. און נאָך זיי איז געקומען איינער אָנגעטאָן ווי אַ כּוהן־גדול. נאָך אים זײַנען אַרײַנגעקומען שופֿטים, זקנים און רבנים און זיך געזעצט יעדערער אויף זײַן שטול — אַלע איין און זיבעציק שטולן זײַנען פֿאַרנומען געוואָרן. און אָט האָט זיך געעפֿנט אַ גרויסער טויער און עס איז אַרײַנגעקומען אַ מלך אין קיניג־לעכע בגדים אָנגעטאָן, אַ קרוין באַזעצט מיט דימענטן — אויף זײַן קאָפּ. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ דיקן ספֿר אין ריינעם גאָלד געבונדן. ער האָט זיך געווענדט צו די איין און זיבעציק, וואָס זײַנען אויף די שטולן געזעסן:

— „הערט זיך אײַן, איר אָבֿות, הערט זיך אײַן, כּוהנים, זקנים און שופֿטים, איך האָב גערופֿן צום משפּט דעם ייִדן ר' יעקבֿ, וואָס זיצט דאָ אויפֿן באַנק"...

אַלע האָבן אַ קער געטאָן זייערע געזיכטער צו דעם פֿרומען נגיד. דער מלך האָט ווײַטער גערעדט:

— „עס זײַנען דאָ צוויי ספֿרים: איינער איז — די ספֿר־תּורה. דאָרטן זײַנען דאָ מצוות, די דינים, דאָס איז דער ספֿר פֿון משה־רבנו. יער צווייטער ספֿר — דאָס איז דער תּהילים. דאָס האָב איך געשריבן, דוד המלך. דאָס איז אַ ספֿר פֿאַר די אָרעמע ערלעכע מענטשן אויס־צוגיסן זייער עלנט הארץ"...

— „וואָס האָט דאָס צום נגיד ר' יעקבֿ?" — האָט אים איבער־געהאַקט דער עלטסטער פֿון די שופֿטים.

אַ שרעק האָט אָנגענומען דעם בלייכן נגיד.

— „עס האָט זייער", — האָט דער מלך דוד געזאָגט, — „איך האָב אַ טרײַען דינער, ישׂראל דעם תּהילים־זאָגער, האָט דער נגיד ר' יעקבֿ אים הײַנט פֿאַרשעמט, געשטויסן מיטן פֿוס, געזידלט."

האָט דער עלטסטער פֿון די שופֿטים געפֿרעגט בײַ ר' יעקבֿן, וואָס האָט ער עפּעס צו זאָגן.

— „איך האָב געשריבן אַ ספֿר... אַ סעודה געמאַכט... און ער האָט קיין וואַסער ניט געגעבן..." — האָט אין איין שרעק געשטאַמלט דער נגיד.

— „און טאקע דאס איז מײַן טענה", — האט דוד המלך געזאגט, — „ער איז גרויס בײַ זיך, וואס ער האט הײַנט געגעבן אין שול א נײַע, א רײַכע ספר־תורה, האט ער באַוווּלהט דעם שמש דעם תהילים־זאגער, מײַן טרײַען דינער"...

האט זיך דער עלטסטער פון די שופטים ווידער געווענדט צו דעם נגיד:

— „וואס וועסטו זאגן?"

דער נגיד איז געווארן נאך מער צעשראקן און האט געזאגט:

— „זאל מיר בײַשטיין די מצווה, וואס איך האב א ספר־תורה געוואלט שרײַבן..."

האט זיך איינער פון די זקנים אויפגעהויבן און געזאגט:

— מ'קען דעם נגיד ר' יעקב אויך ניט פארמשפטן. ער איז דאך א טרײַער דינער פון משה רבנו, ער האט דאך קיין זאך ניט געקארגט פאר דער ספר־תורה, וואס ער האט געשענקט פאר דער שול... וואס וועט משה רבנו זאגן?"

האט אויסגערופן דער עלטסטער פון די שופטים:

— „זאל קומען משה רבנו און זאל ער זאגן!"

האט זיך דערהערט א רעש אין פאלאץ. נאך א גרעסערער טויער, ווי דער ערשטער, האט זיך געעפנט און עס איז ארײַן א זקן, וואס פון אים האט געלויכטן, אין גאנצן אײַנגעהילט אין ליכטיקייט און א ליכטיקער שטעקן בײַ אים אין האנט. האט זיך געשטעלט דוד, דער בעסטער זינגער פון ישראל, דער מלך פון ישראל, און משה רבנו איינער אקעגן דעם אנדערן. דער פאטער פון תורה און דער פאטער פון תהילים האבן זיך ביידע באגעגנט.

— „זאל משה רבנו פסקענען!" — האט אויסגערופן דער עלטסטער פון געריכט. דער פרומער נגיד איז נאך בלייכער און צעשראקענער געווארן און איז קוים געשטאנען אויף די פיס.

— „ער דארף מחילה בעטן בײַ דעם שמש, ר' ישראל!" — האט משה שטיל געזאגט.

* * *

פלוצלונג איז פארשוואונדן געווארן פון די אויגן דער פאלאץ מיט די זקנים. די קארעטע איז ווידער געשטאנען בײַ דער שטוב פון נגיד. ער איז ארויס פון קארעטע, ארײַן צו זיך אין שטוב, געפונען אלע אורחים אויף זייערע ערטער — זיי זיצן און ווארטן אויף אים. האט ער זיך צוריק געזעצט אויף זײַן ארט און גלײַך גערופן צו זיך דעם שמש.

ער האָט איבּ געזעצט לעבּן זײַן רעכטער האַנט, ער האָט פֿאַר דעם גאַנצן עולם דערציילט די גאַנצע מעשה און געבּעטן בײַ דעם שמש ער זאָל אים מוחל זײַן:

— „זײַ אויף מיר ניט אין כּעס, וואָס איך האָבּ דיך פֿאַרשעמט.״

פֿאַרשטייט זיך, אַז ישׂראל האָט אויף קיינעם קיין כּעס ניט גע־האַלטן און דעם נגיד מוחל געווען און ערשט דעמאָלט האָט זיך די סעודה אָנגעהויבּן מיט דער אמתער שׂמחה.

פֿאָלק הײַלפֿערין

דער מלך און דער בּעטלער

א. די בּיטערע גזירה

אַ קיניג פֿון המנס משפּחה האָט אַמאָל אַרויסגעגעבּן אַ בּאַפֿעל: „אַלע ייִדן זאָלן אין איין וואָך צײַט פֿאַרלאָזן זײַן קיניגרײַך, און ווער ס׳וועט בּלײַבּן, יענער וועט געטייט ווערן״.

האָבּן ייִדן געטרויערט, געוויינט און געקלאָגט אויף זייער גרויס אומגליק.

ב. דער שטורעמווינט

ליגט דער מלך וואָס פֿון המנס משפּחה אויף זײַן געלעגער און קאָן ניט שלאָפֿן, — ערשט עס שטייט עפּעס אַן אַלטער מאַן מיט אַ לאַנגער בּאָרד, אין אַ האַריקן מאַנטל מיט אַ שטעקן אין האַנט און מיט אַ טאָרבּע אויף דער זײַט.

ווערט דער מלך זייער אין כּעס אויף דער וואַך, וואָס זי האָט צו אים אין שלאָפֿצימער אַרײַנגעלאָזן דעם בּעטלער, כאַפּט ער אַ שווערד אין האַנט, און לויפֿט געבּן איבּערן קאָפּ די מענטשן, וואָס שטייען אויף דער וואַך.

לויפֿט ער אַ נאַקעטער פֿון שלאָפֿצימער אַרויס אין קאָרידאָר, פֿון קאָרידאָר אין פֿירהויז און פֿון פֿירהויז אויפֿן גאַנעק, וואו די וואַך שטייט. און ווי ער שטעלט איין פֿוס אַוועק אויפֿן שטיינערנעם טאָוול פֿון גאַנעק, אַזוי הייבּט זיך גלײַך אויף אַ שטורעמווינט. הימל מיט ערד מישט זיך. און אַ וויכער בּלאָזט אָן דעם מלכס העמד, ווי אַ זעגל פֿון אַ שיף, און הייבּט אים אויף אין דער לופֿטן, און טראָגט אים הויך־הויך אונטער די וואָלקנס, און פֿאַרטראָגט אים ערגעץ ווײַט־ווײַט פֿון זײַן פּאַלאַץ און פֿון זײַן לאַנד.

ג. אויפֿן בית־עלמין

פֿליט דער מלך און פֿליט, און לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ וויסטן אָרט צווישן גריבער און בערגלעך, דערנער און שטיינער. ליגט ער אויף דער ערד, ביז ער איז צו זיך געקומען פֿון שרעק און פֿון פֿאַל. נאָך דעם שטייט ער אויף, קוקט זיך אַרום, וואו ער איז אין דער וועלט. ער האָט גענומען באַטראַכטן די שטיינער און האָט געזען, אַז דאָס זײַנען מצבֿות, און די בערגלעך האָט ער געזען, אַז דאָס זײַנען קבֿרים. האָט ער פֿאַרשטאַנען אַז ער איז אויף אַ בית־עלמין.

וויל ער גיין זוכן, וואו דער סוף פֿון בית־עלמין, דערמאָנט ער זיך, אַז ער איז אַ נאַקעטער און שעמט זיך צו באַגעגענען מיט מענטשן. לייגט ער זיך אין אַ גרוב פֿון אַ פּוסטן קבֿר און בלײַבט דאָרט דעם גאַנצן טאָג. פֿאַר נאַכט, אַז די פֿינצטערקייט האָט אים זײַן נאַקעטקייט פֿאַר־דעקט, גייט ער אַרויס פֿון דער גרוב און לאָזט זיך גיין.

ד. דעם בעטלערס הילף

זיבן טעג מיט זיבן נעכט פֿאַרבלײַבט דער מלך איינער אַליין אויף דעם וויסטן בית־עלמין. קיין ברויט האָט ער ניט צום עסן און קיין וואַסער צום טרינקען, אויך ניט מיט וואָס זיך צו באַשיצן פֿון קעלט, און פֿון ווינט און פֿון רעגן. און קיין לעבעדיקער נפֿש גייט די גאַנצע צײַט ניט פֿאַרבײַ דעם פֿאַרקאָן, און בײַ וועמען הילף צו בעטן איז ניטאָ.

אויפֿן אַכטן טאָג פֿאַר נאַכט דערהערט ער טריט פֿון יענער זײַט פֿאַרקאָן, און אַ מענטש איז צוגעגאַנגען, האָט זיך אָפּגעשטעלט און קוקט. ערשט דאָס איז געווען דער זעלביקער בעטלער, וואָס איז בײַם מלך אין שלאָפֿצימער געווען.

— „דאָס האָסטו מיך אַהער פֿאַרוואָרפֿן?" — פֿרעגט דער מלך.

— „וואָס האָסטו צו מיר געהאַט?" פֿאַר וואָס האָסטו אויף מיר געבראַכט אַזאַ אומגליק?" — טענהט דער מלך.

— „איך האָב געוואָלט, דו זאָלסט פֿילן דעם טעם פֿון עלנטקייט", — ענטפֿערט דער בעטלער.

— „אוי, ווי ביטער עס איז צו זײַן עלנט", — האָט דער מלך אָנגעהויבן קלאָגן, — „ווי שלעכט עס איז, ווען ס'איז ניטאָ קיין גוטער מענטש נאָענט, בײַ וועלכן מען זאָל קענען הילף בעטן. האָב אויף מיר רחמנות ראַטעווע מיך פֿון דער שרעקלעכער עלנטקייט מײַנער, ברענג מיך צווישן לעבעדיקע מענטשן."

— „רעכט", — זאָגט דער בעטלער. — „איך קאָן דיך ברענגען

צווישן לעבעדיקע מענטשן. דאָ ניט ווײַט אין אַ וואַלד אַרבעטן שינדל־מאַכער, קאָן איך דיך נעמען צו זיי, וועסטו מיט זיי אַרבעטן שינדלען.

פֿרייט זיך דער מלך. ער ווייס ניט, ווי אָפּצודאַנקען דעם בעטלער, און דער בעטלער גיט אים ברויט פֿון טאָרבע צו שטילן זײַן הונגער, און אַלטע בגדים פֿון טאָרבע צו באַדעקן זײַן נאַקעטקייט. נאָך דעם הייבט ער אים אויף, נעמט אים איבערן פּאַרקאַן אַריבער, און פֿירט אים אָפּ צו די שינדל־מאַכערס.

ה. אין וואַלד

אַרבעט דער מלך בײַ די שינדל־מאַכערס: אַרום די לענדן — פֿאַרגאַרטלט מיט אַ שטריק. ווינטער מיט אַ זאַק דעם קאָפּ פֿאַרבונדן; זומער אין איין העמד און אַ באָרוועסער, און טײַכן שוויים גיסט זיך פֿון אים.

אַ שײַן אויף טאָג וועקט מען אים פֿון שלאָף — גיין צו דער אַרבעט. און ביז די זון פֿאַרגייט לאָזט ער די האַק פֿון האַנט ניט אַרוים. קיין צײַט ניטאָ אָפּילו דעם שוויים אָפּצואָווישן פֿון געזיכט.

און דאָס עסן איז ברויט מיט זאַלץ, און דאָס טרינקען — וואַסער פֿון טײַך. און שלאָפֿן שלאָפֿט ער אויף אַ געלעגער פֿון ברעטער, און אַ זאַק צוקאָפּן.

און די חבֿרים זײַנען אויך אַזעלכע הונגעריקע, נאַקעטע און פֿאַרהאָרעוועטע ווי ער. און פֿון אָרעם לעבן איז זייער געמיט שטענדיק אַ פֿאַרביטערטער; אַז זיי ריידן — ברומען זיי מיט צאָרן, און אַז זיי קריגן זיך — באַרואיקן זיי זיך ניט, ביז בלוט גיסט פֿון זייער שונא. און קיין מאָל לאַכן זיי ניט. דער מלך ציטערט פֿאַר זיי, און קריגט ניט איין מאָל געשלאָגן פֿון זיי.

אַרבעט ער מיט זיי אַ גאַנץ יאָר אַזוי. ביז צום סוף יאָר זעט ער — דער אַלטער בעטלער שטייט בײַ אים לעבן וואַרשטאַט. פֿרעגט דער בעטלער בײַ אים: „ווי גייט עס דיר?"

ענטפֿערט דער מלך: „אַוודאי איז דאָ בעסער, ווי אויפֿן בית־עלמין, איינער אַליין, אַ הונגעריקער און אַ נאַקעטער און אַן עלנטער. נאָר דאָ איז מיר אויך זייער שלעכט. וואָס האָסטו געהאַט צו מיר? פֿאַר וואָס האָסטו מיך געבראַכט דערצו?"

— „איך האָב געוואָלט, דו זאָלסט פֿילן דעם טעם פֿון אָרעמקייט", — ענטפֿערט דער בעטלער.

— „אוי, ווי שלעכט עס איז די אָרעמקייט", — האָט דער מלך זיך פֿונאַנדערגעוויינט, — „צו אַל דאָס בייז דערפֿירט זי. ראַטעווע מיך פֿון דער שרעקלעכער אָרעמקייט מײַנער, האָב אויף מיר רחמנות."

זאָגט דער בעטלער:

— „רעכט. דאָ ניט ווײַט איז פֿאַראַן אַ גרויס גוט פֿון אַ גראַף. קאָן איך דיך נעמען צו דעם גראַף, וועסטו זײַן אַן אויפֿזעער איבערן גוט."

פֿרייט זיך דער מלך און ווייס ניט, ווי אָפּצודאַנקען דעם בעטלער. און דער בעטלער גיט אים פֿון דער טאָרבע שיינע בגדים און אַ האַנטעך מיט זייף, און הייסט אים אויסוואַשן זיך און אָנקליידן די שיינע בגדים, און ער פֿירט אים אָפּ אין דעם גוט צו דעם גראַף.

ז. אין דעם גראַפֿס גוט

איז דער מלך אַן אויפֿזעער איבער דעם גראַפֿס גוט. ער האָט אונטער זיך צענדליגנער קנעכט און דינסטן. און די קנעכט שטייען פֿאַר אים אויף די קני. און ער פֿאָרט אין קאַראַטן. און אָנגעטאָן גייט ער אין סאַמעט און אין זײַדנס, און עסט די טײַערסטע מאכלים, און טרינקט די בעסטע ווײַנען, און וואוינט אַליין אין אַ גאַנצן פּאַלאַץ. און שלאָפֿט אויף אַ ווייכן געלעגער, ווען ער וויל, און וויפֿל ער וויל.

נאָר יעדער מאָל, ווען ער קומט צום גראַף מיט אַ רעכענונג וועגן דעם, וואָס אין גוט טוט זיך, דאַרף ער שטיין אָן אַ היטל און קושן דעם גראַף אין האַנט, און באַדינען אים, ווי איינער פֿון די לעצטע קנעכט. און אַז דער גראַף איז שלעכט געשטימט — שרײַט ער אויף אים, און זידלט זיך, און שמײַסט אים איבערן פּנים מיט דער בײַטש, מיט וועלכער ער שמײַסט די הינט. און אַלע משוגעתן דעם גראַפֿס דאַרף ער איבערטראָגן שטיל, און טאָר אַ וואָרט אַנטקעגן ניט רעדן.

און דעמאָלט גייט אים זײַן גוט לעבן ניט אײַן. ער דערמאָנט זיך אַמאָליקע יאָרן, ווען ער איז געווען מלך אין זײַן לאַנד, און האָט אַליין געהאַט צו שאַפֿן איבער גראַפֿן און איבער פֿירשטן. און די באַליידיקונגען פֿון דעם גראַף פֿאַרשאַפֿן אים גרויס צער און אַנגסט.

און אַ גאַנץ יאָר גייט עס אַזוי. קיין זאַך פֿעלט אים ניט, נאָר ער איז שטענדיק דערנידעריקט. ביז צום סוף יאָר זעט ער: ערשט דער בעטלער שטייט בײַ אים לעבן שרײַבטיש.

— „וואָס מאַכסטו, ווי גייט עס דיר?" — פֿרעגט אים דער בעטלער.

— „אַוודאי איז דאָ בעסער, איידער אין וואַלד בײַ די שינדל-מאַכערס", ענטפֿערט ער, — „נאָר דאָ איז מיר אויך זייער שלעכט. דער גראַף רעכנט מיך גאָר פֿאַר קיין מענטש ניט. וואָס האָסטו צו מיר געהאַט? פֿאַר וואָס האָסטו מיך געבראַכט דערצו?"

— „איך האָב געוואָלט דו זאָלסט פֿילן דעם טעם פֿון דערנידערונג", — זאָגט דער בעטלער.

— „אוי, ווי דערנידערונג איז שלעכט", — האָט זיך דער קיניג פֿונאַנדערגעוויינט, — „עס גייט קיין עסן און קיין טרינקען ניט אײַן צוליב איר. ראַטעווע מיך פֿון דער שרעקלעכער דערנידערונג מײַנער. האָב אויף מיר רחמנות.

— „רעכט", — זאָגט דער בעטלער. — „אין לאַנד איז געשטאָרבן דער קיניג, זוכט מען אַ מענטשן, וואָס פֿאַרשטייט ווי צו פֿירן אַ מלוכה. קאָן איך דיך נעמען אין דער הויפּטשטאָט, וועסטו ווערן קיניג אין לאַנד."

פֿרייט זיך דער מלך און ווייס ניט, ווי אָפּצודאַנקען דעם בעטלער. און דער בעטלער האָט פֿון זײַן טאָרבע אַרויסגענומען קיניגלעכע קליי־דער פֿון גאָלד און פֿון זילבער און געהייסן דעם מלך אָנטאָן, און ער האָט אים אָפּגעפֿירט אין דער הויפּטשטאָט פֿון לאַנד.

ז. אויפֿן קיניגלעכן טראָן

איז דער מלך געוואָרן קיניג אין דער הויפּטשטאָט פֿון לאַנד. דאָס פֿאָלק איז מיט אים שטאַרק צופֿרידן. ער טוט מיט עלנטע אַלערליי חסדים, זאָרגט פֿיל פֿאַר אָרעמע, און שטענדיק שטעלט ער זיך אײַן פֿאַר דערנידעריקטע און באַליידיקטע. און אַזוי ווי ער איז געווען אַ מלך פֿון אַמאָל אָן, ווייס ער ווי צו פֿירן די מלוכה מיט שכל און מיט פֿאַר־שטאַנד. לעבט פֿאַר אים דאָס פֿאָלק אין פֿרידן און אין פֿריידן.

קיניגט ער אַזוי צען יאָר אין דער הויפּטשטאָט. פֿאַר דער דאָזיקער צײַט האָט ער זיך געטרייסט נאָך דעם אומגליק זײַנעם, וואָס איז מיט אים געשען אין יענעם פֿרימאָרגן, ווען דער שטורעמווינט האָט אים אַוועקגעטראָגן פֿון זײַן פּאַלאַץ. און אַז דאָס פֿאָלק האָט פֿאַרלאַנגט פֿון אים ער זאָל חתונה האָבן, כּדי זײַנער אַ זון זאָל נאָך אים קענען ירשענען דעם טראָן, האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ שיינער און קלוגער פּרינ־צעסין. ער האָט די קיניגין זייער שטאַרק ליב געהאַט, און זי אים אויך. און זי האָט אים געבוירן אַ פּרינץ. דאָס גאַנצע לאַנד האָט געפֿײַערט די געבורט פֿון דעם יורש פֿון טראָן, עס איז אַ פֿרייד געווען אין אַלע גאַסן און אין קיניגלעכן פּאַלאַץ אוודאי.

און נאָך דעם האָט אים די קיניגין געבוירן אַ פּרינצעסין, און ס'איז ווידער אַ מאָל געווען פֿריידן איבער פֿריידן.

און דער פּרינץ מיט דער פּרינצעסין וואַקסן, און ווערן וואָס אַ טאָג געזינטער, און שענער, און קליגער. און דאָס גאַנצע לאַנד איז גליקלעך, און די קיניגין איז גליקלעך און ער, דער קיניג, איז גליקלעך אָן אַ שיעור.

גייט ער איין מאָל מיט דער קיניגין און מיט די יונגע פּרינץ און

פּרינצעסין אויף אַ שפּאַציר בײַם ברעג טײַך, זען ווי די שיפֿן קומען אָן און שווימען אָפּ. לויפֿן דער פּרינץ מיט דער פּרינצעסין פֿאָרויס. האָט דער מלך נחת. לויפֿן צו די קינדער צום וואַסער. וויל ער צו זיין שרײַען, זיי זאָלן זיך היטן, וואָרעם דאָ איז דאָס וואַסער זייער טיף. באַווײַזט ער ניט קיין וואָרט צו זאָגן, ווי די קינדער האָבן זיך שוין איבערגעבויגן, און דער קאָפּ פֿאַרשווינדלט זיך בײַ זיי, און זיי פֿאַלן אין וואַסער אַרײַן.

ווערט די קיניגין שטאַרק דערשראָקן, און לויפֿט ראַטעווען אירע קינדער פֿון וואַסער — פֿאַלט זי אויך אַרײַן און פֿאַרשווינדט נאָך די קינדער אין דער טיפֿעניש.

דערפֿילט דער מלך אַזאַ גרויסן צער אין זײַן נשמה, אַז דאָס לעבן גייט אים ניט אײַן, און ער וויל שוין גאָר מער אויף דער ערד ניט לעבן, נאָר שטאַרבן צוזאַמען מיט זײַנע טײַערע ווײַב און קינדער. לויפֿט ער מיט גרויס אימפּעט צום טײַך און וואַרפֿט זיך אויך אַרײַן אין טיפֿן וואַסער.

ח. אין דער היים

ליגט דער מלך אינעם וואַסער, און דאָס וואַסער שטופּט אים אַרויס פֿון זיך. עפֿנט ער אויף דאָס מויל, דאָס וואַסער זאָל אין אים אַרײַן, — וואָרעם ער וויל דערטרונקען ווערן, אָבער דאָס וואַסער גייט אים אין מויל ניט אַרײַן. ער קאָן ניט דערטרונקען ווערן.

דאָס וואַסער האַלט אים, ווי אויף אַ טראָגבעטל, און וואַרפֿט אים און שאָקלט אים, און טראָגט אים מיטן שטראָם אַלץ ווײַטער און ווײַטער; טראָגט און טרײַבט אים אַ טאָג מיט אַ נאַכט און נאָך אַ מעת־לעת. פֿאַרבײַ גייען וועלדער און פֿעלדער און דערפֿער און שטעט, און ער טראָגט זיך מיטן שטראָם — ער געדענקט שוין אַליין ניט ווי ווײַט און ווי לאַנג.

ערשט אין איינעם אַ שיינעם פֿרימאָרגן האָט אים דער שטראָם אַרויסגעשפּײַט אויף אַ ברעג.

ער האָט זיך געשטעלט אויף די פֿיס און האָט גענומען באַטראַכטן דאָס אָרט, וואו ער געפֿינט זיך, זעט ער: אַ גרויסע שטאָט מיט גרויסע מויערן און טורעמס שטייט אויפֿן ברעג. קוקט ער זיך אײַן — און עפּעס קומט אים דער גאַנצער אויסזען פֿאַר אַזוי באַקאַנט. גייט ער צו דער שטאָט צו. שטייט אַ וואַך בײַ די טויערן. טראַכט ער: „מילא, וועט מען מיך ניט אַרײַנלאָזן — איז ניט, וואָס האָב איך אָנצואווערן?"

גייט ער פֿאַרבײַ דער וואַך, און מ'זאָגט אים קיין וואָרט ניט. קומט ער אין שטאָט אַרײַן, דערזעט די גאַסן, — דוכט זיך אים, אַז ער האָט די גאַסן ערגעץ־וואו געזען, אַז ער איז וויפֿל מאָל איבער זיי

געגאַנגען. גייט ער אַ פֿאַרוואונדערטער, ביז ער קומט צו אַ פֿײַנעם פּלאַץ, אויסגעפּלאַסטערט מיט קאָלירטע שטיינער און באַזעצט מיט פֿײַנע ביימער. און אויף דעם שענסטן אָרט פֿון דעם פּלאַץ שטייט אַ רײַכער פּאַלאַץ פֿון מירמלשטיין און מיט אַלערליי געמעלן און מיט אַלערליי אויסגעהאַקטע פֿון שטיין און פֿון בראָנדז בילדער.

קוקט ער זיך צו צו דעם פּאַלאַץ — און אויך דער פּאַלאַץ איז אים אַזוי גוט באַקאַנט. הייבט ער אָן צו טראַכטן, וואו און ווען ער האָט דאָס געזען, און ער דערמאָנט זיך, אַז דאָס איז דער קיניגלעכער פּאַלאַץ, וואָס האָט אַמאָל צו אים געהערט, און פֿון וואַנען דער בייזער שטורעמווינט האָט אים פּונקט אין אַזאַ שיינעם פֿרימאָרגן, ווי הײַנט, אַוועקגעטראָגן.

מאַכט ער פֿאַר זיך אַ פֿאַרגלײַך, וואָס ער איז אַמאָל געווען, און וואָס ער איז הײַנט, ווערט אים שווער און אומעטיק אויפֿן האַרצן. און עס ווילט זיך אים אַרײַנגיין אין דעם אַמאָליקן פּאַלאַץ זײַנעם.

לאָזט ער זיך צום גאַניק, שטייט דאָרט אַ וואַך. טראַכט ער: „אפֿשר וועלן זיי מיך דורכלאָזן, ווי די וואַך, וואָס בײַם טויער פֿון שלאָס. און אויב ניט — וואָס האָב איך אָנצואווערן?"... און ער גייט, און דאָס האַרץ קלאַפּט אין אים פֿון מורא, מען זאָל אים ניט אַראָפּטרײַבן, און פֿון בענקשאַפֿט נאָך אַמאָליקע צײַטן, ווען ער איז דאָ אין דעם שלאָס אַ מלך געווען. גייט ער ניט זיכער. נאָר די וואַך לאָזט אים דורך, גלײַך ווי זי וואָלט אים גאָרניט באַמערקט. קומט ער אַרײַן אין פֿירהויז, און גייט פֿון פֿירהויז אין קאָרידאָר און פֿון קאָרידאָר, זעט ער, איז אָפֿן די טיר אין זײַן אַמאָליקן שלאָפֿצימער. ווילט זיך אים נאָך אַ מאָל אַ קוק טאָן אויף דעם צימער, גייט ער אַרײַן און קוקט...

ט. צעריסן דעם גזר

און ווי ער שטייט אַזוי און קוקט אויף דעם שיינעם געלעגער, פֿון וועלכן ס'האָט געאָטעמט מיט אַ וואַרעמקייט, ווי ערשט וואָלט זיך פֿון אים אַ מענטש אויפֿגעהויבן; און אויף די פֿײַנע שטיול, וואָס ליגן לעבן בעט — פּונקט אַזעלכע ווי זײַנע אַמאָליקע אין דעם פֿרימאָרגן, ווען דער שטורעמווינט האָט אים פֿאַרטראָגן — אָפּגעפּוצטע און גרייטע צום אָנטאָן; און אויף די פּאַפּירן, וואָס אויפֿן טיש, פּונקט אין אַזאַ אָרדענונג, ווי בײַ אים אין יענעם שרעקלעכן פֿרימאָרגן, — דערזעט ער פּלוצעם: דער בעטלער שטייט לעבן טיר מיט דעם שטעקן אין האַנט און מיט דער טאָרבע אויף דער זײַט.

— „פֿאַר וואָס האָסטו מיך פֿאַרטריבן פֿון מײַן היים?" — האָט זיך דער מלך פֿונאַנדערגעוויינט.

— „איך האָב געוואָלט, דו זאָלסט פּילן דעם טעם פֿון נע־ונד זײַן“, — ענטפֿערט דער בעטלער.

— „אוי, ווי שלעכט עס איז צו זײַן נע־ונד און אַ היים!“ — האָט דער מלך געזאָגט — האָב אויף מיר רחמנות, גיב מיר צוריק אָפּ מײַן היים.“

— „רעכט“, — זאָגט דער בעטלער. — „אָט ביסטו צוריק אין דער היים.“

— „פֿאַר וואָס האָסטו מיך אַזוי פֿיל יאָרן געלאָזט פּײַניקן זיך אין עלנטקייט, אָרעמקייט, דערנידערונג און פֿאַרוואָגלטקייט?“ — האָט דער מלך געפֿרעגט.

פֿרעגט דער בעטלער:

— „אין וועלכן טאָג פֿון וועלכן חודש פֿון וועלכן יאָר און וויפֿל אַ זייגער האָסטו מיך דאָס ערשטע מאָל דערזען אינעם דאָזיקן שלאָפֿ־צימער?“

דער מלך האָט אויסגערעכנט דעם טאָג, דעם חודש, דאָס יאָר און דעם זייגער.

זאָגט דער בעטלער:

— „רוף עמעצן אַרײַן און פֿרעג, וואָס פֿאַר אַ טאָג איז הײַנט, און וויפֿל איז דער זייגער איצט.“

דער מלך האָט אַזוי געטאָן. און דער אַרײַנגערופֿענער באַדינער האָט אָנגערופֿן דעם זעלבן טאָג פֿון דעם זעלבן חודש און דאָס זעלבע יאָר, וואָס דער מלך האָט געזאָגט. נאָר דעם זייגער האָט ער באַוויזן מיט איין פֿערטל שעה שפּעטער, ווי דער מלך האָט געזאָגט.

— „זע“, — זאָגט דער בעטלער, — „זינט איך האָב מיך דאָס ערשטע מאָל צו דיר באַוויזן ביז איצט, איז אַריבער נאָר איין פֿערטל שעה. איין פֿערטל שעה האָבן געדויערט אַלע דײַנע פּײַנען, און דאָך ביסטו שוין מערניט געווען אין שטאַנד זיי ווײַטער אַריבערצוטראָגן. ווי זשע איז די ייִדן, וואָס דו האָסט געהייסן אַרויסטרײַבן פֿון דײַנע מדינות און לאָזן זיי איבער דער וועלט אויף אייביקע אָרעמקייט, עלנט־קייט, דערנידערונג און וואָגלעניש?“

אַז דער מלך האָט עס דערהערט, איז ער צוגעלאָפֿן צום טיש, וואו ער האָט געוואוסט, אַז דאָרט ליגט דער באַפֿעל וועגן דער גזרה אויף ייִדן, האָט געכאַפּט דאָס פּאַפּיר און צעריסן אויף קליינע שטיקלעך און אַרויסגעוואָרפֿן דורכן פֿענצטער, און דער ווינט האָט זיי אונטער־געכאַפּט און צעוויט אויף אַלע פֿיר זײַטן.

זאַמד און שטערן

עס שײַנט די לבֿנה, עס גלאַנצן די שטערן;
די נאַכט שוועבט שוועבט איף בארג און אויף טאָל.
דאָס אַלטיטשקע ביכעלע ליגט פֿאַר מיר אָפֿן,
איך לייען עס, לייען עס טויזנטער מאָל.

איך לייען די הייליקע, טײַערע ווערטער;
מיר הערט זיך אַ שטימע: — „איך שווער —
מײַן פֿאָלק, דו וועסט זײַן ווי די שטערן אין הימל,
ווי זאַמד אויפֿן ברעג פֿונעם מער!"

רבונו של עולם! עס ווערט ניט פֿאַרפֿאַלן
פֿון דײַנע הבֿטחות קיין איינאיינציק וואָרט:
מקוים מוז ווערן דײַן הייליקער ווילן,
אַלץ קומט אין זײַן צײַט, אויף זײַן אָרט.

און איינס איז שוין טאַקע מקוים געוואָרן —
דאָס פֿיל איך, דאָס וויים איך געווים:
מיר זײַנען געוואָרן ווי זאַמד וואָס איז הפֿקר,
וואָס יעדערער טרעט מיט די פֿיס...

יאָ, גאָטעניו, אמת, ווי זאַמד און ווי שטיינער,
צעשפּרייט און צעוואָרפֿן אויף שאַנד און אויף שפּאָט...
נו, אָבער די שטערן, די ליכטיקע, קלאָרע —
די שטערן, די שטערן — וואו זײַנען זיי, גאָט?!...

רבי יהודה חסיד

יודל מאַרק

דער קוואַל פֿון טרייסט

1217 — 1150

א. ווילדע צײַטן.

פֿון מיטן צוועלפֿטן יאָרהונדערט, דאָס הייסט מיט אַכט הונדערט יאָר צוריק, קומט אָן די גאָר ביטערע צײַט פֿאַר ייִדן אין דײַטשלאַנד. עס נעמט זיך ציִען אַ ריי פֿינצטערע יאָרהונדערטער, עס קומט די צײַט פֿון צרות און בילבולים.

אין יענע ווילדע צײַטן זײַנען מענטשן געווען ווילד און אַ סך מענטשן זײַנען געווען זייער שלעכט. שלעכטע מענטשן טוען אָפּ שלעכטע זאַכן, ווען זיי ווייסן אַז מע וועט זיי ניט באַשטראָפֿן. און ווער האָט זיי געזאָלט באַשטראָפֿן? ווער האָט זיך געזאָלט אָננעמען פֿאַר ייִדן?

האָבן ייִדן אַ סך געליטן. זיי זײַנען געווען ווייניק אין צאָל און זיי האָבן זיך ניט געקענט אָקעגנשטעלן. איז ייִדן געווען ביטער!

אויב איר וואָלט געלעבט אין אַזעלכע צײַטן — ווי וואָלט איר זיך געפֿילט? אפֿשר וואָלט איר געוואָרן אַזוי בייז, אַז איר וואָלט געווען גרייט זיך צו וואַרפֿן שלאָגן אויף קריסטן? אפֿשר וואָלט איר נאָר געוויינט, ווײַל איר וואָלט זיך געפֿילט שוואַך און אומגליקלעך? אפֿשר וואָלט אײַך דאָס לעבן מיאוס געוואָרן אין אַזאַ שלעכטער וועלט?

און ווי איז געווען מיט ייִדן אין יענע צײַטן? ייִדן האָבן טאַקע אַ סך געקלאָגט און געוויינט, דאָס לעבן איז טאַקע אָפֿט מיאוס געוואָרן, זיי זײַנען אָפֿט געווען זייער בייז אויף קריסטן. אָבער ייִדן האָבן אויך אויפֿגעהיט גוטסקײַט און האַרציקײַט, ייִדן האָבן אויך אַרויסגעוואָרעמט אין זיך דעם גלויבן אין מענטשן, ייִדן האָבן אויך אַרויסגעוויזן זייער אָפֿט איידלקייט און פֿײַנקייט. ייִדן האָבן אַפֿילו אין יענע ווילדע צײַטן אַרויסגעוויזן אַ געפֿיל פֿון גליק און אַ צופֿרידנקייט מיט דער וועלט.

ווי האָבן זיי עס געקענט? וואו האָבן זיי געפֿונען טרייסט? ווער

האָט געוועקט דעם גלויבן, געלערנט צו זײַן גוט און פֿײַן? וועגן איינעם וואָס האָט געטרייסט און צוגעגעבן האָפֿענונג און האָט געלערנט צו זײַן שטענדיק גוט און איידל — וועט איר באַלד לייענען.

געהייסן האָט ער ר׳ יהודה חסיד, דער פֿרומער ר׳ יהודה.

ב. דער פֿײַלן־שיסער.

אין דער שטאָט שפּײַער האָט געלעבט זייער אַ פֿרומער ייִד, ר׳ שמואל. דער ר׳ שמואל איז געווען אַזוי גוט און אַזוי איידל, אַז מענטשן האָבן אים גערופֿן „דער הייליקער", „דער נבֿיא" אָדער „חסיד". ער האָט אָפּגעשטאַמט פֿון אַ באַרימטער פֿאַמיליע וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ סך גרויסע געלערנטע און ער אַליין איז געווען זייער אַ גרויסער קענער און אַ באַוואוסטער לערער.

ר׳ שמואל האָט געהאַט צוויי זין. דער עלטערער האָט געהייסן אבֿרהם און דער ייִנגערער — יהודה. אבֿרהם האָט זיך געלערנט בײַ זײַן פֿאָטער און איז געווען איינער פֿון די סך תּלמידים וואָס ר׳ שמואל האָט געהאַט. יהודה אָבער האָט ניט געוואָלט זיך לערנען. דער פֿאָטער האָט ניט געהאַלטן פֿון שטראָפֿן זײַן זון און מיט גוטן האָט מען ניט געקענט אויספֿירן, אַז דער צעלאָזענער יהודה זאָל זיך לערנען.

עס איז אַוועק אַ יאָר נאָך אַ יאָר. יהודה איז שוין געווען 18 יאָר אַלט און ער האָט אַפֿילו ניט געקענט לייענען ווי עס באַדאַרף צו זײַן. דערפֿאַר איז ער געווען זייער געניט אין שטיפֿערײַען. ער איז געווען גאָר אַ גרויסער בריה אין שיסן פֿײַלן. שטענדיק פֿלעגט ער אַרומלויפֿן מיט זײַן פֿײַלן־בויגן און שיסן פֿײַלן, וואָס פֿלעגן טרעפֿן אין ציל.

איין מאָל זיצט אַזוי ר׳ שמואל און לערנט מיט זײַנע תּלמידים. כאַפּט זיך אַרײַן צו זיי דער חבֿרה־מאַן דער פֿײַלן־שיסער און נעמט שיסן פֿײַלן אין די תּלמידים. זיי לערנען, קענען זיי ניט זיך אויפֿהייבן און אַרויסטרײַבן דעם יונגאַטש, און דאָ טרעפֿן די פֿײַלן — איינעם אין די האָר, דעם צווייטן אין רוקן. ביז זיי האַלטן ניט אויס און פֿאַרמסרן יהודהן פֿאַר זײַן פֿאָטער.

ר׳ שמואל דערזעט זײַן ייִנגערן זון און ווענדט זיך צו אים:

— „ביסט געקומען אַהער; הייסט עס אַז דו ווילסט זיך לערנען. נו, גוט. קום אַהער, זעץ זיך. ווילסט פּרוּוון צי דו וועסט קענען?

— „איך וויל פּרוּוון", ענטפֿערט דער פֿײַלן־שיסער.

— „זעץ זיך לעבן אבֿרהמען".

יהודה האָט אָנגעהויבן צו לערנען. און זע — ער האָט גענומען דעריאָגן זײַן ברודער און זיינע אַנדערע חבֿרים.

איין מאָל איז ר׳ שמואל געזעסן שפּעט בײַ נאַכט און געלערנט נאָר מיט זײַנע זין. בײַ אַ געוויסער שטעל, דערציילט די לעגענדע, איז דאָס צימער פול געוואָרן מיט ליכט. אַבֿרהם האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, אָבער יהודה האָט זײַנע אויגן געהאַלטן אָפֿן. אַ ביסל שפּעטער איז נאָך ליכטיקער געוואָרן. אַבֿרהם האָט זײַנע אויגן פֿאַרדעקט מיט זײַן בגד, יהודה האָט נאָר אַ ביסל אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

האָט ר׳ שמואל פֿאַרשטאַנען אַז פֿון דעם פֿײַלן־שיסער וועט אַרויס־וואַקסן אַ גרויסער מענטש, אַ לײַכטנדיקע נשמה.

ג. דער וואונדער־רבי.

יהודה האָט זיך אויסגעלערנט אַ סך בײַ זײַן פֿאָטער. ווען זײַן פֿאָטער איז געשטאָרבן האָט ער אַליין געלערנט מיט תּלמידים. אָבער רבי יהודה האָט ניט געהאַלטן פֿון לערנען אַליין. ער פֿלעגט אָפֿט זאָגן:

„טאָן גוטס איז העכער פֿאַרן לערנען תּורה. און ניט אַלע קענען דאָך ווערן גרויסע געלערנטע, אָבער אַלע קענען ווערן גוטע און פֿײַנע מענטשן! איידעלע געפֿילן זײַנען וויכטיקער ווי סתּם וויסן. דאַרף מען לערנען טאָן גוטס, דאַרף מען זען דער מענטש זאָל ווערן איידעלער און פֿײַנער. אָט דאָס איז דער עיקר!“

אָדער ער פֿלעגט אָפֿט ליב האָבן צו זאָגן:

„דער מענטש דאַרף ניט קיין סך. ס׳איז גענוג פֿאַר אים: אַ ריין האַרץ, אַ גוטע נשמה און אמת אויף די ליפּן“.

אַזעלכע רייד זײַנען שטאַרק געפֿעלן געוואָרן פּשוטע ייִדן וואָס מוזן האָרעווען און האָבן ניט קיין צײַט צו לערנען. האָט דאָס פּשוטע פֿאָלק זייער ליב געקראָגן ר׳ יהודהן. האָט מען אים אויך גערופֿן, ווי זײַן פֿאָטער, מיטן נאָמען ח ס י ד — ר׳ יהודה חסיד.

ד. די גרעכטע מצווה.

הונדערטער מענטשן פֿון נאָענט און ווײַט פֿלעגן קומען צו ר׳ יהודה חסיד נאָך אַ טרייסט וואָרט, פֿלעגן אויסהערן זײַנעם אַ משל, אַ קלוג ווערטל און אַוועקגיין מיט האָפֿענונג און גלויבן.

איין מאָל קומט צו אים אַ מענטש וואָס האָט געגנבֿעט און גע־גזלט, וואָס האָט געטאָן אַ סך שלעכטס. אויך ער האָט געהערט וועגן גרויסן רבין און ער האָט געוואָלט אים זען.

מאַכט ער צו רבי יהודה חסיד:

— „רבי, איך האָב פֿײַנט מצוות. זיי זײַנען אַזוי שווער. זיי זײַנען ניט פֿאַר מיר. און זיי זײַנען פֿיל, אָט די מצוות“.

— „אויב דו ווילסט ניט קיין מצוות, וואָס זשע ווילסטו פֿון מיר, מײַן זון?"

— „רבי, איך וויל, איר זאָלט מיר אָנווײַזן נאָר אויף איין מצווה. אויב עס וואָלט געווען נאָר איין מצווה, וואָלט מען זי געקענט אָפּהיטן. רבי, וואָס איז די גרינגסטע מצווה?

— „די גרינגסטע מצווה? **זאָג ניט קיין ליגן!"**

— „גוט, רבי, די איין מצווה זאָג איך אײַך צו אָפּצוהיטן".

דער מענטש איז אוועק. ער האָט נאָך די זעלביקע נאַכט געוואָלט עמעצן באַפֿאַלן און באַרויבן. אָבער ער האָט זיך באַטראַכט, אַז ס'וועט אים איבער דעם אויסקומען צו זאָגן שפּעטער אַ ליגן... האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן. האָט ער אויפֿגעהערט צו זײַן אַזאַ בייזער. ער האָט שוין ביסלעכווײַז געקראָגן אַן אַנדער נאָמען. אין אַ געוויסער צײַט אַרום האָט זײַנער אַ שכן געלאָזן בײַ אים אַ סך געלט. ווען דער שכן איז געקומען אָפּנעמען דאָס געלט, האָט זיך אים זייער ניט געוואָלט עס אָפּגעבן. ער האָט געהאַלטן בײַם זאָגן, אַז מען האָט אים באַגנבֿעט... אָבער דאָס וואָלט דאָך געווען אַ ליגן. האָט ער בעסער יענעם אָפּגעגעבן דאָס געלט.

אַזוי האָט דער מענטש אַלץ מער און מער געמוזט אַוועקגיין פֿון שלעכטס, ביז ער האָט אײַנגעזען:

אויב מען זאָל ניט זאָגן קיין ליגן, קען מען קיין שום שלעכטס ניט טאָן.

און ער האָט פֿאַרשטאַנען ווי שיין און ווי טיף עס איז געווען דער ענטפֿער פֿון ר' יהודה חסיד.

ז. „דאָס בוך פֿון די פֿרומע".

דאָס זײַנען נאָר עטלעכע פֿון די מעשׂיות וועגן רבי יהודה חסיד. מיט זײַן נאָמען איז פֿאַרבונדן איינס פֿון די סאַמע באַליבטע ביכער בײַ ייִדן אין מיטל־עלטער. דאָס איז „ספֿר חסידים", אָדער „דאָס בוך פֿון די פֿרומע". עס גייען דאָרט אַרײַן: רייד און מעשׂיות פֿון ר' יהודה חסידס פֿאָטער; משלים, מעשׂיות און שפּרוכן פֿון רבי יהודה חסיד און אַ ביסל פֿון זײַנע תּלמידים. די וויכטיקסטע טיילן פֿון בוך האָט אָנגעשריבן רבי יהודה חסיד.

דאָס איז אַ וואונדערלעך בוך. אין די ערגסטע צײַטן האָבן ייִדן פֿון דאָרטן געשעפּט שטאַרקייט און טרייסט. דאָס בוך איז פֿול

מיטן טיפסטן גלויבן און מיט די ריינסטע מענטשלעכע געפילן. עס האָט טייַערע שפּרוכן און פייַנע משלים. אָט האָט איר כאָטש עטלעכע:

. . .„דו טאָרסט דעם אַרבעטער ניט געבן קיין אַרבעט וואָס איז איבער זייַנע כּוחות, אַפילו אויב דער אַרבעטער שטימט צו דערצו: ער טוט עס בלויז צוליב נויט".

. . .„אַמאָל האָט אַ קיניג גערופן צו זיך אַ חכם און אים פאַר־געלייגט געלט פאַר אַן עצה. האָט דער חכם געענטפערט דעם קיניג ווי ער האָט פאַרשטאַנען. אָבער קיין געלט האָט ער ניט גענומען. ווען דער קיניג האָט זיך געוואונדערט, האָט דער חכם געענטפערט: „ערשטנס, קומט מיר קיין געלט ניט, ווייַל דער קיניג וועט סיי ווי ניט טאָן ווי איך האָב אָנגעוויזן; צווייטנס, קען איך דעם קיניגס געלט ניט נעמען, ווייַל דאָס געלט איז פון אונטערדריקן דאָס פאָלק".

. . .„ווען דו זעסט, עס גייט אָרום אַן אָרעמאַן און פאַרקויפט עפּעס און קיינער קויפט ניט בייַ אים, קויף דו: אויב דו דאַרפסט ניט די זאַך, וועסטו דאַרפן די מצווה".

אָבער ניט בלויז ליכטיקע זאַכן האָט דאָס בוך; דאָרטן שפּיגלען זיך אָפּ די ווילדע צייַטן, ווען דער גרויסער טרייסטער האָט געלעבט. דאָרטן געפינט מען אויך אַזעלכע מעשיות ווי אָט די:

. . .„אַמאָל איז געווען אַן אָנפאַל אויף יידן. זייַנען יידן אַנטלאָפן. האָבן פּריצים זיי צוגעזאָגט צו באַהאַלטן. אָבער ווען די יידן זייַנען געקומען צו זיי, האָבן יענע זיי אויסגעהרגעט".

ז. וואָס איז אייַער מיינונג?

פאַר אָט די שרעקלעכע צייַטן פון בלוטיקע אָנפאַלן אויף יידן גיט רבי יהודה חסיד אַזעלכע אָנווייַזן:

. . .„ווען אַ ייד זעט אַז גויים מיינען אַז ער איז אַ גוי, זאָל ער זאָגן: „איך בין אַ ייד!" מען טאָר ניט אַרויפנייען אַ צלם אויף די קליידער אָדער אַרויסשטעלן אַ צלם אין פענצטער זיך צו ראַטעווען פון אַן אָנפאַל אויף יידן" . . .

„אויב די שונאים האָבן געזאָגט צו אייַך: „גיט אונדז אַרויס איינעם פון אייַך, וועלן מיר אייַך לאָזן לעבן, אַניט וועלן מיר אַלעמען טייטן, זאָלן בעסער אַלע זיך לאָזן טייטן און ניט איבערגעבן אַליין איין יידישן נפש" . . .

איז רבי יהודה חסיד געווען גערעכט?

פורים

שמעון פרוג

דער שלח־מנות־טרעגער

צעקאַכט, פאַרמאַטערט און צעהיצט...
דאָס נעזל גלאַנצט, דער שטערן שוויצט...
ער לויפט, דער פורים־יעגער —
דער שלח־מנות־טרעגער!

ער האַלט אַ טעלערל אין האַנט.
איך שרײַ אים: „שטיי!" — ווי צו דער וואַנט.
ער לויפט, ער פליט אַלץ ווײַטער —
כאָטש יאָג אים נאָך אַ רײַטער.

ניטאָ קיין צײַט, ניטאָ קיין צײַט,
דער טאָג איז קורץ, דער וועג איז ווײַט.
אוי, שלח־מנות־טראָגן —
אַ שפּילעכל צו זאָגן!

מען זעט ניט ווי עס פליט די צײַט
די שטאָט איז גרויס, דער וועג איז ווײַט.

שלום־עליכם

פורים־שפּילערס

א.

— „געקומען די פּורים־שפּילערס! געקומען די פּורים־שפּילערס!

דערהערט פּורים־שפּילערס, שפּרינגען מיר, קליינוואַרג, אַלע אין איין רגע אַרויס פֿונעם טיש און מיר שטייען שוין אַלע אַרום דעם קיניג אַחשורוש מיט דער גילדענער קרוין.

— „גוט יום־טובֿ! — שיסן אויס די חבֿרה אַלע מיט אַ מאָל גאַנץ פֿריילעך, און מען שטעלט זיך אויס אין צוויי ציילן. אויף אַ גילדענעם שטול זיצט דער קיניג אַחשורוש און עס טרעט אַרויס אויף איין פֿוס ממוכן (חיים שמײַסער), ער זינגט אַ לידל.

— „דו ביסט יוסף הצדיק?" — רוף איך מיך אָן צו פֿײַוול דעם יתום, וואָס שטייט בײַ דער זײַט מיט אַן אויסגעמידט פֿאַריאַמערט פּנים.

— „יוסף הצדיק — מאַכט צו מיר פֿײַוול.

— „דו וועסט אויף שפּילן?" — פֿרעג איך אים.

— „אַז מע וועט מיר הייסן שפּילן, וועל איך שפּילן — מאַכט צו מיר יוסף הצדיק, און בייגט זיך אָן צו מיר אויפֿן אויער — גיב מיר אַ שטיקל קוילעטש, פֿון אײַער פּורים־קוילעטש.

— „מע וועט דערזען, וועט מען זיך בייזערן", — מאַך איך צו אים שטילערהייט.

—„שלעפּ אַוועק אַזוי, אַז קיינער זאָל ניט זען — זאָגט ער צו מיר און די אייגעלעך בלישטשען.

— „גנבֿענען? — זאָג איך.

— „דאָס הייסט דען געגנבֿעט? — מאַכט ער.

— „וואָס דען, — זאָג איך — הייסט דאָס?

— „איך בין טויט־הונגעריק — זאָגט ער צו מיר שטילערהייט און ער עסט דעם קוילעטש מיט די אויגן — פֿון גאַנץ פֿרי אָן נאָך אין מײַן מויל ניט געהאַט.

דער גאַנצער עולם איז פֿאַרטיפֿט אין דער „שפּיל"; גיי איך צו פּאַמעלעך צום טיש, פֿאַרלייג די האַנט אַרונטער, שלעפּ אַוועק אַ שטיק קוילעטש און רוק דאָס אים אַרײַן אין האַנט אַרײַן. יוסף הצדיק לאָזט אַראָפּ קונציק דאָס שטיקל קוילעטש אין קעשענע אַרײַן און טוט מיך אַ קוועטש בײַ דער האַנט:

— „ביסט אַ וואויל יינגל, געבן זאָל דיר גאָט אַל דאָס גוטס!" —

— — — — — — — — — — — — — —

ב.

— „אפֿשר ווילט איר, מיר זאָלן אײַך שפּילן „מכירת-יוסף" אויך?

— רופֿט זיך אָן דער קיניג אחשורוש און טוט אויס די גילדענע קרוין און טוט אָן אַ פּראָסט היטל.

— „גענוג, גענוג, — מאַכט דער זיידע און ער גיט דעם קיניג אחשורוש אין האַנט אַרײַן אַ זילבערנע מטבע, און הייסט דעם משרת, ער זאָל נעמען אַ בעזעם און אויסראַמען די בלאָטע, וואָס די פּורים-שפּילערס האָבן אָנגעמאַכט... אין שטוב ווערט אַ רוקערײַ מיט די בענקלעך, און בשעת די משפּחה האַלט אין אויסזעצן זיך צוריק אויף די ערטער, כאַפּ איך מיך דערווײַל אַרויס אויף אַ מינוט באַגלייטן די „חבֿרה".

— „קום! — מאַכט צו מיר יוסף הצדיק, און נעמט מיר אָן בײַ דער האַנט — פֿאָלג מיך, קום מיט מיר, איך האָב דיך ליב, ביסט אַ וואוילער יינגל, זייער אַ וואוילער.

— „וואוהין? — זאָג איך און דאָס האַרץ קלאַפּט מיר.

— „צום קיניג אחשורוש — מאַכט ער צו מיר — מיר שפּילן שוין מער הײַנט ניט. דאָס גייען מיר צום קיניג אחשורוש צו דער סעודה.

יוסף הצדיק נעמט מיך אָן בײַ דער האַנט און מיר שפּאַנען איבער דער בלאָטע.

די נאַכט רוקט זיך אָן נענטער און נענטער, די בלאָטע ווערט וואָס ווײַטער אַלץ טיפֿער, עס דאַכט זיך מיר אויס, אַז איך האָב פֿליגל, עס טראָגט מיך אין דער לופֿטן, אַט הייב איך אָן פֿליען... שוועבן...

— „איך האָב מורא — זאָג איך צו יוסף הצדיק און האַלט אים צו בײַ דער האַנט.

— „וואָס האָסטו מורא, נאַרעלע? — און קײַט בשעת-מעשה דאָס שטיקל קוילעטש, וואָס איך האָב אים געגעבן. — דאָרט וועט זײַן אַ סעודה, נאַרעלע, דאָרט וועסטו הערן ווי מיר זינגען לידער... אוי, וואָס

פֿאַר אַ קוילעטש בײַ אײַך איז! טעם גן־עדן! צעגייט זיך אין מויל ווי אַ פּוטער! איך פֿאַרשטיי ניט ווי אַזוי זעט מען פֿאַר זיך אַזאַ אַנטיק און מען עסט דאָס ניט?"

— „אַ טײַערע מציאה! — זאָג איך — בײַ אונדז עסט מען אין דער וואָכן אויך קוילעטש.

— „אַלע מאָל קוילעטש? — זאָגט יוסף הצדיק, און באַלעקט זיך.

— „און פֿלייש?"

— „אַלע טאָג" — זאָג איך.

— „אַלע טאָג" — מאַכט ער און טוט אַ שלונג, — „און איך עס פֿלייש נאָר איין מאָל אין וואָך, שבת; אי דאָס ניט אַלע שבת."

— „וואו איז דײַן טאַטע?" — פֿרעג איך אים.

— „איך האָב ניט קיין טאַטן."

— „וואו איז דײַן מאַמע?"

— „איך האָב ניט קיין מאַמע."

— „דער זיידע? די באָבע?"

— „איך האָב ניט קיין זיידן, איך האָב ניט קיין באָבע."

— „אַ פֿעטער? אַ מומע?"

— „איך האָב ניט קיין פֿעטער, איך האָב ניט קיין מומע."

— „אַ ברודער? אַ שוועסטער?"

— „איך האָב ניט קיין ברודער, איך האָב ניט קיין שוועסטער, איך האָב קיינעם ניט, קיינעם ניט, איך בין אַ יתום בין איך!"

איך כאַפּ אַ קוק אויף זײַן פּנים און אויף דער לבֿנה, און עס דאַכט זיך מיר, אַז ער און די לבֿנה האָבן איין קאָליר... איך רוק מיר צו צו אים נאָך נענטער און מיר לויפֿן נאָך דער „חבֿרה" מיט אונדזערע קליינע פּיסלעך גאַנץ געשמײַדיק.



נחום יוד

א פורים־ליד

קומט, לאמיר דא, קינדערלעך, זינגען א ליד
פון המן דעם רשע און מרדכי דעם ייִד.

ווי המן א מאל האט אין פינצטערער מאכט
די גרעסטע סכּנה אויף ייִדן געבראכט.

פארטיליקן האט ער געוואלט אונדז דורכוים!
פארניכטן, פארלענדן פון קליין ביז גרוים.

שוין לויפער געשיקט אין די לענדער ארום,
צו ברענגען דעם בייזן באפעל אומעטום.

באשטימט שוין דעם טאג — און מיט טײַוולשער פרייד
האט ער זיך צום ייִדישן אומגליק געגרייט.

געלונגען איז אבער דאס המנען ניט,
געזיגט האט דער אמת און מרדכי דער ייִד!

דעריבער איז פורים דער פרײלעכסטער טאג:
א שמחה, א פרייד, אנשטאט טרויער און קלאג.

און המן? געהאנגען אים גראד אויף דעם בוים,
וואס ער האט פאר מרדכין געגרייט אין געהיים.

און אונדזערע שונאים פון הײַנטיקע טעג
דערמאנען דעם פורים נאך איצטער מיט שרעק!

איז הויך לאמיר אלע דא זינגען דאס ליד
פון המן דעם רשע און מרדכי דעם ייִד.

פסח

אַבְרהם רייזען

דער אורח ביים סדר

דער שענסטער כּוס פֿון אַלע איז געווען אליהוס —
דער טאַטע פֿלעגט דעם כּוס אַליין צום סדר גרייטן,
עס איז געווען אַ כּוס געמאָלט אין שיינע קווייטן —
מען האָט אים ניט פֿאַרביטן, ניט געמאַכט קיין טעות.

דער טאַטע פֿלעגט אים אָנגיסן הויך צו די ברעגן!
און פֿאַרזיכטיק און מילד אַזוי פֿלעגט ער אים גיסן,
דעם פֿײַנעם ווײַן, פֿון ראָזשינקעס, דעם זיסן,
פֿאַר אליהון אַלײן, פֿאַר זײַנעטוועגן...

די קינדער פֿלעגן אין געדאַנקען ווײַט פֿאַרזינקען,
די שפּיל איז זיי געווען אַזוי געפֿעלן;
ניט מער — זיי וואָלטן זען בלויז איין מאָל וועלן,
ווי אליהו קומט פֿון אַ כּוס אַ ביסל טרינקען...

און איין מאָל — האָט מיטגעבראַכט פֿון שול דער טאַטע
אַן אורח, וואָס מען האָט געגעבן אים צום סדר,
ער איז געווען געקליידט אין אַנדערשדיקע קליידער —
די באָרד אַ לאַנגע, גראָע און די אויגן מאַטע.

מען האָט אַ כּוס געשטעלט פֿאַר אים, ווי ס'פּאַסט פֿאַר לײַטן,
ניט ווײַט פֿון אליהוס כּוס, אין טיש אין מיטן,
מען האָט צו יעדן מאָל געדאַרפֿט אים היטן
ער זאָל, חלילה, ניט זײַן כּוס פֿאַרבײַטן...

און נאָכן סדר איז דער אורח שטיל פֿאַרשוואונדן,
באַטראַכט האָט יעדערער די כּוסות אין דעם שיסל —
מען זעט, עס פֿעלט פֿון אליהום כּוס אַ ביסל —
און דעם אורחס אָבער פֿול און רויט געצונדן...

דער טאַטע האָט געשמייכלט מיט הנאה,
די מוטער איז פֿאַרחלומט אומגעגאַנגען,
און מיר, די קינדער, האָבן ווי געהערט געזאַנגען
און געזען ווי ס׳שוועבט דער אורח — אליהו!

י. ל. פּרץ

דער קונצן־מאַכער

א.

אין אַ שטעטל איז אַ מאָל געקומען אַ קונצן־מאַכער.

און כאָטש עס איז געווען פֿאַר פּסח, ווען אַ ייִד האָט מער זאָרג, ווי האָר אויפֿן קאָפּ, האָט דאָך זײַן אָנקומען אַ גרויסן רושם געמאַכט.

אַ רעטעניש פֿון אַ מענטש! אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, מיט אַ צילינדער, אַפֿילו אַ צעקנייטשטן, אויפֿן קאָפּ, אַ ייִדיש פּנים — און אַ געגאָלטע באָרד! און עסן האָט אים קיינער ניט געזען, ניט קיין כּשרס, ניט קיין טריפֿהס. גיי ווייס, וואָס ער איז!

מען פֿרעגט אים: פֿון וואַנען? זאָגט ער: „פֿון פּאַריז"; וואוהין? — „קײַן לאָנדאָן!" ווי קומט איר אַהער? זאָגט ער: „פֿאַרבלאָנדזשעט!" אַ פּנים, צו פֿוס געגאַנגען! און שטייט מען צו אים צו, מאַכט מען אַרום אים אַ רעדל, ווערט ער פּלוצעם נעלם, גלײַך די ערד וואָלט אים אײַנגעשלונגען, און שווימט אַרויס אויף יענער זײַט מאַרק.

דערווײַל האָט־ער זיך געדונגען אַ סאַליע און אָנגעהויבן צו מאַכן קונצן.

אָבער קונצן! ער האָט געשלונגען ברענענדיקע קוילן, פֿון מויל אַרויסגעצויגן אַלערליי בענדער, רויטע, גרינע, וואָס פֿאַר אַ קאָליר מען האָט נאָר געוואָלט. פֿון די שטיוול וואַרפֿט ער אַרויס זעכצן פּאָר אינדיקעס, אָבער אינדיקעס — ווי בערן, און לעבעדיקע, און זיי צע־

לויפֿן זיך איבער דער סצענע; דערנאָך הייבט ער אַ פּוס און קראַצט אָפּ פֿון דער פֿאָדעשווע גאָלדענע רענדלעך, אַ גאַנצע שיסל גאָלדענע רענדלעך! פּאַטשט מען „בראַוואָ“, גיט ער אַ פֿײַף, לויפֿן זיך אין דער לופֿט צוזאַמען חלות און קוילעטשן, ווי די פֿייגל, און הייבן אָן טאַנצן אונטער דער סטעליע, און גיט ער דעם צווייטן פֿײַף, ווערט דאָס אַלץ גלײַך פֿאַרשוואונדן, ווי ניט געווען! אוים קוילעטשן, אוים בענדער, אוים אינדיקעס — גאָרניט!

איז אָבער די שאלה: פֿאַר וואָס איז ער אַליין אַזאַ גרויסער אָרעמאַן? אַ מענטש שאַרט רענדלעך און האָט ניט מיט וואָס צו באַצאָלן פֿאַר דער אכסניה. מיט אַ פֿײַף באַקט ער אָן מער קוילעטשן און חלות, ווי דער גרעסטער בעקער, אינדיקעס ציט ער אַרויס פֿון די שיך, און אַ פּנים האָט ער — אָן אויסגעצויגנס, אַז שענערע לייגט מען אין דער ערד אַרײַן, און דער הונגער ברענט אים אין די אויגן ווי אַ פֿלאַקער! ווערטלט מען זיך: די פֿינפֿטע קשיא צו „מה נשתּנה“!...

נאָר איידער עס קומט צו „מה נשתּנה“, וועלן מיר איבערלאָזן דעם קונצן־מאַכער און איבערגיין צו חיים־יונהן און זײַן ווײַב רבֿקה־ביילע.

ב.

חיים־יונה איז אַמאָל אַ וואַלד־סוחר געווען, האָט ער איין מאָל געקויפֿט אַ וואַלד אין גלײַכן געלט, האָט מען דעם וואַלד פֿאַרמאַכט, איז ער אַרויס „אין איין העמד“. איז ער געוואָרן וואַלד־שרײַבער, האָט ער די שטעל פֿאַרלוירן: זיצט ער שוין אַ שיינע פּאָר חדשים אָן פּרנסה. נאָך ווינטער גייט אָבער פּסח! און פֿאַרזעצט איז שוין פֿון העגנגלײַכטער ביזן לעצטן קישן.

זאָגט רבֿקה־ביילע: גיי און נעם מעות־חיטין. זאָגט חיים־יונה, אַז ער האָט בטחון, אַז גאָט וועט העלפֿן, און דאָס פּנים פֿאַרשוואַרצן וועט ער זיך ניט.

גייט רבֿקה־ביילע און זוכט נאָך אַ מאָל אין אַלע ווינקעלעך, און געפֿינט אַן אַלטן אָפּגעריבענעם זילבערנעם לעפֿל, יאָרן זינט דער לעפֿל איז פֿאַרלוירן געוואָרן! גייט חיים־יונה נעמט דעם לעפֿל, פֿאַרקויפֿט אים און טראָגט אַרײַן די פּאָר גראָשן אויף מעות־חיטין פֿאַר אָרעמעלײַט. אָרעמעלײַט, זאָגט ער, זײַנען בילכער.

די צײַט דערווײַל רוקט זיך. שוין אין גאַנצן ניט מער ווי אַ פּאָר וואָכן צו פּסח. ער האָט בטחון! גאָט, זאָגט ער, פֿאַרלאָזט ניט! מילא,

רבֿקה-ביילע שווײַגט: אַ ווײַב מוז פֿאָלגן אַ מאַן. עס גייט אָבער אַוועק נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, רבֿקה-ביילע ווייס ניט פֿון קיין שלאָף, און וויינט שטילערהייט, חיים-יונה זאָל ניט הערן, און אויף פּסח איז קיין צייכן ניטאָ. און טעג האָט זי ערגערע ווי נעכט, — בײַ נאַכט וויינט זיך אַ מענטש כאָטש אָפּ דאָס האַרץ, בײַ טאָג אָבער מוז מען קנײַפּן די באַקן, די פֿאַרב זאָל שטיין! שכנות קוקן איר נאָך און גאַפֿן, און קוקן זיך די אויגן אויס, און שטעכן זי מיט רחמנות-בליקן ווי מיט נאָדלען...

אַנדערע פֿרעגן: ווען באַקט איר מצות? די נענטערע זאָגן:

— „סטײַטש, וואָס טוט זיך מיט אײַך, רבֿקה-ביילע? פֿעלט אײַך, וועלן מיר אײַך באָרגן..."

חיים-יונה וויל אָבער ניט קיין מתנות פֿון מענטשן, און רבֿקה-ביילע וועט קענען איר מאַן ניט גיין — זוכט זי אויס תּירוצים פֿון אונטער דער ערד, און דאָס פּנים פֿלאַמט און פֿלאַמט.

זעען די שכנים, אַז עס איז ניט, ווי עס באַדאַרף צו זײַן, נעמען זיי און לויפֿן צום רבֿ: — סטײַטש? דער רבֿ, נעבעך, הערט אויס, קרעכצט אָפּ און פֿאַרקלערט זיך, און סוף כּל סוף, ענטפֿערט ער, אַז חיים-יונה איז אַ גאָטספֿאַרכטיקער און אויב ער האָט בטחון, האָט ער...

רבֿקה-ביילע איז אַפֿילו אָן בענטשליכט געבליבן...

און — שוין פּסח!

ג.

חיים-יונה גייט פֿון בית-המדרש אַהיים, זעט ער, אַז אַלע פֿענצטער אין מאַרק שײַנען אַרויס מיט פֿרייד פֿון יום-טובֿ, און נאָר זײַן דירה שטייט ווי אַ בלינדע צווישן זעענדיקע. ער פֿאָלט אָבער בײַ זיך ניט אַראָפּ: „אַז גאָט וועט וועלן, וועט נאָך זײַן פּסח!" — טראַכט ער. ער גייט אַרײַן און זאָגט פֿריילעך: „גוט יום-טובֿ", און נאָך אַ מאָל: „גוט יום-טובֿ דיר, רבֿקה-ביילע!" און רבֿקה-ביילעס קול ענטפֿערט אים, אָנגעזאָפּט מיט טרערן, פֿון אַ פֿינצטער ווינקל אַרויס: „גוט יום-טובֿ, גוט יאָר!" און אירע אויגן ברענען אַרויס פֿון פֿינצטערן ווינקעלע, ווי צוויי ברענענדיקע קוילן.

גייט ער צו צו איר און זאָגט איר: „רבֿקה-ביילע, הײַנט איז יום-טובֿ, פֿאַרשטייסט? טרויערן טאָר מען ניט! און וואָס איז דאָ צו טרויערן! אויב גאָט האָט ניט געוואָלט מיר זאָלן האָבן אונדזער סדר, מוז מען אָננעמען פֿאַר ליב און זײַן בײַ אַ פֿרעמדן סדר. וועלן מיר גיין ערגעץ אַנדערש צום סדר! מען וועט אונדז אַרײַנלאָזן

אומעטום... טיר און טויער שטייען אָפֿן... יידן זאָגן: „ווער עס איז הונגעריק, זאָל אַרײַנקומען עסן." קום, נעם אויף דיר דעם שאַל, וועלן מיר גיין צום ערשטן, בעסטן יידן...

און רבֿקה-ביילע, וואָס טוט שטענדיק דעם ווילן פֿון איר מאַן, האַלט אײַן מיט אַלע כּוחות דאָס געוויין, וואָס רײַסט זיך איר צום האַלדז, נעמט אויף זיך אַ צעריסענעם שאַל און וויל שוין גיין, — אין דער זעלבער רגע עפֿנט זיך אָבער די טיר, און עמעצער קומט אַרײַן און זאָגט:

— „גוט יום-טובֿ!"

ענטפֿערן זיי: „גוט יאָר," ניט זעענדיק ווער עס איז צו זיי אַרײַנגעקומען.

זאָגט דער, וואָס איז אַרײַנגעקומען: „איך וויל זײַן אײַער גאַסט צום סדר!"

ענטפֿערט חיים-יונה: „מיר האָבן אַליין קיין סדר ניט..."

ענטפֿערט יענער, אַז ער האָט מיטגעבראַכט דעם סדר מיט זיך.

— „אין דער פֿינצטער!" — האַלט זיך שוין רבֿקה-ביילע ניט אײַן און שלוכצט.

— חלילה! — ענטפֿערט דער אורח, — עס וועט זײַן ליכט, און ער גיט אַ מאַך: האָקוס-פּאָקוס! און עס באַווײַזן זיך צוויי פּאָר זילבערנע לײַכטער מיט אָנגעצונדענע ליכט אין מיטן שטוב. אין דער לופֿטן! עס ווערט ליכטיק. חיים-יונה און רבֿקה-ביילע דערזעען, אַז דאָס איז דער קונצן-מאַכער און זיי גאַפֿן און קענען פֿאַר וואונדער און שרעק קיין איינציק וואָרט פֿון מויל ניט אַרויסברענגען. זיי כאַפּן זיך איינס דאָס צווייטע אָן בײַ די הענט און שטייען מיט אויפֿגעריסענע אויגן און אָפֿענע מײַלער.

דער קונצן-מאַכער ווענדט זיך דערווײַל צום טיש, וואָס איז געשטאַנען פֿאַרשעמט אין אַ ווינקעלע, און זאָגט צו אים „נו, בחורל, באַדעק דיך און קום אַהער!" און אַזוי ווי ער זאָגט דאָס אַרויס, פֿאַלט פֿון סטעליע אויפֿן טיש אַראָפּ אַ שניי-ווײַס טישטעך און באַדעקט אים, און דער באַדעקטער טיש הייבט זיך אָן רירן און גייט און קומט אין מיטן שטוב אַרײַן און פֿאַרהאַלט זיך פּונקט אונטער די ליכט און די זילבערנע לײַכטער לאָזן זיך נידעריקער אַראָפּ און שטעלן זיך אַנידער אויפֿן טיש.

— „אַצינד", — זאָגט דער קונצן-מאַכער, — „פֿעלן נאָך הסבֿ-בעטן," — „זאָלן זײַן הסבֿ-בעטן!" גייען דרײַ בענקלעך, פֿון דרײַ עקן

פֿון שטוב, און גייען צו צום טיש און שטעלן זיך אויף זײַנע דרײַ זײַטן. ז׳ייסט ער, דער קונצן־מאַכער, זיי זאָלן ברייטער ווערן, ציִען זיי זיך אויס אין דער ברייט, און עס ווערט פֿון זיי פֿאָטערשטולן. רופֿט ער אויס: ווייכער! באַדעקן זיי זיך מיט רויטן סאַמעט, און גלײַך פֿאַלן אויף זיי פֿון סטעליע אַראָפּ ווײַסע, שניי־ווײַסע קישנס און לייגן זיך אויף די פֿאָטערשטולן און — עס ווערן הסבֿ־בעטן! עס באַווײַזן זיך באַלד אויך רויטע כּוסות מיט פֿלעשער ווײַן און מצות, און אַלץ, וואָס מען דאַרף צו אַ כּשרן און פֿריילעכן סדר, אַפֿילו הגדות מיט אַ גאָלדענעם שניט.

— „און וואַסער צו וואַשן האָט איר?“ — פֿרעגט דער קונצן־מאַכער, — „איך קאָן ברענגען וואַסער אויך!“

דעמאָלט האָבן זיי זיך ערשט אויפֿגעכאַפּט פֿון גאַפֿן. און רבֿקה־ביילע פֿרעגט חיים־יונהן אויפֿן אויער: „מעג מען? וואָס?“ און חיים־יונה ווייס איר ניט וואָס צו ענטפֿערן. ראָט זי אים: „גיי, מײַן מאַן און פֿרעג דעם רבֿ“. ענטפֿערט ער, אַז ער קאָן זי מיטן קונצן־מאַכער אַליין ניט איבערלאָזן. וויל ער, זי זאָל גיין. זאָגט זי, אַז אַ נאַרישער ייִדענע וועט דער רבֿ ניט גלייבן, ער וועט מיינען, אַז זי איז פֿון זינען אַראָפּ. גייען זיי ביידע צום רבֿ און לאָזן איבער דעם קונצן־מאַכער מיטן סדר.

האָט דער רבֿ געזאָגט, אַז דאָס, וואָס ווערט געמאַכט מיט כּישוף, האָט קיין ווערט ניט, וואָרעם כּישוף איז אַ פֿאַרבלענדעניש פֿאַר די אויגן, הייסט ער זיי אַהיים גיין, און אויב די מצה וועט זיך לאָזן אָפּברעכן, דער ווײַן — גיסן אין די כּוסות אַרײַן און די קישנס פֿון הסבֿ־בעט — אָנטאַפּן, איז גוט... איז עס פֿון גאָט, מעגן זיי געניסן.

אַזוי האָט דער רבֿ געזאָגט. גייען זיי מיט האַרץ־קלאַפּעניש אַהיים. קומען זיי אַרײַן, איז דער קונצן־מאַכער שוין ניטאָ, און דער סדר שטייט, ווי ער איז געשטאַנען. די קישנס לאָזן זיך אָנרירן, דער ווײַן גיסט זיך, די מצות ברעכן זיך... האָבן זיי ערשט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען אליהו הנבֿיא, און האָבן געהאַט אַ פֿריילעכן יום־טובֿ!

די סדר-נאַכט — ע. אַרמין

שלום־עליכם

אליהו הנביא

א.

ניט גוט צו זײַן א בן־יחיד, א ציטעריקער בײַ טאַטע־מאַמע, „פֿון זיבן איינער געבליבן". דאָ — נישט שטיי, דאָרט — ניט גיי, דאָס — ניט עס, דאָס — ניט טרינק, דעם קאָפּ — דעק צו, דעם האַלדז — פֿאַרבינד, די הענט — באַהאַלט, די נאָז — שנײַץ אויס. אָך, ניט גוט, ניט גוט צו זײַן א בן־יחיד. און נאָך א נגידס א ייִנגל דערצו.

קוים דערלעבט פּסח. אויסגעקליידט האָט מען מיך ווי עס פּאַסט פֿאַר א נגידס א ייִנגל. וואָס קומט מיר אָבער ארויס? אז איך טאָר ניט ארומשפּרינגען אין דרויסן — איך וועל זיך פֿאַרקילן, אז איך טאָר ניט ארומלויפֿן מיט אַלע קינדער — איך בין א נגידס א ייִנגל. אזעלכע שיינע מלבושים — ניטאָ פֿאַר וועמען צו באַרימען זיך. א פֿולע קעשענע מיט נים — ניטאָ מיט וועמען צו שפּילן.

ניט גוט צו זײַן א בן־יחיד, א ציטעריקער, וואָס פֿון זיבן איינער געבליבן, און נאָך א נגידס א ייִנגל דערצו.

דער טאַטע האָט אָנגעטאָן די בעסטע קאַפּאָטע און איז אוועק אין שול דאַווענען. זאָגט צו מיר די מאַמע: „ווייסטו וואָס? לייג זיך צו, שלאָף זיך אויס, וועסטו קענען זיצן בײַם סדר, וועסטו פֿרעגן דעם טאַטן די פֿיר קשיות." משוגע בין איך? פֿאַרן סדר וועל איך גיין שלאָפֿן! „געדענק זשע, פּסח צום סדר טאָר מען ניט שלאָפֿן. וואָרעם טאָמער, חלילה, וועסטו אַנטשלאָפֿן בײַם סדר, אַזוי קומט אליהו הנביא מיט א זאַק אויף די פּלייצעס און קוקט: ווער עס שלאָפֿט בײַם סדר, דעם נעמט ער צו אין זאַק ארײַן"...

כאַ־כאַ. איך וועל אַנטשלאָפֿן ווערן בײַם סדר? איך? און אַז מע זאָל זיצן א גאַנצע נאַכט? און אַפֿילו ביזן ווײַסן טאָג ארײַן? ווי אַזוי איז געווען, מאַמע, פֿאַר א יאָרן? „פֿאַר א יאָרן ביסטו אַנטשלאָפֿן גע־וואָרן באַלד נאָך קידוש". — פֿאַר וואָס זשע איז ניט געקומען צו מיר דעמאָלט אליהו הנביא מיטן זאַק? ... „דעמאָלט ביסטו נאָך געווען אַ קליינינקער, הײַנט ביסטו א גרויסער, הײַנט דאַרפֿסטו פֿרעגן דעם טאַטן די פֿיר קשיות, הײַנט דאַרפֿסטו זאָגן מיטן טאַטן „עבֿדים היינו", הײַנט

דאַרפֿסטו עסן מיט אונדז פֿיש און יויך און קניידלעך... שאַ, אָן גייט דער טאַטע פֿון שול!"

— גוט יום־טובֿ!

— גוט יום־טובֿ!

דאַנקען גאָט, דער טאַטע האָט אָפּגעמאַכט קידוש, איך אויך. דער טאַטע האָט אויסגעטרונקען דעם ערשטן כּוס, איך אויך. און דווקא אַ פֿולן־כּוס, און דווקא ביזן דנאָ. „זע נאָר, ביזן דנאָ!" זאָגט די מאַמע צום טאַטן. און מיר זאָגט זי: „אַ פֿולן בעכער מיט וויַין? וועסט אַנטשלאָפֿן ווערן"... כאַ־כאַ! איך וועל אַנטשלאָפֿן ווערן? איך? און אַז מע זאָל זיצן אַ גאַנצע נאַכט, אַפֿילו ביזן וויַיסן טאָג אַריַין? אַנו, פֿרעגט דעם טאַטן, ווי אַזוי האָב איך אָפּגעקלאַפּט די פֿיר קשיות! ווי אַזוי זאָג איך די הגדה? ווי אַזוי שאָקל איך זיך איבערן סידור און זינג מיטן טאַטן „עֲבָדים היינו"?... און די מאַמע לאָזט ניט אַראָפּ קיין אויג פֿון מיר און שמייכלט און זאָגט צו מיר: „וועסט אַנטשלאָפֿן ווערן, אַנטשלאָפֿן ווערן"... עך, מאַמע, מאַמע! מיר דאַכט זיך, מע זאָל זיַין מיט אַכצן קעפּ, קען מען פֿון דעם אַליין אַנטשלאָפֿן ווערן! אַנו, לאָז מען זיך וועקזעצן איַיך אַנטקעגן און זינגען איַיך אין אויער: „אַנטשלאָפֿן ווערן, אַנטשלאָפֿן ווערן."

פֿאַרשטייט זיך, אַז איך בין אַנטשלאָפֿן געוואָרן...

ב.

אַנטשלאָפֿן געוואָרן, חלומט זיך מיר, אַז דער טאַטע האַלט שוין ביַי „שפֿוך חמתך". די מאַמע אַליין שטייט אויף פֿון טיש, גייט עפֿענען די טיר מקבל פּנים זיַין אליהו הנבֿיאן. שיין וועט זיַין, טאָמער קומט טאַקע אליהו הנבֿיא, ווי די מאַמע זאָגט, מיטן זאַק אויף די פּלייצעס און זאָגט צו מיר: „קום, בחור!"... און ווער וועט זיַין שולדיק אין דעם, אַז ניט די מאַמע אַליין מיט איר „שלאָף ניט, שלאָף ניט!"... און אַזוי ווי איך טראַכט מיר, אַהאַ! איך הער אַ סקריפּ פֿון דער טיר און דער טאַטע שטייט אויף און רופֿט אויס אויף אַ קול: „ברוך הבא!" איך קוק מיך איַין צו דער טיר — יאָ, ס'איז ער. ער גייט, ער גייט. פּאַמעלעך, קוים וואָס מען הערט. אַ שיינער ייִד אליהו הנבֿיא, אַן אַלטער מאַן. אַ זקן מיט אַ גריַיז־גרויער באָרד ביז די קני, דאָס פּנים אַלט, געל, געקנייטשט, נאָר שיין און גוט איז דאָס אָן אַן עק. און אויגן, אַך אויגן! גוטע, ווייכע, פֿריַינדלעכע, ליבע, געטריַיע אויגן. איַינגעבויגן,

אַנגעלענט אויף אַ גרויסן, גרויסן שטעקן מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס און שאַ, שטיל, אָן ווערטער — און גלײַך צו מיר.

— נו, יינגעלע, אַרײַן צו מיר אין זאַק אַרײַן און קום! — אַזוי זאָגט ער צו מיר און דווקא אַזוי ווייך, אַזוי זיס.

פֿרעג איך אים: וואוהין? מאַכט ער צו מיר: „וועסט שוין נאָך דעם זען"... וויל איך ניט. זאָגט ער מיר נאָך אַ מאָל. בעט איך מיר בײַ אים: „ווי קען איך מיט דיר גיין, אַז איך בין אַ נגידס אַ יינגל?" זאָגט ער: „און אַז אַ נגידס אַ יינגל, וואָס ביסטו פֿאַר אַ מיוחס?" זאָג איך: „„איך בין בײַ טאַטע-מאַמע אַ בן-יחיד"... זאָגט ער: „בײַ מיר ביסטו ניט קיין בן-יחיד". זאָג איך: „אַ ציטעריקער, פֿון זיבן איינער געבליבן. זיי וועלן, זאָג איך, דערזען, אַז איך בין ניטאָ, וועלן זיי דאָס ניט אויסהאַלטן, זיי וועלן שטאַרבן, און דערהויפּט די מאַמע"...

קוקט ער אויף מיר, דער אַלטיטשקער מיט גומן און מאַכט צו מיר ווייך און זיס ווי פֿריִער: „גייסטו ניט מיט מיר, טאָ שלאָף געזונט, נאָר ווער אַנטשלאָפֿן אויף אייביק"... הייב איך אָן צו וויינען: „הייסט עס, אַז איך זאָל שטאַרבן? זיי וועלן דאָס ניט אויסהאַלטן... דער־הויפּט די מאַמע"... „ווילסטו ניט שטאַרבן, טאָ קום מיט מיר, געזעגן זיך אָפּ מיט טאַטע-מאַמע און קום"... סטײַטש, ווי קען איך גיין, אַז איך בין אַ בן-יחיד, פֿון זיבן איינער געבליבן" מאַכט ער צו מיר שוין שטאַרקער: „צום לעצטן מאָל, יינגעלע, קלײַב זיך אויס איינס פֿון די צוויי: אָדער געזעגן זיך אָפּ מיט טאַטע-מאַמע אויף שטענדיק און קום מיט מיר, אָדער בלײַב דאָ און ווער אַנטשלאָפֿן אויף אייביק, אויף אייביק"...

ג.

אָפּגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער, טרעט ער אָפּ פֿון מיר אויף איין שפּאַן און וויל שוין אויסקירעווען זיך צו דער טיר. וואָס טוט מען דאָ? אָוועקגיין מיט דעם אַלטן, גאָט ווייס וואוהין, פֿאַרפֿאַלן ווערן, — וועלן טאַטע-מאַמע שטאַרבן: אַ בן-יחיד, פֿון זיבן איינער געבליבן... בלײַבן דאָ און אַנטשלאָפֿן ווערן אויף אייביק הייסט דאָך דאָס איך אַליין זאָל שטאַרבן... צי איך אויס צו אים ביידע הענט מיט טרערן אין די אויגן. „אליהו הנבֿיא! גוטער, ליבער, האַרציקער אליהו! גיב מיר איין מינוט אויף צו באַטראַכטן זיך!" דרייט ער אויס צו מיר דאָס שיינע, אַלטע, געלע, געקנייטשטע פּנים מיט דער גרײַז-גרויער באָרד ביז די קני, קוקט אויף מיר מיט זײַנע שיינע, ליבע, געטרײַע

אויגן און מאַכט צו מיר מיט אַ שמייכל: „איין מינוט אויף צו באַ-טראַכטן זיך — גיב איך דיר, מײַן קינד, אָבער ניט מער ווי איין מינוט"...

דער אַלטיטשקער לענט זיך אָן אויף זײַן גרויסן, גרויסן שטעקן און וואַרט.

פֿרעגט זיך: וואָס האָב איך באַדאַרפֿט אין דער מינוט צוטראַכטן אַזעלכעס, אַז איך זאָל ניט דאַרפֿן ניט גיין מיטן אַלטן און ניט אַנט-שלאָפֿן ווערן אויף אייביק? אַנו, ווער וועט טרעפֿן?

מ. ספּעקטאָר

אַ יתומס סדר

דער רעש אין גאַס האָט אויפֿגעהערט. אַלע געשעפֿטן זײַנען פֿאַר-מאַכט. אַלע הײַזער זײַנען באַלויכטן. נאָר נאָך ליכטיקער איז אין די שולן.

ייִדן גייען שוין פֿון דאַוונען אַהיים פּראַווען דעם סדר. חיימל גייט אויך מיט אַלעמען, און אויפֿן האַרצן איז אים טרויעריק: ער דער-מאָנט זיך, ווי פֿאַר אַ יאָרן איז ער געגאַנגען, ווי אַלע ייִנגלעך, מיטן טאַטן אַהיים. הײַ-יאָר איז דער טאַטע ניטאָ: ער איז געשטאָרבן!

— „אַ גוט יום-טובֿ, מאַמע!" — האָט חיימל געזאָגט קומענדיק אַהיים.

— "אַ גוט יאָר, מײַן קינד!" — האָט אים די מאַמע געענטפֿערט.

חיימל זעט, ווי זײַן שיינע מאַמע איז אָנגעטאָן יום-טובֿדיק. שוין לאַנג, אַז ער האָט זי ניט געזען אַזוי אָנגעטאָן. דער טיש איז געדעקט. אויף דעם טיש שטייען די זילבערנע לײַכטער מיט די בענטשליכט, פֿלעשער ווײַן, כּוסות, אליהו הנבֿיאס כּוס. זײַן אייגן קליין כּוסעלע. אויבן אָן אַ הסבֿ-בעט מיט ווײַסע אָנגעצויגענע קישענס. אַלץ, אַלץ ווי פֿאַר אַ יאָרן, נאָר דער טאַטע איז נישטאָ!

חיימל ווערט טרויעריק, נאָר ער האָט מורא צו זאָגן, די מאַמע זאָל נישט וויינען. שטענדיק וויינט זי, אַז מען דערמאָנט דעם טאַטן. חיימל שווײַגט און לאָזט אַראָפּ די אויגן אויף אליהו הנבֿיאס כּוס... און עס פֿאַלט אים אײַן אַ גליקלעכער געדאַנק, אַז בײַם הײַנטיקן סדר, ווען מען וועט עפֿענען די טיר, אליהו הנבֿיא זאָל אַרײַנקומען אוים-

טרינקען זײַן כּוס, װעט ער ניט אַראָפּלאָזן די אויגן פֿון־דער טיר און פֿון אליהו הנבֿיאס כּוס — ער מוז זען, װי ער טרינקט!

און װי ער װעט אים דערזען, װעט ער אים בעטן, ער זאָל שוין אַראָפּברענגען משיחן. דעמאָלט װעלן אַלע מתים לעבעדיק װערן און זײַן טאַטע אויך.

אליהו הנבֿיא װעט אים ניט אָפּזאָגן. ער איז אַזאַ גוטער! חײמל האָט אים שטענדיק אַזױ ליב, ליבער פֿון אַלע. ער האָט אַזױ פֿיל שײנע, טײַערע מעשיות געהערט דערצײלן װעגן אים. ער קאָן אַלײן אַ סך מעשיות נאָכדערצײלן: װי „אַן אָרעמער ייִד האָט פֿאַרלאָרן אויף דעם יאַריד פֿרעמד געלט, האָט אים אליהו הנבֿיא אונטערגעװאָרפֿן אַ בײַטעלע, און װען דער ייִד האָט גענומען איבערצײלן, האָט ער געצײלט דרײַ טעג מיט דרײַ נעכט — אַזױ פֿיל געלט איז דאָרט געװען...״

— ער איז אַזאַ גוטער, אַזאַ גוטער! ער װעט מיר ניט אָפּזאָגן, אַז איך װעל אים בעטן; איך זאָל אים נאָר דערזען! — האָט חײמל געטראַכט.

חײמל האָט גענומען פֿראַװען דעם סדר פֿאַר דער מאַמען אַזױ װי אַ גרױסער. אָפּגעזאָגט די הגדה, האָט די מאַמע דערלאַנגט דאָס עסן: פֿיש, דערנאָך די קנײדלעך מיט יויך און נאָך פּסחדיקע מאכלים. אָבער נאָך די קנײדלעך איז חײמל גלײַך אײַנגעשלאָפֿן.

און אים האָט זיך געחלומט: עס עפֿנט זיך די טיר, און עס קומט אַרײַן אליהו הנבֿיא, אַן אַלטיטשקער, אַ גוטינקער, אַ פֿרײלעכער, מיט אַ װײַס־זילבערנער באָרד אין אַ װײַסער זײַדענער קאַפּאָטע גע־שטיקט מיט זילבער. ער גײט צו צו זײַן כּוס און טרינקט אָפּ אַ בי־סעלע, אַז עס איז ניט צו דערקענען דאָס מען האָט געטרונקען.

חײמל לאָזט ניט אַראָפּ די אויגן פֿון אים, און װיל אים אָננעמען בײַ זײַן אָרבל און אָנהײבן דערצײלן זײַן בקשה, נאָר ער קאָן ניט רײדן. נאָר אָט זעט ער צו זײַן גרױס װאונדער װי אליהו הנבֿיא זעצט זיך בײַם טיש און זאָגט:

— „איך בין שוין הײַנט געװען אויף דער גאַנצער װעלט, אין אַלע ייִדישע הײַזער האָב איך שוין געטרונקען מײַן כּוס. איצט װיל איך זיך דאָ אַ ביסל אָפּרוען, װײַל דו, חײמל, האָסט מיך געװאָלט זען און בײַ מיר עפּעס בעטן. קום אַהער, שעם זיך ניט!״

און ער זעצט חײמלען בײַ זיך אויף די קני, און מיט זײַן גלאַטער װײַסער האַנט גלעט ער אים איבערן פּנים, און עס װערט אים אַ מחיה

אין אַלע גלידער, און ער זאָגט חיימלען אַז הײַנטיקס יאָר וועט משיח קומען, אַלע טויטע וועלן לעבעדיק ווערן און זײַן טאַטע אויך...

און חיימל איז אַזוי גליקלעך, אַזוי גליקלעך, און זײַנע ליפּן שעפּטשען קוים וואָס מען הערט: „איך דאַנק דיר, זיידעניו, וואָס דו האָסט פֿאַרנומען מײַן בקשה!"

און חיימל איז געשמאַק געשלאָפֿן מיט זיסע חלומות, ווי אַלע גליקלעכע קינדער אין דער סדר־נאַכט.

יהואָש

ליל שמורים

שוין פֿאַרזוכט פֿון אַלע כּוסות,
האָט דער נבֿיא אליהו,
שטילע רו־מלאכים פֿליִען,
פֿון די הימלען פֿון די בלאָע...

טראָגן זיך פֿון הויז צו הײַזל,
שוועבן אום אויף אַלע דעכער,
גנבֿען זיך אַרײַן אין פֿענצטער,
קריכן דורך די שליסל־לעכער...

בענטשן איטלעכנס געלעגער,
קושן יעטוועדן באַזונדער,
שושקען יעדן אין זײַן שלומער,
זיסע טרוימען, הימל־וואונדער.

הייליק איז דאָס קליינע געסל,
ס'טאָר קיין בייז אים ניט פּאַסירן,
שניי געפֿליגלטע מלאכים
שטייען וועכטער בײַ די טירן.

יצחק ליבוש פרץ



יצחק לייבוש פרץ

יודל מאַרק

יצחק־לייבוש פּרץ

1915 — 1852

א.

לייבושל איז אין גאַנצן דרײַ יאָר אַלט. ער גייט שוין אין חדר. ער קען שוין לייענען. ער לערנט שוין חומש. ער לערנט דעם חומש „ויקרא".

אָבער ער קען ניט אַרויסברענגען קיין „ק". אַנשטאָט „ק" — זאָגט ער „ט". דערפֿאַר האָט ער אַ טײַער קעפּל. ער געדענקט אַלץ וואָס ער האָט געלערנט.

ס'איז שבת. מע האָט געענדיקט עסן. די גאַנצע משפּחה זיצט נאָך אַרום טיש. נעמט דער זיידע און זעצט אַוועק לייבושלען אויפֿן מיטן טיש. לייבושלען געפֿעלט עס. ער וויל אויפֿהייבן די וואַזע וואָס שטייט אויפֿן טיש. נעמט אָבער די באָבע צו די וואַזע און פֿרעגט לייבושלען, צי ער וועט קענען זאָגן די דרשה צו בר־מצווה, ווען ער וועט ווערן דרײַצן יאָר אַלט.

— „טענען!" (קענען) — ענטפֿערט לייבושל און וויל אַראָפּ פֿון טיש, ווײַל ער קען ניט לאַנג אײַנזיצן אויף איין אָרט. פֿאַרהאַלט אים דער פֿעטער און פֿרעגט:

— „און אויסלייגן ,ויטרא׳ (ער מאַכט נאָך לייבושלען) קענסטו?״

— „וואָס הייסט?״ — פֿרעגט לייבושל. ער פֿאַרשטייט ניט וואָס דער פֿעטער וויל פֿון אים.

— „ווי אַזוי שרײַבט מען ויקרא?״

— „ויטרא שרײַבט מען ניט, ויטרא איז אין דער הייליקער תורה!״

— ענטפֿערט לייבושל מיט פֿאַרדראָס. ער מיינט אַז מע לאַכט פֿון אים.

— „אָבער רוף אָן די אותיות פֿון ,ויקרא׳!״

לייבושל דערזעט פֿאַר די אויגן ווי עס שײַנען אין דער לופֿטן אות נאָך אות, וואָרט נאָך וואָרט, שורה נאָך שורה — און ער רופֿט אָן איין אות נאָכן צווייטן, אַזוי כּסדר וואָרט נאָך וואָרט, שורה נאָך שורה...

דער מאַמען ווערן די אויגן פֿײַכט. די באָבע שמייכלט. דער זיידע נעמט לייבושלען אַראָפּ פֿון טיש און גיט אים אַ קניפּ אין בעקל. דער טאַטע נעמט אים אַראָפּ פֿון דעם זיידנס קני און קושט לייבושלען...

ב.

יצחק-לייבוש איז שוין אַ בחורל פֿון פֿופֿצן יאָר. ער האָט זיך שוין געלערנט בײַ אַ סך מלמדים. ער איז שוין געווען אין דער פֿרעמד, אין אַ דערבײַאיקן שטעטל. איצט לערנט ער אַליין, פֿאַר זיך אין בית-מדרש. ער קען זייער אַ סך. ער האָט אַ טײַערן קאָפּ. מע רופֿט אים דער עילוי.

ער קען אויך אַ ביסל פּויליש און דײַטש. ער בענקט נאָך וויסן. אָבער וואו קען מען געפֿינען ביכער אויף צו לערנען? די ספֿרים אין בית-מדרש זײַנען אים שוין באַקאַנט.

לעבט אין זאַמאָשץ (אַזוי הייסט פּרצעס שטאָט, זי איז אין פּוילן) אַ מאָדנער מענטש. מיכל פֿידלער רופֿט מען אים. ער פֿירט אָן מיט דער קאַפּעליע קלעזמער. אָבער ער פֿירט זיך אַנדערש ווי די איבעריקע קלעזמער. ער לייענט אַ סך און וואוינט זיך אין אַ בײַדל, איינער אַליין הינטערן שטאָט.

דאָס בײַדל איז לעבן אַ גרויסן גאָרטן. יצחק-לייבוש האָט ליב צו שפּאַצירן אַליין הינטערן שטאָט. שטעלט ער זיך אָפּ לעבן גרויסן גאָרטן און קוקט און קוקט — —

ווי די זון פֿאַרגייט און עס פֿלאַמען ביימלעך אין גאָרטן; ווי די לבֿנה, אַ פֿולע און אַ בלאַסע, קומט אַרויס אַלץ העכער און העכער.

פּלוצעם רירט אים עמעצער אָן בײַם אַקסל. יצחק-לייבוש דרייט זיך אום: ס׳איז מיכל פֿידלער מיט אַ ספֿרל אין האַנט.

— „מע זאָגט אַז דו ביסט אַן עילוי. פֿאַרשטייסטו דאָ דעם מיין?״

יצח-לייבוש נעמט דאָס ספּרל אין האַנט. מיכל פּידלער הייבט אויף דאָס לאַמטערל. די שטעל אין ספּרל איז פאַרדרייט און אומקלאָר. אָבער יצחק-לייבוש כאַפּט אויף דעם מיין און פאַרטײַטשט.

— „ביסט דאָך טאַקע אַן עילוי... נו, וואַרט!" — און מיכל פּידלער פאַרשווינדט אין זײַן בײַדל. ער קומט צוריק אַרויס און אַנשטאָט אַ ספּרל — האַלט ער אין האַנט אַ גרויסן, שווערן, פאַרראָסטן שליסל.

— „נעם דעם שליסל, דו ביסט עס ווערט. איך וועל אין גיכן שטאַרבן. זאָלן די ביכער זײַן דײַנע!"

דער שליסל איז צו מיכל פּידלערס באַהאַלטענער ביבליאָטעק. יצחק-לייבוש דריקט פעסט צו צום האַרצן דעם שליסל...

די ביבליאָטעק איז אויפן בוידעם. יצחק-לייבושעס פיס ציטערן ווען זיי גייען אויף די טרעפּ. די האַנט ציטערט ווען ער לייגט אַרײַן דעם שליסל אין שליסללאָך. ער קומט אַרײַן אין אַ פינצטער צימערל. אַרום אַלע פיר ווענט — פּאָליצעס מיט ביכער, ביכער וואַלגערן זיך אויפן דיל.

— „איך וועל אַלץ לייענען און כּסדר! — מאַכט ער אָפּ בײַ זיך. אָבער אַלץ קען ער ניט, ווײַל חוץ פוילישע און דײַטשישע ביכער, זײַנען דאָרטן פאַראַן אויך פראַנצייזישע.

געפינט ער אַ לערנבוך זיך אַליין צו לערנען פראַנצייזיש. לערנט ער עס אויס אויף אויסווייניק — פון טאָוול ביז טאָוול. נעמט ער זיך צו די ביכער, נאָך דער ריי נאָך. שלינגט ער נאָוועלעס און וויסנשאַפט-לעכע ווערק, לידער און געזעצביכער. עס עפענען זיך פאַר יצחק-לייבושן נײַע וועלטן.

ג.

לעאָן פּרץ איז אין וואַרשע און עס גייט אים זייער שלעכט. אַט איז ער שוין באַלד פערציק יאָר אַלט און — ער מוז אָנהייבן דאָס לעבן פון דאָס נײַ. אים איז שוין גאָר גוט געגאַנגען. ער האָט שוין געהאַט אַ גוטע פּאָזיציע אין לעבן. ער האָט מיט יאָרן צוריק אויסגעהאַלטן אַן עקזאַמען און געקראָגן דאָס רעכט צו זײַן אַן אַדוואָקאַט. איז ער צען יאָר צײַט געווען אַן אַדוואָקאַט אין זאַמאָשץ, אין זײַן געבאָרן-שטאָט. בײַ אים האָבן געאַרבעט צוועלף מענטשן. ער האָט גוט פאַרדינט. אין די אָוונטן האָט ער גענלייענט לעקציעס פון יידישער געשיכטע אויף קורסן פאַר דערוואַקסענע וואָס ער אַליין האָט אָרגאַניזירט.

ער איז שוין באַוואוסט ווי אַ העברעיִשער דיכטער. אַ סך לידער זײַנע האָט מען געדרוקט אין פאַרשיידענע צײַטשריפטן און עס זײַנען אַרויס שוין צוויי ביכלעך מיט זײַנע העברעיִשע לידער. אמת, אים ציט

לעצטנס אַלץ מער און מער צו ייִדיש. און אויף ייִדיש האָט ער געדרוקט דערווײַל נאָר די גרויסע פּאָעמע „מאַניש" און עטלעכע קורצע דערציי־לונגען. ער האָט גרויסע פּלענער וועגן נײַע ווערק אויף ייִדיש. אָבער ווי קומט מען דערצו?

דער קאָפּ איז פֿאַרדרייט. מען האָט אים פֿאַרמסרט פֿאַר דער רוסישער רעגירונג אַז ער איז אַ לינקער, אַ רעוואָלוציאָנער. האָט ער פֿאַרלאָרן דאָס רעכט צו זײַן אַן אַדוואָקאַט. דעריבער איז ער עס געקומען קײַן וואַרשע, ער זוכט פֿון דאָס נײַ פּרנסה. ער פּרוּווט טאָן פֿאַרשיי־דענע זאַכן. עס גייט אָבער ניט. ס'איז שווער אין די מיטעלע יאָרן אָנ־צוהייבן אַ נײַ לעבן. אָבער מע מוז דאָך געפֿינען 'אַ באַשעפֿטיקונג.

ער האָט זיך באַקאַנט מיט איינעם אַ רײַכן מענטשן יאַן בלאָך. אַ מאָדנער נפֿש! ער האָט זיך געשמדט און איצט — — וויל ער העלפֿן ייִדן. ער וויל ווײַזן דער וועלט אַז ייִדן באַרויבן ניט פּוילן, אַז ייִדן זײַנען ניט קיין ליידיקגייערס, אַז ייִדן לעבן אָרעם און אַרבעטן שווער. וויל בלאָך אויספֿאָרשן די ייִדישע פּרנסות אין פּוילן. ער שטעלט אָן מענטשן וואָס זאָלן פֿאָרן איבער פּוילן, פֿון שטעטל צו שטעטל, און צונויפֿקלײַבן ריכטיקע ציפֿערן וועגן ייִדישע פּרנסות.

— „וויל לעאָן פּרץ אָננעמען אַזאַ אַרבעט?"

ס'איז נאָר אַ צײַטווײַליקע אַרבעט. אָבער ער נייטיקט זיך אַזוי שטאַרק. ס'איז פֿאַר אים אַ נײַער מין אַרבעט. אָבער דערפֿאַר וועט ער זען דאָס ייִדישע לעבן אין אַ סך קליינע שטעטלעך. ער וועט זען, ווי עס לעבט דאָס אָרעמע פֿאָלק, ער וועט ריידן מיט אַזוי פֿיל ייִדן, ער וועט אַליין אַ סך לערנען. און ער וויל דאָך גיין אין פֿאָלק!

ער נעמט אָן די אַרבעט! ער פֿאָרט אַרום אַ האַלב יאָר צײַט איבער פּוילישע שטעטלעך. די מאַטעריאַלן וואָס בלאָך האָט צונויפֿגעקליבן זײַנען פֿאַרלאָרן געגאַנגען. אָבער י. ל. פּרץ האָט אָנגעשריבן אַ סך דערציילונגען פֿון אמתן לעבן פֿון אָרעמע ייִדן....

ד.

יצחק לייבוש פּרץ איז פֿופֿציק יאָר אַלט. ער איז שוין אַ באַרימ־טער ייִדישער שרײַבער. ער האָט שוין אַ סך פֿאַרערערס און אַ ריי יונגע אָנהייבערס דרייען זיך אַרום אים.

מע פֿײַערט אַ טאָפּעלן יובילײ: פֿופֿציק יאָר פֿון געבוירן ווערן און 25 יאָר זינט ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן. עס איז אַ גרויסער יום־טובֿ. די פֿרײַנד האָבן צוגעגרייט דעם בעל־שמחה אַ וואונדערלעכע מתּנה: אַ פֿולע אויסגאַבע פֿון זײַנע „שריפֿטן".

דאָרטן זײַנען פֿאַראַן זײַנע לידער, די דערציילונגען וואָס גיבן בילדער פֿון אמתן איצטיקן לעבן און די דערציילונגען וואָס פֿאַרשע־נערן און פֿאַרהערלעכן געשטאַלטן פֿון ייִדישן אַמאָל. דער דיכטער פֿרייט זיך מיט דעם וואָס מען האָט צונויפֿגענומען אין איינעם זײַנע זאַכן, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין פֿאַרשיידענע אויסגאַבעס. אמת, ער פֿאַרדינט ניט פֿון די „שריפֿטן". אָבער ער קען אויסקומען אָן דעם: ער האָט שוין זינט יאָרן אַ באַשיידענע שטעל אין דער וואַרשעווער ייִדי־שער קהילה.

דער יובֿיליי־באַנקעט גייט דורך אין אַ געהויבענער שטימונג. יצחק־לייבוש פּרץ האָט אַזוי פֿיל פֿאַרשיידענע פֿרײַנד און פֿאַרערערס.

די פֿאַרשטייערס פֿון די אַרבעטער זײַנען אים דאַנקבאַר פֿאַר דעם וואָס ער האָט געטאָן פֿאַר די אַרבעטער, פֿאַר דעם וואָס ער האָט מיט זײַנע ווערק געוועקט דעם אַרבעטער צו קעמפֿן פֿאַר זײַנע אינטערעסן. און אָט איז דאָך דער דיכטער אַליין געזעסן חדשים־לאַנג אין טורמע, ווײַל מען האָט אים געכאַפּט אויף אַן אומלעגאַלער פֿאַרזאַמלונג.

די וואָס האַלטן זייער שטאַרק פֿון פֿאַרשפּרייטן בילדונג צווישן פֿאָלק זעען אין דעם בעל־שמחה איינעם פֿון די הויפּט־פֿאַרשפּרייטערס פֿון אויפֿקלערונג. זיי זײַנען צופֿרידן מיטן דיכטערס רוף צו מאַכן דאָס ייִדישע לעבן נײַער, פֿרײַער. און די וואָס האָבן זייער ליב דאָס שיינע פֿון דעם ייִדישן אַמאָליקן לעבן געפֿינען אין י. ל. פּרצעס שריפֿטן אַזוי פֿיל וואונדערלעכע געשטאַלטן פֿון אָט דעם רײַכן ייִדישן אַמאָל.

אַרום פּרצן זײַנען אויסגעוואַקסן און האַלטן אין אַנטוויקלען זיך אַזוי פֿיל נײַע שרײַבערס: דוד פּינסקי און יהואָש, אַבֿרהם רייזען און שלום אַש, ה. ד. נאָמבערג און נאָך און נאָך. איז ניט קיין וואונדער, אַז צום סוף פֿון אָוונט, ווען דער עולם איז פֿריילעך און לוסטיק — — נעמט מען זיך פֿאַר די הענט, מע גייט אַ קאַראַהאָד אַרום יצחק־לייבוש פּרצן, און מען זינגט דערבײַ:

„אונדזער רבינו! אונדזער רבינו!"

— — — — — — — — — — — — — — —

ס'איז אַפּריל 1915. ס'איז פּסח.

ס'איז דאָס ערשטע יאָר פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה. מען האָט פֿאַרטריבן ייִדן פֿון אַלע ערטער לעבן גרענעץ מיט דײַטשלאַנד. אַ סך ייִדן זײַנען אַליין געלאָפֿן פֿון וואוינערטער וואָס זײַנען ניט ווײַט פֿון די שלאַכטפֿעלדער. ערגער פֿון אַלץ איז עס פֿאַר קינדער. ווער וועט זאָרגן פֿאַר זיי?

יצחק-לייבוש פרץ צוזאמען מיט זײַן אלטן פֿרײַנד יעקבֿ דינעזאָן זאָרגן פֿאַר די קינדער! זיי קלײַבן צונויף געלט און בויען קינדער־היימען, קינדער־גאָרטנס. זאָלן די קינדער האָבן וואו צו זײַן, זאָל מען זיי דאָרטן געבן עסן, זאָל מען לערנען מיט זיי. ס׳איז אַ ביטערע צײַט — זאָלן יידישע קינדערלעך זינגען און טאַנצן!

און דער באַרימטער דיכטער ברענגט די קינדערלעך איטלעכן טאָג אַ מתנה — אַ קינדערלידל. ער איז שוין ניט יונג. ער ווערט באַלד 63 יאָר אַלט. זײַן האַרץ איז קראַנק — אַזוי פֿיל צרות אַרום! אָבער טרייסט קען מען געפֿינען אין אַ קינדערשן שמייכל. דאַרף מען אַרבעטן פֿאַר קינדער, שרײַבן לידלעך פֿאַר זיי.

הייבט ער אָן איין מאָל אַזוי:

אויף אַ בוים אין גרינעם וואַלד
אַ וואונדערלעכער פֿויגל שאַלט.
דער פֿויגל צעזינגט זיך אין אַ לויבליד —
שטילער, שטילער, דאַנקען וויל ער...

עס ווערט דעם דיכטער ניט גוט. ער בעט מע זאָל אים ברענגען אַ גלאָז וואַסער. ווען מען קומט מיטן גלאָז וואַסער, איז ער שוין טויט.

אויף מאָרגן איז געווען די לוויה. הונדערט טויזנט יידן פֿון וואַרשע האָבן באַגלייט זייער ליבן יצחק-לייבוש פּרצן, וואָס האָט געשאַפֿן אַזוי פֿיל טײַערס און שיינס און אַרויסגעוויזן אַזוי פֿיל הייליקס און טיפֿס בײַם יידישן פֿאָלק. וואָרעם אין די לעצטע יאָרן פֿון זײַן לעבן האָט י. ל. פּרץ אָנגעשריבן וואונדערלעכע מעשיות און ער האָט דאָרטן גרויס געמאַכט איינפֿאַכע, גלייביקע, האַרציקע מענטשן. ער האָט אָנגעשריבן זייער אינטערעסאַנטע דראַמעס און קלוגע עסייען. אַזוי פֿיל געשאַפֿן!

ס׳איז שוין איבער דרײַ צענדלינג יאָר נאָך י. ל. פּרצעס טויט. אין פֿאַרלויף פֿון אָט די יאָרן געדענקט דאָס יידישע פֿאָלק פּרצן. מע לערנט אים, מע לייענט אים, מע דערזעט אין זײַנע שורות אַזוינע שיינע און טיפֿע געדאַנקען. און יעדער מאָל ווען עס קומען שלעכטע צײַטן אויף יידן, זוכן מיר בײַ י. ל. פּרצן טרייסט און געפֿינען טרייסט:

אין די שיינע געשטאַלטן פֿון יצחק-לייבוש פּרצעס ווערק, אין די ריינע אידייען און אין דער ליבשאַפֿט צום יידישן פֿאָלק און צו אַלע מענטשן, ווײַל שיינע געשטאַלטן, ריינע אידייען און אַ גרויסע ליבשאַפֿט לייכטן אונדז אַרום פֿון יצחק-לייבוש פּרצעס שורות.

י. ל. פּרץ

צוויי ברידער

אויף יענער זײַט ים איז געשטאַנען אַמאָל
אויף הינערשע פּיסלעך אַ הײַזל אין טאָל.
געשטאַנען זיך פּשוט, אָן עזות, אָן שטאָלץ,
אָן פּוצעכץ, אָן צירונג — פֿון ליים און פֿון האָלץ!
אַ פֿענצטער אַ קליינטשיקס, נאָר חנעוודיק האָלט;
די זון — זי באַשיט עס טאָג־טעגלעך מיט גאָלד!
לבֿנה און שטערן
פֿאַרהאַלטן זיך גערן
און מאָלן מיט זילבער די שויבן!

דאָס האָט דער הימל די ליבע באַלוינט!
עס האָבן אין הײַזל צוויי ברידער געוואוינט.
עס האַלטן צוויי הערצער צוזאַמען געטרײַ,
שווער איז די אַרבעט, נאָר ס׳אַרבעט זיך פֿרײַ!
ווײַס איז דאָס מעבל, מיט קלײַען דאָס ברויט,
נאָר אַלץ איז בשותּפֿות — די פֿרייד און די נויט!
עס האָט זיך געלעבט,
די צײַט האָט געוועבט
איר לאַנגן, איר כּשרן פֿאָדעם!

נאָר איין מאָל באַווײַזט זיך אַ גאַסט אויף דער שוועל;
פֿול גינגאָלד, שמאַראַגדן, עס פֿינקלט זײַן פעל!
די שלאַנג איז געקומען מיט גלאַנץ און מיט פּראַכט.
דער עלטערער ברודער דערזעט זי און טראַכט:
עס איז אויף דער וועלט דאָך עשירות פֿאַראַן!
ווען איך האָב אַ שמאַראַגד, איך אָרעמער מאַן,
כ׳פֿאַרקויף אים, וואָס ניט?
כ׳וואָלט אויפֿן יאַריד
געקויפֿט מיר צו מעלקן אַ קו!

די שלאַנגען — זיי ווייסן, וואָס ס'טראַכט זיך ביי לייט;
זיווינקט אים און רופֿט אים אַוועק אָן אַ זייט
און זאָגט אים: „איי, ברודער! וואָלטסטו נאָר געוואָלט,
וואָלטסטו געהאַט שוין פֿול פֿעסער מיט גאָלד,
קרעלן, דיאַמאַנטן, בריליאַנטן אַ וועלט
און אַלץ, וואָס מע קען נאָר באַקומען פֿאַר געלט!
איך מאַך ניט קיין שפּאַס,
איך ווייס שוין דעם סוד,
איך קאָן דיר אים זאָגן אין וואַלד!"

די שלאַנג איז אַוועק, און דער יינגערער קלערט:
„ווי גאָט האָט זיך יעדן זיין שיינקייט באַשערט!
גיי, פֿרעג אים: דער גלאַנץ און די שיינקייט וואָס טויג?"
ביים עלטערן פֿלאַמט שוין די תּאווה אין אויג:

קרעלן, דיאַמאַנטן, בריליאַנטן — אַך, גאָט!
זי זאָל נאָר ניט נאַרן און זאָגן דעם סוד!
ער קוקט אויפֿן וואַלד,
און גנבֿעט זיך באַלד
פֿון ברודער אַרויס צו דער שלאַנג!

די זון גייט שוין אונטער, פֿאַרגאָלדט נאָך די זוים
פֿון וואָלקן אין הימל; און אונטער אַ בוים
זיצן שוין ביידע — דער מענטש און די שלאַנג;
זיי זיצן צוזאַמען און שמועסן שוין לאַנג.
ער ציטערט און ווייס ניט — פֿאַר פֿרייד, צי פֿאַר שרעק?
זי וויקלט דאָס האַרץ אים אַרום מיטן עק
און רעדט פֿון דיאַמאַנטן,
קרעלן, בריליאַנטן:
„אַלץ וועסטו האָבן גאָר גרינג!"

„באַטראַכט נאָר דיין ברודער: דאָס איז אַ פֿאַבריק
פֿון קרעלן, בריליאַנטן, דיאַמאַנטן און גליק!

עס טרעפֿט זיך, ער ארבעט, און וואונדערלעך היים
ווערט אים, דער שטערן באדעקט זיך מיט שוויים.
עס טריפֿן די טראָפּן... ער ווישט מיט דער האַנט.
לאָז נישט! דער טראָפּן — דאָס איז אַ דיאַמאַנט!
נאָר ארבעטן היים!
קלײַב אויף דעם שוויים!
שיטסטו אָן פֿעסער דיאַמאַנטן!"

„עס טרעפֿט — און אים פֿאַלט פֿון די ברעמען אַ טרער;
דו, שוטה, דו מיינסט, עס איז וואַסער, נישט מער,
און טרייסט אים, און האַלדזסט אים; דו האַלטסט עס נישט אוים
און קושסט אים די טרערן פֿון די אויגן אַרוים!
פֿאַרשווענדסט דײַן פֿאַרמעגן, דו נאַרישער קאָפּ!
לאָז וויינען, לאָז וויינען! און קלײַב יעדן טראָפּ!
אַ טראָפּ, האָב פֿאַרשטאַנד,
דאָס איז אַ בריליאַנט!
רײַך וועסטו זײַן ווי אַ קיניג!"

„דערנאָך האָט דײַן ברודער אַן איידעלע פֿעל:
אַ שטאָך מיט אַ נאָדל — דו האָסט שוין אַ קרעל!
בלוט — זאָגסטו — איז עס, בלוט — זאָגסטו — אַ קאָפּ?
דו נאַר! עס איז קרעלן, דו צאַפּ נאָר און צאַפּ!
זאָל ער נאָר בלוטן און בלוטן נישט קאַרג!
אָנשיטן וועסטו שוין קרעלן אַ באַרג!
דו האָסט אַ פֿאַבריק
און מאַך דיר דײַן גליק;
ביסט שטאַרקער און ווייסט שוין דעם סוד!

די ליפּן פֿאַרביסן, די פֿויסטן געבײַלט,
גייט שוין דער עלטערער ברודער פֿון וואַלד.
די אויגן, זיי ברענען און זוימען זיך שוואַרץ,
דאָך צאַפּלט די ליבע צום ברודער אין האַרץ.

ער טרייסט זיך: „איך וועל דאָך נאָר מאַכן אַ פּרוואוו;
אַ שטאָך וועל איך געבן, אַ קליינעם, נישט טיף;
מײַן ברודער? איך ווייס!
נאָר טרערן און שווייס,
הערסטו דאָך, זײַנען ברילִיאַנטן!"

עס הערט די לבֿנה נאָך די אייגענע נאַכט,
ווי ס'האָט אינעם שטיבל געוויינט און געלאַכט.
עס קוקן די שטערן אין פֿענצטער אַרײַן:
ווי לאַכט עס אַ ברודער בײַם ברודערס געוויין?!
די זון האָט צו מאָרגנס געוואונדערט זיך שטאַרק:
ווי שלאָגט עס אַ ברודער דעם צווייטן אין קאַרק?
עס וואונדערט צו גלײַך
דעם וואַלד און דעם טײַך:
וואָס איז עס אין שטיבל געשען?

און עס איז געקומען אויף ביידע גאָטס שטראָף!
דאָס גליק איז פֿאַרשוואונדן, עס ווײַכט זיי דער שלאָף.
אוועק איז די ליבע, דער פֿרידן אוועק.
דער שלאָפֿט ניט פֿאַר ווייטיק, דער צווייטער פֿאַר שרעק.
דער שרײַט: ס'איז מײַן עשירות, מײַן רײַכטום, מײַן גוט!
און יענער: ס'איז טרערן, מײַן שווייס און מײַן בלוט!

זיבן גוטע יאָר

א

דאָס איז אַ געשיכטע, וואָס איז געשען אינעם שטעטל טורבין.

אין טורבין איז געווען אַ מאָל אַ טרעגער, האָט ער געהייסן טוביה און איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן. איין מאָל, דאָנערשטיק, שטייט ער אַזוי אין מאַרק, און קוקט אויס, פֿון וואַנען וועט קומען זײַן הילף, ער זאָל פֿאַרדינען עפּעס אויף שבת. און דאָ שטייען די געוועלבן אַרום און אַרום ליידיק, מע זעט ניט, עס זאָל עמעצער קומען סחורה קויפֿן, עס זאָל זײַן וואָס אָפּצוטראָגן. הייבט ער נעבעך אויף די אויגן צום הימל מיט אַ געבעט, ער זאָל חלילה קיין פֿאַרשטערטן שבת ניט האָבן, און זײַן ווײַב סערל מיט די קינדער זאָלן ניט הונגערן אום שבת.

ווי ער איז אַזוי מתפּלל, דערפֿילט ער, אַז עמעץ גיט אים אַ צי פֿאַר דער פּאָלע. קוקט ער זיך אום, זעט ער פֿאַר זיך אַ דײַטשל, אָנגעטאָן ווי אַ שיסער אין וואַלד, מיט אַ פֿעדער אויפֿן קאַפּעליושל. און דאָס דײַטשל זאָגט צו אים אויף ריין דײַטש, וואָס מיר זעצן דאָ איבער אויף ייִדיש, מיט די ווערטער:

— הער, טוביה, דיר איז באַשערט געוואָרן זיבע גוטע יאָר, זיבן יאָר פֿון מזל און גליק און אוצרות געלט. ווענדט זיך עס אָבער אָן דיר, ווען דו ווילסט האָבן די גוטע יאָר. ווילסטו — וועט דיר אויפֿשײַנען דײַן מזל נאָך דעם הײַנטיקן טאָג, און איידער עס וועט אונטערגיין די זון, וואָס שטייט דיר איבערן קאָפּ, וועסטו קענען אָפּקויפֿן גאַנץ טורבין, אָבער נאָך זיבן יאָר וועסטו צוריק ווערן אַן אָרעמאַן, ווי דו ביסט געווען. און ווילסטו, — וועט די גוטע, געבענטשטע צײַט קומען ערשט צום סוף פֿון דײַנע יאָרן, און דו וועסט אַוועקגיין פֿון דער וועלט דער גרעסטער גביר.

ענטפֿערט אים טוביה:

— מײַן ליב דײַטשל, לאָז מיך געמאַך, וואָרעם איך בין, ניט פֿאַר דיר געדאַכט, אַ גרויסער אָרעמאַן, איך האָב אויף שבת ניט, און איך האָב דיר ניט מיט וואָס צו באַצאָלן פֿאַר דײַנע עצות.

אַז דאָס דײַטשל אָבער האָט אים ניט אָפּגעלאָזט און איבערגע־חזרט אים די ווערטער איין מאָל, צוויי מאָל און דרײַ מאָל, איז עס טוביהן שוין אַרײַן אין קאָפּ, ענטפֿערט ער אים:

— ווייסטו וואָס, ליב דײַטשל, אויב דו מיינסט עס ערנסט מיט מיר, און דו פֿרעגסט מיך באמת, מוז איך דיר זאָגן, אַז בײַ יעדער זאַך, וואָס קומט מיר פֿאָר, האַלט איך זיך אַן עצה מיט מײַן ווײַב סערל, און אָן איר קאָן איך דיר קיין קלאָרע תּשובֿה ניט געבן.

זאָגט אים דאָס דײַטשל, אַז עס איז זייער אַ גוטע זאַך, זיך אַן עצה צו האַלטן מיט דער פֿרוי, און ראָט אים, ער זאָל זי גיין פֿרעגן, און ער, דאָס דײַטשל הייסט עס, וועט דאָ שטיין און וואַרטן אויף אַ תּשובֿה.

טוביה קוקט זיך נאָך אַ מאָל אום אין אַלע זײַטן, קיין פֿאַרדינסט זעט ער ניט, טראַכט ער זיך: וואָס קאָן ער דאָ אָנווערן? ער וועט אַהיים גיין פֿרעגן. גייט ער אַרויס הינטער דער שטאָט, וואו ער האָט געוואוינט, כּמעט שוין אויפֿן פֿעלד, אין אַ ליימען שטיבל, איבער־שמועסן זיך מיט סערל זײַן ווײַב.

ב

ווי סערל האָט אים דערזען דורך דער אָפֿענער טיר (עס איז זומער געווען), איז זי אים אַרויסגעלאָפֿן אַנטקעגן מיט גרויס שמחה: זי האָט געמיינט, אַז ער ברענגט איר אַן אָנהייב אויף שבת. זאָגט ער איר־אָבער:

— ניין, סערל, זײַן ליבער נאָמען האָט מיר נאָך קיין פֿאַרדינסט ניט באַשערט, דערפֿאַר אָבער איז צו מיר געקומען אַ דײַטשל...

און ער דערציילט איר אַזוי און אַזוי, דאָס דײַטשל זאָגט, אַז עס זײַנען אים באַשערט זיבן גוטע יאָר, און עס ווענדט זיך אָן אים, ווען די גוטע יאָר זאָלן קומען — אַצינד אָדער צום סוף פֿון זייער לעבן. פֿרעגט ער בײַ איר אַן עצה: ווען?

טראַכט סערל ניט לאַנג און ענטפֿערט אים:

— גיי, מײַן ליבער מאַן, און זאָג דעם דײַטשל, אַז דו ווילסט די זיבן גוטע יאָר אויף דער רגע!

פֿאַר וואָס, סערל? — פֿרעגט טוביה פֿאַרוואונדערט — נאָך זיבן יאָר וועלן מיר דאָך ווערן צוריק אָרעמעלייט, און דעם יורד איז דאָך ערגער, ווי אַ פּראָסטן אָרעמאַן?

— פֿאַרזאָרג ניט, מײַן ליבער גוטער פֿרײַנד, די וועלט. דער־

ווײַל נעם, וואָס מע גיט דיר, און זאָג: „געלויבט איז גאָט יעדן טאָג!" בפֿרט, אַז מע דאַרף חדר-געלט פֿאַר די קינדער. מען האָט זיי מיר אַהיים געשיקט. אָט זע, ווי זיי שפּילן זיך אין זאַמד.

דאָס איז געגנוג געווען, טוביה זאָל צוריקלויפֿן צום דײַטשל מיט אַ קלאָרער תּשובֿה, אַז ער וויל די גוטע זיבן יאָר גלײַך.

זאָגט אים דאָס דײַטשל:

— רעכן נאָר איבער, טוביה, הײַנט ביסטו אַ מענטש מיט כּוח און קאָנסט פֿאַרדינען, אַ מאָל מער, אַ מאָל ווייניקער. וואָס וועט אָבער זײַן שפּעטער, אַז דו וועסט עלטער ווערן און וועסט זײַן אַ יורד, און אַזוי פֿיל כּוח צו דער אַרבעט וועסטו אויך ניט האָבן?

ענטפֿערט טוביה:

— הער, דײַטשל, מײַן ווײַב סערל וויל באַלד. ערשטנס, זאָגט זי: „געלויבט איז גאָט יעדן טאָג!" און הייסט אויף שפּעטער ניט זאָרגן, און צווייטנס, האָט מען אונדז די קינדער פֿון חדר אַהיים געשיקט...

— אויב אַזוי, — זאָגט אים דאָס דײַטשל, — גיי אַהיים, — און איידער דו וועסט קומען אין שטוב אַרײַן, וועסטו זײַן אַן עושר!

וויל ער אים פֿאָרט איבערפֿרעגן וועגן נאָך די זיבן יאָר, איז אים אָבער דערווײַל דאָס דײַטשל פֿאַרשוואונדן געוואָרן.

גייט ער, טוביה, אַהיים. געוואוינט, האָבן מיר שוין געזאָגט, האָט טוביה הינטער דער שטאָט, כּמעט אויפֿן פֿרײַען פֿעלד. קומט ער אָן צו דער שטוב, זעט ער, ווי די קינדער שפּילן זיך הינטער דער שטוב אין זאַמד. גייט ער צו, דערזעט ער, אַז זיי שאַרן אַרויס פֿון אַ גריבל ניט קיין זאַמד, נאָר ריין גאָלד. פֿאַרשטייט זיך, אַז מער האָט מען נישט געדאַרפֿט. עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די זיבן יאָר, די זיבן מזלדיקע יאָר.

ג

די צײַט לויפֿט אָבער פֿײַל פֿון בויגן, און זיבן יאָר גייען אַריבער געשווינד. קומט נאָך די זיבן יאָר דאָס דײַטשל צו טוביהן, אים אָנצוזאָגן, אַז די זיבן יאָר זײַנען אַריבער, און אַז הײַנט פֿאַר נאַכט וועט נעלם ווערן דאָס גאָלד אין שטוב און אַפֿילו דאָס גאָלד, וואָס זיי האָבן געקאָנט באַהאַלטן בײַ לײַטן.

טרעפֿט ער טוביהן, ווי ער שטייט אין מיטן מאַרק, ווי פֿאַר זיבן יאָר, און קוקט אויס אויף אַ פֿאַרדינסט. זאָגט ער אים: „הער טוביה, די זיבן יאָר זײַנען אַריבער!"

ענטפֿערט אים טוביה: „גיי, זאָג מײַן ווײַב סערל, ווײַל דאָס עשירות איבער די גאַנצע זיבן יאָר איז געווען בײַ איר אין דער האַנט.״

גייען זיי ביידע אַרויס אונטער דער שטאָט און קומען צום זעלבן ליימענעם הײַזל אויפֿן פעלד און טרעפֿן סערלען פֿאַר דער טיר. און זי איז אויך אָרעם געקליידט, ווי אַמאָל, נאָר איר פּנים שמייכלט.

זאָגט איר דאָס דײַטשל מיט די זעלבע ווערטער, אַז די זיבן גוטע יאָר זײַנען אַוועק.

ענטפֿערט זי אים, אַז זיי האָבן קיין גוטע יאָר נאָך ניט אָנגע־הויבן צו האָבן; אַז זיי האָבן קיין מאָל ניט געהאַלטן דאָס גאָלד פֿאַר זייער אייגנס, ווײַל, וואָס אַ מענטש פֿאַרדינט מיט זײַנע צען פֿינגער, דאָס איז זײַנס; און אַזוי עשירות וואָס קומט אָן שוויים און אומגע־זוכט, איז נאָר אַ פּיקדון, וואָס זײַן ליבער נאָמען לאָזט איבער בײַ מענטשן אין די הענט פֿאַר אָרעמעלייטס וועגן... זי האָט נאָר פֿון גאָלד אויף שכר־לימוד גענומען. דאָס איז גאָטס תּורה, מעג מען פֿאַר זײַן תּורה מיט זײַן גאָלד צאָלן, מער ניט! און אויב זײַן ליבער נאָמען האָט פֿון הײַנט אָן אַ בעסערן בעל־פּיקדון פֿאַר זײַן גאָלד, מהיכא־תּיתי, זאָל ער צונעמען און איבערגעבן אָן אַנדערן!

דאָס דײַטשל, וואָס איז געווען אליהו הנביא, האָט דאָס אויסגע־הערט און איז נעלם געוואָרן.

ער האָט עס איבערגעגעבן דעם בית־דין־של־מעלה (בעזדן שעל מײַלע), און דער בית־דין־של־מעלה האָט געפּסקנט, אַז עס איז קיין בעסערער בעל־פּיקדון ניטאָ פֿאַראַן, און די זיבן יאָר האָבן זיך ניט אויס־געלאָזט כּל־זמן טוביה און זײַן ווײַב סערל האָבן געלעבט.

י. ל. פּרץ

בײַם גוסס צוקאָפּנס

אין אַ פֿינצטערער נאַכט, צווישן געדויש, געשריי און געפּילדער אין גיהנום, שנײַדט זיך דורך אַ שאַרף שנײַדנדיקער באַפֿעל:

— „נחומקע פֿון זבאַראַש גייט אויס... — ער פֿלעגט זיך שנײַדן די נעגל ניט איבערגעהיפּט, אַוועקוואַרפֿן... ניט איין מאָל פֿאַרגעסן מנחה צו דאַווענען, — „ווער גייט נאָך זײַן נשמה?״

— „איך!" — רופט זיך אָן אַ שוואַרצער מלאך.

— „גרייט דערוויַיל צו אַ קאָכנדיקן קעסל סמאָלע."

ער שפּרינגט אונטער און פליט אַרויס פון גיהינום.

געשווינד פליִען שלעכטע מלאכים, צום גליק אָבער גוטע אויך; די גוטע זיַינען אפשר וויַיטער פון אונדז, נאָר דאָס גרעסטע רחמנות טראָגט זיי...

און אַז דער שוואַרצער מלאך איז צום קראַנקנס בעט געקומען, האָט ער שוין צוקאָפּנס אַ וויַיסן גוטן מלאך געטראָפן. ער איז געזעסן און האָט געטרייסט:

— „שרעק זיך ניט, אָרעמער מענטש, פאַרן טויט... עס איז נאָר אַ בריק, אַ קורצע גרענעץ צווישן פינצטערקייט און ליכט... פון זאָרג און אומרו, אַן איבערגאַנג צו רו און גליק..."

נאָר דער קראַנקער, דאַכט זיך, הערט ניט. ער איז פאַרטראַכט, און די פלאַמענדיקע אויגן בלאָנדזשען אַרום אויף די ווענט.

און דער שוואַרצער מלאך בליַיבט שטיין ביַי דער טיר און קוקט פאַרוואונדערט...

— „האָסט ניט קיין טעות, חבֿר?" — פרעגט ער דעם ליכטיקן מלאך.

— „ניין!" — ענטפערט דער גוטער — „איך בין געשיקט געוואָרן נאָך דער נשמה, נאָך דער ריינער באָרעמהאַרציקער נשמה; דו קענסט איבער איר קיין שליטה ניט האָבן!"

— „ער האָט ניט על פּי דין די נעגל געשניטן!..."

— „איך ווייס," — האַקט אים איבער דער גוטער מלאך — „נאָר דערפאַר קיין איינציקע רגע פאַר זיך ניט געלעבט... נאָר פאַר שוואַכע און קראַנקע, פאַר אַלמנות און יתומים, פאַר פאַרפינצטערטע, פאַרוואָגלטע, פאַרמאַטערטע..."

— „ביַי אונדז אין בוך איז פאַרשריבן, וויפל מאָל ער האָט מנחה פאַרפעלט..."

— „נאָר קיין מאָל ניט פאַרפעלט, ווען מען האָט געדאַרפט עמעצן העלפן; קיין מאָל ניט פאַרגעסן צו טרייסטן, צו האַרציקן און צו קרעפטיקן דאָרט, וואו די פליגל זיַינען אַראָפּגעפאַלן מיד, וואו די לעצטע האָפענונג, האָט זיך געדאַכט, איז פאַרשוואונדן..."

„ער האָט זיך קיין הויז ניט געבויט... דעם דאַך איבערן קאָפּ ניט פאַרריכט, זיַין בעט זיך ניט ווייך געבעט, אויף קיין נחת פון קינדער

ניט געהאַפּט... נאָר אַלץ פֿאַר אַנדערע... ווײַל אַלע אַנדערע האָט ער געהאַלטן בעסער פֿאַר זיך..."

שוואַרצע וואָלקנס ציִען זיך אין דרויסן איבערן הימל... אויף אַ רגע שנײַדט זיך דורך אַ בליץ.

דער בליץ האָט צום לעצטן מאָל דעם גוסס געזעקט.

— „ווער איז דאָ בײַ מיר ? ווער זיצט מיר צוקאָפּנס ?" — פֿרעגן די פֿאַרבערנטע ליפּן.

— „איך, איך, אַ ליכטיקער מלאך. פֿון זײַן ליבן נאָמען נאָך דײַן נשמה געשיקט!... קום מיט מיר!"

— „וואוהין ?" — פֿרעגט דער קראַנקער.

— „צום הימל אַרויף, אין גן־עדן אַרײַן!"

— „הימל... גן־עדן..." — שטאַמלט נאָך דער גוסס אין היץ — „און ווי אַזוי לעבט זיך דאָרט אין הימל, אין גן־עדן דאָרט ?"

— „גוט... פֿון גאָטס גענאָד באַשטראַלט... מיט גאָלדענע קרוינען אויף די קעפּ..."

— „גלאַנץ... גאָלד... קרוינען... וואָס וועל איך דאָרטן טאָן ?"

— „וועסט ניט דאַרפֿן טאָן... דאָרט איז אייביק רו, אייביק ליכ־טיקער נחת... קום!"

— „אָבער וואָס וועל איך דאָרטן טאָן ?" — דרייט זיך מיטן לעצטן כּוח דער גוסס אוים צום מלאך — „איז דאָרט דאָ וועמען צו העלפֿן, געפֿאַלענע אויפֿצוהייבן, קראַנקע צו היילן, הונגעריקע צו זעטיקן, דאָרשטיקע די ליפּן צו נעצן, פֿאַרלוירענע צו זוכן און געפֿינען ? דאָס איז דאָך מײַן גליק געווען!..."

— „ניין, דאָס ניט!" — ענטפֿערט מיט אַ ניט־זיכער קול דער מלאך — „דאָס איז דאָרט ניט פֿאַראַן, דאָרט וועט קיינער ניט דאַרפֿן דײַן הילף..."

— „און וואָס וועל איך דאָרט טאָן, מלאך ? דאָרט, וואו קיינער דאַרף מײַן נשמה ניט, מײַן האַרץ ניט ; ניט מײַן רחמנותדיקע טרער אין אויג, ניט מײַן וואָרט צו טרייסטן פֿון מויל, און ניט מײַן האַנט, אויפֿגעהויבן צו ווערן פֿון גרוב ?"

דער שלעכטער מלאך הערט און שטעקט אַרוים די צונג און באַ־לעקט זיך... אַ חוזק־שמייכל לייגט זיך אים איבערן מויל פֿון אויער צו אויער... ער עפֿנט דאָס מויל, און צוויי שורות ווײַסע ציין בליצן אויף אין דער פֿינצטערער שטוב...

און צערודערט זיצט דער ליכטיקער מלאך און ווייס ניט, וואָס צו ענטפֿערן דעם גוסס.

— „וואָס פֿאַרט, מלאך! וואָס פֿאַרט?"

און דער גוטער מלאך דרייט זיך אוים צום פֿענצטער און קוקט אַרוים צום הימל און וואַרט פֿון דאָרט אַן עצה און אַ ראַט... נאָר פֿאַרשלאָסן איז דער הימל; אַן אַ וואָרט, אַן אַ שטראַל, אַן אַ פֿונק... און עס יאָגן אַן אַלץ נײַע און נײַע, אַלץ שווערערע און שווערערע וואָלקנס — אַ שאָטן פֿאַלט איבערן ליכטיקן מלאכס פּנים, דער הימל זעט אוים האַרט און בייז, אָן רחמנות זעט ער אוים, ער האָט אים נאָך קיין מאָל אַזוי ניט געזען... ער בלײַבט פֿאַרציטערט.

מיט דער ווײַלע באַנוצט זיך דער שלעכטער מלאך און גייט צו צום בעט פֿון דער צווייטער זײַט.

— „קום בעסער מיט מיר!" — רוימט ער אײַן דעם גוסס.

— „וואוהין?"

— „דאָרט וואו דײַן האַרץ גלוסט... צו די אומגליקלעכע, הונגעריקע, דאָרשטיקע... צו די פֿאַרחלשטע און פֿאַרמאַטערטע, צו די פֿאַרלוירענע, פֿאַרשאָלטענע, צו די פֿון גאָט פֿאַרגעסענע... העלפֿן וועסטו ניט קענען, אָבער צוזאַמען לײַדן, מיטפֿילן..."

— „איך גיי! איך גיי!" — רופֿט דער קראַנקער אוים מיט קראַפֿט.

און דער ווײַסער מלאך איז אַוועק מיט ליידיקע הענט.

י. ל. פּרץ

אין פֿרעמדן וואַלד

איך גיי אַרום אין פֿרעמדן וואַלד.
עס לאַכט די זון, דאָך מיר איז קאַלט.
זינגען וויל איך, מײַן געזאַנג
ווערט פֿאַרשטומט אַן ווידערקלאַנג!

עס איז קיין פֿרײַע ליבע וועלט,
עס גרינט און בליט דאָס פֿרעמדע פֿעלד;
איך רײַס אַ בלום און לייג אין שוים, —
אַך, מיך שטעכט די פֿרעמדע רויז!

צו אַ בעסער לעבן



אַרבעט — טהאָמאַס ה. בענטאָן

שמעון פרוג

דאָס ליד פון דער אַרבעט

אַ לויב און געזאַנג דער מי און דער אַרבעט!
זינגט, גריסט זיי פֿון האַרצן מיט ליבשאַפֿט און היים!
געזונט זאָלן זײַן די הענט מיט מאַזאָליעס,
דער שטערן, פֿון װעלכן עס גיסט זיך דער שװײס!

געבענטשט זאָלן זײַן דער װאַרשטאַט, דאָס שפּינדל,
דער האַמער, די סאָכע, דער סערפּ און די זעג!
די װעלט איז פֿאַר אײנעם אַ בליִענדער גאָרטן,
פֿאַר טױזנט — אַ שװערער, אַ זומפּיקער װעג.

דער סערפּ איז פֿון שטאָל, דער האַמער פֿון אײַזן,
קיין צירונג קיין גרויסע זײַנען זיי ניט;
אין זיי אָבער ליגט אונדזער קראַפֿט, אונדזער לעבן,
אָן זיי איז אוממעגלעך איין איינציקער טריט.

טאָ לויבט זשע און זינגט דער מי און דער אַרבעט!
זינגט, גריסט זיי פֿון האַרצן מיט ליבשאַפֿט און היים!
געזונט זאָלן זײַן די הענט מיט מאַזאָליעס,
דער שטערן, פֿון וועלכן עס גיסט זיך דער שוויים!

ג. כאַנין

די מאַמע טאָר ניט וויסן

ג. קאָזלאָווסקי

די אַלמנה אסתּר האָט געהאַט דרײַ מיידלעך און איין ייִנגל, משהלע האָט מען אים גערופֿן. די מאַמע האָט זייער ליב געהאַט אירע קינדער. מער פֿון אַלע האָט זי ליב געהאַט איר ייִנגעלע.

די מאַמע האָט געאַרבעט שווער און ביטער. זי האָט דאָך באַדאַרפֿט שפּײַזן די גאַנצע משפּחה. זומער האָט זי געקליבן יאַגדעס אין וואַלד. די יאַגדעס האָט זי פֿאַרקויפֿט צו די רײַכע באַלעבאָסטעס. ווינטער האָט זי געפֿונען אַן אַנדער אַרבעט. ליידיק איז זי קיין מאָל ניט געזעסן.

זי האָט געוואַרט און געהאָפֿט, אַז נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר, איר זונעלע וועט אויסוואַקסן, ער וועט זיך אויסלערנען אַ מלאכה און וועט ביסלעכווײַז אָנהייבן צו פֿאַרדינען, וועט איר ווערן גרינגער, וועט זי ניט דאַרפֿן אַרבעטן אַזוי שווער.

צו דרײַצן יאָר האָט די מאַמע איר משהלען אָפּגעגעבן צו אַ

סטאָליער. זאָל ער זיך אויסלערנען סטאָליעריַי — האָט זי געטראַכט — דאָס איז אַ גוטע מלאכה.

משהלע האָט זיך גוט געלערנט. ער האָט ליב געהאַט די זעג און דעם האַמער. ער האָט ליב געהאַט מיט זײַנע אייגענע הענט צו מאַכן אַ טיש אָדער אַ שטול.

אַליין געמאַכט, — פֿלעגט ער מיט שטאָלץ אַ װײַז טאָן דעם באַלעבאָס זײַן אַרבעט. — איר זעט?

און ווען דער סטאָליער האָט אַרויפֿגעלייגט זײַן האַנט אויף משהלעס פּלייצעס און אַ זאָג געטאָן: „ס'אַ גוט שטיקל אַרבעט, דו קליינער, דו וועסט נאָך ווערן אַ גוטער באַלמעלאָכע", איז משהלע געווען אין זיבעטן הימל. ער האָט זיך געפֿרייט. עס האָט אים שוין ניט געאַרט וואָס ער דאַרף אַרבעטן פֿון אין דער פֿרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. ס'האָט אים שוין ניט געאַרט, וואָס אין דרויסן שײַנט די זון און ער קאָן זי ניט זען.

משהלע האָט געהאַט איין פֿאַרלאַנג: וואָס גיכער און וואָס בעסער זיך אויסלערנען די אַרבעט, וואָס גיכער קענען פֿאַרדינען אַ ביסל געלט און אַרויסהעלפֿן דער מאַמען.

גייען אַזוי טעג און חדשים, ווערן פֿון חדשים יאָרן. און... שוין... משהלע גייט שוין אַרויס פֿון דער לער. ער פֿאָרט אַוועק אין דער נאָענטסטער, גרויסער שטאָט. דאָ וועט ער זיכער אָנהייבן פֿאַרדינען געלט.

— מאַמע, ניט געזאָרגט, וועסט זען, איך וועל דיר שיקן געלט, דו וועסט זען, — האָט משהלע זיך געזעגנט מיט זײַן מוטער.

און די מאַמע: „זון מײַנער, דו פֿאָרסט אַוועק. ווער וועט אויף דיר אַכטונג געבן אין דער פֿרעמד? ווער וועט דיך אָפּהיטן אין דער פֿרעמד?"

***

אין דער פֿרעמד איז געווען אַלץ אַנדערש. דאָ זײַנען געווען אַנדערע גאַסן, אַנדערע מענטשן, פֿרעמדע מענטשן. דאָ איז געווען אַרבעט.

פֿאַרדינט משהלע אין אָנפֿאַנג ניט קיין סך. אָבער וויפֿל ער האָט נאָר געקאָנט, האָט ער מיט פֿרייד וואָך־איַין און וואָך־אויס געשיקט דער מאַמען, און דאָס איז אין דער היים גוט צו ניץ געקומען.

משהלע איז דאָ געווען אַליין, אָן פֿרײַנד, אָן באַקאַנטע. ס'איז

אים געווען אומעטיק אין דער גרויסער שטאָט. האָט ער געבענקט נאָך זײַן שטעטל, נאָכן וועלדל און טײַכל, נאָך דער שטילקייט, און מער ווי אַלץ נאָך די געטרײַע און אייגענע, נאָך זײַן מאַמען, זײַנע שוועסטער. און מיט אַ מאָל!... האָט ער זיך דערוואוסט, אַז דאָ, אין שטאָט, איז פֿאַראַן אַזאַ מין פֿאַראיין, וואָס מע רופֿט „בונד". אָט דער „בונד" איז אַ גרויסער פֿרײַנד פֿון אַלע עלנטע און אָרעמע מענטשן. אָט דער „בונד" שטעלט זיך אײַן פֿאַר יושר און גערעכטיקײַט.

מאַמעלע טײַערע, וואָס פֿאַר אַ גליק דאָס איז געווען פֿאַר דעם ייִנגל אין דער פֿרעמד!

זײַן באַלעבאָס האָט געוואָלט, אַז ער זאָל אַרבעטן לאַנגע שעהן. איז ווי באַלד ס'איז פֿאַראַן אַזאַ מין „בונד", וועט ער זיך דאָך פֿאַר אים אײַנשטעלן. וועט ער האָבן וואו אויסצודערציילן זײַנע לײַדן...

אַזוי האָט געטראַכט דער קליינער משהלע און ס'איז אים מיט אַ מאָל געוואָרן גוט.

ג. קאָזלאָווסקי

ער איז געקומען הערן און זען. ער איז געקומען צו געהיימע פֿאַרזאַמלונגען. ער האָט זיך צו־געהערט צו די רייד פֿון די פֿירערס פֿון „בונד". ער האָט מיטגעזונ־גען די הייסע לידער פֿון פֿרײַהייט. בײַ נאַכט, ווען די גרויסע שטאָט האָט געשוויגן, האָט ער געטראָגן אונטער דער פּאָלע פּעקלעך פּראָ־קלאַמאַציעס. מען האָט באַדאַרפֿט דערקלערן די ייִדישע אַרבעטער, וואָס מיינט דאָס סאָציאַליזם און וואָס ווילן די בונדיסטן טאָן, כּדי אין רוסלאַנד זאָל ניט הערשן קיין צאַר. אַ צאַר, וואָס ווייסט ניט פֿון קיין רחמנות, וואָס אונטערדריקט און דערשטיקט יעדן פֿרײַען געדאַנק.

משהלע איז געוואָרן אַן אייגענער מענטש אויף די פֿאַרזאַמלונגען, בײַ נאַכט אין וואַלד. ער האָט זיך פֿאַר גאָרניט געשראָקן.

איין מאָל זײַנען געקומען זשאַנדאַרן און האָבן אים אַרעסטירט. אַרעסטירט פֿאַרן געהערן צום „בונד".

איז ווען אַרט עס, וואָס מען דאַרף זיצן אונטער פּאָליצייאישער וואַך אין אַן אָפּגעשלאָסענער קאַמער?

— דו, קליינער חבֿר, פֿאַר וואָס האָט מען דיך אַהער געבראַכט?

— פֿאַר געהערן צום „בונד". — און דער ענטפֿער איז אַזאַ שטאָל־צער, אַזאַ פֿריידיקער.

— פֿון וואַנען ביסטו? ווייסן דײַנע עלטערן, אַז דו...

בײַ משהלען טוט אַ ציטער די אייבערשטע ליפּ. עפּעס רײַסט זיך אָפּ אין הארצן. און צום ערשטן מאָל דערפֿילט ער אַ ביטערן ווייטיק. די מאַמע! די מאַמע וועט זיך דערוויסן... און ער באַשליסט אויף גיך: ניין! די מאַמע טאָר דערפֿון ניט וויסן.

משהלע שיקט בריוו דער מאַמען, און ענטפֿערן הייסט ער אויפֿן אַדרעס אַזוי און אַזוי. ער לאָזט נאָר אויס דאָס וואָרט — טורמע.

גייען ווידער חדשים. בריוו אַהין און בריוו צוריק. די מאַמע פֿרייט זיך. די בריוו זײַנען פֿול מיט האָפֿענונג. און אין מיטן דרינען קומט צו פֿאָרן די מומע, דער מאַמעס שוועסטער. געקומען איז זי צו אַ דאָק־טער. איז פֿאַר איין וועגס וועט זי שוין זען וואָס מאַכט איר פּלימע־ניק, דער גוטער משהלע.

גייט אַזוי די מומע מיטן אַדרעס אין האַנט. גייט זי און גייט און זי קומט צו צו דער טורמע. זי פֿרעגט: „וואוינט דאָ ניט איינער מיטן נאָמען אַזוי און אַזוי?"

און מיט שפּאָט ענטפֿערן די פּאָליציי־לײַט: אוודאי וואוינט ער דאָ. ער האָט דאָ אַ גוטע קוואַרטיר. ער זיצט אויף קעסט בײַם צאַר.

פֿאַרשטייט ניט די מומע, וואָס דאָס באַדײַט. וואָס איר שוועסטערס ייִנגל איז אַ גנבֿ, צי גאָר?...

— ניין, — לאַכן די פּאָליציי־לײַט, — קיין גנבֿ איז ער גראָד ניט. ער איז נאָך ערגער פֿון אַ גנבֿ.

— ערגער! וואָס קען נאָך זײַן ערגער?

— ער איז אַ „בונדיסט". אַ רעוואָלוצ... יאָ... נער!

— אַ וואָס???

אין שטעטל האָט מען גערעדט: „דער קליינער משהלע, דער אַלמנהס ייִנגל, האָט געוואָלט אַראָפּוואַרפֿן דעם קייסער, זיצט ער דערפֿאַר אין טורמע און מע וועט אים פֿאַרשיקן קײַן סיביר".

די מאַמע האָט זיך די אויגן אויסגעוויינט. איר קינד? איר אויג אין קאָפּ, וויל גאָר אַראָפּוואַרפֿן דעם קייסער! ווי איז דאָס מעגלעך? ניין, זי האָט עס ניט געקאָנט פֿאַרשטיין.

אבֿרהם רייזען

דער קליינער מענטש מיטן גרויסן קאָפּ

אַמאָל איז געווען — און הײַנט לעבט ער נאָך אויך — אַ מענטש. איז ער געווען זייער אַ קליינינקער, הענטעלעך קורצינקע, פֿיסעלעך דאַרינקע, אַ הערצעלע ווי אַן אַרבעס, דערפֿאַר אָבער אַ קאָפּ ווי אַן עמער די גרייס.

דאָס דאָזיקע מענטשעלע איז געווען זייער שטאָלץ מיט זײַן גרויסן קאָפּ.

דער עיקר, קינדער, — פֿלעגט ער זאָגן, — איז דער קאָפּ. עס גייען פֿון קאָפּ אַזעלכע פֿעדעמלעך ביז אונטער די פֿיס, איר פֿאַרשטייט, קינדער? — ביז אונטער די פֿיס!

און דערבײַ האָט דאָס קליינע מענטשעלע מיטן גרויסן קאָפּ גענומען אַ זשאַבע, צעשניטן און געוויזן, אַז דער מענטש איז אויך אַזוי.

און קיינער האָט אים ניט געענטפֿערט ניין.

ווײַל דאָס קליינע מענטשעלע מיטן גרויסן קאָפּ האָט געהאַט אויך זייער אַ גרויסע צונג און האָט געקענט אַ סך, אַ סך רעדן.

און דערצו האָט דאָס קליינע מענטשעלע מיטן הערצעלע ווי אַן אַרבעס די גרייס געקענט ציילן ביז ביליאָנען, און האָט אַלץ אויסגעציילט.

***

איין מאָל האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט און געזאָגט:

ווייסט איר, קינדער, וויפֿל שטערן ס'זײַנען דאָ אויפֿן הימל? אַלע האָבן געשוויגן, קיינער האָט ניט געוואוסט.

און דאָס קליינע מענטשעלע האָט גלײַך אַרויסגענומען אַ בלויגלעזעלע פֿון קעשענע, צוגעשטעלט צו די אייגעלעך די קליינינקע און גערופֿן:

אָט וואַרט, באַלד צייל איך איבער.

איינס, צוויי, דרײַ, פֿיר, פֿינף...

נאָך דעם האָט עך עפּעס געמורמלט אונטער דער נאָז און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך צעזונגען:

צוויי הונדערט מיליאָן מיט זיבן און אַכציק טויזנט...

די מענטשנקינדער, וואָס זײַנען געשטאַנען אַרום, זײַנען פֿאַרוואונדערט געוואָרן פֿון דער גרויסער ציפֿער און פֿון גרויסן קאָפּ פֿון דעם קליינעם מענטשעלע, און זיי האָבן גענומען קריגן דרך־ארץ פֿאַר

אים און האָבן אים אַ נאָמען געגעבן: דער גרויסער חכם.
זײַנען אַ סך מענטשן געקומען צו אים.
איינער האָט געפֿרעגט:
וואָס איז ליבע?
ליבע? — האָט דער קליינער מענטש געמאַכט חוזק — ליבע איז... גאָרנישט מיט גאָרנישט... — איך האָב קיין מאָל קיינעם ניט ליב געהאַט.
דער פֿרעגער איז אַוועק אַ פֿאַרשעמטער. פֿון דעסטוועגן האָט ער דעם גרויסן קאָפּ געגלייבט, איז אַוועק אַהיים און האָט זיך גענומען צום לערנען און האָט אַזוי אַרום זיך באַפֿרײַט פֿון ליבע.
אַ צווייטער איז געקומען צום קליינעם מענטשן מיטן גרויסן קאָפּ און געפֿרעגט:
וואָס איז דאָס גלויבן?
גלויבן איז גאָרנישט מיט גאָרנישט! איך האָב קיין מאָל נישט געגלייבט... איך דענק!
און דער גלייביקער איז אַוועק אין אַ בוכגעשעפֿט און האָט געקויפֿט אַ צענדלינג ביכלעך און האָט זיך געלערנט ווי נישט צו גלייבן...
אַ דריטער איז געקומען און געפֿרעגט:
זאָג מיר, גרויסער קאָפּ, וואָס איז אַזוינס רחמנות?
האָט דער גרויסער קאָפּ חוזק געמאַכט, — דער קאָפּ ווייס ניט פֿון רחמנות — דער קאָפּ דענקט לאָגיש...
און דער מענטש, וואָס איז געווען אַ ווייכהאַרציקער, איז אַוועק און גענומען דענקען לאָגיש און האָט אַרויסגעוואָרפֿן אין דער זעלבער נאַכט זײַן אַלטן טאַטן אויף דער גאַס...

***

דער קליינער מענטש האָט דערזען, אַז מענטשן פֿאָלגן אים, איז ער נאָך שטאָלצער געוואָרן און האָט אָנגעהויבן לערנען, אַז מענטשן זאָלן זען פּטור צו ווערן פֿון זייערע הערצער און זיך נעמען צו דערציִען גרויסע קעפּ...
און ס'איז אויפֿגעשטאַנען אַ דור פֿון לויטער קעפּ...
זײַנען אין יענעם דור אַרומגעגאַנגען קליינע מענטשעלעך אָן ליבע, אָן גלויבן, אָן רחמנות...
עס איז געווען אַ צער אויף זיי צו קוקן.
אָבער זיי האָבן ניט געוואוסט, וואָס צער איז אַזוינס...
איז אין יענעם דור געבוירן געוואָרן בײַ אַ קליין מענטשעלע אַ זון.

האָט מען באַמערקט אַז דאָס קינד איז אַ קאַליקע.

עס האָט געהאַט אַ קליינעם קאָפּ מיט אַ גרויס, גרויס האַרץ.

האָבן די עלטערן גערופֿן דעם גרויסן קאָפּ און געפֿרעגט אַן עצה.

האָט דער גרויסער קאָפּ געענטפֿערט:

אַזאַ גרויס האַרץ איז איינס פֿון די גרעסטע קאַליקעס! ער וועט זײַן אַן אומגליקלעכער.

דאָס קינד האָט עס דערהערט און האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט...

וואָס באַטײַט עס, וואָס ער לאַכט?

ווײַל יענער דור מיט די גרויסע קעפּ האָט אויפֿגעהערט צו לאַכן...

און פֿאַר נייגער האָט מען דאָס קינד דערצויגן.

דאָס קינד איז געוואַקסן, און געוואַקסן איז דאָס האַרץ מיט אים.

עס האָט געהאַט שיינע לאַנגע פּיס, שיינע הענט, אַ געקרײַזטן קאָפּ און איז געווען אין זײַן וואוקס העכער פֿאַר זײַן גאַנצן דור...

צו פֿופֿצן יאָר איז ער שוין געווען אַזוי הויך, אַז ווען דער גאַנצער דור איז געשטאַנען אויף אַ באַרג, און ער — אין אַ טאָל, איז ער אַלץ העכער געווען.

און אַ שטים האָט ער געהאַט, איז זי געגאַנגען גלײַך פֿון זײַן ברייטן, גרויסן און טיפֿן האַרצן און אַרײַנגעדרונגען אין די הערצער פֿון די צוהערערס.

און אומגעקערט האָט ער זײַן דור די ליבע, און דעם גלויבן, און דעם רחמנות...

*****

דער קליינער מענטש מיטן גרויסן קאָפּ האָט דערזען, אַז דאָס האַרץ האָט אויך עפּעס צו זאָגן, איז ער געקומען צום יונג מיטן גרויסן האַרץ און האָט געטענהט:

איך לייקן ניט, אַז דאָס האַרץ פֿאַרנעמט אויך אַן אָרט אין מענטשנס גוף, אָבער דער קאָפּ... דער קאָפּ...

דער יונג מיט דעם גרויסן האַרץ האָט מיט רחמנות אָנגעקוקט דאָס קליינינקע מענטשעלע מיטן גרויסן קאָפּ און זיך אָנגערופֿן:

אומגליקלעכער, זע, דײַן גרויסער קאָפּ איז דאָך שוין ווײַס, באַלד שטאַרבסטו, און דו האָסט נישט געוואוסט פֿון ליבע, פֿון גלויבן און פֿון רחמנות.

דעם אַלטן מיטן גרויסן קאָפּ איז געוואָרן שווער... ער האָט געוואָלט וויינען, נאָר ער האָט ניט געקענט...

און ער איז אַנידערגעפֿאַלן צו די פּיס פֿון דעם יונג מיטן גרויסן האַרץ...

אַבְרהם רייזען

די וואַנט

די אויגן — פֿול צאָרן, פֿאַרגאָסן מיט בלוט,
די הערצער — זיי שלאָגן מיט קראַפֿט און מיט מוט.
מיר שטייען ביַי אַ הויכער, געמויערטער וואַנט
מיט העק און מיט האַמערס און אײַזנס אין האַנט —
מיר ברעכן די וואַנט!

די וואַנט איז געמויערט גאָר פֿעסט און גאָר דיק,
פֿאַרצוימט אונדז די וועגן צום לעבן, צום גליק,
פֿאַרשטעלט אונדז די ליכטיקע זון און זי מאַכט
פֿון פֿריילעכן טאָג אונדז אַ פֿינצטערע נאַכט. —
מיר ברעכן די וואַנט!

און פֿאַלט פֿון דער שטיינערנער וואַנט ווען אַראָפּ
אַ שטיין, צי אַ ציגל, טרעפֿט וועמען אין קאָפּ, —
די איבעריקע בלײַבן דאָך שטיין גאָר אָן שרעק
און אַרבעטן ווײַטער, מע לויפֿט ניט אַוועק: —
מיר ברעכן די וואַנט!

די אַרבעט דאַרף דויערן, די אַרבעט איז שווער. —
פֿאַרזאַמלט זיך, ברידער, קומט אַלע אַהער!
זאָל יעדערער צולייגן פֿעסטער זײַן האַנט!
מיר וועלן די הויכע, די פֿינצטערע וואַנט —
צעברעכן, צעברעכן!

שבועות

אַבֿרהם רייזען

נאָך גרינס

נאָך צווײַגעלעך, קינדער, אין וואַלד לאָזט זיך גיין,
און פֿריילעך מיט לידער כּסדר,
אַזוי ווי עס וואָלט אויף דער וועלט ניט געווען
קיין רבי, קיין קאַנטשיק, קיין חדר.

נאָך צווײַגעלעך, קינדער, נאָך צווײַגעלעך גייט,
און פּוצט אוים די אָרעמע שטיבלעך;
דער וואַלד איז ניט ווײַט, בײַ דעם שטעטל ער שטייט
און קוקט אַזוי וויין, אַזוי ליבלעך.

פֿאַרוואונדערט וועט ווערן דער אַלטער, דער וואַלד:
וואָס טוען דאָ ייִדישע קינדער? —
דערציילט אים: ס'איז שבֿועות — דערציילט עס אים באַלד,
און זאָל אים ניט זײַן צו קיין וואונדער...

און זוימט זיך וואָס לענגער און רײַסט וואָס מער אָן —
ניט האָט פֿאַר די טאַטעס קיין מורא:
הײַנט מעגט איר אין וואַלד זײַן, מ'וועט גאָרנישט אײַך טאָן —
עס איז דאָך לכּבֿוד דער תּורה!

דרײַ קעפּלעך

אַלע דרײַ, אַבֿרהמעלע (אַווּרעמעלע), משהלע און דבֿורהלע, זײַנען געבוירן און געוואַקסן אַלע אויף איין אָרט — צווישן וואַנט און צווישן אויוון. אַלע דרײַ זעען פֿאַר זיך אַלע טאָג איינס און דאָס זעלבע: דעם פֿריילעכן טאַטן, וואָס שנײַדט קאַרטאָן, קלעפּט שאַכטלען און זינגט ניגונים, און די פֿאַרזאָרגטע מאַמע, וואָס קאָכט און באַקט און קערט און ראַמט און איז קיין מאָל ניט פֿאַרטיק.

אַ גוטער, אוי אַ גוטער טאַטע בײַ זיי — אַ גאָלד! די מאַמע איז אויך אַ גוטע, נאָר זי האָט פֿײַנט, אַז מ'מאַכט איר אָן אין שטוב. זי וויל ניט אַז אַבֿרהמעלע זאָל שנײַדן די אָראָפּגעפֿאַלענע שטיק־לעך קאַרטאָן, אַז משהלע זאָל גנבֿענען פּאַפּ בײַם טאַטן, און אַז דבֿורהלע זאָל באַקן ברויט פֿון זאַמד מיט וואַסער... די מאַמע וויל, אַז די קינדער זאָלן זיצן שטיל, די מאַמע ווייס ניט אַפֿנים אַז יונגע נשמות רײַסן זיך, רײַסן זיך — וואוהין?... אין דרויסן! צו דעם ליכט! צום פֿענצטער! צום פֿענצטער!

בלויז איין פֿענצטער, איין שטיקל פֿענצטער. אַלע דרײַ קעפּלעך שלאָגן זיך פֿאַרן שטיקל פֿענצטער. און וואָס זעט מען דאָרט? — אַ וואַנט. אַ הויכע, אַ ברייטע, אַ גרויע, אַ נאַסע וואַנט. שטענדיק, אייביק איז זי נאַס. אַפֿילו זומער!... קומט אַ מאָל אַהער די זון? געוויס קומט אַ מאָל אַהער די זון, דאָס הייסט, ניט די זון אַליין, נאָר אַ שײַן פֿון דער זון, און דעמאָלט איז יום־טובֿ. דרײַ שיינע קעפּלעך שפּאַרן זיך צום שטיקל פֿענצטער, קוקן אַרויף, גאַנץ אויבן, און זעען אַ לאַנגן שמאָלן בלויען פּאַס, ווי אַ לאַנגע בלויע סטענגע.

— „אָ, זעט איר, קינדער? אָט איז הימל!”

אַזוי זאָגט אַבֿרהמעלע. אַבֿרהמעלע ווייס, אַבֿרהמעלע גייט אין חדר, ער לערנט שוין קמץ־אַלף. דער חדר איז טאַקע דאָ ניט ווײַט, די צווייטע שטוב, דאָס הייסט, די צווייטע טיר. אַך, וואָס אַבֿרהמעלע דערציילט זיך אָן פֿאַר אַ ווּאונדער פֿונעם חדר! אַבֿרהמעלע דערציילט, אַז ער האָט אַליין געזען אַ מאַשין, וואָס מ'נייט אויף איר אָן הענט... אַבֿרהמעלע דערציילט, אַז ער האָט אַליין געזען אַ וואָגן וואָס פֿאָרט אָן פֿערד... און נאָך אַזעלכע ניסים דערציילט זיי אַבֿרהמעלע, און משהלע און דבֿורהלע הערן און זיפֿצן און זײַנען אים מקנא, וואָס אַלצדינג ווייס אַבֿרהמעלע, אַלצדינג!

— „קינדער, אַנו טרעפֿט, וואָס וועט הײַנט דער טאַטע ברענגען

א מתנה פֿונעם מארק?"

אזוי זאָגט אַבֿרהמעלע, און די קינדער הייבן אָן טרעפֿן, וואָס וועט דער טאַטע זיי ברענגען אַ מתנה פֿונעם מאַרק. זיי רעכענען אויס אויף די פֿינגער אַלצדינג, וואָס ס'איז דאָ אין מאַרק, אַלצדינג וואָס אַ מענטשנס אויג קען זען, און וואָס אַ מענטשנס האַרץ קען גלוסטן: בולקעלעך, און בייגעלעך, און צוקערקעס. און קיינער האָט ניט געטראָפֿן. פייסע דער אײַנבינדער האָט געבראַכט צו טראָגן איצטיקס מאָל ניט קיין בולקעלעך, ניט קיין בייגעלעך, ניט קיין צוקערקעס — גראָז האָט ער געבראַכט צו טראָגן. אַ פּאַק מיט גראָז — מאָדנע, לאַנגע, גרינע, שמעקעדיקע גראָזן.

און אַלע דרײַ שיינע קעפּלעך, אַבֿרהמעלע, משהלע און דבֿורהלע — האָבן אַרומגערינגלט דעם טאַטער:

— „טאַטע, וואָס איז דאָס, אַט דאָס־אַ?"

— „דאָס איז גרינס."

— „וואָס הייסט דאָס גרינס?"

— „גרינס אויף יום־טובֿ?" יידן דאַרפֿן יום־טובֿ גרינס.

— „וואו נעמט מען דאָס, טאַטע?"

— „וואו מען נעמט עס? הם... אין מאַרק קויפֿט מען דאָס, אין מאַרק..."

אזוי זאָגט דער טאַטע און ער צעוואַרפֿט דאָס גרינע שמעקעדיקע גראָז איבער דער נאָר וואָס אויסגעקערטער שטוב, און ער קוועלט, וואָס ס'איז גרין און סע שמעקט, און ער זאָגט צו דער מאַמען פֿריילעך, ווי זײַן שטייגער איז:

— „פּעסיע, אַ גוט יום־טובֿ דיר!

— „מזל־טובֿ, די קינדער וועלן שוין האָבן וואָס אָנצואוואַרפֿן!"

אזוי ענטפֿערט די מאַמע ניט צופֿרידן. אַ מאָדנע מאַמע ביי זיי! קיין מאָל איז זי ניט צופֿרידן, אַלע מאָל איז זי פֿאַראומערט. שטענדיק פֿאַרזאָרגט.

און די דרײַ שיינע קעפּלעך קוקן אויף דער מאַמען, קוקן אויפֿן טאַטן, קוקן איינס אויף דאָס אַנדערע. און אַז טאַטע־מאַמע קערן זיך אָפּ אַ ווײַלע אויף אַ זײַט, טוען זיי זיך אַ וואָרף אַלע דרײַ אויף דער ערד, פֿאַלן צו מיטן פּנים צום שמעקעדיקן גראָז, קושן דאָס שמעקעדיקע גראָז, וואָס מ'רופֿט דאָס גרינס, און וואָס יידן דאַרפֿן דאָס אויף יום־טובֿ און מ'קויפֿט דאָס אין מאַרק.

אַלצדינג איז דאָ אין מאַרק, אַפֿילו גרינס. אַלצדינג קויפֿט דער טאַטע. אַפֿילו גרינס!... אַפֿילו גרינס!...

רב מאיר פון ראָטנבורג

יודל מאַרק

דער געפֿאַנגענער אין טורעם

א. דער וואַנדערער

דאָס איז געווען מיט 700 יאָר צוריק. איבער די ענגע גאַסן פֿון פּאַריז האָט מען געפֿירט אין וועגענער גרויסע ספֿרים. מען האָט זיי צונויפֿגענומען אין יידישע הייזער. דאָס זײַנען געוועזן גמרות, געשרי־בענע מיט דער האַנט. מען האָט די גמרות געבראַכט אויף אַ פֿרײַען פּלאַץ אין מיטן שטאָט. דאָרטן האָט מען זיי פֿאַרברענט.

— „די גמרות באַליידיקן דעם קריסטלעכן גלויבן", — אַזוי האָבן געשריִען די גלחים און האָבן געהעצט דאָס פֿאָלק.

אַ יונגער ייִד, מיט אַ קליין שוואַרץ בערדל, איז געשטאַנען פֿון ווײַטן און האָט זיך צוגעקוקט, ווי מען וואַרפֿט די גמרות אין פֿײַער אַרײַן. ער האָט געזען ווי קריסטן טאַנצן אַרום דעם גרויסן פֿײַער, ווי אַמאָליקע געצן-דינערס בײַ אַ ווילדער צערעמאָניע. עס איז אים געווען ביטער אויפֿן האַרצן און ער האָט זיך געטראַכט:

— „און מיר מוזן דאָס לעבן צווישן זיי! און מיר זײַנען נאָך צופֿרידן, ווען זיי לאָזן אונדז לעבן אין זייערע שטעט. זיי טרײַבן אונדז און שלאָגן אונדז, און זיי קענען ניט פֿאַרטראָגן וואָס מיר זײַנען גע־לערנטער ווי זיי. וואו געפֿינט מען אַן אָרט, וואו מען זאָל קענען רויִק לערנען?"

דער יונגער ייִד איז געקומען פֿון וואָרמס. דאָרטן האָט ער זיך שוין אויסגעצייכנט מיט זײַן קענען. אָבער ער האָט געוואָלט וויסן מער. און ער האָט געוואַנדערט איבער פֿאַרשיידענע שטעט, וואו עס זײַנען געזעסן גרויסע יידישע געלערנטע, און האָט אַלץ מער זיך אויסגעצייכנט מיט זײַן קענען און מיט זײַן שאַרפֿן מוח. ער האָט אין ערגעץ ניט גע־קענט פֿאַרבלײַבן לאַנג. עס זײַנען געווען זייער שווערע צײַטן פֿאַר ייִדן. אומעטום האָט מען ייִדן געשלאָגן, פֿון אַ סך ערטער האָט מען זיי פֿאַר־טריבן. און איצט, דאָ אין פּאַריז, ברענט מען ייִדישע ספֿרים.

און אַלע מאָל, ווען עס איז אים שווער, טראַכט ער: וואָס וואָלט דער פֿאָטער געזאָגט? און אים דוכט זיך אַז ער הערט דעם פֿאָטערס רויִקע שטים:

— „מאיר, מאיר, די תּורה וועלן זיי סײַ ווי ניט פֿאַרברענען!

וואָס מער זיי ברענען — אַלץ מער דאַרפסטו זען זי צו פאַרשפּרייטן.
זיי פאַרברענען — און דו צינד אָן וואָס מער ליכט פון דער תורה!"
און מאיר איז אַוועק פון פּאַריז און געקומען צוריק צו זײַן פאָטער ר' ברוך.

ב. — ייִדן פון באַגדאַד

אין גיכן איז ר' מאיר געוואָרן זייער אַ באַרימטער רבֿ. ער האָט זיך באַזעצט אין דער שטאָט ראָטנבורג, און איצט האָבן זיך אָהין געצויגן תּלמידים פון אַלע שטעט אויף ביידע ברעגן פון טײַך רײַן, וואו עס זײַנען געווען אַ סך ייִדן. דעם נאָמען ר' מאיר פון ראָטנבורג האָבן געוואוסט ייִדן אין די ווײַטסטע לענדער.

און פון אומעטום איז מען געקומען צו ר' מאירן מיט שווערע שאלות. אויב אַ רבֿ האָט ערגעץ אין אַ שטאָט ניט געוואוסט ווי צו ענטפערן אויף אַ שאלה, אויב אַ רבי וואָס האָט געלערנט גמרא האָט ניט פאַרשטאַנען אַן אומקלאָרע שטעל, — האָט מען די שאלה געשיקט קיין ראָטנבורג, צו ר' מאירן. רבי מאיר פון ראָטנבורג איז געוואָרן אַזוי ווי אַ רבֿ איבער רבנים.

און ייִדן האָבן איצט געלערנט תּורה מער ווי פריִער. עס איז טאָקע געוואָרן אַלץ ערגער, דאָס ייִדישע לעבן איז געוואָרן שווערער — אָבער די תּורה האָט געוואָרעמט און געטרייסט. און אַ טרייסט און אַ ליכט איז געווען דער גרויסער רבֿ פון ראָטנבורג.

איין מאָל זײַנען מיט שאלות געקומען ייִדן פון דער ווײַטער שטאָט באַגדאַד. זיי האָבן דערציילט אַז איצט קיניגט דאָרטן זייער אַ קלוגער כאַליף, וואָס איז גוט צו ייִדן. אַ ייִדישער דאָקטער האָט אים געראַטעוועט דאָס לעבן, און איצט איז אָט דער דאָקטער געוואָרן זייער נאָענט צו אים און דער כאַליף טוט אַלץ, וואָס דער ייִדישער דאָקטער ווײַזט אים אָן צו טאָן. זיי האָבן אים אויך דערציילט אַז ייִדן אין באַגדאַד זײַנען רײַך און זיי וואָלטן געקענט אויסהאַלטן אין כּבֿוד ר' מאירן און אַלע זײַנע תּלמידים. זיי האָבן אים געבעטן ער זאָל קומען צו זיי.

האָט ר' מאיר געענטפערט:

— „איך וויל טאָקע פאַרלאָזן דאָס לאַנד וואו מען שלאָגט אונדז און מען טראַכט אוים שלעכטס אויף אונדז. אָבער ניט קיין באַגדאַד וויל איך פאָרן, נאָר אין דער הייליקער שטאָט ירושלים. און אויב מען וועט דאַרפן קומען מיט שאלות, זאָל מען פאָרן קיין ירושלים."

די ייִדן פון באַגדאַד האָבן צוגעגעבן:

— „אויב דער רבי וויל ניט פֿאָרן קיין באַגדאַד, איז טאַקע דאָס גלייכסטע אַז ער זאָל קומען קיין ירושלים. דאָרטן וועט ער זיין אַ סך נעענטער צו אונדז. און ייִדן פֿון מזרח און ייִדן פֿון מערבֿ וועלן פֿאָרן קיין ירושלים, ווען זיי וועלן האָבן אַ שווערע שאלה.״

און די ייִדן פֿון באַגדאַד האָבן איבערגעלאָזט געלט, אַז ר׳ מאיר און זיין משפּחה און זיינע תּלמידים זאָלן האָבן מיט וואָס צו פֿאָרן קיין ירושלים.

ג. — געפֿאַנגען פֿון דעם קיניג

ייִדן האָבן יעמאָלט ניט געטאָרט אַרויספֿאָרן פֿון לאַנד אָן דער דערלויבעניש פֿון דעם דייטשישן קיניג. און דער קיניג האָט די ייִדן ניט געלאָזט אַרויספֿאָרן, ווייל יעדער ייִד האָט אים דאַך געצאָלט שטייערן. און אוודאי האָט דער קיניג ניט געוואָלט אַז אַזאַ באַרימטער רבֿ ווי ר׳ מאיר פֿון ראָטנבורג זאָל פֿאַרלאָזן זיין לאַנד. יעמאָלט וועלן נאָך אים נאָכפֿאָרן אַ סך אַנדערע ייִדן, און דער קיניג וועט אָנווערן אַ סך געלט.

ר׳ מאיר האָט דאָס גוט פֿאַרשטאַנען. האָט ער באַשלאָסן אין גע־היים אַוועקצופֿאָרן. ער איז געקומען קיין איטאַליע, אין אַ פּאָרט, פֿון וואַנעט ער האָט געקאָנט מיט אַ שיף פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל. דאָרטן האָט ער געוואַרט אויף זיין משפּחה. זי איז שוין אויך געקומען צו אים. ער האָט נאָך געדאַרפֿט וואַרטן אויף זיינע תּלמידים. ביסלעכווייז האָבן זיי פֿאַרלאָזן זייערע שטעט און זיינען געקומען צום רבין, כּדי צו פֿאָרן אין איינעם מיט אים קיין ארץ־ישׂראל.

מען האָט דאָס אַלץ געדאַרפֿט מאַכן אין געהיים. אָבער ר׳ מאיר איז געווען זייער באַרימט. זיינען אַ סך ייִדן געקומען פֿון פֿאַרשיידענע שטעט אין איטאַליע זיך געזעגענען מיטן גרויסן ייִדישן פֿירער. מען האָט געזען אַז עפּעס צו פֿיל ייִדן פֿאָרן אַהין און צוריק. האָט מען דאָס איבערגעגעבן דעם דייטשישן קיניג. האָט ער אָנגעשטעלט מענטשן, אַז זיי זאָלן דערגיין, וואָס קומט דאָ פֿאָר ביי ייִדן. און זיי זיינען דער־גאַנגען: ר׳ מאיר פֿון ראָטנבורג קלייבט זיך צו פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל.

דער קיניג רודאָלף האָט גענומען זיינע געטריישע דינערס און אין איינעם מיט זיי איז ער געקומען אין דעם איטאַליענישן פּאָרט. ער איז באַפֿאַלן ר׳ מאירן און זיינע תּלמידים, ווען זיי האָבן שוין געדאַרפֿט זיך זעצן אויף אַ שיף. ער האָט גענומען געפֿאַנגען נאָר ר׳ מאירן. ער האָט געוואוסט אַז אָן דעם רבין וועלן אויך די תּלמידים ניט אַוועקפֿאָרן.

— „פֿאַר וואָס ווילט איר פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד?" — האָט דער קיניג געפֿרעגט דעם רבֿ.

— „ווײַל מיר זײַנען דאָ קנעכט, אַזוי ווי אין מצרים", — האָט דער רבֿ געענטפֿערט.

— „אָבער פֿון מצרים האָבן ייִדן זיך ניט אַרויסגעגנבֿעט", — האָט דער קיניג געזאָגט, — „גאָט האָט זיי באַפֿרײַט און זיי זײַנען אַרויס אָפֿן און מיט געהויבענע קעפּ. וואַרט ביז מען וועט אײַך לאָזן אַרויס-פֿאָרן!"

— „מיר זײַנען ניט ווערט די ניסים וואָס גאָט האָט געטאָן מיט אונדזערע עלטערן אין מצרים, מוזן מיר אַרויס שטילערהייט. דאָ לאָזט מען אונדז ניט לעבן פֿרײַ און מען שטערט אונדז צו לערנען", — האָט דער רבֿ געזאָגט.

דער קיניג איז געוואָרן בייז וואָס דער ייִד רעדט אַזוינע מוטיקע רייד און ער האָט געזאָגט:

— „לעבן פֿרײַ וועט איר ניט קענען, אָבער לערנען — וויפֿל איר ווילט. איר וועט זיצן געפֿאַנגען אין אַ טורעם דאָס גאַנצע לעבן. עס וועט זײַן גענוג צײַט צו לערנען."

און דער קיניג האָט אַוועקגעפֿירט ר' מאירן אין אַ שלאָס אין על-זאַס. דער שלאָס איז געווען אויף אַ פֿעלדז. עס איז געווען שווער צוצו-קומען צו אים. דער שלאָס האָט געהאַט אַ שמאָלן און הויכן טורעם. דאָרטן האָט מען פֿאַרשפּאַרט ר' מאירן.

ד. — 20,000 זילבערנע מאַרק

ייִדן האָבן גיך זיך דערוואוסט וואו עס געפֿינט זיך ר' מאיר. מען האָט אים געבראַכט כּשר עסן. מען האָט אים געבראַכט ספֿרים צו לערנען, פּאַפּיר און טינט צום שרײַבן. פֿאַרשטייט זיך אַז דערבײַ האָט מען געדאַרפֿט אונטערקויפֿן די וועכטערס. אָבער וועט מען זיך אָפּ-שטעלן פֿאַר געלט צו העלפֿן ר' מאירן?

אין גיכן האָט מען אים אָנגעהויבן צו שיקן אויך שאלות, אַזוי ווי פֿריִער. אויב מען האָט ניט געקאָנט אַליין קומען צו אים מיט דער שווערער שאלה, האָט מען זי אָנגעשריבן און איבערגעגעבן זי דורך אַ וועכטער. אויף דעם זעלביקן אופֿן האָט ר' מאיר געשיקט זײַן ענט-פֿער.

אָבער ייִדן האָבן ניט געקענט זײַן רואיק. דער גרויסער ייִדישער

פֿירער איז אַ געפֿאַנגענער! האָט מען געמאַכט פֿאַרשיידענע פּלענער, ווי אַזוי אים צו באַפֿרײַען.

דער קיניג רודאָלף האָט געפֿירט אַ סך מלחמות און האָט געדאַרפֿט געלט. זײַנען צו אים געקומען ייִדן און האָבן געזאָגט:

— „די קרוין פֿון אונדזער קאָפּ, דער גרויסער רבֿ ר׳ מאיר, איז אַליין אין אַ ווײַטן שלאָס, אויף אַ הויכן טורעם. מיר זײַנען אָפּגעריסן פֿון אים און ער פֿון אונדז. זאָל דער קיניג אים באַפֿרײַען און מיר וועלן דערפֿאַר געבן אַ שיינע מתנה."

דער קיניג האָט פֿאַרלאַנגט 20,000 זילבערנע מאַרק. דאָס איז געווען זייער אַ גרויסע סומע געלט יענע צײַטן. דער קיניג האָט געמיינט אַז די ייִדן וועלן זיך דינגען. ער איז געווען זייער פֿאַרוואונדערט, ווען זיי האָבן גלײַך צוגעשטימט.

מען האָט צוגעלאָזט אַז עטלעכע ייִדן זאָלן קומען צו ר׳ מאירן און אים אָנזאָגן אַזאַ פֿריילעך נײַעס: ער וועט באַלד ווערן פֿרײַ! ייִדן קויפֿן אים אויס! מען קלײַבט שוין דאָס געלט וואָס מען דאַרף באַצאָלן דעם קיניג — און ווי נאָר מען וועט האָבן דאָס גאַנצע געלט, וועט ער קענען פֿאַרלאָזן זײַן איינזאַמען טורעם און קומען צוריק אַהיים, צו דער ווײַב און קינדער, צו די תּלמידים און פֿרײַנד.

ח. — דער חרם פֿון ר׳ מאירן

ר׳ מאיר האָט זיך זייער דערפֿרייט מיט די געסט. ער האָט שוין אַזוי לאַנג ניט געזען קיין ייִדן, ניט גערעדט מיט ייִדן! ער האָט בלויז געקענט שיקן בריוו. ער האָט שוין לאַנג געחלומט אַרויסצוקומען פֿון דעם ענגן טורעם. ער האָט געוואָלט זײַן מיט זײַנע קינדער וואָס ער האָט זיי שטאַרק ליב געהאַט, מיט זײַן ווײַב וואָס האָט נאָך אים גע־בענקט, מיט זײַנע תּלמידים וואָס ער איז געווען צוגעבונדן צו זיי ווי צו זײַנע אייגענע קינדער. ער האָט געוואָלט זײַן צווישן ייִדן, דאַוונען מיט ייִדן אין איינעם, שמועסן מיט פֿרײַנד, טרייסטן ייִדן אין נויט.

אָבער ער האָט זיך טיף פֿאַרטראַכט און נאָך דעם האָט ער געזאָגט:

— „ניין, מײַנע פֿרײַנד, איך קען ניט אײַנגיין אויף דעם פּלאַן. איך קען ניט דערלאָזן אַז איבער מיר זאָלן ייִדן אַוועקגעבן אַלץ וואָס זיי האָבן, אַז ייִדישע פֿרויען זאָלן אויסטאָן זייער צירונג, אַז אַלטע לײַט זאָלן אַוועקשענקען דאָס וואָס זיי האָבן אָפּגעשפּאָרט אויף דער עלטער. איך בין ניט ווערט קיין 20,000 זילבערנע מאַרק. דאָס איז ייִדיש האָב־

און־גוטס, איך קען ניט קויפן מיט דעם מײַן פֿרײַהייט. איך וועל בעסער בלײַבן אין טורעם.״

די ייִדן האָבן גענומען טענהן מיט ר׳ מאירן. זיי האָבן אים געזאָגט אַז ער איז פֿאַר זיי טײַערער ווי צען מאָל אַזוי פֿיל געלט וואָס עס בעט דער קיניג. זיי האָבן מיט אים גערעדט, ווי וויכטיק עס איז פֿאַר זיי אים צו האָבן שטענדיק בײַ זיך, צווישן ייִדן. ר׳ מאיר איז געבליבן בײַם זײַניקן:

— „ייִדן קומט אַן גענוג שווער צו פֿאַרדינען אַ גראָשן. מיט בלוטיקע ייִדישע גראָשנס וויל איך זיך ניט קויפֿן די פֿרײַהייט!״

און ווען די געסט זײַנען האָבן ווײַטער געטענהט, האָט ער נאָך צוגעגעבן:

— „אויב איר וועט מיך אויסקויפֿן, וועט דער קיניג זיך מאַכן אַ נײַ געשעפֿט. ער וועט כאַפּן ייִדישע פירערס און זיי פֿאַרשפּאַרן אין אַ טורעם, כּדי ייִדן זאָלן קומען צו אים מיט אויסקויפֿגעלט. און אויב ער וועט עס ניט טאָן, וועלן עס טאָן אַנדערע קיניגן. מען טאָר דאָס ניט דערלאָזן. מען דאַרף זיי ניט ווײַזן אַ נײַעם מיטל, ווי אַזוי אַרויסצוקריגן געלט פֿון ייִדן.״

ווען די געסט האָבן געזען אַז זיי קענען ניט אויספֿירן בײַ ר׳ מאירן, האָבן זיי אים געזאָגט:

— „איר זײַט איינער און מיר זײַנען אַלע קעגן אײַך. מיר וועלן סײַ ווי אײַך אויסקויפֿן, ווײַל מיר דאַרפֿן אײַך.״

האָט ר׳ מאיר אויף דעם געענטפֿערט:

— „איר האַלט מיך פֿאַר אײַער רבֿ, און ווי אײַער רבֿ פֿאַרווער איך עס אײַך צו טאָן. איך לייג אַרויף אויף דעם אַ חרם, אַ פֿאַרבאָט וואָס איר טאָרט ניט איבערטרעטן.״

ז. — אַליין אין טורעם

און וועלכער ייִד האָט דאָס געקענט זיך דערוועגן צו גיין קעגן דעם חרם פֿון ר׳ מאיר פֿון ראָטנבורג?

איז ר׳ מאיר דאָס גאַנצע לעבן געבליבן אין טורעם. ער האָט מער קיין מאָל ניט געזען זײַן ווײַב און זײַנע קינדער, זײַנע פֿרײַנד און זײַנע תּלמידים. ער איז געזעסן און האָט געשריבן תּורה, דערקלערונגען צו שווערע שטעלן אין גמרא, ער האָט געענטפערט אויף שאלות וואָס מען האָט אים צוגעשיקט. אָבער ער איז שטענדיק געווען איינער אַליין.

זומער איז אין טורעם געווען היים, אין הארבסט האט דער ווינט געפייפט און אנגעיאגט אן אומעט, ווינטער איז דארטן געווען קאלט. א שטומער וועכטער האט געבראכט דאס עסן, האט געבראכט א מאל א בריוו און האט צוגענומען די אנגעשריבענע בריוו פון ר׳ מאירן.

די בריוו זיינען געווען דער איינציקער פאדעם וואס האט פארבונדן ר׳ מאירן מיט דער יידישער וועלט, מיט די וואס לערנען גמרא, וואס פרעגן שאלות, וואס ווארטן אויף עצות. די בריוו האבן אנגעזאגט טרויעריקע און פריילעכע נייעס: די ווייב איז געשטארבן, אייניקלעך זיינען געבארן געווארן, די תלמידים זיינען געווארן גרויסע רבנים, נייע צרות קומען אויף יידן. און ר׳ מאיר איז געווען איינער אליין.

ער איז געווען איינער אליין אין די נעכט פון סדר, איינער אליין אין דער נאכט פון כל־נדרי, איינער אליין אין אלע טעג און אלע נעכט פון א גאנץ יאר.

די האר אויפן קאפ זיינען גרוי געווארן. עס איז אויך גרוי געווארן די לאנגע בארד. און די כוחות ווערן שוואכער, די הענט ווערן גיכער פארמאטערט ביים שרייבן. אבער מיט די לעצטע כוחות, ביזן לעצטן אטעם, לערנט ר׳ מאיר תורה, ענטפערט אויף שאלות, ווייזט אן ווי אזוי יידן דארפן זיך פירן — און ער שרייבט און שרייבט.

און אומעטום כאפט מען אויף זיינס א ווארט. און ווען מען האט מער קיין בריוו ניט געקראגן פון דעם איינזאמען טורעם, האט מען געוואוסט: ר׳ מאיר לעבט ניט מער.

ער איז אויסגעגאנגען איינער אליין, אן פריינד, אן אייגענע ארום זיך.

ז. — 13 יאר נאכן טויט

דער קיניג רודאלף האט שוין מערניט געלעבט, אבער זיינע קינדער האבן אויך געוואוסט אז ר׳ מאיר איז זייער א טייערער געפאנגענער. ווען ער איז געשטארבן, האט מען דעם קערפער ניט ארויסגעגעבן, נאר מען האט אים באלזאמירט און געהאלטן: זאלן יידן איצט באצאלן אויסקויפגעלט, אויב זיי ווילן אז זייער גרויסער פירער זאל קומען צו קבר ישראל, זאל באגראבן ווערן צווישן יידן, לויטן יידישן דין.

אבער עס איז דאך געווען דער אלטער חרם — מען טאר ניט אויסקויפן. איז דער קערפער געלעגן אין טורעם.

עס זײַנען אַוועק גאַנצע דרײַצן יאָר. איז געקומען אַ ייִד און געזאָגט:

— „אויב איך פֿאַרזינדיק זיך, נעם איך אויף זיך די שטראָף. ווען ר׳ מאיר האָט אַרויסגעגעבן דעם חרם, בין איך נאָך ניט געווען געבאָרן. ווי האָט ער געקענט האָבן מיך אין זינען דערבײַ? איך גיב אַוועק מײַן פֿאַרמעגן כּדי ר׳ מאיר פֿון ראָטנבורג זאָל קומען צו קבֿר ישׂראל. איך בעט נאָר, אַז ווען איך וועל שטאַרבן, זאָל מען מיך מקבר זײַן לעבן זײַן קבֿר.״

און מען האָט דעם קערפּער פֿון ר׳ מאירן געבראַכט פֿון דעם איינזאַמען טורעם און אים מקבר געווען אין וואָרמס, וואו ער איז געבאָרן געוואָרן. און די מצבֿה אויף זײַן קבר איז געשטאַנען הונדערטער יאָרן, ביז צו דער איצטיקער מלחמה.

און אפשר שטייט זי נאָך איצט אויך.

א לערנער — ש. פייגענסאָן

צער און קאַמף

ה. לייוויק

אַ וויגליד

אונטער דער געלער לאַטע
מאַך דײַנע אויגן צו, —
אין דאַכאַו איז דײַן טאַטע,
שלאָף, מײַן קינד, ליו־ליו.

אין דאַכאַו וואָס טוט ער?
און וואו איז דאַכאַו, וואו?
דער טאַטע איז אַ ייִד אַ גוטער,
זײַ אַ גוטער ייִד אויך דו.

צום קנוט, צום שלאָס און גראַטע
אַ קאָפּ אין בלוט פּאַלט צו.
אַ, ניין — ס׳איז ניט דײַן טאַטע —
ניט פּיבער, קינד, ליו־ליו!

כ׳וועל מער דיך ניט דערשרעקן
מיט בלוט, מיט וויי און וואונד;
אַ מאָל איז די לאַטע מיט עקן,
אַ מאָל איז די לאַטע רונד.

אַ מאָל איז רויט די לאַטע
און אַ מאָל איז די לאַטע געל,
אַ חלום, קינד, דײַן טאַטע
באַווײַזט זיך אויף אונדזער שוועל.

בלוט, שווייס און טרערן — מאקס באנד

ער גיט די טיר אַן עפֿן,
ער קומט אין שטוב אַרײַן,
דײַן הענגבעטל צו טרעפֿן
פֿאַר וואָס זאָל שווער אים זײַן?

ער נעמט דיך וויגן, וויגן,
און וויגט זיך אײַן אַליין;
דער טאַטע ליגט, בלײַבט ליגן,
דאַרף מער שוין אין דאַכאַו ניט גיין.

אַן אייביקער — דײַן טאַטע,
אַזוי ווי די אייביקע רו,
אַזוי ווי די געלע לאַטע —
שלאָף, מײַן קינד, ליו־ליו.

יעקב פּאַט

חנה — די ליכטיקע

א.

דאָס איז אַ מעשה וועגן אַ וואונדערלעכער ייִדישער פֿרוי, וואָס איז אומגעקומען אין אויפֿשטאַנד פֿון דער וואַרשעווער געטאָ.

זי האָט געהייסן חנה. איר פֿאַמיליע־נאָמען איז געווען ה ע ל ע ר. לאָמיר זי רופֿן — ח נ ה ד י ל י כ ט י ק ע.

זי איז געווען די בעסטע דאָקטאָרין פֿון קינדער. לאַנגע יאָרן איז אין מיטן די אָרעמע ייִדישע גאַסן פֿון וואַרשע, אויף דער שליסקאַ גאַס, געשטאַנען אַ גרויסער שפּיטאָל פֿאַר קראַנקע ייִדישע קינדער. צענדלינגער טויזנטער ייִדישע קינדער זײַנען אין פֿאַרלויף פֿון יאָרן געזונט געוואָרן אין דעם שפּיטאָל. חנה העלער איז דאָרט געווען די הויפּט־דאָקטאָרין.

זי האָט געהאַט אַ שוואַרצן קלוגן קאָפּ מיט גוטע בלויע אויגן. זי האָט געהאַט זייער פֿיל וויסן אין איר קאָפּ און פֿאַרמאָגט אַ סך ליבשאַפֿט אין איר האַרץ. זי האָט געוואוסט, אַז די וועלט איז אומגערעכט צו די אָרעמע און זי האָט ליב געהאַט די קינדער פֿון אָרעמען פֿאָלק.

אין אַ גרויסן גאָרטן זײַנען געשטאַנען דרײַ גרויסע שפּיטאָל־געבײַדעס און אין צענדלינגער זאַלן און צימערן זײַנען געלעגן קראַנקע ייִדישע קינדער.

פֿון אַלע ייִדישע אָרעמע גאַסן האָט מען זיי דאָרט געבראַכט. מאַמעס האָבן געטראָגן זייערע קינדער אין שפּיטאָל אײַנגעוויקלט אין וואָרעמע טיכער. טאַטעס האָבן געטראָגן אַהין זייערע קינדער, אײַנגעהילט אין ווינטער־מאַנטלען.

אין די אָרעמע און קאַלטע ייִדישע וואוינונגען פֿון וואַרשע האָבן געבושעוועט אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן — סקאַרלאַטין, טיפֿוס — און אַ גאַנצן ווינטער האָט דער שפּיטאָל פֿון שליסקאַ גאַס אַרויס־געכאַפּט די קראַנקע קינדער פֿון די אָרעמע און קאַלטע וואוינונגען און זיי געבראַכט אין גרויסן, וואַרעמען און ליכטיקן קינדער־שפּיטאָל.

חנה העלער איז אין שפּיטאָל געוואָרן די מאַמע פֿון די קינדער. הונדערטער קינדער ליגן אויף די ווײַסע בעטן פֿון שפּיטאָל, בלייכע, אויסגעדאַרטע, בלוט־אָרעמע און די מאַמע חנה, די גרויסע דאָקטאָרין, מיט אַ סך וויסן אין איר קאָפּ און אַ סך ליבשאַפֿט אין איר האַרץ, גייט פֿון איין שטאָק צום צווייטן, פֿון צימער צו צימער, פֿון זאַל צו זאַל, פֿון בעט צו בעט, פֿון איין קינד צום אַנדערן, און היילט, און העלפֿט, און שמייכלט, זאָגט אַ גוט וואָרט. אַזוי ווי דער שפּיטאָל וואָלט געווען אַ גרויסע שיף, וואָס שווימט מיט הונדערטער קינדער איבער געפֿער־לעכע כוואַליעס. זי, די מאַמע חנה, איז דער קאַפּיטאַן פֿון דער שיף. זי פֿירט די שיף זיכער און מיט אַ שמייכל אויפֿן פּנים. זי וועט דערפֿירן אירע הונדערטער קליינע פּאַסאַזשירן צום אינדזל פֿון לעבן!

אָפֿט דאַרף מען מאַכן אָפּעראַציעס. מען דאַרף אַ קינד אוועק־לייגן אויף דעם טיש פֿון די כירורגן און מיט אַ דאָקטער־מעסער שנײַדן אין קערפּער, כּדי אַרויסצונעמען דאָס שלעכטס, וואָס לאָזט ניט דעם קינד געזונט זײַן. זייער אָפֿט פֿלעגן די אָפּעראַציעס געמאַכט ווערן אין קינדער־שפּיטאָל שפּעט אין אָוונט, אין די נעכט. חנה העלער האָט ניט געוואוסט קיין שלאָף אין אַזעלכע נעכט. זי פֿלעגט מוזן זײַן בײַ יעדער אָפּעראַציע פֿון קינדער, שטיין איבערן קינד ווי אַ גרויסער דאָקטער און ווי אַ האַרציקע מאַמע. נאָך דעם, אַז אַ קינד פֿלעגט געזונט ווערן, זיך אויפֿהייבן פֿון בעט, שטעלן די ערשטע טריט, פֿלעגן שטיין אין חנה העלערס אויגן גרויסע טרערן פֿון פֿרייד, ווײַל אַ קינד איז געזונט געוואָרן.

— צוויי הערצער האָט זי — פֿלעגט מען זאָגן אין שפּיטאָל —

אַ שטרענגס און אַ ווייכס. דאָס שטרענגע האַרץ איז צו די דאָקטוירים אין שפּיטאָל, צו די שוועסטער, צו די מאַמעס—פֿון זיי פֿאָדערט זי שטאַרק און שטרענג אָרדענונג, איבערגעגעבנקייט, פֿאָלגן די געזעצן. דאָס ווייכע האַרץ איז צו די קינדער, וואָס ליגן קראַנק און שוואַך אויף די הונדערטער ווײַסע בעטן. צו די קינדער שמייכלט זי, גלעט די קינדער איבער די קעפּ, גיט זיי גוטע זאַכן.

ב.

אין סעפּטעמבער 1939 איז היטלער באַפֿאַלן פּוילן מיט זײַנע נאַצישע אַרמייען. וואַרשע האָט געברענט אַ חודש צײַט. צענדליגער טויזנטער מענטשן זײַנען דערהרגעט געוואָרן.

חנה העלער האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויף טאָג און נאַכט אין קינדער־שפּיטאָל אויף שליסקאַ גאַס. זי האָט געוואַכט איבער די פֿאַר־וואונדעטע קינדער. די ייִדישע גאַסן האָבן געברענט. אין סאַמע פֿײַער פֿון דער באָמבאַרדירונג האָט מען כּסדר געבראַכט פֿאַרוואונדעטע, פֿאַרבלוטיקטע קינדער אין קינדער־שפּיטאָל.

חנה העלער האָט ניט געוואָלט וויסן פֿון קיין זאַך — ברענט יאָ, ברענט ניט די שטאָט, — די קינדער ברענען דאָך אין היץ! — קומט פֿאַר די מלחמה, קומט ניט פֿאַר די מלחמה, פֿאַלט יאָ וואַרשע צו די נאַצים, פֿאַלט ניט וואַרשע — די קינדער פֿאַלן דאָך, די קינדער מוזן דאָך געזונט ווערן, די קינדער מוזן דאָך לעבן!... זי האָט געפֿירט איר „שיף" מיט טויזנטער פֿאַרוואונדעטע, צעקאַליעטשעטע, פֿאַר־בלוטיקטע קליינע עופֿעלעך אין סאַמע מיטן פֿון אַ פֿײַערדיקן ים.

די נאַצים האָבן פֿאַרנומען וואַרשע, זײַנען זיי געקומען אין איר שפּיטאָל זוכן פֿאַרוואונדעטע פּוילישע סאָלדאַטן. — זי זאָגט, אַז אין שפּיטאָל זײַנען דאָ בלויז קראַנקע קינדער און ניט קיין סאָלדאַטן. גלייבן זיי איר ניט. זיי וועלן זוכן און זי מוז גיין מיט זיי. וועלן זיי געפֿינען פּוילישע סאָלדאַטן, וועלן זיי זי דערשיסן. צוויי נאַצישע אָפֿיצירן מיט רעוואָלווערן אין די הענט פֿון ביידע זײַטן פֿירן זי. אַזוי גייען זיי מיט איר פֿון צימער צו צימער. די קראַנקע קינדער דערשרעקן זיך. אומעטום בעטן און אויף יעדער בעט אַ קראַנק קינד, אַ פֿאַרוואונדעט קינד. חנה העלער פֿאַרגעסט גאָר אָן די צוויי נאַצים מיט די רעוואָלווערן פֿון אירע ביידע זײַטן און זי שמייכלט צו די קינדער, לויפֿט פֿון איין בעטל צו דעם אַנדערן:

— ווערסט געזונט ווערן, ריווקעלע...

— דעק זיך איַין, בערעלע...

— מאַך צו די אייגלעך, שלאָף...

שפּעטער האָבן זיך אַוועקגעצויגן פיר שרעקלעכע, פינצטערע יאָרן אין דער וואַרשעווער געטאָ. די נאַצים האָבן געפּייַניקט די ייִדן ביז עס איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד.

אַלע גאַסן האָבן געברענט. צווישן די ברענענדיקע ווענט זייַנען געשטאַנען די ייִדישע קעמפּפערס און מלחמה געהאַלטן מיט די נאַצישע אַרמייען. באַמבעס האָבן אויפגעריסן. נאַצישע טאַנקען זייַנען צעשמעטערט געוואָרן — ייִדן, העלדישע ייִדן, מענער און פרויען, ייִדישע קינדער, אַלע צוזאַמען האָבן געקעמפּט מיט די נאַצישע מערדערס. נאַצישע עראָפּלאַנען זייַנען געפלויגן איבער דער געטאָ, וואָס איז געווען אַרומגענומען מיט פלאַמען און געוואָרפן באָמבעס. אונטן אויף די גאַסן, אויף די ראָגן, אויף באַריקאַדן, און אונטער דער ערד האָבן ייִדן זיך געשלאָגן מיט די נאַצים פאַר זייער ווערדע און גענומען נקמה.

צווישן די פלאַמען פון די ברענענדיקע גאַסן איז אַרומגעגאַנגען די מאַמע חנה מיט אַ זעקל מעדיצינען. זי האָט געגעבן הילף, אַרומגעבונדן וואונדן, געהיילט שטאַרבנדיקע, פאַרחלשטע, אַט איז זי געווען אויף איין ברענענדיקער גאַס און אַט — אויף אַ צווייטער. אַט איז זי בייַ איין פאַרוואונדעטן העלד און אַט בייַ אַ צווייטן. זאָלן באָמבאַרדירן די טאַנקען, זאָלן רוישן די עראָפּלאַנען, זאָלן שיסן די ביקסן — זי וועט היילן, זי וועט בינדן וואונדן.

און יונגע קינדער קעמפן אויך. די קינדער טראָגן געווער פון איין פלאַץ צו אַ צווייטן, די קינדער ווערן געשיקט מיט אָנזאָגן פון איין ייִדישער מחנה צו אַ צווייטער. די יונגע קעמפּפערס ווערן אויך פאַר־וואונדעט, פאַלן אויף די הייסע שטיינער, באַגאָסענע מיט בלוט.

דאָ איז אָבער באַלד דאָ די מאַמע חנה:

— „באַלד וועט, קינד מייַנס, גוט ווערן, עס וועט באַלד מערנים ווי טאָן... מערניט... מערניט..."

און ווען די מאַמע העלער איז געווען איַינגעבויגן איבער אַ פאַר־וואונדעט קינד און אים אַרומגעבונדן די וואונד, האָט זי אויך געטראָפן אַ נאַצישע קויל.

זי האָט ניט געקאָנט פאַרענדיקן אַרומבינדן די וואונד פון אַ קינד פון געטאָ.

לויפן פון פײַער — י. אײַנלעז

א. סוצקעווער

בילדער פֿון דער ווילנער געטאָ

די נאַכט פֿון שרעק

צוועלף ביי נאַכט איז אין געטאָ געוואָרן אַ טומל. עס איז אָנגעקומען פֿון געסטאַפּאָ אַ באַפֿעל: אַלע ייִדן, וואָס פֿאַרמאָגן „געלע שײַנען" דאַרפֿן מאָרגן פֿרי צוזאַמען מיט זייערע משפחות אַוועקגיין צו דער אַרבעט.

אין דער געטאָ האָבן נאָך דעמאָלט געלעבט אַ 23 טויזנט ייִדן. געלע שײַנען האָבן געהאַט דרײַ טויזנט. צוזאַמען מיט די משפחות — און די צוגעשריבענע — איז אַרום נײַן טויזנט. איז וואָס וועט זײַן מיט די איבעריקע? מיר האָבן פֿאַרשטאַנען: אויף די, וואָס וועלן איבערבלײַבן אין געטאָ, וועט זיך אויף מאָרגן אָנהייבן אַ שחיטה. ווער עס האָט נאָר געהאַט וואוהין צו אַנטלויפֿן איז אַוועקגעלאָפֿן זיך באַגראָבן.

איך האָב קיין געלן שײַן ניט געהאַט. בײַ מײַן פֿרוי איז אַזאַ שײַן געווען. בין איך אַרומגעלאָפֿן איבער די געסלעך, איך האָב ניט געוואָלט דערלעבן דעם באַגינען אין געטאָ.

איך בין אַנטלאָפֿן צו מײַן מאַמען. איר פֿאַרפּײַניקט פּנים האָט דערוועקט אין מיר אַ כּוח, נײַ בלוט אַרײַנגעגאָסן אין האַרצן. איך האָב זי באַהאַלטן אין אַ קעלער, דעם אַרײַנגאַנג צוגעדעקט מיט שטיינער, עס זאָל ניט זײַן קענטיק, און אַליין מיט אַ האַק אַוועקגעלאָפֿן צום טויער. איך האָב באַשלאָסן זיך דורכרײַסן. בײַם טויער האָב איך שוין געטראָפֿן אַ סך מענטשן. יעדער איינער האָט זיך געוואָלט דורכרײַסן, אַנטרונען ווערן, כאָטש אין שטאָט איז ניטאָ קיין באַהעלטעניש.

מיט דער האַק אונטערן מאַנטל האָב איך זיך דורכגעריסן צום טויער. איך האָב אַרויסגעצויגן די האַק און גענומען זעצן אין די ברעטער. דער פּאָליציאַנט אויף דער אַנדערער זײַט האָט דערהערט די קלעפּ, האָט ער אָן עפֿן געטאָן דעם טויער. אין דעם מאָמענט האָט זיך מיר און נאָך עטלעכע מענטשן אײַנגעגעבן דורכצורײַסן.

ווי נאָר איך האָב זיך דורכגעריסן דורכן טויער, האָב איך אַ פֿאַל

געטאָן אויפֿן ברוק. עס איז געווען איינס ביַי נאַכט. גיין טאָר מען ניט — וואו איך וועל זיך קערן, וועלן מיך פֿאַרהאַלטן פּאַטרולן. דער איינ־ציקער אויסוועג — זיך אַריַינכאַפּן אין דערבײַיאיקן קלויסטער.

די קלויסטערטיר איז געווען אָפֿן. איך בין אַריַין און האָב צוגע־מאַכט די טיר. איך האָב זיך אַרויפֿגעדרייט אויף די טרעפּ און צוגע־קומען צו די גלעקער. אַרום דער געטאָ זיַינען געשטאַנען קוילן־וואַרפֿערס. ייִדן זיַינען אַרומגעלאָפֿן אין געטאָ מיט ליכט און געזוכט אַ באַהעלטעניש.

* * *

ווי לאַנג וועל איך זיך באַהאַלטן אין קלויסטער? אין דער פֿרי וועט מען קומען און מען וועט מיך געפֿינען. עס איז מיר איַינגעפֿאַלן אַוועקצוגיין הינטער דער שטאָט אין דער געגנט זוויערינייעץ. איך האָב אויסגעטאָן די שיך, די האָק אַריַינגערוקט אין גאַרטל, פֿאַרשוואָרן זיך אַליין, ניט אַריַינצופֿאַלן קיין לעבעדיקער דעם שונא אין די הענט און שטילערהייט אויף די שפּיצפֿינגער האָב איך זיך אַרויסגעשאַרט פּאַזע דער וואַנט.

מיַין רעטערין

אַריבערגעגאַנגען די בריק, שוין אויף זוויערינייעץ, בין איך אַוועק זוכן מזל. אַזוי ווי איך האָב דאָ קיינעם ניט, האָב איך געמאַכט זיך אַ סימן: איך וועל אַריַינגיין אין דריטן געסל, אָנקלאַפּן אין דער זיבע־טער טיר, דאָרטן, האָף איך, וועל איך געפֿינען שוץ און רעטונג.

אַזוי בין איך אָנגעקומען אויף העלענע גאַס 21.

אַ באַרוועסע אַלטיטשקע האָט מיר געעפֿנט די טיר. איך בין אַריַין און מיַין צונג איז געווען געליימט. ניט געקענט אַפֿילו זאָגן קיין „גוט מאָרגן". איך האָב זיך געזעצט אויף אַ באַנק און געשוויגן. בלויז די האָק האָב איך אַרויסגעצויגן און זי אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש.

די אַלטיטשקע האָט פֿאַרשלאָסן די טיר, אַראָפּגעלאָזן אויפֿן שיַיבל דאָס פֿאָרהענגל און איז צוגעגאַנגען צו מיר. איך בין אַ ביסל געקומען צו זיך און איך האָב אָנגעהויבן צו דערציילן ווער איך בין, פֿון וואַנען איך בין אַנטרונען. אירע אַלטע אויגן זיַינען פֿאַרלאָפֿן מיט טרערן.

— „באַרואיק זיך, ליבער", — האָט זי מיר געגלעט דעם קאָפּ. — „דו וועסט זיַין ביַי מיר, איך וועל דיך אויסבאַהאַלטן ביז איבער דער מלחמה. אין קעלער וועל איך דיר צוגרייטן אַ בעט, דאָרטן וועסטו ביַי מיר וואוינען."

דערווײַל ביז וואָס האָט זי מיך אַרויפֿגעפֿירט אויפֿן בוידעם, מיר

געגעבן הייסע מילך, צוגעדעקט מיט דרײַ פּעלצן און געהייסן זיך אויסרוען.

אַז איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט איז שוין געווען אָוונט. די אַלטיטשקע איז אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן בוידעם, זיך אַוועקגעזעצט לעבן מיר און מיר האָבן לאַנג גערעדט. איך האָב איר דערציילט אַלצדינג, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט. דערציילט, אַז מײַן מאַמע איז אין געטאָ, אַז מײַן פֿרוי איז אויך דאָרטן און אַז איך ווייס ניט וואָס מיט זיי ביידן איז געשען.

— „זײַ געדולדיק", — האָט מיך געטרייסט די אַלטיטשקע. — „מיר וועלן זיך באַמיִען צו דערוויסן. און איצט קום מיט מיר. איך האָב אַרײַנגעטראָגן אין קעלער שטרוי, געמאַכט דיר אַ געלעגער; איך האָב אַרײַנגעשטעלט אַ קליין שײַבעלע, זאָלסט בײַ טאָג האָבן אַ ביסעלע ליכט."

מיר זײַנען אַראָפּ אונטן. דער אַרײַנגאַנג אין קעלער איז געווען אין דרויסן. די אַלטע איז צו ערשט אַרוים אויפֿן הויף, אַ קוק געטאָן צי קיינער גייט ניט, און מיך אויף שטום־לשון אַרויסגערופֿן.

אין קעלער איז געווען וואַרעם. מיט דעם ריח פֿון קאַרטאָפֿל האָב איך אײַנגעאָטעמט היימישקייט. איך בין אַרײַנגעקראָכן אין דעם שטרויענעם געלעגער און לאַנג, ביז טיף אין דער נאַכט אַרײַן, גערעדט מיט דער פֿינצטערניש.

* * *

אין דער פֿרי איז אַרײַנגעקומען יאַנאָווע — אַזוי האָט געהייסן די גוטע פֿרוי. מײַן באַשיצערין האָט געבראַכט מיר עסן און אַ בוך צום לייענען. זי האָט מיר אויך אָפּגעגעבן אַ גרוס פֿון איר מאַן. ער איז אַ גאַסן־קערער, דינט אין דער שטאָטישער עלעקטראָ־סטאַנציע. נעכטן בײַ נאַכט, ווען ער איז געקומען פֿון דער אַרבעט, האָט אים יאַנאָווע וועגן מיר דערציילט. דער אַלטער האָט זיך זייער איבערגענומען מיט זײַן פֿרוים גוטסקייט און האָט געזאָגט: „עס איז גוט אַזוי, מען דאַרף אַ מענטשן ראַטעווען." אויך זייער זון קאַזימיעזש ווייס שוין, אַז איך באַהאַלט זיך אויס ביי זיי אין קעלער. זי האָט אים אַוועקגעשיקט צו זען, וואָס עס טוט זיך בײַ דער געטאָ.

ווען דער זון איז צוריקגעקומען, האָט זי מיר דערציילט:

די געטאָ איז אַרומגערינגלט מיט קוילן־וואַרפֿערס. אינעווייניק הערט זיך אַ שיסערײַ. נאָענט צו דער געטאָ לאָזט מען קיינעם ניט צו. פֿון אַ באַגעגנטער קאָלאָנע אַרבעטער האָט זיך קאַזימיעזש דערוואוסט אַז אַלע די, וואָס האָבן געלע שײַנען, זײַנען אין דער פֿרי צונויפֿגענומען מיט

זייערע משפּחות אַוועק צו דער אַרבעט. ווער אָבער עס האָט ניט געהאַט קיין געלט שײַן, איז פֿאַרבליבן אין געטאָ, וואוהין עס האָבן זיך פֿאַר טאָג אַרײַנגעריסן דײַטשישע סאָלדאַטן. אין אָוונט איז ער נאָך אַ מאָל אַוועק צו דער געטאָ. ער האָט געזען ווי פֿון טויער זײַנען אַרויסגעפֿאָרן אויטאָס, פֿון די אויטאָס האָבן זיך געטראָגן געשרייען.

* * *

אין קעלער האָב איך ניט געקענט אײַנליגן. מיך האָט געהויבן פֿון אָרט. ווי אַזוי באַהאַלט איך זיך דאָ, ווען איך ווייס ניט דעם גורל פֿון מײַנע נאָענטסטע?

איך האָב אויסגעגאָסן מײַן ביטער האַרץ פֿאַר מײַן רעטערין. איך האָב איר דערציילט, וואָס מײַן שווער אַרבעט. מײַן שווער אַרבעט אין געריכט אויפֿן הויף. ער טראָגט דאָרטן שטיינער און ציגל אויף אויסצובויען אַ גאַראַזש. אויפֿן זעלבן הויף, לאָזט זיך אויס, קומט צו פֿאָרן איר שוועסטער פֿון דאָרף. זי האָט אַ דערלויבעניש אַהין אַרײַנצופֿאָרן און ברענגען קאַרטאָפֿל. מאָרגן, פֿרײַטיק, דאַרף קומען איר שוועסטער, וועט יאַנאָווע נעמען איר דערלויבעניש און וועט אַליין אַרײַנפֿאָרן אין הויף. זי וועט זיך שוין זען מיט מײַן שווער.

אויף מאָרגן איז טאַקע איר שוועסטער געקומען. יאַנאָווע האָט זיך אָנגעטאָן ווי אַ פּויערטע, גענומען בײַ דער שוועסטער די דער־לויבעניש. מיטגענומען, אַחוץ קאַרטאָפֿל, אַ גרויסן לאַבן ברויט און איז אַוועקגעפֿאָרן צום הויף פֿונעם געריכט, וואו ביז איצט האָט זיך געפֿונען די געסטאַפּאָ. אין אַ פּאָר שעה אַרום איז זי געקומען צוריק אַ גליקלעכע. זי האָט אויפֿגעזוכט מײַן שווער, אים איבערגעגעבן פֿון מיר אַ גרוס, אים איבערגעגעבן דעם לאַבן ברויט און זיך דערוואוסט דורך אים, אַז מײַן פֿרוי לעבט, אַז שוין צוויי טעג ווי נאָך דער אַרבעט לאָזט מען ניט גיין צוריק אין געטאָ, מע פֿירט זיי אַלעמען נעכטיקן אין דער לוקישקער טורמע.

יאַנאָווע האָט ניט גערוט. מײַנע לײַדן זײַנען געוואָרן אירע. זי איז געווען מיר איבערגעגעבן, ווי אַן אייגענע מאַמע. יעדן אין דער פֿרי פֿלעגט זי אַוועקגיין אין שטאָט און דערוויסן זיך, ווי עס האַלט אין דער געטאָ.

דורך יאַנאָווען האָב איך באַקומען אַ צעטעלע פֿון מײַן פֿרוי. אין דעם צעטעלע שרײַבט זי מיר, אַז מײַן מאַמעס באַהעלטעניש האָט אויסגעהאַלטן. די דײַטשישע שפּירהינט האָבן ניט געפֿונען דעם אַרײַנ־

גאנג. אין געטא איז הונגער. עס פֿעלן דאָרט טויזנטער מענטשן. עס גרייט זיך ווידער אַ שחיטה.

איך האָב איבערגעלייענט יאַנאָווען דעם בריוו און מיר האָבן ביידע גענומען טראַכטן וואָס צו טאָן. — מען דאַרף זען, זאָגט זי, אַז דײַנע נאָענטסטע זאָלן ניט לײַדן קיין הונגער. נאָך דעם וועלן מיר אַ טראַכט טאָן ווײַטער.

זי איז אַוועק אין שטאָט. אָפּגעהיט די צײַט, ווען מײַן שוועער מיט דער קאַלאַנע אַרבעטנדיקע קערן זיך אום אין געטאָ און האָט מיט אים אָפּגערעדט, אַז פּונקט נײַן אַ זייגער אין אָוונט זאָל מײַן פֿרוי זי אָפּוואַרטן אין דער געטאָ בײַ אַ באַשטימטן טויער. זי, יאַנאָווע, וועט קומען פֿון דער צווייטער זײַט און דורכשטופּן אונטערן טויער אַ לאַבן ברויט.

פּונקט נײַן אַ זייגער אין אָוונט פֿלעגט יאַנאָווע שוין זײַן בײַ דעם באַשטימטן טויער, זעקס קילאָמעטער פֿון איר היים, און אַרונטער־שפּאַרן ברויט פֿאַר מײַן הונגעריקער משפּחה.

איין מאָל האָט זי אַ פּאָליציסט געכאַפּט בײַם אַרונטערשפּאַרן דאָס ברויט. ער האָט געסטראַשעט, אַז אויב זי וועט נאָך אַ מאָל אַזוינס טאָן, וועט זי פֿאַרפֿוילט ווערן אין טורמע. אויף מאָרגן איז זי ווידער אַוועק, אַרונטערגעשטופּט ברויט און געבראַכט מיר בריוולעך. זי האָט ניט גערוט, געזוכט מיטלען ווי אַזוי צו ראַטעווען מײַן משפּחה. זי האָט אָפּגערעדט מיט איר שוועסטער, אַז איך, צוזאַמען מיט מײַן פֿרוי, וועלן אַריבערפֿאָרן צו איר אין דאָרף. אויך מײַן מאַמען וועט זי אַרויסנעמען פֿון געטאָ.

* * *

עס האָט אָנגעהויבן צו ווערן קאַלט. דער פֿראָסט האָט אײַנגע־פֿרירט מײַן שײַבל. יאַנאָווע האָט אַרײַנגעטראָגן אַ לעמפּעלע — מיר זאָל זײַן ליכטיק. מיר געבראַכט פּאַפּיר, איך זאָל קענען שרײַבן.

איין מאָל, עס איז געווען ערבֿ נײַ־יאָר, איז יאַנאָוועס מאַן אַראָפּ־געקומען אין קעלער און מיר געבעטן איך זאָל, ניט אַנדערש, אַרויפֿגיין אויבן, ער האָט צוגעגרייט בראָנפֿן, אַ גוטע סעודה, נאָר אַז איך ליג אין קעלער, קען ער זיך ניט צורירן צום עסן. קיין חשק האָב איך ניט געהאַט, נאָר עס האָט גאָרניט געהאָלפֿן. איך האָב זיך געמוזט אויפֿ־הייבן און בײַזײַן די סעודה.

בײַ דעם געדעקטן טיש איז געזעסן אַ גאַסט, דעם אַלטנס אַ קרובֿ, ער איז געקומען צו פֿאָרן אויף יום־טובֿ פֿון אַ קליין שטעטעלע אין דער

ליטע. אויף מײַן פֿראגע, וואס הערט זיך אין שטעטל, האט מיר דער פויער דערציילט:

אין דעם שטעטעלע האבן געוואוינט צוויי הונדערט ייִדן. לאנגע יארן האבן זיי געלעבט מיט די ליטווינער ווי ברידער. ווי נאר עס זײַנען ארײַן די דײַטשן, האבן זיי אויפֿגעקליבן די צוויי הונדערט ייִדן און זיי פֿארשפארט אין דער סינאגאגע. אויף מארגן איז געקומען דיטריך, דער שטעטלשער קאמיסאר, און מיט א בינטל שטרוי אונטערגעצונדן די שול.

דער געיאמער פֿון די ברענענדיקע איז גארניט מעגלעך צו דער־ציילן. צוויי פויערים זײַנען, צוזעענדיק די גרוילן, משוגע געווארן. א דריטער איז געווארן אזוי אויפֿגעבראכט, אז ער האט אויסגעשריִען צו די דײַטשן: „איר זײַט מערדער, ניט קיין מענטשן!" די דײַטשן האבן אים גלײַך דערשאסן און ארײַנגעווארפֿן אין פֿײַער.

* * *

די אלטינקע יאנאווע האט ניט אויפֿגעהערט צו העלפֿן מײַן משפחה. אחוץ ברויט פֿלעגט זי אויך אונטערשפארן אונטערן טויער פֿלייש און קארטאפֿל. א סך מאל האב איך זיך געמוטשעט מיט דער אלטיטשקער פשוט דינגען. איך האב זיך ניט געקענט פֿארגינען אנצונעמען אירע געשמאקע עסנס. איך האב געוואוסט, אז זי איז אן ארעמע און זי גיט מיר אפּ דעם ביסן פֿון איר מויל.

איין מאל האט יאנאווע מיר דערציילט:

אויפֿן קאטעדראל־פּלאץ האט זי געזען א תליה. דרײַ דײַטשן האבן געבראכט אהער אן עלטערן מענטשן און האבן אים עפּנטלעך אויפֿגע־האנגען. אויף זײַן ברוסט איז געווען צוגענייט א ווײַס שטיקל לײַווונט מיט שווארצע אותיות: „פֿארן אויסבאהאלטן א ייִדן."

— „נאר מיך", — זאגט די אלטיטשקע, — „וועלן זיי ניט איבער־שרעקן. איך האב זיי אין דר'ערד מיט זייערע געזעצן אין איינעם! — אויף צו להכעיס די דײַטשן, וועל איך דיך דווקא אויסבאהאלטן."

איך בין געווארן קראנק, האט מיך יאנאווע ארויפֿגעפֿירט אויבן, אין א זײַטיק צימערל, ארײַנגעלייגט אין בעט און גערופֿן צו מיר א דאק־טער. דערבײַ האט זי אויסגעמארקירט אזוי, אז ווען דער דאקטער איז געקומען, איז שוין געווען טונקל. דעם דאקטער האט זי דערציילט, אז איך בין איר זון, וואס איז אקערשט אנטלאפֿן פֿון דער קאטארגע

אין דײַטשלאַנד. דער דאָקטער האָט מיך אַרומגעזען, מיך אויסגעפֿרעגט וועגן דער שטימונג אין בערלין און איז געווען צופֿרידן, וואָס מען גלייבט ניט היטלערן. ער האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז בײַ מיר זײַנען אָנגערירט די לונגען און האָט מיר פֿאַרשריבן אַ רעצעפּט.

דעם דאָקטערס רעצעפּט האָט מיר געהאָלפֿן. איך האָב זיך דער־פֿילט בעסער. די אַלטיטשקע האָט זיך מיט מיר געאַמפּערט. זי האָט ניט געוואָלט, איך זאָל ווידער גיין אין קעלער. זי האָט אָפּגעטיילט דאָס צימערל מיט אַ פֿאָרהאַנג און קיינעם צו מיר ניט אַרײַנגעלאָזן.

פֿון דעסטוועגן בין איך אַראָפּ אונטן. איך האָב מורא געהאַט פֿאַר אַ מסירה. איך האָב גוט געוואוסט, אַז אויב מען וועט מיך מסרן און גע־פֿינען, וועט אויך מײַן רעטערין באַצאָלן מיטן לעבן.

מער אין קעלער האָב איך ניט געקענט אײַנליגן. דער גענאַמער פֿון געטאָ האָט מיך געוואָרגן ווי אַ שלייף. דער געדאַנק, אַז איך האָב איבערגעלאָזן אויף הפֿקר מײַן מאַמען, האָט מיך געדריקט. איך וועל אַוועקלויפֿן אויף צוריק און בעטן בײַ דער מאַמען מחילה.

יאַנאַווע האָט ניט געוואָלט מיך אָפּלאָזן.

— „זײַ דאָ", — האָט זי מיך אײַנגערעדט, — „איך וועל ברענגען דײַן מאַמען אַהער."

אין יענע טעג האָט זיך גראָד געמאַכט אַזוי, אַז אַ שכן פֿון הויף האָט מיך באַמערקט. איך האָב אויסגענוצט דעם צופֿאַל און בײַ נאַכט אַנטלאָפֿן פֿון דער באַהעלטעניש.

און איך בין געקומען צוריק אין די פֿאַרבלוטיקטע געסלעך פֿון דער געטאָ.

א. סוצקעווער

יִדישע שולן אין דער געטאָ

די לערערין מירע בערנשטיין האָט אין טאָג פֿון גיין אין געטאָ מאַרשירט מיט אירע תּלמידים צוזאַמען.

דעם זעלבן אָוונט האָט זי אויפֿגעקליבן אירע קינדער און געלייענט זיי שלום-עליכמס אַ מעשה.

אין אַן אַלטער קלויז אויפֿן שולהויף האָט זי אַריבערגעטראָגן איר שול, און אָנהייב איז די שול באַשטאַנען פֿון 130 תּלמידים. זי האָט זיי איינגעטיילט אין גרופּעס. ווען איין גרופּע האָט געלערנט, האָט די אַנדערע געקאָכט עסן, פֿאַרריכט קליידער. אין גיכן זיינען צוגעקומען לערערס: מלכּה חיימסאָן און דער לערער גערשטיין. חיימסאָן האָט געלערנט ליטעראַטור, און דער קראַנקער יעקבֿ גערשטיין — געזאַנג. די שילערס האָבן ליב געהאַט די לערערס, האָבן געפֿונען אין זיי די פֿאַרלוירענע עלטערן. יעדן באַגינען פֿלעגט מירע איבערציילן די קינדער, און אַלע אין דער פֿרי איז געווען קלענער די צאָל — דורך די נעכט פֿלעגט די האַנט פֿון די מערדערס אַוועקרייסן קינדער. נאָר אויף מאָרגן האָט מען געלערנט ווייטער.

אָקטאָבער, 1941, האָט מירע מיך פֿאַרבעטן אויף אַ פֿאָרשטעלונג אין איר שול. די קלויז איז געווען ניט צו דערקענען. דער אָרון-קודש איז באַהאַנגען מיט גרינס. אויף די פֿענצטער — וואַזאָנעס. די ווענט פֿאַרקלעפּט מיט אויפֿשריפֿטן פֿון יִדישע שרייבערס.

די קינדער — פֿון הונדערט מיט דרייסיק איז שוין פֿאַרבליבן פֿערציק — האָבן אַלע געלויכטן אין יום-טובֿדיקע העמדלעך. רויטע בלימעלעך האָבן באַפּוצט זייערע ברוסטן.

אין מיטן דער פֿאָרשטעלונג האָט זיך דערהערט אַ טומל. די פֿאָרשטעלונג איז געגאַנגען ווייטער. ווען אַ שאָס אָבער האָט דורכגעשניטן די שויב, איז מירע אַרויס אין דרויסן — זען וואָס דאָ טוט זיך. איבער די הויפֿן און געסלעך זיינען געלאָפֿן כאַפּערס. מען האָט געכאַפּט מענטשן און זיי געפֿירט צום אויטאָ, וואָס ביים טויער.

מירע איז אַריינגעקומען צוריק, אַרויף אויף דער בינע און געזאָגט:

— „קינדער, די וואָס ווילן אונדז אומברענגען זיינען דאָ אין געטאָ.

קיינער זאָל ניט שרײַען, זאָל זיך ניט צעלויפֿן. שטיל אָן טומל זאָל מען אַרונטערקריכן אונטער דער בינע. די ערשטע זאָלן אַרונטערגיין די יינגסטע, און אַזוי ביזן לעצטן, לויטן סדר פֿון די יאָרן.

אַ גאַנצע נאַכט האָט מירע געוואַכט בײַ דער טיר: אויב די כאַפּערס וועלן זיך אַרײַנרײַסן אין קלויז, וועט זי זײַן דער קרבן פֿאַר אַלע: די כאַפּערס וועלן מיינען, אַז דאָ איז קיינער מער ניטאָ און וועלן זיך באַנוגענען מיטן איינציקן קרבן.

די כאַפּערס זײַנען אין קלויז ניט אַרײַן. זיי האָבן אָנגעכאַפּט די באַשטימטע צאָל קעפּ און זײַנען אַוועק פֿון געטאָ.

א. סוצקעווער

די לערערין מירע

מיט לאַטעס אויף לײַבער, צעשניטן אין פּאַסן,
מע טרײַבט אונדז אין געטאָ, עס גייען די גאַסן.
אין תּפֿילין ווי קרווינען מאַרשירן די זקנים,
אַ קעלבעלע גייט מיט אַ דאָרפֿס־ייִד אין איינעם.

און צווישן זיי אַלע — די לערערין מירע.
אַ קינד אויף איר אָרעם — אַ גילדענע לירע.
אַ קינד אויף איר אָרעם, בײַם ענטל אַ צווייטן,
אַרום די תּלמידים, — באַגלייטן, באַגלייטן.

מע יאָגט איבער חורבֿות אָן ברויט און אָן פֿײַער,
דאָס ברויט איז אַ בוך, און דאָס ליכט איז אַ בלײַער.
פֿאַרזאַמלט די קינדער אין חרובֿער דירה,
עס לערנט זיי ווײַטער די לערערין מירע.

זי לייענט זיי שלום־עליכמס אַ מעשה,
עס פֿינקלען די קינדער און לאַכן בעת־מעשה.
זי פֿלעכט זיי מיט בלויאינקע סטענגעס די צעפּלעך
און ציילט איר פֿאַרמעג: הונדערט דרײַסיק די קעפּלעך...

צוגלײַך מיט דער זון איז די לערערין מירע
שוין וואך און זי ווארט אויף די קינדערלעך אירע.
זיי קומען. זי ציילט. אָ, ניט ציילן זיי בעסער!
דורך נאכט האָט דאָ צוואַנציק פֿארשניטן א מעסער...

פֿאַרבײַסט זי אַ ליפּ און מיט גבֿורה באַנײַטער
דערציילט זי פֿון לעקערטן, מונטערט זי ווײַטער.
— געקומען דער לערער געַרשטיין, מע וועט זינגען,
דער כאָר זאָל אריבער די מויערן קלינגען...

שוין קלינגט עס: „ניט ווײַט איז דער פֿרילינג..." נאָר אונטן
די העק און באַגנעטן צעטרייסלען די גרונטן.
מע שלעפּט פֿאָר די האָר פֿון די קעלערס און לעכער.
„ניט ווײַט איז דער פֿרילינג" פֿאַרקלינגט אָבער העכער.

שוין זעכציק פֿארבליבן אַן שוועסטער, אַן מאַמען...
די לערערין מירע איז אַלע צוזאַמען.
ס'איז נאָענט אַ יום־טובֿ, איז טײַבעלעך קינדער
אַ פֿאַרשטעלונג דאַרף מען באַווײַזן געשווינדער!

צום יום־טובֿ ניטאָ מער ווי פֿערציק... נאָר איטלעך
מיט ווײַסינקן העמדל, מיט ליכטיקע טריטלעך.
די בינע איז פֿריש, מיט אַ זון, מיט אַ גאָרטן,
מען קען אַזש אין טײַכל זיך אויסבאָדן דאָרטן.

בײַם לייענען פּרצעס דריטע מתּנה
האָט אונטערגעזעגט דאָס געבײַ די סכּנה.
זיי האָבן געכאַפּט! און פֿאַר טאָג איז געבליבן
פֿון הונדערט מיט דרײַסיק, בלויז מירע און זיבן.

א. סוצקעווער

דער נײַניעריקער קינסטלער

מײַן חבֿרטע, אַ לערערין אין געטאָ, איז אין אַ קאַלטן ווינטער־אָוונט פֿון יאַנואַר, 1943, געקומען צו מיר מיט אירן אַ נײַעם שילער — דעם נײַניעריקן זלמן. זי וויל מיר באַווײַזן זײַנע צייכענונגען. איך האָב פֿאַרגעסן, אַז איך געפֿין זיך אין געטאָ, אַז מיט אַ שעה פֿריִער איז אָנגעקומען די נײַ‬ס וועגן די שחיטות אין די לעצט געבליבענע ייִדישע שטעט און שטעטלעך. איך האָב באַטראַכט די צייכענונגען, און נאָך מער דעם בלייכן ייִנגעלע מיט די גרויסע העל בלויע אויגן, געקוקט אויף די דורכזיכטיקע אָדערלעך, אויף זײַן לײַכטן סודותדיקן שמייכל און דערפֿילט, אַז אין דעם ייִנגעלע איז פֿאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס איז שטאַרקער פֿון אַלע די, וואָס פֿאַרמעסטן זיך צו פֿאַרטיליקן אונדזער פֿאָלק.

איך האָב באַטראַכט די בילדער געצייכנט מיט אַ בלײַער אויף צופֿעליקע שטיקלעך פּאַפּיר — סקיצן פֿון קעפּ, ערגעץ אַ מאָל געזעענע.

אין יענעם אָוונט בין איך געוואָר געוואָרן, אַז צו אַלע אויסטער־לישקייטן אין ווילנער געטאָ איז צוגעקומען נאָך איינע — זלמן.

* * *

אין געטאָ איז ער אין גאַנצן אַ חודש. אַנדערהאַלבן יאָר איז ער צוזאַמען מיט זײַן מאַמען אָפּגעלעגן אין אַ מאַנאַסטיר, אויפֿן בוידעם. דער הויזוועכטער פֿלעגט אין די נעכט זיי אַרויפֿברענגען שפּײַז. זיי האָבן געהאָפֿט אויף אַזאַ אופֿן איבערצולעבן די מלחמה.

זלמן האָט ניט איין מאָל געזען דורך די שפּאַלטן פֿון בוידעם, ווי מען שלעפּט ייִדן מאַסנווײַז צו דער שחיטה. אַ בלײַער האָט ער געהאַט. פּאַפּירלעך אויך, האָט ער געצייכנט. גאַנצע טעג, אויך ווינטער, ווען דער פֿראָסט האָט דורכגעפֿרוירן זײַנע דינע, דורכזיכטיקע פֿינגערלעך, איז ער געזעסן אין אַ ווינקעלע און געצייכנט. איין טאָג האָבן עראָפּלאַנען באָמבאַרדירט די שטאָט און אָנגעצונדן זייער דאַך. זיי זײַנען קוים לעבעדיקע אַראָפּגעקראָכן. עס איז געווען ווינטער, אַ פֿראָסט. זיי האָבן ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווי צו קומען אין געטאָ.

די קינסטלער אין ווילנער געטאָ זײַנען געווען פֿון אים באַגײַסטערט. פּסח, 1943, האָט מען אין פֿאָיע פֿון געטאָ־טעאַטער געעפֿנט אַן אויס־

שטעלונג פֿון בילדער. אַ האַלבע וואַנט האָט געהערט זלמנען, אַחוץ די צייכענונגען, וואָס ער האָט געבראַכט פֿון בוידעם, זײַנען דאָ געווען שוין נײַע, געשאַפֿענע אין געטאָ גופֿא. איין בילד, געדענק איך, איז ווי מען גייט פֿון דער אַרבעט און די דײַטשן קאָנטראָלירן בײַם טויער. אַ צווייטס — געטאָ בײַ נאַכט. געצייכנט מיט טינט. אַ דריט בילד האָט דער קינסטלער אָנגערופֿן „איך אין דער שחיטה" — ווי אַזוי באַוואָפֿנטע פּאָליציסטן געפֿינען אים אין אַ באַהעלטעניש און שלעפּן אים צום טויט.

זלמנס בילדער האָבן זיך אויסגעטיילט פֿון אַלעמענס, כאָטש אין דער אויסשטעלונג האָבן זיך געהאַט באַטייליקט בײַ אַ צען ווילנער מאָלערס. און ער האָט טאַקע באַקומען די מאָלער-פּרעמיע פֿון דער געטאָ.

* * *

ס'האָט זיך דערנענטערט די ליקווידאַציע פֿון דער געטאָ. אויגוסט, 1943. אַ פֿרײַטיק. די גאַסן פֿול מיט געשרייען און פֿאַרביקע שמאַטעס. פּנימער, פֿאַרכאַפּט אין זונפֿאַרגאַנג, שפּריצן מיט משוגעת. אַ ייִדענע שפּאַרט זיך צווישן עולם מיט אַ טשאָלנט-טאָפּ, אײַלט צו דער בעקערײַ אים צו פֿאַררוקן אויף שבת, און גלײַכצײַטיק יאָמערט זי: „מען האָט דערשאָסן מײַנע דרײַ קינדער!" אַ זקן שלאָגט זיך אין הארצן און בעט אויף זיך דעם טויט; קינדער לויפֿן אַרום איבער די גאַסן; דאָקטוירים טראָגן אַ פֿאַרסמטע.

איך בין אַרײַן אויף שפּיטאָל-גאַס 7, וואו עס וואוינט זלמן. הינטער דער טיר לאָז איך איבער די גוססדיקע גאַסן.

אַרויפֿגעקאַשערט די אַרבל ביז אויבן, איז פֿאַרטאָן דער קינסטלער אין אויסקנעטן אַ פֿיגור פֿון ליים. זײַנע הענטלעך, ווי צוויי שטראַלן, רונדן זיך, בייגן זיך אַרום אַ פֿײַכטער ליימענער מאַסע, וואָס איז גע־האָרכיק און אונטערטעניק די באַוועגונגען פֿון מײַסטער. פֿון דער שטיק ליים וואַקסט אַרויס אַ קאָפּ און הייבט זיך שטאָלץ איבער מענערישע אַקסלען.

איך האָב געמיינט, עס איז אַ לעבעדיקער מענטש, אַ מענטש וואָס איז אײַנגעשמירט אין ליים... זלמן, וואָס האָט, ווײַזט אויס, מיך ביז איצט ניט באַמערקט, איז צו מיר צוגעגאַנגען, מיך באַגריסט מיט אַ שמייכעלע און גלײַך מיר אויפֿגעקלערט:

— „עס וועט זײַן משה רבינו, אַזוי ווי ער האָט אויסגעזען..."

די מאַמע האָט צוגעגעבן: „שוין אַ וואָך, ווי זלמן האַלט אין קנעטן

אַ פיגור. פֿון וואַנען ער האָט אויסגעגראָבן לײם, ווייס איך ניט. פֿון וואַנען ער קען די מלאָכה — ווייס איך אויך ניט. צום ערשטן מאָל ווי איך זע אים זיך אַרומפּאָרען אַרום לײם. פֿון פֿרי באַגינען ביז אין דער נאַכט אַרײַן איז ער אין דעם פּאַרטאָן. נעכטן איז געווען אַ לבנה־נאַכט, איז ער אויפֿגעשטאַנען, ווען אַלע זײַנען געשלאָפֿן, און איבערגעמאַכט די באַוועגונג פֿון אַ האַנט. זי דאַרף זײַן אַנדערש, האָט ער מיר אויפֿגעקלערט. און פֿאַר טאָג האָט ער אײַנגעדרימלט אין אַ ווינקל.״

***

צום לעצטן מאָל האָב איך געזען דעם קינסטלער עטלעכע שעה פֿאַר מײַן אַרויסרײַסן זיך פֿון געטאָ, דעם 12טן סעפּטעמבער, 1943.

עס איז געווען אין די טעג פֿון ווידערשטאַנד און געראַנגל. איך האָב געוואוסט, אַז מאָרגן וועל איך שוין דאָ ניט זײַן: אָדער איך וועל אומקומען מיט געווער אין האַנט בײַם דורכרײַסן די אַרומרינגלונג, אָדער איך וועל זיך ציִען דורך וועלדער צו אַ פּאַרטיזאַנען מחנה. איך האָב באַשלאָסן זיך צו געזעגענען מיט זלמנען.

איך בין צו אים אַוועק. די שפּיטאָל־גאַס — שוין דרײַ פֿערטל אַ פּוסטע. מויערן אויפֿגעריסן מיט דינאַמיט. די גאַסן קוים ·דורכצוגיין. איך באַגעגן דעם ד״ר פֿעלדשטיין, געוועזענער דירעקטאָר פֿון קאָוונער גימנאַזיע. ער איז אַלט און גרוי געוואָרן, ווי באַשאָטן מיט אַש. ער זוכט בײַ מיר אַן עצה. וואָס טוט מען? איך ראָט אים אַוועקצוגיין נאָך הײַנט אין שטאָט צו זײַנע ניט־ייִדישע באַקאַנטע, וואָס האָבן אים פֿאַרגעלייגט בעת אַן אומגליק צו קומען.

מיר זײַנען ביידע אַרײַן צו זלמנען. עס איז ווידער זון־אונטערגאַנג. נאָר דאָס צימערל זעט שוין אויס אַנדערש. פֿון די אויפֿרײַסן איז אָפּגעפֿאַלן דער טינק. די זעלבע ווענט, וואָס זײַנען נאָך ניט לאַנג באַצירט געווען מיט זלמנס בילדער, זײַנען איצט הויל און צעשפּאָלטן. נאָר אין ווינקל בײַם פֿענצטער איז די פֿיגור פֿון משהן. משה אָנגעלענט אָן אַ שטיין פֿול מיט מעכטיקייט און צאָרן. זלמן שטייט אַ שטילער, אַ לויטערער און פֿאַרגלעט אַ באַק פֿון דער סקולפּטור — נעכטן בעת דער שיסערײַ איז דאָ דורכגעפֿלויגן אַ קויל.

***

אין וואַלד האָב איך ניט געקענט רוען. איך האָב אָנגעווענדט אַלערליי מיטלען זיך צו דערוויסן וועגן זלמנס גורל. אָבער אָן רעזולטאַט.

די פֿאַרבינדלער, וואָס זײַנען געגאַנגען פֿון וואַלד אין ווילנע, האָבן מיר איבערגעגעבן בלויז איינס: די געטאָ איז ליקווידירט. אויף דער באַן העַנגט אַ שילדל: „יודען ריין!" אין שטאָט זײַנען פֿאַראַן צוויי קאָנ־צענטראַציע־לאַגערן, וואו עס לעבן נאָך עטלעכע טויזנט ייִדן. אין איינעם פֿון די לאַגרן איז זלמן ניטאַ, אַ פֿאַרבינדלער איז דאָרט געווען. וואָס שייך דעם צווייטן לאַגער איז ניט מעגלעך זיך צו דערוויסן, ווײַל דער לאַגער איז שטאַרק באַוואַכט און מען קען זיך אַהין ניט אַרײַנבאַקומען.

אין דעצעמבער, 1943, איז אַנטלאָפֿן פֿון אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער צו אונדזער באַזע אין וואַלד דער מיטגליד פֿון דער פּאַרטיזאַנען־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ, טעווקע שערעס. פֿון אים האָב איך זיך דער־וואוסט: זלמן איז מיט זײַן מאַמען אין לאַגער. ער ליגט דאָרטן אויפֿן ביידעמל (ווי פֿאַר אַ יאָרן אויפֿן בוידעם פֿון מאָנאַסטיר) און ער צייכנט. צו דער געהיימער פֿאַרשטעלונג פֿון די קינדער אין קאָנצענטראַציע־לאַגער האָט ער אָנגעמאָלט וואונדערלעכע דעקאָראַציעס. אויך די ווענט זײַנען געווען באַהאַנגען מיט זײַן קונסט.

ווי ראַטעווט מען דעם קינסטלער? די פּראָבלעם האָט מיך ניט אָפּגעלאָזט. איך בין אַוועק צום קאָמאַנדיר פֿון דער בריגאַדע און דער־ציילט אים וועגן דעם זעלטענעם ייִנגעלע.

— „גיט אַן עצה, חבֿר קאָמאַנדיר, ווי אַזוי אים צו ראַטעווען, אפֿשר איז מעגלעך אַהין צו שיקן מענטשן?"

דעם קאָמאַנדיר, וואָס האָט אַליין זיך פֿאַרנומען מיט מאָלערײַ, האָט די מעשה פֿאַראינטערעסירט.

— „גוט", — האָט דער קאָמאַנדיר מיר געזאָגט, — „אין די נאָענט־סטע טעג שיק איך קײַן ווילנע מײַנע מענטשן. צווישן אַנדערע אויפֿ־גאַבעס וועלן זיי באַקומען אַ באַפֿעל אַרויסצוקריגן דעם קינסטלער פֿון קאָנצענטראַציע־לאַגער און אים ברענגען אַהערצו."

איך בין געווען געשפּאַנט און גליקלעך. איך האָב אָנגעשריבן אַ צעטעלע זײַן מאַמען, זי זאָל אָפּלאָזן זלמנען. מיר טוען עס, כּדי צו ראַטעווען איר קינד. בײַ דער מינדסטער מעגלעכקייט זאָל זי מיטגיין.

איך האָב זיך קוים דערוואַרט אויף דעם צוריקקער פֿון די שלוחים. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די טעג האָט מען דעם לאַגער אַרום־גענומען מיט אַ דאָפּעלטער וואַך, און אַלע פּרוּוון זיך אַרײַנצובאַקומען דורכן דראָט אין לאַגער האָבן זיך ניט אײַנגעגעבן. און מען איז געקומען צוריק אָן דעם קינסטלער.

און אַז האָט די רויטע אַרמיי באַפֿרייט ווילנע. מיט אַ ברענענדיק האַרץ יאָג איך צו מײַן היימשטאָט. איך באַגעגן ייִדישע פּאַרטיזאַנען.

— „וואָס איז מיט זלמנען?"

און צו מײַן גרויסער איבערראַשונג דערוויס איך זיך: ער לעבט. ער האָט זיך געראַטעוועט אין איינעם מיט דער מוטער.

דער ליטווישער פּראָפֿעסאָר סטאַקאוסקאַס, דער אָנפֿירער פֿונם שטאָטישן אַרכיוו, האָט זיי ביידן אויסבאַהאַלטן. טאַקע אין אַרכיוו גופֿא, אויף איגנאַטאָווער געסל, האָט סטאַקאוסקאַס געמאַכט אַ באַהעלטעניש און צוזאַמען מיט נאָך פֿופֿצן ייִדן האָט ער געראַטעוועט אויך דעם קינסטלער.

* * *

ווען די מאַמע האָט געהאַלטן אין דערציילן פֿון אירע צרות און איבערלעבונגען, האָט זלמן זיך געבויגן איבער אַ פּאַפּיר און געצייכנט.

— „אָט אַזוי האָט אויסגעזען משה איידער אַ פֿאַשיסט האָט אים אַ שלײַדער געטאָן אָן דער ערד", — האָט זלמן מיר אָנגעוויזן אויף אַ צייכענונג, וואָס איז אָקערשט אַרויס פֿון אונטער זײַנע פֿינגער. — „איך וועל נאָך אויפֿשטעלן די סקולפּטור, איר וועט זען."

— „און וואו זײַנען דײַנע בילדער, געמאָלן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער?" — האָב איך אים געפֿרעגט, און מיך האָט גלײַך פֿאַרדראָסן וואָס איך וויקל אויף די וואונדן זײַנע.

— „איך האָב דאָרטן אין לאַגער איבערגעלאָזן דעם גאַנצן אַלבאָם", — האָט זיך זלמן איבערגעקוקט מיט זײַן מאַמען. — „מען וואָלט זיי אפֿשר געקענט נאָך אויפֿזוכן. נאָר סײַ ווי געפֿעלן מיר ניט די בילדער..."

מיר זײַנען אַוועק אויף סובאַטש, אהין, וואו עס האָט זיך געפֿונען דער לאַגער. ווען די רויטע אַרמיי איז שוין געווען אין דער פֿאָרשטאָט, האָט אַ דײַטשישער באַטאַליאָן זיך אַ נעם געטאָן צו די לעצטע ייִדן. אַ דאַנק דעם, וואָס מען האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, האָבן הונדערט און פֿערציק זיך געראַטעוועט. די איבעריקע זײַנען צעשאָסן געוואָרן.

צווישן די טויטע האָבן מיר געפֿונען זלמנס אַלבאָם. ער איז געלעגן אויפֿגעבלעטערט קעגן דער זון. און אַ טייל בילדער זײַנען געהייליקט געווען מיט בלוט.

יעקבֿ פּאַט

די גיבורים אין געטאָ

א.

פֿופֿציק טויזנט ייִדן אין דער געטאָ פֿון וואַרשע האָבן געוואוסט און געפֿילט, אַז דער טויט דערנענטערט זיך צו זיי. דרײַ הונדערט פֿופֿציק טויזנט ייִדן האָבן שוין די דײַטשן אַוועקגעפֿירט פֿון דער שטאָט צו די „אויוונס" פֿון טויטן־לאַגער טרעבלינקאַ. יענע זײַנען צוריק ניט געקומען. איצט איז זייער ריי, די ריי פֿון די לעצטע ייִדן צו גיין זייער „לעצטן וועג". זיי זײַנען געווען פֿאַרשפּאַרט אין דער „קליינער געטאָ" — ניט אַרויסצוגיין און ניט אַרײַנצוגיין. מערדערס מיט געווער אין די הענט האָבן געהיט אַרום און אַרום די ווענט פֿון געטאָ. די פֿופֿציק טויזנט ייִדן זײַנען געווען אַרבעט־שקלאַפֿן בײַ די דײַטשן. הונגער און קראַנקייטן האָבן טאָג־טעגלעך, יעדע נאַכט, געשניטן זייער שניט בײַ די פֿאַרשקלאַפֿטע ייִדן.

פֿופֿציק טויזנט ייִדן זײַנען זיי געווען, מערסטנס — יונגע ייִדן, ווײַל די עלטערע און שוואַכערע האָבן שוין ניט געלעבט. זיי האָבן געוואוסט און פֿאַרשטאַנען, אַז די דײַטשן וועלן טאָן מיט די לעבנגעבליבענע דאָס זעלבע וואָס זיי האָבן געטאָן מיט די מיליאָנען ייִדן, וואָס זיי האָבן שוין אומגעבראַכט. זיי האָבן זיך געגרייט צו זייער לעצטער שעה. זיי וועלן זיך ניט לאָזן פֿירן ווי שאָף צו דער שחיטה, זיי וועלן מלחמה האַלטן מיט די נאַצים.

זיי זײַנען אַליין, קיינער העלפֿט זיי ניט. ווײַט פֿון זיי, אויף די ווײַטע ימים, אין די ווײַטע לענדער גייט אָן די מלחמה צווישן די פֿאַראייניקטע פֿרײַע פֿעלקער מיט די דײַטשישע אַרמייען, אָבער דאָ אין דער געטאָ זײַנען די ייִדן אַליין, זיי זײַנען אַרומגערינגלט פֿון שונאים, זיי האָבן ווייניק געווער, ווייניק שפּײַז, ווייניק מענטשן, זיי וועלן אָבער זיך ניט אונטערגעבן. זיי וועלן אַרויס אין מלחמה מיט די נאַצים. ניט אַלע פֿופֿציק טויזנט ייִדן אין געטאָ האָבן קראַפֿט און מוט אַרויסצוגיין אין אָפֿענעם קאַמף. עס איז גאָר ניטאָ אין געטאָ אַזוי פֿיל געווער. אין אָפֿענעם קאַמף מיט די דײַטשן וועלן אַרויס נאָר די מוטיקסטע, נאָר די וואָס האָבן וואָפֿן, נאָר די יונגע. אָבער אַלע ייִדן

וועלן העלפֿן די קעמפֿערס. זיי וועלן צונעמען און היילן די פֿאַרוואונ־דעטע, זיי וועלן גרייטן שפּײַז, זיי וועלן היטן די אונטערערדישע היילן.

אין די טעג האָבן די ייִדן אין געטאָ געאַרבעט אַלס שקלאַפֿן בײַ די דײַטשן און אין די נעכט האָבן זיי געגראָבן די „בונקערס", די אונטער־ערדישע היילן, אין וועלכע אַלע ייִדן זאָלן זיך קענען אַרונטערלאָזן, ווען דער אָפֿענער קאַמף וועט אויסברעכן. מען האָט אין די היילן אויך געגרייט שפּײַז, וואַסער, געווער, הילפֿסמיטלען פֿאַר קראַנקע, און פֿאַרוואונדעטע.

די געטאָ האָט געוואוסט דעם סוד. זי האָט געוואוסט, אַז מען גרייט זיך צו מלחמה, זי האָט אָבער געהאַלטן פֿאַרשלאָסן דאָס מויל. קיינער האָט וועגן דעם ניט גערעדט. יעדער איינער האָט געוואוסט, אַז די שעה דערנענטערט זיך און יעדער איינער איז געווען גרייט דאָס לעבן אַוועק־צוגעבן אין דער גרויסער ייִדישער מלחמה אין דער געטאָ פֿון וואַרשע.

ביז די שעה איז געקומען.

ב.

דאָס איז געווען דעם 19טן אַפּריל 1943, ערבֿ פּסח, אַ שעה פֿאַרן פּסחדיקן סדר.

פֿון יענער זײַט געטאָ, פֿון איבער די געטאָווענט איז געקומען אַ געהיימער אָנזאָג פֿון אַ פֿאַרשטעלטער ייִדישער וועכטערין. זי איז געווען אַ מיטגליד פֿון דער געהיימער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און עס איז געווען איר פֿליכט אָנצוזאָגן אין געטאָ, ווען זי וועט געוואָרן ווערן פֿון די דײַטשן, אַז די לעצטע שעה פֿאַר די ייִדן אין געטאָ איז געקומען, אַז די דײַטשן גייען אין געטאָ אַרײַן אַוועקצופֿירן די לעצטע ייִדן צום טויט. „מאָרגן פֿאַר טאָג וועט מען ברענגען עפּל"... — האָט זי אָנגעזאָגט אין געטאָ אַרײַן. דאָס האָט געהייסן, לויט דער אָפּגערעדטער שפּראַך, אַז מאָרגן פֿאַר טאָג וועלן די דײַטשן קומען אַוועקצוטרײַבן די ייִדן אויף זייער לעצטן וועג.

איבער דער געטאָ איז אַריבער אַ הייליקער ציטער. די פֿירערס פֿון ייִדישן ווידערשטאַנד, די יונגע העלדן, האָבן באַפֿוילן די ייִדן אין געטאָ:

— „גייט אַרונטער אונטער דער ערד!..."

אין געציילטע מינוטן האָט די גאַנצע געטאָ געוואוסט, אַז די גרויסע שעה איז געקומען. באַלד וועט זיך דאָס אָנהייבן. יעדער איינער דאַרף זײַן גרייט אַוועקצוגעבן זײַן לעבן. פּלוצעם טויזנט ייִדן זײַנען אַרונטער

אונטער דער ערד. אין דער הייך זײַנען געבליבן נאָר די פּירערס פֿון ווידערשטאַנד. זיי האָבן געוואַכט. יונגע ייִדישע העלדן האָבן געוואַכט בײַ אַלע טויערן פֿון דער געטאָ, בײַ אַלע ווענט, זיי האָבן געוואַכט אין באַהאַלטענע ערטער, געלעגן אויף די דעכער פֿון די הייכע הײַזער, אַרויסגעקוקט פֿון שפּאַרונעס.

— „די דײַטשן וועלן טײַער באַצאָלן!...״

— „אַ קאָפּ פֿאַר אַ קאָפּ!...״

די סדר־נאַכט איז געקומען. אַלע ייִדן זײַנען געווען אונטער דער ערד. יעדער איינער האָט געוואוסט, אַז עס איז זײַן לעצטע סדר־נאַכט. איידער צו שטאַרבן אין די אויוונס איז גלײַכער אומצוקומען אין קאַמף!

די וועלט שווײַגט, די ייִדן אין די געטאָס זײַנען אַליין. אפֿשר וועט די וועלט דערזען ווי אַזוי די ייִדן קעמפֿן אין דער געטאָ, ווי אַזוי זיי גיבן אַוועק זייערע לעבנס און וועט ראַטעווען יענע ייִדן, וואָס לעבן נאָך אין אַנדערע געטאָס?

און אויב אַפֿילו קיינער וועט אונדז ניט העלפֿן, אויב אַפֿילו מיר וועלן אַלע אומקומען, וועט אָבער ניט אומקומען אונדזער שטאָלץ, וועט געהויבן ווערן דער ייִדישער כּבֿוד!

און אויב די ייִדן אין דער וועלט, אין די פֿרײַע לענדער, וועלן דערפֿון געוואָר ווערן, וועלן זיי וויסן, ווי אַזוי די ייִדן אין געטאָ האָבן מלחמה געהאַלטן פֿאַר זייער ווירדע!

אַזוי האָט שטילערהייט, שטילערהייט געזאָגט אַ נײַע הגדה די ייִדישע געטאָ אין יענער סדר־נאַכט:

שפֿוך חמתך על הגויִם —
גיס אויס דײַן גרימצאָרן אויף די גויִם,
אשר לא ידעוך,
וואָס ווילן דיך נישט קענען;
כּי אָכל את יעקבֿ,
ווײַל זיי עסן אויף יעקבֿן...

ג.

ווען עס האָט אָנגעהויבן שפּראָצן אויף טאָג, דער ערשטער טאָג פּסח האָט אָנגעהויבן אַראָפּקומען אין געטאָ, האָבן דורך די טויערן פֿון געטאָ אָנגעהויבן אַרײַנמאַרשירן דײַטשישע סאָלדאַטן־מחנות, באַוואָפֿנט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. זיי זײַנען אַרײַנגעפֿאָרן מיט האַרמאַטן אין געטאָ אַרײַן.

ווי נאָר זיי האָבן געמאַכט זייערע ערשטע שריט אין געטאָ, זײַנען זיי איבערראַשט געוואָרן אויף טויט. פֿון אונטער דער ערד זײַנען אַרויסגעקומען די געטאָ־העלדן און זיי באַוואָרפֿן מיט באָמבעס. די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן. צוויי הונדערט נאַציס זײַנען געפֿאַלן אין דער ערשטער שלאַכט.

די דײַטשן האָבן געמיינט, אַז די ייִדן וועלן זיך אונטערגעבן זייערע באַפֿעלן. די, וואָס וועלן זיך קעגנשטעלן, וועלן זיי דערשיסן. זיי האָבן זיך ניט פֿאַרגעשטעלט, אַז די געטאָ־ייִדן וועלן האָבן מוט און קראַפֿט אַרויסצוגיין אין קאַמף. זיי האָבן אָבער אַ טעות געהאַט. יונגע געטאָ־ייִדן זײַנען געשטאַנען מיט געווער אין די הענט. געטאָ־ייִדן האָבן געשאָסן פֿון די דעכער, פֿון די פֿענצטער, פֿון די טויערן. יונגע געטאָ־העלדן, מענער און פֿרויען, ייִנגלעך און מיידלעך, זײַנען געלאָפֿן אויף די דײַטשן, צו די שיסנדיקע האַרמאַטן, מיט באָמבעס אין זייערע הענט, מיט פֿלעשער בענזין און געוואָרפֿן אויף די דײַטשן.

עס האָבן זיך געהערט די אויפֿרײַסן איינע נאָך די אַנדערע, די דײַטשישע האַרמאַטן האָבן געברענט, זײַנען געוואָרן אַרומגענומען מיט פֿלאַמען. די ערשטע צוויי הונדערט דײַטשישע מערדערס זײַנען געלעגן טויט אויף דער ערד פֿון דער געטאָ.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה אין דער וואַרשעווער געטאָ.

די דײַטשן האָבן געשיקט אין געטאָ אַרײַן מחנה נאָך מחנה, די מלחמה איז אָנגעגאַנגען טאָג נאָך טאָג, נאַכט נאָך נאַכט. ווען די דײַטשן האָבן געזען, אַז זיי קענען ניט בײַקומען דעם ייִדישן ווידערשטאַנד, אַז די ייִדישע העלדן שפּרינגען אַרויס פֿון זייערע היילן און באַהעלטענישן, האָבן פֿאַרלוירן די מורא פֿאַרן טויט און האַלטן מלחמה ווי די יונגע לייבן, האָבן זיי באַשלאָסן צו פֿאַרברענען די גאַנצע געטאָ צוזאַמען מיט אַלע ייִדן.

זיי האָבן אָנגעצונדן די הײַזער. באַלד האָבן גאַנצע גאַסן געברענט. פֿלאַמען האָבן אַרומגענומען די ייִדישע געטאָ, אַרום און אַרום — פֿײַער און רויך. די געטאָ־העלדן זײַנען אַרויסגעקומען פֿון די פֿלאַמען מיט געווער אין די הענט און מלחמה געהאַלטן. די דײַטשן האָבן מיט באָמבעס אויפֿגעריסן די ייִדישע היילן, זײַנען די וואָס זײַנען לעבן געבליבן אַרויס פֿון די היילן און מיטן לעצטן קויל געשאָסן די דײַטשן, זיך ניט אונטערגעגעבן.

פֿון די ברענענדיקע הײַזער זײַנען געשפּרונגען ברענענדיקע ייִדן, זײַנען געשפּרונגען מאַמעס מיט קינדער אויף זייערע הענט. אויף די

דעכער פֿון די ברענענדיקע הײַזער זײַנען געשטאַנען ייִדישע גבורים מיט געווער אין די הענט און מלחמה געהאַלטן.

ד.

אין די נעכט איז די געטאָ געווען ליכטיק, ווײַל ז׳ איז באַלויכטן געוואָרן פֿון די פֿלאַמען פֿון די ברענענדיקע גאַסן. יונגע ייִדישע העלדן, הונגעריקע, אויסגעדאַרטע, מיט פּנימער פֿאַרשמירטע מיט סאַזשע, מיט שמאַטעס אויף זייערע פֿיס, כּדי מען זאָל ניט הערן זייער גאַנג, זײַנען אומגעגאַנגען צווישן די חורבֿות און די פֿלאַמען און געזוכט דײַטשן אין זיי נקמה צו נעמען. די דײַטשן האָבן מורא געהאַט זיך צו באַווײַזן אין די נעכט אין דער ברענענדיקער געטאָ. פֿון די פֿײַערן פֿון די ברענענדיקע הײַזער איז היים די לופֿט, דער אַספֿאַלט צעגייט פֿון היץ און ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַ פֿליסיקער מאַסע פֿון סמאָלע. אין דער סמאָלע ווערן אײַנגעקלעפּט די ייִדן וואָס פֿאַלן טויט אין קאַמף.

איינער פֿון די לעבן געבליבענע געטאָ־העלדן דערציילט, ווי אַזוי עס איז פֿאָרגעקומען דער קאַמף צווישן אים אַליין און אַ מחנה באַוואָפֿנטע דײַטשן:

— „איך האָב זיך געפֿונען אויפֿן בערשטער־הויף און געוואַרט אויף די דײַטשן. אַ דײַטשישע מחנה דערנענטערט זיך צום טויער. איך האָב געוואַרט זיי זאָלן שוין צוקומען. דעמאָלט ווייס איך וואָס איך האָב צו טאָן — אויפֿרײַסן די אונטערגעלייגטע מינע. אַפֿילו די פֿינגער אין מײַנע פֿיס ציטערן פֿון אומגעדולדיקייט. די נאַציס גייען פֿאָרויס פֿאָרזיכטיק, אָבער זיי גייען. אָט־אָט, נאָך אַ מינוט, נאָך אַ רגע, נאָך אַ פּאָר טריט. די נאַציס בלײַבן שטיין אַ ווײַלע און קוקן זיך אַרום. איין נאַצי טרעט אַרויס מיט אַ מאַשין־געווער. די איבעריקע שטייען און וואַרטן. עס געדויערט ניט לאַנג, אַלע דײַטשן גייען, אַלע דײַטשן קומען נענטער, זיי גייען אײַננעמען די בערשטערײַען, אין וועלכע עס געפֿינען זיך געטאָ־קעמפֿערס.

„איך שליס אײַן דעם קאָנטאַקט. ניט אומזיסט האָב איך געלערנט עלעקטרע. אונטער די פֿיס פֿון די נאַציס הייבן אָן רײַסן מינעס. די דײַטשן לויפֿן, אָבער טייטע דײַטשן ליגן שוין אויף דער ערד. די מינעס רײַסן אויף. עס אַרבעט גוט... ליגט, מערדערס וואָס איר זײַט!״

אַ צווייטער לעבן געבליבענער געטאָ־העלד דערציילט:

— „מען האָט געפֿילט אין „בונקער״, אַז עס איז טיף אין דער נאַכט. מיר האָבן געעפֿנט דאָס געהיימע טירל פֿון בונקער. עס איז

אַרײַנגעפֿאַלן אין בונקער אַ גרויסע, אומגעריכטע ליכט. עס ברענט! דער גאַנצער הויף ברענט! אַלע הויפֿן אַרום און אַרום ברענען. די גאַס ברענט!... מיר קריכן אַרויס פֿון בונקער. מיר זעען ווי פֿון די פֿערטע און דריטע שטאָקן פֿאַלן אַראָפּ ברענענדיקע שטיקער — אַזוי ווי קלעצער. דאָס זײַנען ברענענדיקע ייִדן. זיי ברענען און זיי שפּרינגען!... אַרום און אַרום איז געווען פֿײַער און פֿלאַם. טויט אָדער — רויט!... מיר האָבן זיך געלאָזט אין די פֿלאַמען.״

אַזוי איז אָנגעגאַנגען די מלחמה אין געטאָ 31 טעג און 31 נעכט, ביז זי איז אין גאַנצן פֿאַרברענט געוואָרן.

— „ניט נאָר אונדזער געטאָ־מלחמה האָבן מיר געפֿירט״, — האָט שפּעטער געזאָגט אַ לעבנגעבליבענער געטאָ־העלד, — „מיר האָבן געפֿירט די ייִדישע מלחמה, די מלחמה פֿון גאַנצן ייִדישן פֿאָלק.״

פֿאַרגעסט אונדז ניט   מאַקס באַנד

ה. לייוויק

כבֿוד, געלע לאַטע

איך האָב געהאַלטן אין מײַן האַנט
אַ שטיקל געל געוואַנט —
אַ צעדריבלטן, צעקנייטשטן ווי אַ שמאַטע,
און ס'האָט מיט קרימעניש און גרויל
זיך דורכגעריסן דורך מײַן מויל:
— „אָט דאָס איז זי — די ייִדישע, די געלע לאַטע!"

און ס'האָט פֿאַרבײַ מײַן אויג געטאָן אַ בליץ:
פֿון צווישן יעדן קנייטש אַ בלויער שפּיץ —
זעקס בלויען קרומע שפּיצן פֿונעם מגן־דוד;
און ס'האָט צום האַלדז געטאָן אַ שלאַג,
אַזוי ווי אַ געשטורעץ פֿון בלוט, אַ הייסער זאַג:
— „אָט דאָס איז ער — דער ייִדישער, דער בלויער כּבֿוד."

און ווי איך האָב מײַן אַנגסט געשטיקט אַזוי —
האָט איבער מיר געיאָגט זיך אַ געשריי,
און ווי אַ שטורעמווינט אַ וואָרף געטאָן מיך נידער;
און נאָך דעם, דורך דער גאַנצער נאַכט ביז פֿרי,
געשפּירט האָב איך אויף מײַנע הענט אַ ברי,
ווי כ'וואָלט זיך צוגערירט צו לײַב, צו גלידער.

אַ כּבֿוד, וואָס די שפּיצן זײַנען קרום;
אַ כּבֿוד, וואָס די קנייטשן כאַפּן אַרום
די אָרעמס און די פּלייצעס די האָרבאַטע!
אַ כּבֿוד אָנגעזאַפּט ווי אַ שוואָם
מיט חורבן, קידוש־השם און מיט פּאַגראָם, —
שפּרייט אויס דײַן ליבשאַפֿט אויף דער געלער לאַטע!

שלום העקטין

די יִידישע קאָמאַנדאָ

א.

יעקבֿ כּספּי איז אַ מאַטראָס, ער איז אויסגעוואַקסן אין חיפה — דער שיינער האַפנשטאָט פֿון ארץ־ישראל. זײַן פֿאָטער איז געווען אַן ארבעטער; ער האָט געאַרבעט בײַ בויען הײַזער אין חיפה; די ארבעט איז געווען שווער און די פֿאַרדינסטן זײַנען ניט אַלע מאָל געווען גענוג. דעריבער האָט יעקבֿ נאָך גאָר קליינערהייט שוין געמוזט ארבעטן אַליין עפּעס צו פֿאַרדינען.

יעקבֿ האָט געאַרבעט אין אַ קראָם. ער פֿלעגט פֿונאַנדערטראָגן די סחורה צו די קונים אַהיים.

די שטאָט חיפה ליגט בײַם ברעג ים. האָט יעקבֿ זייער ליב געקראָגן דעם ים. ער האָט אַליין ניט געוואוסט פֿאַר וואָס.

יעקבֿ איז געווען אַ שטיל יִינגל, אַ שווײַגער, און ער האָט שטענדיק וועגן עפּעס געחלומט. פֿלעגט ער שטיין אַזוי, לאַנג, לאַנג קוקן צום ים צו, און טראַכטן וועגן עפּעס אין דער שטיל.

די יאָרן זײַנען דאַן געווען אומרואיקע; אַראַבער פֿלעגן אָפֿט באַפֿאַלן יִידן, אָנפֿאַלן אויף די יִידישע קאָלאָניעס. די יִידן פֿלעגן זיך אַנטקעגנשטעלן מיט כּוח און מיט מוט.

ב.

איין מאָל, סוף ווינטער, איז געקומען אַ גרופּע חלוצים פֿון פּוילן קײַן ארץ־ישראל. זיי האָבן זיך באַזעצט אין די בערג פֿון ירושלים און אָנגעהויבן בויען דאָרט אַ נײַעם ישובֿ. אין איינעם פֿון די קאַלטע פֿרימאָרגנס, באַגינען, זײַנען זיי אַרויס צו איינעם פֿון די בערג צו האַקן שטיינער כּדי צו בויען דעם ישובֿ. באַוואָפֿנטע אַראַבער האָבן זיי אָפּגעוואַרט אויפֿן וועג, זיי באַפֿאַלן פֿון הינטן, און אָנגעהויבן שיסן אויף די חלוצים.

פֿינף פֿון די חלוצים זײַנען געפֿאַלן טויט...

די ארבעט האָט זיך אָבער ניט איבערגעריסן. אין אַ קורצער צײַט

אַרום האָט זיך דאָרט, בײַם סאַמען שפּיץ פֿון אײנעם פֿון די װיסטע בערג, ניט װײַט פֿון ירושלים, באַװיזן אַ נײַע ייִדישע קאָלאָניע, אַ קבֿוצה.

צום אָנדענק פֿון די פֿינף געפֿאַלענע חלוצים, האָט מען זי אַ נאָמען געגעבן „מעלה חמשה" („באַרג פֿון די פֿינף"). מען האָט דאַן אָנגעהויבן זינגען אַ ליד אין ארץ־ישראל װעגן די פֿינף געפֿאַלענע פּיאָנערן. דאָס ליד האָט זיך אָנגעהויבן מיט די װערטער:

„פֿינף זײַנען אַרויס אַ הײמלאַנד צו בויען"

אומעטום, אין אַלע װינקלען פֿון לאַנד, האָט מען דאָס נײַע ליד געזונגען. יעקבֿן איז דאָס ליד זײער שטאַרק געפֿעלן און װען ער פֿלעגט זײַן אײנער אַלײן, פֿלעגט ער עס זינגען אין דער שטיל אײן מאָל און נאָך אַ מאָל. מיט אַ באַזונדער כּוח פֿלעגן אָפּקלינגען אין זײַן האַרצן די װערטער:

„אַ הײמלאַנד צו בויען,
אַ הײמלאַנד צו בויען!..."

ג.

יעקבֿן האָט זיך שטאַרק פֿאַרגלוסט צו לאָזן זײַן אַרבעט אין קראָם, װערן אַ חלוץ און העלפֿן בויען דאָס הײמלאַנד. ער איז געשטאַנען אין האַפֿן, געקוקט אויפֿן ים, אויף די שיפֿן. מיט אַ מאָל האָט דער יונגער יעקבֿ (ער איז דאַן געװען אַרום זעכצן יאָר) דערפֿילט, אַז צװישן אַלע שיפֿן װאָס שטײען אין ייִדישן האַפֿן איז ניטאָ קײן אײן ייִדישע שיף!... האָט עס יעקבֿן שטאַרק פֿאַרדראָסן, און ער האָט זיך געגעבן אַ שבֿועה, אַז װען ער װעט אויסװאַקסן, װעט ער װערן אַ חלוץ פֿונעם ים! „װען עס װאָלט דאָ געװען כאָטש אײן ייִדישע שיף", — פֿלעגט יעקבֿ אַלײן צו זיך זאָגן: „כאָטש אײן ייִדישע שיף!".

נאָך אַ צװײ יאָר זײַנען אַװעק — יעקבֿ איז געװאָרן אַכצן יאָר אַלט. אײן מאָל איז צו אים דערגאַנגען אַ קלאַנג, אַז אַ ייִדישע שיף, די ערשטע ייִדישע שיף, האָט זיך באַװיזן אין פּאָרט. װי נאָר יעקבֿ האָט פֿאַרענדיקט יענעם טאָג די אַרבעט, האָט ער זיך גיך איבערגעטאָן אין רײנע קלײדער און זיך געלאָזט לויפֿן צום האַפֿן. זײַן האַרץ האָט אים שטאַרק געקלאַפּט װען ער איז צוגעלאָפֿן צום טויער: פּונקט אַנטקעגן אים איז געשטאַנען די ייִדישע שיף! — זי האָט געטראָגן אַ ייִדישן נאָמען, דעם נאָמען פֿון ייִדישער האָפֿענונג — „תּקוה" האָט געהײסן די שיף — און די װײַס־בלויע פֿאָן האָט איבער ; ער שיף גע־פֿלאַטערט.

ד.

יעקבֿ איז אַ צײַט געשטאַנען ווי באַצויבערט, נאָך דעם האָט ער זיך ווי אָפּגעריסן פֿון זײַן אָרט און איז גיך אַוועק, ווי עפּעס אַ גרויסער כּוח װאָלט אים פֿון דאָרט ערגעץ געטריבן.

בײַ נאַכט האָט ער דערציילט די עלטערן וועגן זײַן באַשלוס צו ווערן אַ פּיאָנער פֿון דער ייִדישער ים־אַרבעט און גיין דינען ווי אַ מאַטראָס אויף דער ייִדישער שיף. זײַן פֿריערדיקע אַרבעט אין קראָם האָט אויסגעזען זייער ניט וויכטיק אין זײַנע אויגן: „מיר", פֿלעגט יעקבֿ טראַכטן: „גיט טאַקע די דאָזיקע אַרבעט מיטלען צום לעבן; — עס גיט אָבער גאָרניט מײַן פֿאָלק און מײַן לאַנד". — דערצו טאַקע האָט דער ייִנגל געפֿילט, אַז דער ים ציט אים מיט אַ גוואַלדיקן כּוח, אַז זײַן לעבן וועט קיין לעבן ניט זײַן ביז ער וועט ניט ווערן קיין מאַטראָס! ;

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז שוין יעקבֿ געווען אויף דער „תּקוה". אַלע בחורים וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט — סײַ די מאַטראָסן, סײַ די אָפֿיצירן, זײַנען געווען ייִדן — זיי זײַנען געווען די ערשטע ייִדישע חלוצים צו אַרבעטן אויפֿן ים.

די חבֿרים זײַנען געווען זייער צוגעבונדן איינער צום צווייטן און האָבן זיך געהאַלטן אַלע גלײַך. יעקבֿ איז אַזוי טרײַ געווען זײַן אַרבעט, אַז ער האָט אַרום זיך גאָרניט ניט געזען: בלויז דעם ים און זײַן אַרבעט. ער האָט ליב געהאַט זײַנע חבֿרים, נאָר זײַנע געדאַנקען זײַנען תּמיד געווען מיט עפּעס פֿאַרנומען. „דער שווייגער" האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן. אין זײַן פֿרײַער צײַט פֿלעגט ער שטיין מיטן פּנים צום ים און זינגען. און מער ווי אַלע אַנדערע לידער האָט ער ליב געהאַט דאָס ליד „פֿינף זײַנען אַרוים"...

ה.

עס האָט אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה. די ייִדישע שיף „תּקוה", מיט איר ייִדישן שטאַב, האָט גענומען אָנטייל אין דער מלחמה צוזאַמען מיטן ענגלישן פֿלאָט. יעקבֿ איז דאָרט אויך געווען. און אָט האָט איין מאָל געטראָפֿן, אַז מען האָט געדאַרפֿט שיקן אַ קאָמאַנדאַ מיט זייער אַ וויכטיקער מיסיע אין דער שכנותדיקער סיריע. האָט זיך די ייִדישע שיף „תּקוה" מיט איר שטאַב אַרויסגערופֿן צו זײַן די דאָזיקע קאָמאַנדאַ.

ניט איין מאָל זײַנען זיי שוין געווען אין סיריע; זיי זײַנען געווען גוט באַקאַנט מיט אַלע פּלעצער בײַם ברעג ים; אויפֿגעהאָדעוועט אין ארץ־ישׂראל, האָבן אַ סך פֿון זיי גוט געקענט די אַראַבישע שפּראַך און געקענט זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר אַראַבער. דער ענגלישער אַדמיראַל האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער וועט ניט געפֿינען קיין בעסערע פֿאַר דער נייטיקער מיסיע ווי די מוטיקע ייִדישע בחורים. זײַנען זיי טאַקע באַשטימט געוואָרן צו טאָן אָט די וויכטיקע און געפֿערלעכע שליחות.

ווען „תקוה" איז געווען ווײַט, ווײַט אויפֿן ים האָט פּלוצעם אויסגעבראָכן אַ שווערער שטורעם. אַ לאַנגע צײַט האָט זיך די שיף געראַנגלט מיט די כוואַליעס. צום סוף זײַנען די מאַשינען קאַליע געוואָרן און האָבן מער ניט געאַרבעט, און עס איז געווען קלאָר, אַז די שיף וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „האָפֿענונג" האָט אָנגעוואָרן יעדע האָפֿענונג. די ייִדישע קאָמאַנדאָ פֿון שיף האָט זיך פֿאַרזאַמלט אויף איין אָרט. מען איז געזעסן שטיל, ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט — מען האָט געוואַרט אויפֿן טויט! בלויז יעקבֿ איז געשטאַנען אַ ביסל פֿון דער זײַט, מיטן פּנים צום ים, און האָט שטיל, שטיל, ווי פֿאַר זיך אַליין, עפּעס אונטערגעזונגען. מען האָט בלויז געפֿילט ווי ער פֿלעגט יעדער מאָל אַ ביסל אונטערברומען: „אַ היימלאַנד צו בויען! — אַ היימלאַנד!..."

און אָט האָט אַ גרויזאַמע כוואַליע פֿאַרפֿלייצט דאָס שיפֿל און צעבראָכן די „תקוה" אויף פּיצלעך. די מענטשן זײַנען אַלע אַראָפּגעוואָרפֿן געוואָרן אין דעם צעבושעוועטן ים. עס איז געווען אין מיטן נאַכט — אַ שרעקלעך פֿינצטערע נאַכט. לאַנגע שעהן האָבן זיך די מענטשן געראַנגלט מיט די כוואַליעס. ווען די פֿינצטערניש האָט אָנגעהויבן ווערן אַ ביסל שיטערער האָבן די מענטשן דערזען, אַז דער ברעג איז גאָרניט ווײַט פֿון זיי. זיי האָבן אָבער אויך געפֿילט, אַז זיי האָבן זיך שוין כּמעט ווי אַרויסגעשלאָגן פֿון די כּוחות, און זיי האָבן שוין ניט געהאַט קיין האָפֿענונג צו לעבן.

ז.

פּלוצעם — וואָס איז דאָס?! — אַ געזאַנג?! פֿריִער זײַנען די קלאַנגען געווען שטיל, אויסגעמאַטערט שטיל; וואָס ווײַטער איז די שטים געוואָרן אַלץ שטאַרקער און זיכערער, און ווי זי וואָלט גערופֿן די גאַנצע חבֿרה און דערמאַנט זיי אָן עפּעס: „אַ היימלאַנד צו בויען! — אַ היימלאַנד צו בויען!"

יעקבֿ כּספּי איז געווען דער זינגער. — שטענדיק אַזאַ שטילער, אַ שווײַגער, האָט ער פּלוצעם געלאָזט זיך הערן אין דער רגע, ווען זיי האַלטן אין ראַנגלען זיך מיטן טויט! און זײַן שטים איז שטאַרק און רופֿנדיק: „פֿינף זײַנען אַרויס!...״

„אַ היימלאַנד צו בויען״ — האָט זיך מיט אַ מאָל אָפּגערופֿן אַ שוואַך קול...

„אַ היימלאַנד צו בויען״ — האָט זיך אָפּגערופֿן אַ צווייטע אָפּגעשוואַכטע שטים...

און אָט האָבן די אויסגעמאַטערטע, האַלב לעבעדיקע, חבֿרים אָנגעהויבן זיך אָפּרופֿן איינער נאָך דעם צווייטן, און אַלע האָבן שוין געזונגען:

„— — — אַרויס אַ היימלאַנד צו בויען!...״

זיי האָבן פֿאַרגעסן דעם שטורעם, פֿאַרגעסן זייער טויטמידקייט, די סכּנה אין וועלכער זיי האָבן זיך אָט ערשט געפֿונען. זיי האָבן געזונגען און געזונגען, און גאָרניט באַמערקט, אַז אַזוי זינגענדיק זײַנען זיי צוגעשוואומען צום ברעג. עס איז געווען פֿרי, גאָר־גאָר פֿרי, און דאָס גאַנצע לאַנד אַרום און אַרום איז נאָך געשלאָפֿן. די קאָמאַנדאַ איז אַרויף אויפֿן ברעג און דערפֿילט איר פֿליכט. נאָך דעם האָט זיך די גרופּע צעשיידט און פֿאַרלעכוויַז האָבן זיי זיך אָוועקגעלאָזן דורך די סירישע בערג צו דער ארץ־ישׂראלדיקער גרענעץ.

⁂

דער ענגלישער אַדמיראַל האָט זייער געלויבט די מוטיקייט פֿון דער ייִדישער קאָמאַנדאַ, ער האָט געזאָגט אַז דאָס וואָס זיי האָבן געטאָן דערמאָנט אָן דער אַלטער ייִדישער גבֿורה און איז אַ כּבֿוד פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק. די גרופּע האָט געקראָגן פֿאַר איר העלדישקייט דעם העכסטן מיליטערישן מעדאַל.

„לעפּטי" דער פּאַראַשוטיסט

א.

אַ גאַנצע וואָך האָבן זיך די פּאַראַשוטיסטן געגרייט. מען האָט זיי אָנגעזאָגט אַז זיי וועלן פֿליִען, אָבער וואוהין — דאָס איז געווען אַ סוד. אַלע זײַנען אָבער געווען גרייט.

ענדלעך האָט מען איין אָוונט אַלעמען צונויפֿגערופֿן און אָנגעזאָגט אַז מען וועט אָפּפֿליִען פֿון לאַגער צוועלף אַ זייגער בײַ נאַכט. וואוהין? קײַן סיציליע. דאָרטן וועלן זיי אַרויסשפּרינגען פֿון די גרויסע ערעאָ־פּלאַנען גלײַך אויפֿן שלאַכטפֿעלד. די אָפֿיצירן האָבן אַלעמען צעטיילט אין גרופּעס, אָנגעזאָגט וואָס צו טאָן, געגעבן באַפֿעלן און געהייסן זײַן גרייט פּונקט צוועלף אַ זייגער, ניט שפּעטער.

פּונקט צו דער מינוט זײַנען די פּאַראַשוטיסטן אַרײַן אין די ערעאָ־פּלאַנען. די עראָפּלאַנען האָבן פֿאַרלאָזן דאָס פֿליפֿעלד איינער נאָכן אַנדערן. זיי האָבן זיך געהויבן אַלץ העכער און העכער. וואָס העכער, אַלץ קעלטער איז געוואָרן אינעווייניק. מען איז אַזוי געפֿלויגן אַ שעה צײַט. די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע.

פּלוצעם האָבן די עראָפּלאַנען זיך גענומען אַראָפּלאָזן אַלץ נידע־ריקער. עס האָט זיך דערהערט אַ באַפֿעל: „אויפֿשטעלן זיך און זײַן גרייט צו שפּרינגען!"

די פּאַראַשוטיסטן האָבן זיך אַלע אויסגעשטעלט אין אַ ריי. לייבל, וואָס זײַנע חבֿרים האָבן אים גערופֿן „לעפּטי" — אַ יידישער בחור פֿון ברוקלין — איז געווען דער ערשטער אין דער אָפֿענער טיר. מיט אַ קלאַפּעדיק הארץ האָט ער געוואַרט אויפֿן באַפֿעל פֿון אָפֿיציר. די ביקס האָט ער געהאַלטן איבערגעלייגט איבער די אָרעמס. דעם לינקן פֿוס פֿאָרויס, דעם רעכטן פֿון הינטן, אַ ביסל אָן אײַנגעבויגענעם — אָט אַזוי האָבן זיי געדאַרפֿט שפּרינגען.

ב.

פּלוצעם האָט זיך דערהערט אַ בום מיט אַ קראַך, קױלן זײַנען געפֿלויגן פֿון אַלע זײַטן און דער גאַנצער הימל איז באַלויכטן געוואָרן. „אהאַ!" — האָט „לעפּטי" געזאָגט צו זיך אַליין — „די נאַציס האָבן אונדז שוין דערשמעקט."

דאַן האָט דער אָפֿיציר אַ געשריי געטאָן: „שפּרינגט! שפּרינגט!"

„לעפּטי" איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון טיר. דער פּאַראַשוט האָט זיך אָן עפֿן געטאָן מיט אַ קנאַק און לייבל האָט שיר ניט אַרויסגעלאָזט די ביקס פֿון דער האַנט. און וואָס טויג אַ סאָלדאַט אָן אַ ביקס?

„לעפּטי" האָט זיך אַרומגעקוקט. אַרום אים האָט ער געזען נאָר פּאַראַשוטיסטן, ווי זיי וויגן זיך אין ווינט רעכטס און לינקס. איבער זײַן קאָפּ האָט ער געפֿילט קוילן, ווי זיי זײַנען בליץ־שנעל פֿאַרבײַגעפֿלויגן מיט אַ זשום.

„לעפּטי" האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער און נידעריקער. ער האָט שוין געקענט זען אויף דער ערד מענטשעלעך, און מאַשינביקסן, און אַנדערע זאַכן. „דאָס מוז זײַן דער שונא" — האָט ער געטראַכט. האָט ער אַ צי געטאָן די שטריק פֿון פּאַראַשוט און געהאָפֿט, אַז דער ווינט וועט אים פֿאַרטראָגן ניט אין שונאס לאַגער, נאָר ווײַט פֿון זיי.

ענדלעך האָט ער פֿונאַנדערגעשפּרייט די פֿיס, זיך שטאַרק אָנגע־האַלטן אָן פּאַראַשוט און געלאַנדט. ער האָט זיך איבערגעקוליעט, איז געבליבן אויף דער ערד, אַרויסגעקראָכן פֿון פּאַראַשוט און זיך אַרום־געקוקט.

קיין אַנדערע פּאַראַשוטיסטן האָט ער ניט געזען. ער איז געווען דער איינציקער דאָרט. וואו איז ער? אויף אַ פֿעלד? אין אַ ווײַנ־גאָרטן? ער איז געקראָכן אויפֿן בויך, אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם, אָפּגעשטעלט זיך און געקראָכן ווײַטער. יאָ, ער האָט זיך געפֿונען אין אַ ווײַנגאָרטן. האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט, אָפּגעריסן אַ בינטל ווײַנטרויבן און געלייגט אין מויל.

אָבער פֿאַר וואָס איז ער דאָ איינער אַליין? וואו זײַנען די אַנדערע פּאַראַשוטיסטן? קען זײַן, אַז דער ווינט האָט זיי פֿאַרטראָגן? גיי ווייס!

איז ער ווײַטער געקראָכן אויפֿן בויך, צעריסן דעם מונדיר, אָבער אים האָט ניט געאַרט. די פֿיס האָבן זיך אַנגעשטאָכן אָן שטעכיקע פֿלאַנצן און די הענט האָט ער זיך צעדראַפּעט.

ג.

פּלוצעם האָט לייבל עפּעס דערזען. אַ דרײַ הונדערט פֿוס פֿון אים איז געווען אַ בריק און אונטער דער בריק — אַ טײַכל. ער האָט געהערט ווי דאָס וואַסער פֿליסט שטיל און רואיק. לעבן בריק זײַנען געשטאַנען אײַנגעבויגן צוויי נאַציס און זיי האָבן זיך געפּאָרעט אַרום אַן אויפֿרײַס־מאַשין: דינאַמיט! „לעפּטי" האָט געוואוסט וואָס דאָס איז. אַלע פּאַראַשוטיסטן האָט מען געלערנט וועגן אויפֿרײַס־שטאָפֿן.

איז „לעפּטי" צוגעקראָכן אַ ביסל נענטער צום טײַכל. הינטער

אַ קוסט, צווישן צווייביימער, איז ער געבליבן ליגן. פֿון דאָנען האָט ער שוין געזען בעסער: צוויי נאַציס, איינער — אַ יונגער, דער צווייטער — אַן עלטערער, מיט אַ האַריק פּנים. זיי האָבן געצויגן אַ דראָט פֿון אונטערן בריק און עס צוגעטשעפּעט צו אַ שוואַרץ קעסטל מיט אַ הענטל פֿון אויבן. זיי האָבן גערעדט דײַטש. „לעפּטי" האָט געקענט ייִדיש. איז אים ניט שווער געווען צו פֿאַרשטיין.

— „שוויַינע! דומקעפּ!" — האָט דער עלטערער נאַצי געזאָגט דעם ייִנגערן. ער האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף דער צווייטער זײַט בריק און ביידע האָבן זיך צעלאַכט.

— „מיר וועלן זיי ווייַזן, די אַמעריקאַנער" — האָט דער ייִנגערער נאַצי געענטפֿערט אין דײַטש — „ווי נאָר זיי וועלן אַרויפֿטרעטן אויף דער בריק, וועט זײַן — בום!" — און ער האָט אָנגעבלאָזן ביידע באַקן און אַרויסגעלאָזט אַ פֿײַף.

האָט שוין „לעפּטי" געוואוסט וואָס זיי גרייטן זיך צו טאָן. פֿון דער אַנדערער זײַט דאַרפֿן אָנקומען די פּאַראַשוטיסטן, זײַנע חבֿרים. זיי וועלן נעמען אַריבערגיין די בריק . . . וועלן די צוויי נאַציס אַ שטופּ טאָן דאָס הענטל און אויפֿרײַסן אַלץ מיט אַנאַנדער. ער וועט אַזאַ זאַך ניט דערלאָזן.

אַ ביקס האָט „לעפּטי" געהאַט. שיסן אויף זיי? דאָס טויג ניט. די אַנדערע נאַציס וועלן דערהערן דעם שאָס און קומען צולויפֿן צו דער בריק. וואָרפֿן אַ האַנטגראַנאַט? וועט דאָס אויפֿרײַסן אַלצדינג. טויג אויך ניט. טאָן עפּעס האָט ער געמוזט אויף גיך, ווײַל עס האָבן דערווײַל געקענט אָנקומען די פּאַראַשוטיסטן.

ד.

איז ער ליגנדיק אַזוי אויפֿן בויך, געפֿאַלן אויף אַ פּלאַן. ער איז צוגעקראָכן צו איין בוים, אַרומגעבונדן אַרום אים די שטריק וואָס ער האָט, ווי אַלע פּאַראַשוטיסטן, שטענדיק געהאַט מיט זיך; צוגעפּויזעט צום צווייטן בוים און געטאָן דאָס זעלבע. דאַן איז ער געקראָכן אויף צוריק אַ הונדערט פֿוס און איבערגעדרייט זײַן שטאָלענעם העלעם.

„לעפּטי" האָט צו זיך געשמייכלט. די אַמעריקאַנער העלעמס, אַז מען דרייט זיי איבער, זעען זיי אויס פּונקט ווי די דײַטשישע. ווען חבֿרה האָט זיך געוואָלט אַמוזירן, פֿלעגן זיי איבערדרייען די העלעמס, אויסשטרעקן די רעכטע האַנט אין דער הייך, אַ קלאַפּ טאָן מיט די פֿיס און אויסשרײַען: „הײַל שיקלגרובער!"

אין דער פֿינצטער, האָט „לעפּטי" געהאַפּט, וועלן זיי ניט דער־קענען, אַז דער העלעם איז אַן אַמעריקאַנער. איצט איז ער געווען גרייט. ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן און אויסגעשריִען אין דײַטש:

— „האַלטען!"

די צוויי נאַציס האָבן געקוקט אין זײַן זײַט.

— „וואַס?" — האָט געפֿרעגט דער ייִנגערער נאַצי.

— „האַלטען!" — האָט „לעפּטי" איבערגעחזרט — „קאָמען זי היר! שנעל!"

די נאַציס האָבן אַפּגעלאָזט דעם אויפֿרײַס־אינסטרומענט, אַ כאַפּ געטאָן זייערע ביקסן און זיך געלאָזט גיין צו „לעפּטין".

— „שנעל!" — האָט „לעפּטי" געשריִען — „דער האופּטמאַן באַפֿעלט!"

דערהערט אַז דאָס איז אַ באַפֿעל פֿון „האופּטמאַן", האָבן זיי זיך געלאָזט לויפֿן צו „לעפּטין". אין דער פֿינצטער האָבן זיי זיך פֿאַר־טשעפּעט אַן שטריק, איבערגעקוליעט זיך און געבליבן ליגן בײַ „לעפּ־טיס" פֿיס. די ביקסן זייערע זײַנען פֿאַרפֿלויגן ערגעץ אַן אַ זײַט.

„לעפּטי" איז געווען גרייט. מיט זײַן ביקס איז ער געשטאַנען איבער זיי, איין פֿינגער האָט ער געהאַלטן אויף דעם צינגל פֿון ביקס און געהיט זייער יעדן ריר.

ער האָט די צוויי נאַציס געהייסן אויפֿשטעלן זיך, אויפֿהייבן די הענט אין דער הייך און צוגיין צום בוים.

— „יודע (ייִד)" — האָט „לעפּטי" אָנגעוויזן אויף זיך.

די נאַציס זײַנען געשטאַנען דערשראָקענע און אים אָנגעקוקט מיט בייז וואונדער.

— „נאַצים ניט גוט" — האָט „לעפּטי" געחוזקט — „אַמעריקאַנער גוט. היטלער קאַפּוט!"

דערווײַל האָבן זיך דערהערט טריט. פֿון דער אַנדערער זײַט בריק איז עמעצער געגאַנגען. צענדלינגער טריט האָבן זיך דערהערט. זײַנען דאָס אַמעריקאַנער אָדער נאַצים? אויב נאַצים, האָט „לעפּטי" באַ־שלאָסן, וועט ער צו ערשט דערשיסן די צוויי געפֿאַנגענע און אַליין אויפֿרײַסן די בריק.

די צוויי נאַצים האָבן זיך אויך אָנגעשטרענגט און צוגעהערט. זיי האָבן געהאַפּט, אַז דאָס גייען זייערע קאַמעראַדן אהער. אויב אָבער אַמעריקאַנער — איז אַלץ פֿאַרפֿאַלן.

די טריט האָבן זיך געהערט נענטער און נענטער. דאַן האָט „לעפּטי"

געהערט ווי עמעצער האָט אויסגעשריִען אין ענגליש: „האַלט!" מסתּמא האָט מען זיי דערזען פֿון דער אַנדערער זײַט בריק. „לעפֿטין" האָט זיך געוואָלט שפּרינגען אין דער הייך און שרײַען פֿאַר פֿרייד. ענדלעך דערוואַרט זיך אויף זײַנע חבֿרים. און ער האָט טאַקע אויסגעשריִען:

— „איט'ס אַל־ראַיט! אַי'ם ען אַמעריקען! יו קען קראָס דהי ברידזש!"

דערהערט ענגלישע רייד, האָבן די סאָלדאַטן פֿון דער אַנדערער זײַט גענומען אַריבערגיין די בריק. דאָס זײַנען געווען פּאַראַשוטיסטן פֿון „לעפֿטים" אָפּטיילונג.

זיי זײַנען צוגעלאָפֿן צו אים. אַלע האָבן באַטראַכט די צוויי נאַצים. דער אָפֿיציר האָט אויסגעפֿרעגט „לעפֿטין" און „לעפֿטי" האָט אים אַלץ איבערגעגעבן — וועגן דינאַמיט, וועגן שמועס מיט די נאַצים און ווי ער האָט זיי פֿאַרנאַרט.

— „גוט געטאָן, „לעפֿטי" — האָט אים דער אָפֿיציר געזאָגט — „דו האָסט געראַטעוועט אַ גאַנצע אָפּטיילונג פֿון אַ זיכערן טויט. גוט געטאָן!"

פֿאַר דער דאָזיקער העלדישקייט האָט „לעפֿטי" שפּעטער באַקומען אַ מעדאַל.

אַלעף בּין

יִדישע נײַעס תש״ב

די שרײַבמאַשין ברענט
און איך בין אין פֿײַער.
איך קלאַפּ מיט די הענט,
און די אותיות שרײַען:

פֿון ים — די שיף „נע־ונד" איז געזונקען.
הונדערטער טאַטעס און מאַמעס און קינדער דערטרונקען.
גרוים איז דער קבֿר וואָס האָט זיי אַ מקום־מנוחה געגעבן,
נאָך גרעסער די קללה — צום לעבן.

פֿון לאַנד — די גאַנצע קהילה פֿון קיינשטאָט איז אונטערגעגאַנגען.
פֿרויען און קינדער און זקנים דערשאָסן, געהאַנגען.

די שול איז צעבראָכן, די ספֿרים — אין שאַנד,
גאָט האָט פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד.

פֿון פֿעלד — אין אָפֿענע גריבער, אין מײַלער פֿון ערד,
וויגן זיך גופֿים מיט האַלב טויטע בערד.
וואו פֿעלד איז געוועזן און געוואַקסן איז ברויט,
לעבט איצט דער טויט.

דער ים און דאָס לאַנד, דאָס פֿעלד און דער וואַלד
שרײַבן אַ כּתבֿ אין אַ שפּיגל.
אותיות שרײַען געוואַלד
און פֿליִען מיט ברענענדע פֿליגל.

און דאָס פּאַפּיר איז אַ שטורמישער ים,
דאָס פּאַפּיר איז אַ שלאַכטפֿעלד;
אַ פּאַרמעט פֿון געטאָ אין פֿלאַם
און איר וויינענדער נאַכטוועלט.

די שרײַבמאַשין ברענט
און איך בין אין פֿײַער;
עס קלאַפּן די הענט,
און די אותיות שרײַען:

פֿון מדבר — אויף עלנטן וועג אין דעם גרויסן אַליין
וואַנדערן ייִדן און זוכן אַ היים.
דער האַלדז האָט פֿאַרגעסן אין הונגער, אין דאָרשט,
דאָס אויג שטעכט די ווײַטן און נישטערט און פֿאָרשט.
אויף שטרעקעס פֿון הפֿקר אין גליִענדן זאַמד
וואַנדערן ייִדן און זוכן אַ לאַנד.

יוסף אָפּאַטאָשו

אין די אָרעצאָ־בערג

א.

דאָס ווײַטע האַרמאַטן־שיסערײַ, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנצע נאַכט, איז מיטן שפּרייץ אויף טאָג שטאַרקער געוואָרן. דאָס שיסערײַ האָט זיך געקײַקלט צווישן די אָרעצאָ־בערג, וואו דער וואַלד איז געווען אַזוי געדיכט, אַז ס'האָט זעלטן אַהער פֿאַרבלאָנדזשעט אַ מענטש.

אהער, אין אזא העק, איז פֿארקראכן די משפחה שוואלבע — א טאטע, א מאמע און צוויי יינגלעך. דער עלטערער, משה, דרײַצן יאָר אַלט, דער יינגערער, פֿײַוול, עלף יאָר.

שוין איבער פֿיר יאָר ווי די משפחה שוואלבע איז נע־ונד. מען איז געלאָפֿן פֿון קראָקע קיין פּאַריז, פֿון פּאַריז צו דער איטאַליעניִשער גרענעץ, וואו שוואלבע מיט די צוויי יינגלעך האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ מאַנאַכן־קלויסטער, און זײַן ווײַב — אין אַ קלויסטער צווישן נאָנעס. און, אַז מען האָט זיך מערניט געקאָנט אויסבאַהאַלטן אין די קלויסטערס — די דײַטשן האָבן דערשאָסן יעדן ייִד וואָס זיי האָבן געכאַפּט, דערשאָסן מאַנאַכן און נאָנעס, וואָס האָבן אויסבאַהאַלטן ייִדן — האָט די משפחה שוואלבע געשווארצט די איטאַליעניִשע גרענעץ. פּונקט דעמאָלט האָבן די אַמעריקאַנער און ענגלענדער פֿאַרנומען נעאַפּאָל.

בײַ טאָג האָט די שוואלבע־משפחה זיך אויסבאַהאַלטן. מען איז געלעגן אין היילן, אין וועלדער. בײַ נאַכט האָט מען זיך געשלעפּט איבער פֿעלדער און דערפֿער.

דאָס לאַנגע אומשלעפּן זיך איבער דער וועלט, די שטענדיקע שרעק אומצוקומען, דאָס נישט דערעסן, דאָס נישט דערשלאָפֿן, און דאָס שטענדיקע אַרויסדרייען זיך פֿון יעדער געפֿאַר האָט אַזוי איבערגעאַנדערשט די שוואלבע־משפחה, אַז דער פֿאָטער מיט די צוויי יינגלעך האָבן מערנישט געוואוסט וואָס הייסט מורא.

ב.

די יינגלעך האָבן גענומען די צוויי בלעכענע קעסעלעך און זיך געלאָזט באַרג־אַראָפּ, זיך געלאָזט מיטן וואַלד, וואָס איז געווען אַזוי פֿאַרצווײַגט, אַז מען האָט געמוזט קריכן אויף אַלע פֿיר.

דאָס האַרמאַטן־שיסערײַ, וואָס האָט זיך געהויבן פֿון טאָל, האָט כּמעט ווי אויפֿגעהערט. בלויז פֿון מאָל צו מאָל האָט זיך דערטראָגן אַ שאָס, ווי אַ ווײַטער דונער.

די ברידער זײַנען געבליבן שטיין. ס'האָט זיך דערהערט אַ רויש, ווי שנירלעך וואַסער וואָלטן ערגעץ געפֿאַלן פֿון אַ באַרג, וואָלטן געראונען צווישן פֿלאַנצן.

— „הערסט, משה?" — האָט דער עלפֿיאָריקער פֿײַוול אָנגעשטעלט אָן אויער און זיך אַ בייג געטאָן צום ברודער. — „וואַסער!"

— „יאָ, וואַסער", — האָט דער עלטערער זיך פֿאַרנומען רעכטס — „מען דאַרף זיך לאָזן מיטן גערויש."

דאָס וואַסער־גערויש האָט געפֿירט אין טאָל אַרײַן. די ברידער זײַנען געגאַנגען באַרג־אַראָפּ און געשוויגן. זיי האָבן געמאַכט סימנים, מען זאָל צוריק וועגס נישט בלאָנדזשען, און אַז זיי זײַנען אָפּגעגאַנגען אַ מײַל, האָט דער ייִנגערער אַ זאָג געטאָן:

— „משה, דיך הונגערט?"

משה האָט נישט געענטפֿערט.

— „ס'הערץ נאָגט מיר נאָך פֿון נעכטן אָן. אוי, וואָלט איך געגעסן אַ שטיקל ברויט!... ברויט און וואַסער..."

— „איך אויך."

די ברידער האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

פֿון צווישן די צווײַגן האָבן זיך געהערט פֿאַרשטיקטע קולות. די ייִנגלעך האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד:

— „זאָל עס זײַן דײַטשן?"

— „ווער ווייס?"

אַ צווײַג האָט זיך אַ בייג געטאָן, דורכגעלאָזט אַ שטיק ליכט. אָפּגעדעקט איין לאַסט־אויטאָמאָביל, אַ צווייטן, אַ דריטן. די לאַסט־אויטאָמאָבילן — מיליטערישע.

פֿײַוול האָט אײַנגערוימט משהן:

— „ס'איז דײַטשן! לאָמיר אַנטלויפֿן."

— „ס'איז ניט קיין דײַטשן", — האָט משה אָפּגעבויגן די צווײַג און געקוקט אויף די לאַסט־אויטאָמאָבילן. — „כ'זע נישט קיין סוואַסטיקעס."

— „ווער דען איז עס?"

— „כ'ווייס נישט."

ג.

די לאַסט־אויטאָמאָבילן זײַנען געווען צעשטעלט איבערן טאָל. דאָ — אַ זעלנער, דאָרט — אַ זעלנער.

— „אויף די אויטאָמאָבילן זע איך גאַר מגן־דודס!" — האָט פֿײַוול אַ פֿאַרוואונדערטער אַ זאָג געטאָן. — „אָט קוק!"

— „מגן־דודס?" — האָט דער עלטערער זיך אַ צי געטאָן אויף אַלע פֿיר און זיך אײַנגעקוקט אין דער בלויקייט. — „יאָ, טאַקע מגן־דודס. זאָל עס זײַן ייִדן?" — און ער האָט זיך אַליין צעלאַכט. — „אפֿשר ארץ־ישׂראל ייִדן?"

— „אפֿשר?..."

משה און פֿײַוול האָבן גענומען בייגן צווײַגן, זיך געטראָגן אין

טאָל אַרײַן. בײדע האָבן פֿאַרגעסן, אַז זײ זײַנען הונגעריק, אַז זײ קענען אַרײַנפֿאַלן אין דײַטשישע הענט.

די בײמער זײַנען געװאָרן שיטערער. פֿון אַ לאַסט-אױטאָמאָביל איז אַרױסגעשפּרונגען אַ זעלנער. ער האָט געזען װי די אָפּגעריסענע ייִנגלעך זײַנען פֿון שרעק געבליבן שטײן, האָבן זיך גענומען רוקן אױף צוריק, האָט ער אַ זאָג געטאָן אין איטאַליעניש:

— „האָט נישט מורא, ייִנגלעך. קומט אַהער, װעט איר קריגן שאָקאָלאַד!"

די ייִנגלעך האָבן נישט גענוי געכאַפּט, װאָס דער זעלנער זאָגט. זײ האָבן זיך אָבער אָנגעשטױסן, אַז ער מײנט ניט קײן שלעכטס. און אַז זײ זײַנען צוגעגאַנגען און גענומען די שטיקלעך שאָקאָלאַד, האָט דער עלפֿיאָריקער פֿײַװל געװיזן אױפֿן מגן-דוד און אַ ניט דרײסטער זיך געפֿרעגט:

— „יהודי?"

— „יהודי, יהודי", — האָט דער זעלנער אַרומגעכאַפּט ס'ייִנגל און געפֿרעגט אױף העברעיִש: „און װער זײַט איר? ייִדן? איטאַ-ליענישע ייִדן?"

— „ייִדן", — האָט משה געענטפֿערט אין ייִדיש, — „פּױלישע ייִדן."

— „פּױלישע?" — איז דער זעלנער איבערגעגאַנגען אין ייִדיש. — כ'בין אױך אַ פּױלישער ייִד! און װיפֿל פּױלישע ייִדן זײַט איר דאָ, אין די אָרעצאָ-בערג?"

— „בלױז איין משפּחה", — האָט משה געװיזן אױפֿן ברודער, — „אַ טאַטע, אַ מאַמע און מיר בײדע... מיר זײַנען קראָקער... מיר זײַנען שױן אַזױ נע-ונד איבער פֿיר יאָר... און דאָ, אין די אָרעצאָ-בערג, לעבן מיר װי געיאָגטע חיות, באַהאַלטן זיך אױם אי פֿון די נאַצים, אי פֿון די פֿאַשיסטן."

— „מיר האָבן צעשלאָגן די נאַצים, צעשלאָגן די פֿאַשיסטן", — האָט דער זעלנער געטרײסט די ייִנגלעך און גענומען רופֿן: „דוד! בערל! שמחה! מיר האָבן דאָ פּױלישע ייִדן!"

פֿון אַלע זײַטן זײַנען אָנגעלאָפֿן זעלנער. דאָס זײַנען געװען ארץ-ישראל ייִדן, װאָס האָבן געדינט אין אַ ייִדישן טראַנספּאָרט-באַטאַליאָן. מען האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט די אױסגעהונגערטע, האַלב נאַקעטע ייִנגלעך, װי מיט אײגענע. אַנדערע האָבן זיך געקושט מיט די ייִנגלעך. און אײדער װאָס-װען, זײַנען די ייִנגלעך געזעסן אין אַן אױטאָמאָביל,

אַרום זיי זעלנער. אַרום די זעלנער — טאָרבעס מיט עסנוואַרג: פּרע־זערוון, ברויט, שאָקאָלאַד, סיגאַרעטן, איטאַליענישע ווײַנען.

און אַז דער מיליטערישער אויטאָמאָביל האָט זיך גענומען הייבן באַרג־אַרויף, אַ באַרג איבער אַ באַרג, האָבן די אָרעצאָ־בערג ס׳ערשטע מאָל דערהערט העברעיִשע און ייִדישע לידער.

דער דרײַצניאָריקער משה האָט געשוויגן. די אויגן אָבער האָבן בײַ אים געלויכטן, דערציילט אַז אין אים זינגט אַלץ. דערפֿאַר האָט דער עלפֿיאָריקער פֿײַוול נישט בלויז מיטגעזונגען, נאָר אויך געהערט דעם ווידערהילך פֿון יעדן בוים, פֿון יעדן צווײַג, וואָס זאָגט אָן טאַטע־מאַמע, אַז דער שונא איז צעשלאָגן, אַז לײַבלעכע ברידער קומען אָן מיט ברויט, מיט ווײַן, מיט ליבע.

א. ליעסין

אַבֿרהם ליעסין

דער אייביקער ייִד

עס ציט זיך דורך ענדלאָזע דורות און ציט
דער גוואַלדיקער פֿעלקער־געשלעג;
עס ציטערט דאָס שלאַכטפֿעלד מיר אונטער די טריט —
איך גיי מיר אַלץ ווײַטער מײַן וועג!

דורך זאַמד און דורך דערנער, דורך שטיין און דורך ביין,
איך גיי און איך גיי און וועל נאָך אַלץ גיין,
איך האָב מיטן שטן המשחית אַליין
געשלאָסן אַן אייביקן בונד:

דאָס פֿײַער עס זאָל מיך ניט ברענען,
דאָס וואַסער, עס זאָל מיך ניט שלינגען,
דער שפּיז זאָל מיך שטעכן ניט קענען,
די קויל זאָל צוריק פֿון מיר שפּרינגען.

איך פֿיל, איך בין שטאַרקער פֿון אַלע יסורים,
פֿון מענטשלעכער בייזקייט און שטרײַט,
און שטאַרקער פֿון וואַסער, פֿון פֿײַער, פֿון שטורעם,
און שטאַרקער אַפֿילו פֿון צײַט.

עס זײַנען פֿאַר מיר, דורך די טויזנטער יאָרן,
די מלוכות די גרעסטע געגאַנגען פֿאַרלאָרן,
די פעלקער די שטאַרקסטע פֿאַרטיליקט געוואָרן,
און וועלטשטעט צעאַקערט אין זאַלץ;
און ריזיקע בערג זײַנען לאַנג שוין צעשאָטן,
און אייביקע וועלדער — צעפֿוילט און צעטראָטן,
און מעכטיקע פֿעלדזן — צעווייכט און צעקנאָטן —
איך לעב און געדײַ נאָך אַלץ!

איך לעב און איך לעב און איך וועל נאָך אַלץ לעבן
דורך טויזנטער יאָרן פֿון שטרײַט;
איך וועל נאָך אַלץ לעבן און קעמפֿן און שטרעבן, —
און טעמפּ איז דער צאָן פֿון דער צײַט!

דאַנקוואָרט

די צונויפשטעלערס פון „דאָס יידישע וואָרט" דריקן אויס זייער האַרציקן דאַנק דעם בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג און דעם בילדונגס־דירעקטאָר נ. כאַנין פאַרן אַרויסגעבן דאָס איצטיקע לייענבוך.

דעם חבר יודל מאַרק — אַ באַזונדער דאַנק פאַרן באַקענען זיך מיטן מאַטעריאַל און פאַר זיינע ביז גאָר וויכטיקע אָנווייזונגען און עצות. אויך פאַר דעם וואָס ער האָט פאַר דעם איצטיקן לייענבוך אָנגעשריבן די ביאָגראַפיע פון יהודה הלוי. אַ דאַנק אויך די חברים ת. בערנשטיין, מ. וולאַדקאָווסקי און ר. לאַזאַרסאָן פאַר באַקענען זיך מיטן מאַטעריאַל און פאַר זייערע ניצלעכע באַמערקונגען. מיר דריקן אויך אויס אונדזער דאַנק דעם חבר ה. מייטין, וועלכער האָט אונדז געהאָלפן מיט דער קאָרעקטור און אונדז געמאַכט וויכטיקע באַמערקונגען. אויך דעם חבר י. זילבערבערג פאַר זיינע אָנווייזונגען.

מיר ווילן דאָ אויך באַדאַנקען די קינסטלער מאַקס באַנד, שאול ראַסקין, מאַרק שאַגאַל, גלעדיס ראַקמאַר און טהאָמאַס ה. בענטאָן, וואָס זיי האָבן אונדז דערלויבט צו רעפּראָדוצירן זייערע בילדער; דעם פאַרלעגער ל. מ. שטיין פון שיקאַגאָ פאַר דערלויבן איבערצודרוקן ע. אַרמינס בילדער; דעם ייוואָ און ספּעציעל זיין ביבליאָטעקאַר, מענדל עלקין, פאַרן באַזאָרגן אונדז מיט די יידישע אָרנאַמענטן וואָס זיינען אַריין אין דעם בוך און פאַר די בילדער פון נ. מינקאָווסקי, לערנער און ש. פייגענסאָן; דעם *Whitney Museum of American Art* אין ניו־יאָרק פאַר דערלויבן רעפּראָדוצירן דאָס בילד פון רפאל סאָיער: „אָפּיס מיידלעך"; דעם *Museum of Fine Arts* אין באָסטאָן, מאַסס. פאַר דערלויבן איבערצודרוקן דאָס בילד פון דזשאָן סלאָון: „טויבן"; די *Associated American Artists* אין ניו־יאָרק פאַר דערלויבן איבערדרוקן דאָס בילד פון ערנעסט פּיען: „הימל־קראַצערס אונטער דער ברוקלין בריק"; דעם פאַרלעגער מלך גראַפשטיין פון לאָנדאָן, קאַנאַדאַ, וואָס האָט אונדז צוגעשיקט דאָס בילד פון י. אונגאַר: „שלום־עליכם אַלס ייִנגל"; י. קאַמינסקי, וואָס האָט אונדז דערלויבט זיך צו באַנוצן מיט צוויי בילדער פון זיין זאַמלונג.

אַ דאַנק יעקב פּאַט, וואָס האָט פאַר דעם בוך אָנגעשריבן: „די גיבורים אין געטאָ".

נאַטירלעך קומט אַ האַרציקער דאַנק די יידישע דיכטערס און דערציילערס, וואָס זייערע שאַפונגען זיינען געדרוקט אין איצטיקן לייענבוך. די פרייד וואָס זייערע ווערק וועלן פאַרשאַפן יידישע קינדער, וועט זיין זייער שכר. מיר ווילן דאָ אויך פאַרצייכענען אַז אַ סך ווערטפולער מאַטעריאַל, ווי ביאָגראַפיעס און אַגדות, וואָס גייט אַריין אין „דאָס יידישע וואָרט" איז גענומען פון דער „קינדער־צייטונג", אַרויסגעגעבן פון אַרבעטער־רינג.

ז. יעפרויקין

ח. בעז

אינהאַלט

זייט

1. אונדזער שיף — מאָרים ראָזענפעלד 3
2. דער פרעמדער — מאַני לייב .. 4

קינדער

1. אין ערגעץ-לאַנד — י. ל. פּרץ . 8
2. פרילינג-טרוים — יהואָש ... 14
3. דעם זיידנס זייגער — א. רייזען 15
4. ראַבּי איז געפלויגן — אפרים אויערבאַך 20
5. דער צוויבּערמאַן — יהואָש ... 24

פון אַלטן קוואַל

1. חומש — נחום יוד 26
2. דער אָרעמער ברודער און שלמה המלכּס קלוגע רייד — נפתּלי גראָס 27
3. אויף יענער זייט סמבּטיון (לויט דער אַגדה) — בּ. סיגאַל 33
4. די שריפט אויף דער וואַנט (לויט דער אַגדה) — בּ. סיגאַל .. 36
5. צוויי געפאַנגענע (לויט דער אַגדה) 39
6. איך גלייבּ — שאול טשערניכאָווסקי — — — — — — — — 41

יום־טובים

1. אויבּ ניט נאָך העכער — י. ל. פּרץ 43
2. רבּ אַמנון (אַ מעשה פון מיטל-עלטער) 47
3. אַ יום-כּיפּור-מעשהלע — יהואָש 49
4. די סוכּה, די סוכּה — זינאַ ראַבּינאָוויטש 51
5. די פאָן — שלום-עליכם 54

אין דער גרויסער שטאָט

1. די נויט — מאַני לייבּ 58
2. דזשין גייט אַרבּעטן — נפתּלי גראָס 61
3. ניו-יאָרק אין דער פרי — אַבֿרהם רייזען 64

גאולה און משיח

1. אונדזער חלום — ה. לייוויק .. 66
2. אַ לויבּ צו גאָט — י. קרעפּליאַק 68
3. טרייסט (אַגדה) 71
4. „מנחם” (אַגדה) 72
5. משיח — דוד איינהאָרן 74

פון אַלטן קוואַל

1. דער קיניג און זיין זון (פאָלקס-מעשה) — ש. באַסטאָמסקי 75
2. דער כּוח פון אמת (לויט דער אַגדה) — בּ. סיגאַל 77
3. דער טייערסטער אוצר (פריי לויט דער אַגדה) 80

זייט

שלום־עליכם

1. וועגן זיך אַליין — שלום-עליכם 84
2. מאָטל פּייסי דעם חזנס — שלום-עליכם 87
   - א) איך און דאָס קעלבּל 87
   - בּ) וואָס וועט זיין פון מיר 91
   - ג) קוואָס 96
   - ד) מיר פאַרפלייצן די וועלט מיט טינט 102
   - ה) נאָכווייעניש פון דער טינט-פאַרפלייצונג 107
3. דער אוצר — שלום-עליכם 110

ר ש י

דער גרויסער לערער — יודל מאַרק 111

אַברהם רייזען

1. ווער העלפט — אַברהם רייזען .. 118
2. מיינע ערשטע לידער — אַבֿרהם רייזען 119
3. אַלץ וואָס לעבּט — אַבֿרהם רייזען 122
4. דאָס נייע ליד — אַבֿרהם רייזען . 123
5. פּאַרשפּעקטיקט — אַברהם רייזען .. 124
6. אין די ווייטסטע לענדער — אַבֿרהם רייזען 128
7. די יידישע שול — אַברהם רייזען 129
8. אָ, גיכער, משיח — אַבֿרהם רייזען 130

אַמעריקע

1. די נייע היים — י. י. שוואַרץ .. 131
2. מאיר פּאָרט קיין אַמעריקע — שלום אַש 132
3. אַליין אין דער פרעמד — שלום אַש 137
4. זיבּן מיליאָן מענטשן — אַברהם רייזען 142
5. אין שאַפּ — שלום-עליכם 143
6. מיר סטרייקן — שלום-עליכם . 144
7. מיין ייִנגעלע — מ. ראָזענפעלד 148
8. אַמעריקע — י. י. שוואַרץ 150
9. דער יידישער פאַרמער — אָ. ראַבּאָי 151
10. עמאַ לאַזאַרוס — יודל מאַרק . 155
11. דער ערשטער פּסח אין ניו-יאָרק — ל. סילוער 161
12. דזשאָרדזש וואַשינגטאָן און די יידן פון ניו-יאָרק — ל. סילוער 164
13. יידן אין וואַשינגטאָנס און לינקאָלנס ציטן — ל. סילווער . 167
14. רשעות — י. אָפּאַטאָשו 170
15. די פרילינגזון — אַברהם רייזען 174
16. דער יונגל פון קאַבּריני-בּול-וואַר — א. גאָלדבּערג 175

זייט

חנוכה

1. חנוכה — שמעון פרוג 181
2. חנוכה-געלט — שלום-עליכם .. 182
3. חנוכה אויף אַ שיף קיין אַמע-ריקע — שלום אַש 187

יהודה הלוי

דאָס גרויסע יידישע האַרץ — יודל מאַרק 190

פון אַלטן קוואַל

1. דער ערלעכער שמש און דער פרומער נגיד (פאָלקס-מעשה) — יעקב פאַט 199
2. דער מלך און דער בעטלער — פאַלק היילפּערין 204
3. זאַמד און שטערן — ש. פרוג .. 212

רבי יהודה חסיד

דער קוואַל פון טרייסט — יודל מאַרק 213

פורים

1. דער שלח-מנות-טרעגער — שמעון פרוג 218
2. פורים-שפּילערס — שלום-עליכם 219
3. אַ פורים-ליד — נחום יוד 222

פסח

1. דער אורח ביים סדר — אַבֿרהם רייזען 223
2. דער קונצן-מאַכער — י. ל. פרץ 224
3. אליהו הנביא — שלום-עליכם . 230
4. אַ יתומס סדר — מ. ספּעקטאָר . 233
5. ליל שמורים — יהואָש 235

יצחק-לייבוש פרץ

1. יצחק-לייבוש פרץ — יודל מאַרק 236
2. צוויי ברידער — י. ל. פרץ 242
3. זיבן גוטע יאָר — י. ל. פרץ .. 246
4. ביים גוסס צוקאָפּנס — י. ל. פרץ 249
5. אין פּרעמדן וואַלד — י. ל. פרץ 252

זייט

צו אַ בעסער לעבן

1. דאָס ליד פון דער אַרבעט — שמעון פרוג 253
2. די מאַמע טאָר ניט וויסן — נ. כאַנין 254
3. דער קליינער מענטש מיטן גרויסן קאָפּ — אַבֿרהם רייזען . 258
4. די וואַנט — אַברהם רייזען .. 261

שבועות

1. נאָך גרינס — אַבֿרהם רייזען .. 262
2. דריי קעפּלעך — שלום-עליכם .. 263

רב מאיר פון ראָטנבורג

דער געפאַנגענער אין טורעם — יודל מאַרק 265

צער און קאַמף

1. אַ וויגליד — ה. לייוויק 273
2. חנה — די ליכטיקע — יעקבֿ פאַט 275
3. בילדער פון דער ווילנער געטאָ — א. סוצקעווער 280
4. יידישע שולן אין דער געטאָ — א. סוצקעווער 287
5. די לערערין מירע — א. סוצ-קעווער 288
6. דער נייניעריקער קינסטלער — א. סוצקעווער 290
7. די גיבורים אין געטאָ — יעקבֿ פאַט 295
8. כבוד, געלע לאַטע — ה. לייוויק . 301
9. די יידישע קאָמאַנדאָ — שלום העקטין 302
10. „לעפטי" דער פּאַראַשוטיסט — מאיר הורוויץ 307
11. יידישע נײַס תש"ב — אַלעף בּץ 311
12. אין די אָרעצא-בערג — יוסף אָפּאַטאָשו 312
13. דער אייביקער ייד — אַברהם ליעסין 316

*

דאַנקוואָרט 318